STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07763

DOS VORT

Shloime Wiseman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ווייסמאַן

דאָס וואָרט

ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע

אין דריי טיילן

ערשטער טייל

צווייטע פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויפלאַגע

ארויסגעגעבן פון

צענטראַל קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק שולן
פון א. נ. אַ. פּ. און פּועלי-ציון.

ניו-יאָרק, 1938

Copyright by the

JEWISH FOLK SCHOOLS OF AMERICA

1938

Printed in U. S. A.

450

אינהאַלט

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע		VI
צו די לערער		X

העלער מאָרגן

שמואליק דער יתום	שלום עליכם	3
זכרונות (ליד)	מ. ראָזנפעלד	10
* ביאַליקס קינדער יאָרן	ש. סיימאָן	12
ענדע זומער	ממו"ס	23
אַ שטילע פרייד ליגט (ליד)	י. י. שוואַרץ	24
די צוויי ברידערלעך	א. רייזען	25
אין וואַלד	ממו"ס	32
* די ערב-פסחדיקע עמיגראַציע	שלום עליכם	36
פרילינג טרוים (ליד)	יהואש	46
אין גאַס (ליד)	ד. האָפשטיין	47
אַנהויב פרילינג	ממו"ס	48
נאָך גרינס (ליד)	א. רייזען	50
די פאַבריק	א. רייזען	51
* די סאַזשלקע (פּאָעמע)	ח. נ. ביאַליק (פון העב.: י. י. שוואַרץ)	57
* די קליינע העלדן פון כפר תבור	י. יערי (פון העב.: ש. וו.)	64
* פון מיינע קינדער יאָרן	פּ. הירשביין	67
ווינטער לידער	ח. נ. ביאַליק (פון העב.: י. י. שוואַרץ)	72
צו דער סעודה	שלום עליכם	75
* ווינטער מעשהלע (פּאָעמע)	מאַני לייב	83
* ברכי נפשי (פּאָעמע)	פון תהלים. (אידיש: יהואש)	86

אַמאָל איז געווען

קידוש השם	ש. אַש	91
דער צענטער צום מנין (ליד)	יהואש	97
זיבן גוטע יאָר	י. ל. פּרץ	99
ר' אליעזר בן הורקנוס	אגדה (ביאַליק און ראַווניצקי)	104
דעם שמשס טאָכטער (באַלאַדע)	ש. ש. פרוג	108
אליהו און אחאב	תנ"ך (אידיש: יהואש)	118

* אַ שטערנדל באַצייכנט אַ נייע זאַך, וואָס איז ניט פאַראַן אין דער אַלטער אויפלאַגע

אליהו אויפן בארג	תנ"ך (אידיש: יהואש)	121
* פארלוירן אַ פאה	ש. אַש	123
* מיין מאַמע ז"ל (ליד)	ח. נ. ביאַליק (פון העב.: י. י. שווארץ)	133
שבת אין וועג	ש. אַש	135
גאָט פון אברהם (ליד)	ה. רויזנבלאַט	141
מתן תורה	אגדה (ביאַליק און ראווניצקי)	142
די שליסלען (פּאָעמע)	ד. פרישמאַן	145
חורבן ירושלים	ש. אַש	147
טרייסט	אגדה (ביאַליק און ראווניצקי)	156
מנחם	אגדה (ביאַליק און ראווניצקי)	158
* דער דין תורה מיטן ווינט	י. ל. פּרץ	160
אליהו הנביא (פּאָעמע)	מאַני לייב	167
אויב ניט נאָך העכער	י. ל. פּרץ	169
* דער געפאַנגענער רב פון ראָטנבורג	ש. אַש	174
משיח דער דערלייזער	י. הײלפּערין	178

לעבן און קאַמף

דער קראַנקער פינגער	א. רייזען	187
דער שניידער (ליד)	ש. אַנסקי	194
צום מלוה (ליד)	א. רייזען	196
צום ברודער (ליד)	ש. פרוג	197
* דער גנב	י. ראָזנפעלד	198
די ווינטער בויט (ליד)	מאַני לייב	205
די וויכטיקייט פון ליטע-ראַטור (עסיי)	בעל מחשבות	206
דער פּאָעט (ליד)	מאַני לייב	208
מיר וועלן קיין קאָרן (ליד)	י. אַדלער	209
מלחמה	ש. אַש	210
ליד פון אַרבעט	ש. פרוג	216
אין מינוטן וויסטע (ליד)	א. רייזען	218
אַ, גיכער, משיח (ליד)	א. רייזען	219
דער אָדלער	פ. דאָסטאָיעווסקי	220
* דער חלף און די זעג (משל)	א. שטיינבאַרג	223
* דער סוועט שאָפּ (פּאָעמע)	מ. ראָזנפעלד	225
* אויף באַריקאַדן	י. י. זינגער	228
* הירשט לעקערט (פּאָעמע)	א. ליעסין	237

ביים נייעם ברעג

קיין אַמעריקע — מ. סטאַווסקי — 242
צום אַמעריקאַנער ברעג — ש. אַש — 247
דער סוף פון פּאַק (פּאָעמע) — י. י. שוואַרץ — 249
ווייסע הענט — א. ראַבאַי — 255
דער גרוס — ש. אַש — 260
אויף ערד — א. ראַבאַי — 265
מיר סטרייקן — שלום עליכם — 269
דער אַמעריקאַנער — ש. אַש — 275
דעם פּיאָנערס טויט — י. באַיער (אידיש: ש. וו.) — 280

ארץ ישראל

* דער טאָל פון ביינער — יחזקאל (אידיש: יהואָש) — 291
* נחמיה — נחמיה (אידיש: יהואָש) — 293
דער ברונעם אין ראשון לציון — ה. כיסין (פון העב.: ש. וו.) — 296
דאָס ערשטע אַקערן — מ. כאַריזמאַן (פון העב.: ש. וו.) — 299
אין אַ באַיאַרע (ליד) — יהואָש — 303
די כנרת — מ. סמילאַנסקי (פון העב.: ש. וו.) — 304
* יעקב פּלאָטקין — י. בן צבי — 311
* י"א אדר תר"פ — י. דראַזשנער (פון העב.: ש. וו.) — 316
* דער יו"ט פון די בוימער
אין דגניה — י. מנוח (פון העב.: ש. וו.) — 318
משיח (ליד) — יהואָש — 320
* אַ רייזע קיין תימן — א. יבנאַלי (פון העב.: ש. וו.) — 321
* אברהמס בריגימער (ליד) — מ. ז. וואָלפאָווסקי (פון העב.: י. י. שוואַרץ) — 323
* אל יבנה הגליל — ד. כנעני (פון העב.: ש. וו.) — 324
* אומגעזעצלעך אַריינגעקומען — א. שמאלי (פון העב.: ש. וו.) — 326
* דער ערשטער וואָגן היי — ש. אַש — 335

פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע

דאָס איז די צווייטע אויפלאַגע פון ערשטן באַנד פון דער דריי־בענדיקער כרעסטאָמאַטיע „דאָס וואָרט", וואָס חבר שלמה ווייסמאַן האָט צוזאַמענגעשטעלט, אונטער דער רעדאַקציע פון צענטראַלן שולן קאָמיטעט פון איד. נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד און דער פאַרטיי פועלי ציון־צעירי ציון. די ערשטע אויפלאַגע, וואָס איז געדרוקט געווען אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן, איז אויסגעגאַנגען נאָך פאַר־אַ־יאָרן. זעקס יאָר זיינען אַוועק פון יענער אויסגאַבע ביז דער איצטיקער. באַנוצן מיר זיך מיט אָט דער געלעגנהייט און מאַכן אין בוך אַ צאָל ענדערונגען.

וועגן „דאָס וואָרט" בכלל און זיין ערשטן באַנד בפרט איז דאָ ניט נויטיק פיל צו רייד̇ן. גענוג וועט זיין איבערצוגעבן דעם תמצית דערפון וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע.

די אידישע פאָלקשול, פון איד. נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד און דער פאַרטיי פועלי ציון־צעירי ציון, לערנט און דערציט. איר צוועק איז ניט נאָר איבערצוגעבן ידיעות, נאָר אויך אַוועקצולייגן אַ פונדאַמענט פאַר כאַראַקטער און אָנציען די גרונט־פעדים פון אַ וועלט־באַנעם.

דער ערשטער צוועק פון אַ כרעסטאָמאַטיע איז איבערצוגעבן די שפּראַך, דער צווייטער — אויפצואוועקן אַן אינטערעס אין סטיל, דער דריטער — אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור. אָננעמענדיק די פאָרמולע דרינגען מיר אָבער אריין אין „עומקא דדינא" פון אירע איינצלנע ווערטער. עס זאָל אין שענסטן, פולסטן זין אידישע שפּראַך זיין, אידישער סטיל און אידישע ליטעראַטור. דערפאַר — אַ פרישער, אַן אָריגינעלער (ניט קיין איבערגעזעצטער) אידיש, דערפאַר דער פרישסטער, לויטערסטער אידישער סטיל, דערפאַר אויך קוועליקסטע, אוממיטלבאַרסטע אידישע ליטעראַטור.

פאָרם און אינהאַלט זיינען ענג צוזאַמענגעוואַקסן. סטיל און מענטש זיינען אומצעשיידבאַר.

איז, נאָכן אויבנגעזאָגטן, פאַרשפּאָרט אויסצוטייטשן, אַז אונזער כרעסטאָמאַטיע איז דורכאויס אידיש, איז דורכגעדרונגען אידיש אויך אין איר אינהאַלט. איצט ווי פריער זאָגן מיר: אונזער כרעסטאָמאַטיע איז גלייכצייטיק אַ טעקסט־בוך סיי פון אידישער ליטעראַטור און סיי פון אידישקייט.

אַ טעקסט־בוך פון נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווער אידישקייט, וואָס, שטייענדיק מיטביידע פיס אויף דער אידישער קעגנוואַרט, איז זי אָבער טיף פאַרוואָרצלט אין דער פאַרגאַנגענהייט און בליקט מוטיק און האָפענונגספול אַריין אין דער צוקונפט. שוועבנדיק — אַזוי ווי אויף אַ הערלעך זון־באַ־

שטראַלטן וואָלקנדל — איבער אידיש־פּאַטריאַרכאַלישן גלויבן, גביאי־שער זעאונג, אגדהש־לויטערער דערקענטעניש, מיסטישער התדבקות און מאַרטיראָלאָגישער התלהבות—דערגרייכט אונזער קינד צו היינטוועלטיק־ניכ־טערער אידישער באַוואוסטקייט, טיף דורכגעווייקט מיט אונזער פאָלק־שמערץ און פאַרשוואָרן צו היילן אים, דורך קאַמף וואָס איז אויסלייזונג, אין אַ אי־דיש־מענטשלעך באַנייטן־באַגליקטן לאַנד פון די אָבות און אין אַלע ערטער, וואו עס בויט זיך אַ סאָליד אידיש לעבן אויפן „גרונט" פון אַ זיך באַפרייענ־דיקער מענטשהייט. אַזוי העפט זיך אין אונזער דערציאונג (און אין אירע כרעסטאָמאַטישע פּינקסים) איין שיכט אידישקייט אריין אין דער צווייטער און איין אידישער לעבנס־שטח שפּרייט זיך אַקעגן דעם צווייטן.

איז דאָס דער תוך פון „דאָס וואָרט" און זיין ערשטן באַנד, היינט ווי פאַר זעקס יאָרן. און אַז דער תוך איז דערזעלביקער, קענען די ענדערונגען נאָר זיין מאָדיפיקאַציעס, ד. ה. שינויים בלויז אין פּרטים. עס ווערן, אין איצטיקן באַנד, ארויסגעלאָזט פופצן „זאכן" פון פריער און זעקס־און־צוואַנציק „זאכן" קומען צו און דאָס בוך ווערט נישט־אומבאַטייטנדיק פאַרגרעסערט. אָבער די אויסגעלאָזענע נומערן ווערן נאָכמער ווי דערזעצט מיט בעסערע „זאכן" פון דעם אייגענעם מין און די נייע צוגאָבן, נישט נאָר ווייכן זיי ניט אָפּ פון די פריערדיקע ליניעס, נאָר זיי מאַכן זיי גאָר מער בולט.

די טעמים פאַר די איצטיקע מאָדיפיקאַציעס זיינען אי וויכטיק, אי אינטערעסאַנט.

געווען אין דער ערשטער אויפלאַגע אייניקעס, וואָס מכח דער הייך פון זיין ליטעראַרישן ווערט מעג מען אַ ביסעלע מסופּק זיין. עס איז אויך געווען אַזעלכעס, ווי, למשל, ביאַליקס „נח און מאַרינקע", וואָס כאָטש מכח זיין ליטעראַרישן ווערט איז ביי אונז נישט געווען און איז נישט פאַראַן קיין ספק, מיינען מיר אָבער, אַז דער סטיל פון דער „זאך" איז עטוואָס צו האַרבלעך פאַר די יונגע קינדער פון'ם געהעריקן עלטער, נאָכמער, אָבער, אַז די לענג פון'ם אויסצוג ווערט ניט באַרעכטיקט מיט זיין ניט כאַראַקטעריסטישן און ניט צו אָריגינעלן אינהאַלט.

נאָר דער וויכטיקסטער און אינטערעסאַנטסטער טעם פון אונזערע מאָ־דיפיקאַציעס איז, פון איין זייט, געווען דער דוחק און, פון דער צווייטער, די שפע פון ארץ ישראל און אַרבעטער־זאכן אין דער אידישער ליטעראַטור — דער דוחק פאַר זעקס יאָרן, די שפע איצט. גאָר פּשוט. פאַר זעקס־יאָרן האָט ח' וויסמאַן בנוגע דעם נייעם ארץ ישראל געקענט זיך נאָר באַנוצן מיט איבערזעצונגען פון העברייאיש, אי דאָס נאָר מיט זאכן, וואָס האָבן שוואַך זיך אָנגעקערט מיט דער שאַפנדיק־בויענדיקער אַרבעטערשאַפט. אָבער

סוף פאַר־אַ־יאָרן ווינטער האָט „גאָט אונז צוגעשיקט" אַזאַ אוצר ווי שלום אַשס „דאָס געזאַנג פון טאָל" און מיט גליענדיקער פרייד האָבן מיר מיט זיין לעצטן, אפשר שענסטן קאַפּיטל באַרייכערט אונזער בוך. ענלעך איז אויך דער עפּיזאָד פון י. י. זינגערס „ברידער אשכנזי", וואָס מיר האָבן אַזוי גערן אַריינגענומען אין דער איצטיקער אויפלאַגע. ביז פאַר דריי־יאָרן האָבן מיר אין אונזער ליטעראַטור, כאָטש עס האָבן אין איר ניט געפעלט קיין סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע שילדערונגען, אַזאַ ברייטן, איידל־קראַפט־פולן און טעכניש־קינסטלעריש אויסגעאַרבעטן עפּיזאָד ניט געפונען.

* * *

שוין פריער איז דאָס בוך, ווערליק אַ אידיש־ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע, געווען אַ כלי שלמה. בפרט, נאָך די איצטיקע אויסבעסערונגען. דאָס איצטיקע בוך איז גרעסער און טיפער און דאָך אויף אַ האָר ניט שווערער. למשל, אומגעפער די גרעסטע פּאָעמע איז דער נייער אויסגאַבע איז ח. נ. ביאַליקס „הברכה" („די סאַזשלקע"), איז זי אָבער, אין אָריגינאַל און אויך אין י. י. שוואַרצס איבערזעצונג, אַזוי פריש און קלאָר, אַז אונזערע קינדער וועלן זי לייענען און לערנען מיט נחת און פרייד. זיינען מיר זיכער, אַז אַזוי ווי די ערשטע אויסגאַבע איז זיך גוט צעגאַנגען — אין אונזערע אייגענע און אין אונזערע שכנישע אידישע שולן און אויך אין תלמוד תורות — אַזוי וועט די איצטיקע אויפלאַגע זיך נאָך בעסער צעגיין. און מיר בעטן הארציק די לערער, סיי די נעענטסטע און סיי אפילו די עטוואָס ווייטערע, טאָקע צו זאָרגן פאַר אַ גוטן און שנעלן אָפּגאַנג פון בוך. אַזאַ דערמוטיקונג, אַ חוץ וואָס זי קומט דעם בוך אַליין, וועט זי נאָך שטאַרקן די הענט פון די חברים און חברות פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס גיבן אויס, פון זייערע שווער פאַרהאָרעוועטע און גאָר ניט צאָלרייכע סענטן, טויזנטער דאָלאַרס אויף דער שול־און קולטור־אַרבעט פון פאַרבאַנד. שטאַרקט אונזערע און זייערע הענט, אַז מיר זאָלן די אַרבעט קענען פאָרזעצן און נאָך פאַרגרעסערן. דער צענטראַלער שולן־קאָמיטעט האָט געגנוג ליטעראַרישע אַקציעס, וואָס וואַרטן אויף זייער רייע.

* * *

מיר דאַנקען חבריש שלמה וויי‏כמאַנען פאַר זיין פולער קאָאָפּעראַציע אין דער איצטיקער ווי אין דער פריערדיקער אויסגאַבע. מיר דאַנקען מיט דער טיפסטער האַרציקייט אַלע שרייבער (אויך די אַרויסגעבער) וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, פאַר באַנוצן זיך מיט זייערע ווערק אָדער אויסגאַבעס. מיר זייינען טיף איבערצייגט, אַז ניט נאָר זיינען די שרייבער (און די אַרויסגעבער)

אונז מוחל אונזער פרייהייט, נאָר זיי זיינען מיט אונזער טאַט גאַנץ צופרידן, אפשר זיינען זיי אונז נאָך דאַנקבאַר. אונזערע שרייבער (און אונזערע אַרויס־געבער) זיינען נישט נאָר קינסטלער און מענטשן מיט קינסטלערישע נייגונ־גען, נאָר אויך אידעאַליסטן פון אידישן וואָרט און אידישן געדאַנק. דורך אונזער פאַרמיטלונג ווערט דאָס אידישע וואָרט און דער אידישער געדאַנק אין היילִיקייט איבערגעליפערט דעם אידישן קינד, דער אידישער נאָכקומענ־שאַפט. דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין פאַראייניקט אונז אַלעמען אין איין האַר־מאָניש־דאַנקבאַרער גליקזעליקייט.

פאַרן צענטראַלן שול־קאָמיטעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן
אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי ציון־צעירי ציון

יואל ענטין

ניו־יאָרק, 4־טן יאַנואַר, 1938.

צו די לערער

דאָס פאָרליגנדיקע בוך איז אַ שטאַרק-געענדערטע נייע אויפלאַגע פונ׳ם ערשטן טייל „דאָס וואָרט“, וואָס דער צוזאַמענשטעלער האָט צוגעגרייט פאַרן צענטראַלן שולן-קאָמיטעט פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי ציון מיט לערך זיבן יאָר צוריק. דאָס איצטיקע בוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויף די זעלבע גרונט-יסודות ווי זיינע פאָרגייער — די דריי בענד פון דער ליטעראַרישער כרעסטאָמאַטיע „דאָס וואָרט“, דערשינען אין יאָר 1931. אָט די פרינציפן זיינען סקיצירט געוואָרן אין די הקדמות צו די דריי ביכער און וועלן דאָ סכעמאַטיש נאָר דערמאָנט ווערן.

1) פאָרברענגען פאַר די קינדער אַ גרעסערע צאָל פון די בעסטע מוסטערן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור; 2) באַקענען זיי מיט די הויפט בויער און שאַפער פון דער אידישער ליטעראַטור דורך אַ גרעסערער צאָל אויסצוגן פון זייערע ווערק; 3) אינטים דערנענטערן זיי צו דער גלאָריע און טראַגיק פונ׳ם אידישן לעבן אַמאָל און היינט; 4) העלפן די לערער מאַכן די קינדער באַוואוסטזיניק איבער דעם שווערן לעבן פונ׳ם אַרבעטער און פאָלקסמענטשן און פון זיין קינד; 5) אינטים-איזיגן מאַכן צו די קינדער די חלומות און אַספיראַציעס פון דעם אידישן פאָלק און פון דער גאָרער וועלט פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן און דעם שווערן, העראָאישן קאַמף פאַר זיין דערנענטערונג; 6) באַקענען און ליב מאַכן די קינדער די העלדישע, גרויסע אָנשטרענגונגען פון דעם אידישן פאָלק פאַר דער ווידער-אויפריכטונג פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ-ישראל; 7) לערנען די קינדער נאָענט דערפילן און ליב האָבן אַלע מאַניפעסטאַציעס פון שענקייט אין דער נאַטור און אין די טיפע קוואַלן פון דעם מענטשלעכן נשמה לעבן.

ס׳זיינען איצט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער ערשטער אויפלאַגע פונ׳ם בוך „דאָס וואָרט“ 15 אויסצוגן (לערך אַ פערטל פונ׳ם אַלטן מאַטעריאַל) און ס׳זיינען אריינגענומען געוואָרן נייע 26 אויסצוגן, וועלכע פאַרנעמען מער פון 100 זייטן אינ׳ם נייעם בוך. (די נייע אויסצוגן ווערן אינ׳ם אינהאַלט-צעטל באַצייכנט, מיט אַ שטערנדל.)

ס׳איז נויטיק געווען אַרויסצולאָזן אַ טייל פונ׳ם אַלטן מאַטעריאַל און צו מאַכן פלאַץ פאַרן נייעם. דאָך דערמאָנט דער צוזאַמענשטעלער, ניט אָן בענק-שאַפט, די פאָלגנדע אויסצוגן און האָפט, אַז די לערער וועלן געפינען אַ וועג צו ברענגען זיי פאַר די תלמידים: ביאַליקס: נח און מארינקע; סאלטענס: באמבים קינדער יאָרן; זשיטניצקים: פורים נאָך דער סעודה; גאָרקים: די קינדער פון פארמא; פרצס: ביים גוסס צוקאָפנס.

דער נייער מאַטעריאל העלפט אַרויסברענגען אינטענסיוו-קלאָרער דעם שווערן לעבן פונ׳ם אַרבעטער און דעם קאַמף פאַר די נייע לעבנס-פאָרמען און פאַר אַ נייער וועלט-אָרדענונג. (די אויסצוגן פון זינגערס: די ברידער אשכנזי; פון אַשס: דאָס געזאַנג פון טאָל; ליעסינס: הירש לעקערט; מ. ראָזנפעלדס: דער סוועט שאַפ; י. ראָזנפעלדס: דער גנב און די אַלע נייע אויסצוגן אין דער ארץ-ישראל אָפ-טיילונגס.) ס׳זיינען צוגעגעבן געוואָרן נאָך אויסצוגן פון די ווערק פון די קלאַסי-קער (פרץ, שלום-עליכם, אַש), וועלכע באַלייכטן און ברענגען אַרויס נאָך מער אין פאָדערגרונד די יסודות פונ׳ם אַלטן אידישן לעבנס-שטייגער. ס׳זיינען צוגעקומען

וויכטיקע פּאָעטישע שאַפונגען, ווי דער אויסצוג פון תהלים, אייניקע פון ביאַליקס באַדייטנדסטע שאַפונגען, (אין י. י. שוואַרצס מייסטערהאַפטער איבערדיכטונג) און אַנדערע, ווי אויך אַ פּאָר פּאָעטישע קאַפּיטלעך פון די ביאָגראַפיעס פון אייניקע אידישע דיכטער.

ס'זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע וויכטיקע ענדערונגען אין איינאָרדענען דעם צוזאַמענגעשטעלטן מאַטעריאַל. הגם דער צוזאַמענשטעלער באַטראַכט יעדע איינטיילונג אין אָפּטיילונגען אלס מעכאַניש און ניט צופרידנשטעלנד, האָט ער אָבער דאָך געמוזט אָנקומען צו די אַלטע אפּטיילונגען פון דער ערשטער אויפלאַגע, אריינברענגענדיק די פאָלגנדע ענדערונגען : ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די אָפּטיילונג „ליריק", אין וועלכער ס'זיינען אין דער אַלטער אויסגאַבע צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן אַלע ריין-פּאָעטישע אויסצוגן. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז אָט די זייער וויכטיקע אָפּטיילונג פונ'ם ליטעראַטור-לימוד — פּאָעזיע — איז שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פון די לערער, אפשר הויפּטזעכלעך דערפאַר וואָס זי איז אַזוי אָפּגעזונדערט געוואָרן. די פּאָעטיש-לירישע אויסצוגן, פונ'ם אַלטן בוך, צוזאַמען מיט די פיל וויכטיקע נייע פּאָעטישע אויסצוגן, זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צו דער אָפּטיילונג „העלער מאָרגן", וואָס שילדערט די איבערלעבונגען פון דער קינדהייט. ס'שיינט אונז, אַז זיי געפינען זיך דאָרט אין גוטער און פּאַסיקער שכנות, און ס'איז אונזער האָפענונג, אַז דער שנוי מקום וועט פירן צו שנוי מזל... ס'איז צוגעגעבן געוואָרן אַ נייע אָפּטיילונג: ארץ ישראל, וועלכע נעמט אריין אַ גרעסערע צאָל קירצערע און לענגערע שילדערונגען פון דעם דורותדיקן אידישן חלום פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון אידיש-נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ-ישראל, אויף נייע, גערעכטע סאָציאַלע יסודות פון אַרבעט און גלייכקייט און פון דעם שווערן מוטיקן קאַמף דעם חלום צו פאַרווירקלעכן. אַ גרויסע צאָל פון די אויסצוגן זיינען פונ'ם צוזאַמענשטעלער איבערגעזעצט געוואָרן פון די העברעאישע טעקסטן אין די צוויי זייער גוטע ארץ-ישראל אנטאָלאָגיעס : „ספר הארץ" אַרויסגעגעבן פונ'ם קרן קימת אין ירושלים, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב פיכמאַן, און „מעין", אַרויסגעגעבן פון מרכז לנוער פון דער הסתדרות העובדים בא"י, אונטער דער רעדאַקציע פון ברכה חבס. דער צוזאַמענשטעלער רעקאָמענדירט וואַרעם די לערער, זיי זאָלן זיך אָפּט באַנוצן מיט די צוויי זייער וויכטיקע האַנטביכער.

אַ וויכטיקע נייקייט אין דעם בוך, וועלכע קען, לויט אונזער מיינונג, פּראָדוקטיוו אויסגענוצט ווערן פון די לערער און תלמידים, איז די אָפּטייטשונגען און נאָטיצן, וועלכע ווערן געגעבן ביי דער ענדע פון יעדן אויסצוג. אין אַלטן בוך איז געווען אַן אַלגעמיינער גלאָסאַר. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז ער ברענגט ווייניק נוצן : די קינדער באַנוצן זיך מיט אים זייער זעלטן, איבער גוט-באַקאַנטע טעמים. איצט, ווען די אָפּטייטשונגען פון מערסטע שווערע ווערטער, די פאָנעטישע טראַנסקריפּציע פון די העברעאישע ווערטער און פראַזן און די נאָטיצן צו שווערע פונקטן פון טעקסט ווערן געגעבן גלייך צו דער האַנט, איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס די קינדער זאָלן ניט צוגעוואוינט ווערן זיך מיט זיי צו באַנוצן ביים נעמען לערנען דעם געגעבענעם טעקסט. דאָס דאַרף באַדייטנד העלפן לייכטער און אינטערעסאַנטער מאַכן דאָס לערנען. מיר רעקאָמענדירן זייער שטאַרק די לערער, זיי זאָלן זיך ענערגיש באַמיען אַנטוויקלען די געוואוינהייט ביי די קינדער. ס'איז אָבער נויטיק צו באַמערקן, אַז די אָפּטייטשונגען גיבן געוויינלעך נאָר די באַדייטונג, וואָס דאָס וואָרט אָדער די פראַזע האָט אינ'ם געגעבענעם קאָנטעקסט. דער לערער וועט געוויס

דאַרפֿן באַרייכערן די שפּראַך-ידיעות פֿון די תּלמידים דורך אָנווייזן זיי אַלע אַנדע-רע ניואַנסן פֿונ׳ם וואָרט אָדער פֿון דער פֿראַזע.

אין נייעם בוך זײַנען ניט אַרײַנגענומען געוואָרן די קאָמפּאָזיציע און גע-שפּרעכן פֿאָרשלאָגן פֿונ׳ם אַלטן בוך. די דערפֿאַרונג האָט אונדז געוויזן, אַז דאָס קען ניט געטאָן ווערן דורך אַ פּאָר צוגעגעבענע בלעטלעך ביי דער ענדע פֿון בוך. פֿאַר דעם צוועק איז נייטיק אַ באַזונדער אַרבעטס בוך פֿון קאָמפּאָזיציע און שמועס.

דער צונויפֿשטעלער דריקט אויס זײַן האַרציקן דאַנק דעם רעדאַקציע-קאָמיטעט פֿונ׳ם שולן קאָמיטעט, די חברים י. ענטין, א. מאיראָוויץ, ל. רובינשטיין, ב. מאַרקוס און פּ. גינגאָלד, וועלכער האָט אים געהאָלפֿן מיט ראַט און טאַט אין דעם אויסוואַל און אין דער צוגרייטונג פֿון דעם מאַטעריאַל; אַ באַזונדערן דאַנק די חברים ענטין און מאיראָוויץ פֿאַר העלפֿן מיט דער קאָרעקטור פֿונ׳ם מאַטעריאַל. אַ האַרציקן דאַנק די חברים לערער פֿון די מאָנטרעאַלער אידישע פֿאָלקס שולן פֿאַר העלפֿן מיט דער קאָרעקטור און חבר י. זיפּערן, פֿון די מאָנטרעאַלער אידישע פּרץ שולן, פֿאַר פֿיל עצות און אָנווייזונגען אין אויסוואַל פֿון מאַטעריאַל.

ס׳איז אונזער אויפֿריכטיקע האָפֿענונג, אַז דאָס נייע בוך וועט אויפֿגענומען ווערן מיט דער זעלבער וואַרעמער באַציאונג מצד די לערער און תּלמידים, ווי די ערשטע אויפֿלאַגע. מיר גיבן דאָ אונזער וואַרעמען דאַנק אין פֿאָרויס צו די אַלע וועלכע וועלן אונדז שיקן זייערע פֿריינטלעכע באַמערקונגען און אָנווייזונגען.

שלמה ווייסמאַן,

מאָנטרעאַל, דעצעמבער, 1937

אַדרעס: אידישע פֿאָלקס שולן,
3885 סט. אָרביין גאַס,
מאָנטרעאל, קענעדע

הענלער מאָרגן

שמואליק דער יתום

שלום-עליכם.



א

פאַראַן פּנימער, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון גאָט אויף צו פאַרכּישופן אייך מיטן ערשטן קוק. „האָב מיך ליב!" — אַזוי שרייט צו אייך דאָס דאָזיקע פּנימל, און איר באַקומט דאָס ליב, איר ווייסט ניט פאַר וואָס.

אָט אַזאַ מין חנעוודיק פּנימל האָט געהאַט שמואליק דער יתום, אַ אינגל אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, וואָס אויפגעהאַלטן האָט ער זיך ביים רב.

צו אים איז דאָס צוגעקלעפּט געוואָרן שלום נחום וועוויקס, דער העלד פון דער דאָזיקער אויטאָביאָגראַפיע, פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט, זיך געטיילט מיט אים מיט די אָנבייסנס און מיט די מיטאָגס, האַלב אויף האַלב, און געוואָרן חבר — אָבער וואָס חבר הייסט! נפש אַחת — איין לייב, איין נשמה! פאַר וואָס? איבער זיינע מעשיות.

קיינער האָט נישט געהאַט אַזוי פיל מעשיות אויף צו דערציילן, וויפיל שמואליק. האָבן מעשיות אויף צו דערציילן איז אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. דאָס דערציילן אַליין איז אויך אַ זאַך. דערציילן

א מעשה דאַרף מען קאָנען. און שמואליק האָט געקאָנט דערציילן מעשיות אַזוי, ווי קיינער ניט!

פון וואַנען האָבן זיך צו דעם טשיקאַוון בחור מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע אויגן גענומען אַזוי פיל מעשיות, און אַזעלכע שיינע, רייכע מעשיות, מיט אַזעלכע זעלטענע פאַנטאַסטישע בילדער? צי האָט ער זיי וואו געהערט אַמאָל דערציילן? אָדער דאָס איז געווען פון זיין קאָפּ אויסגעטראַכט, לויטער פאַנטאַזיעס? עד היום קאָן איך דאָס ניט באַגרייפן. איך ווייס נאָר איין זאַך: עס האָט זיך ביי אים געגאָסן ווי פון אַ קוואַל, נאָר ווי פון אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך ניט אויס קיינמאָל. און געגאַנגען איז דאָס ביי אים גלאַט, ווי אויף בוימל, און געצויגן האָט זיך עס ווי אַ לאַנגער זיידענער פאָדים. און זיס איז געווען די שטים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער. און די בעקלעך רויט, און די אויגן פאַרחלומט און נאַסלעך, ווי איבערגעצויגן מיט אַ דין רויכל.

פאַרקליבן זיך פּריטיק נאָך האַלבן טאָג, אָדער שבת נאָכן עסן, אָדער יום-טוב פאַרנאַכטלעך, אויפן הויכן וואַראַנקאָווער באַרג, וואָס „דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע", האָבן זיך ביידע חברים אָוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיטן פּנים אַרויף צום הימל, און שמואליק האָט גענומען דערציילן אַ מעשה נאָך אַ מעשה: אַ מעשה פון אַ בן-מלך מיט אַ בת-מלכה, אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רביצן, אַ מעשה פון אַ פּרינץ מיט אַ פלעגהונט, אַ מעשה פון אַ פּרינצעסן אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אַ מעשה פון צוועלף גזלנים אין אַ וואַלד, אַ מעשה פון אַן אָקרענט, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן פאַרגליווערטן ים, מעשיות פונ׳ם פּאַפּסט, וואָס האָט געפירט ויכוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פון חיות, פון שדים און פון רוחות און פון כת ליצנים, פון מכשפים, שרעטעלעך, וואָוקעלאַקעס, פּיפּערנאָטערס, האַלב-מענטש, האַלב-חיה, און אַ מעשה מיט אַ הענגלייכטער פון פּראָג — און יעדע מעשה האָט געהאַט איר טעם מיט איר ריח, און אַ באַזונדער כישוף איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיי אַלע.

דער חבר, שלום נחום וועוויקס, האָט געהאַלטן אָפן מויל און אויערן, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונ׳ם דאָזיקן טשיקאַוון בחורל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע אויגן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלצדינג, שמואליק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך גאָרניט. למאַי איך ווייס, ווי אַזוי מע צאַפּט וויין פון דער וואַנט? און בוימל פון דער סטעליע?

— ווי אזוי צאַפּט מען דאָס וויין פון דער וואַנט? און בוימל פון דער סטעליע?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך אויך בלאָטע! איך ווייס אפילו, ווי אזוי מע מאַכט פון זאַמד גאָלד און פון שערבלעך דימענטן מיט בריליאַנטן.

— ווי אזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך אַ בעל-קבלה. ווער ווייסט עס ניט? ער שלאָפט דאָך קיינמאָל ניט.

— וואָס דען טוט ער?

— ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, איז ער אויף. זיצט ער אַליין און פאַרנעמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעסט אַלצדינג, וואָס ער טוט?

— ווי קאָן איך זען, נאַרעלע, אַז איך שלאָף?

— פון וואַנען-זשע ווייסטו, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט קבלה?

— ווער ווייסט עס נישט? דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד. פרעג וועמען דו ווילסט. דאָס, וואָס דער רב קאָן, נאַרעלע, קאָן קיינער נישט. וויל ער — זיינען אָפן פאַר אים אַלע צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און אַלע דרייצן גערטנער פון סאַמע זאַפּראַן, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטן, מיט בריליאַנטן — כחול הים, אַזוי פיל, אַז עס גלוסט זיך אַזש ניט!...

— פאַרוואָס-זשע ביסטו תמיד הונגעריק? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויף שבת?

— אַזוי, וואָרום ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומען אויף דער וועלט, תשובה טאָן. ער איז אַ בעל תשובה. ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווען רייך, ווי קורח; טויזנט רויטשילדס וואָלט ער פאַרשטעקט אין גאַרטל. וואָרום ער ווייסט, ווי אַזוי מע ווערט רייך. פאַר אים איז אַנטפּלעקט אַלצדינג. ער ווייסט אפילו דאָס אָרט, וואו דער אוצר ליגט באַהאַלטן.

— וואו ליגט דער אוצר באַהאַלטן?

— חכם! פון וואַנען זאָל איך וויסן? ווען איך זאָל וויסן, וואו דער אוצר ליגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטן ביינאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שלום, צום אוצר, וועלן מיר צונויפזשעברעווען דאָס גאָלד פולע זשמעניעס און אָנשטאָפּן פולע קעשענעס!“

און האָט שמואליק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אוצר, אַזוי האָבן די פאַרחלומטע אויגן ביי אים זיך אָנגעצונדן, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אַליין האָט ער זיך אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט, אַז ער האָט אויך דעם חבר זיינעם אָנגעוואָרעמט, צע־היצט, צעברענט און צעפלאַקערט. שמואליק האָט גערעדט, און זיין חבר, שלום נחום וואָוויקס, האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און מיט דאָרשט געשלונגען יעדעם וואָרט.

ב

אַז ס׳איז פאַראַן אַן אוצר ביי אונז אין שטעטל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונז אַן אוצר? פון כמעלניצ־קין. כמעלניצקי האָט אים דאָ באַגראָבן נאָך פאַרצייטן. טויזנ־טער יאָרן האָבן מענטשן געזאַמלט אוצרות מיט אוצרות, ביז ס׳איז געקומען כמעלניצקי און האָט עס באַשטאַט.

— ווער איז געווען כמעלניצקי?

— כמעלניצקי ווייסטו ניט? נאַרעלע, כמעלניצקי — דאָס איז געווען אַ רשע, אַ המן, נאָך פאַר כמעלניצקים צייטן . . . דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד! האָט אָט דער כמעלניצקי, דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט, הייסט עס, מילי־מיליאָסן גאָלד ביי די אַמאָליקע פריצים און ביי די רייכע אידן, און האָט דאָס אַלצדינג געבראַכט צו פירן אַהער צו אונז, קיין וואָראָנקע, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל ביינאַכט אויף יענער זייט בית־מדרש באַרג אַראָפּ, אַקעגן דער שיין פון דער לבנה, באַהאַלטן, טיף־טיף אין דער ערד באַגראָבן, און ס׳איז מיט גראָז באַוואַקסן און מיט כישוף פאַרכישופט, אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל עס ניט געפינען.

— און ס׳איז פאַרפאַלן לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס׳איז פאַרפאַלן לעולם ועד, אויף אייביק און אייביק? און צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן די קבלה? די בעלי־קבלה, נאַרעלע, האָבן שוין דערצו אַן עצה.

— דהיינו, וואָסער אַן עצה?

— זיי ווייסן שוין. זיי האָבן אַ שפּרוך אַזעלכן, און אַ פּסוק פאַראַן אַזעלכער אין תהילים, וואָס מען דאַרף אים זאָגן פערציק מאָל פערציק . . .

— וואָסער אַ פּסוק?

— ע, נאַרעלע, איך זאָל וויסן דעם פּסוק! און אפילו איך זאָל שוין וויסן, איז דאָס אויך ניט אַזוי גרינג. מע באַדאַרף פאַסטן פערציק תעניתים, אָפּזאָגן אַלע טאָג פערציק קאַפּיטלעך תהילים, און אויפן איין-און-פערציקסטן טאָג, באַלד נאָכדעם, ווי די זון האָט זיך געזעצט, באַדאַרף מען זיך אַרויסגנבענען אַזוי קונציק, אַז קיין בן-אָדם זאָל דיך ניט באַגעגענען, — וואָרום טאָמער חלילה דער-זעט מען דיך, באַדאַרף מען אָנהויבן נאָכאַמאָל צו פאַסטן פון אָנ-הויב פערציק תעניתים, — און ערשט דעמאָלט, אַז ס'וועט דיר אָפּגילטן, קיינער וועט דיך ניט באַגעגענען, זאָלסטו אַוועקגיין אין אַ פינצטערער נאַכט אין אָנהויב חודש אויף יענער זייט בית-מדרש באַרג אַראָפּ, און דאָרטן אָפּשטיין פערציק מינוט אויף איין פוס, ציילנדיק פערציק מאָל פערציק, און אויב ס'וועט נאָר ניט זיין קיין טעות אינ'ם ציילן, וועט זיך דיר דער אוצר אַנטפּלעקן פון זיך אַליין . . .

און שמואליק דער יתום גיט צו פאַרשטיין גאַנץ ערנסט זיין חבר, שלום וועוויקס, דעם סוד פונ'ם אוצר מיט אַ שטיל קול, אַלע מאָל שטילער, ווי אַרויסגעלייענט פון אַ בוך, ניט אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ רגעלע אפילו:

— און אַנטפּלעקן וועט זיך דיר דער אוצר דורך אַ פייערל, אַ קליין פייערל. און אַז דאָס פייערל וועט זיך דיר באַווייזן, באַדאַרפ-סטו גלייך צוגיין צו דעם, צום פייערל, הייסט עס, זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבן פאַר אָפּבריען זיך, וואָרום דאָס פייערל איז מער ניט אויף צו באַלייכטן, ברענען ברענט עס ניט, און דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבויגן און זשעברעווען מיט ביידע זשמעניעס (שמואליק באַווייזט מיט ביידע הענט ווי ער זשעברעוועט) גאָלד און זילבער, און דימענטן און בריליאַנטן, און שטיינער אַזעלכע, וואָס הייסן מיטן נאָמען „כדכוד", און אַזעלכע, וואָס הייסן מיטן נאָמען „ישפה"...

— וואָס איז דער חילוק?

—אַי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק! „כדכוד" איז אַזאַ שטיין, וואָס לייכט אין דער פינצטער, ווי אַ סטרינעווע ליכט, און „ישפה" האָט אין זיך אַ כוח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקן, פון הונגעריק זאַט, פון אַלט יונג, פון טויט לעבעדיק... מע באַדאַרף נאָר מיט אים געבן אַ רייב אין דעם רעכטן לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ רעכטער אָנבייסן!" — גייט אַרויס אַ זילבערנע טאַץ,

און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָטענע טייבעלעך מיט פרישינקע פּלעצלעך פון געבייטלטער מעל. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ גוטער וואַרמעס!" — באַווייזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כּל־ערליי מינים עסנוואַרג און פּאַטראַוועס, מעדני מלך, געבראָטענע צונגען מיט געפּילטע העלזלעך, וואָס זייער גע־שמאַקער ריח צעגייט זיך אין אַלע אברים, און פרישע, צוגע־ברענטע, געפּלאַכטענע קוילעטשן וואַקסן אויס פאַר דיינע אויגן, און ווײַן לרוב פונ'ם בעסטן סאָרט, און ניסלעך, און באַקסערן, און צוקערקעס לרוב — אַזויפיל, אַז סע גלוסט זיך שוין אַזש ניט!

און שמואליק קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זייט און שפּייט אויס, און זיין חבר זעט נאָך זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן און נאָך זיין בלאַס פּנים מיט די פאַרחלומטע אויגן, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקל געבראָטענע צונג, אַ געפּילט העלזל, אָדער כאָטש אַ שטיקל קוילעטש... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, טראָגט ער אים אַרויס אין קעשענע עטלעכע ניסלעך, אַ פּאָר באַקסערן מיט אַ צוקערקעלע, וואָס ער וועט אַרויסלקחענען, מחילה, ביי דער מאַמען אין קליישל. און דערוויל בעט ער שמואליקן, ער זאָל דערציילן נאָך און נאָך. און שמואליק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער ווישט אָפּ די ליפּן און דערציילט נאָך און נאָך.

— ... און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיקט מיט די אַלע מיני מאכלים און פאַרטרונקען מיט די בעסטע וויינען, נעמסטו און טוסט אַ רייב מיטן שטיינדעלע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ ווייכער געלעגער!" — באַווייזט זיך דיר אַ בעטל פון עלפאַנטביין, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט אַן איבערבעט — ווייך ווי פּוטער, און מיט זיידענע קישעלעך צוקאָפּנס, און מיט אַן אַטלעסע־נער קאָלדרע איבערגעדעקט. ציסט זיך אויס און ווערסט אַנטשלאָפן, און ס'חלומען זיך דיר מלאכים מיט כּרובים, מיט שׂרפים, מיטן גן־עדן העליון, מיטן גן־עדן התחתון... אָדער, אַז ניט, טוסטו אַ רייב מיטן שטיינדעלע, הויבסטו דיך גאָר אויף אין דער הויך ביז דער כמאַרע, און אַריבער דער כמאַרע, און דו פליסט זיך, ווי אַן אָדלער, הויך־הויך! וויַיט־ווייט!...

צי האָט אָט דער אָרעמער יתום מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות זיך ווען אָפּגערופן נאָכדעם אין די שרייבעכצן פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום ווערוויקס איז געוואָרן אַ „שלום עליכם"

— דאָס איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז געווים: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליקס חלומות און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וואונדערשטיינער און נאָך אזעלכע גוטע זאכן טראָגט ער ביי זיך טיף אין הארצן נאָך עד היום.

(פון „פונ׳ם יאַריד”).

אויטאָביאָגראַפיע — געשיכטע פונ׳ם אייגענעם לעבן. „פונ׳ם יאַריד” איז דער נאָמען פון שלום עליכמס אויטאָביאָגראַפיע; „שמואליק דער יתום” איז גענומען פון דעם ווערק. א) טשיקאַווע — אומגעווײנלעך, מאָדנע. עד היום (אַד האַיאָם) — ביזן היינטיקן טאָג. אָקרענט — שיף. ויכוחים (וויקוכים) — דיספוטן. כּת ליצנים (קאַט לייצאָנים) — באַנדע שדים. וואָלקעלאַק — לעגענדאַרישע חיה רעה. Werewolf. פּיפּערנאָטער — מין שלאַנג. קבלה (קאַבאָלע) — מיסטישע אידישע לערע וועגן גאָט, מענטש, וועלט, נשמה, מלאכים א. א. וו. כּחול הים (קכויל האַיאָם) — אַזוי פיל ווי דאָס זאַמד פון ים. אָפּקומען אויף דער וועלט — אָפּנעמען ביים לעבן די שטראָף, וואָס אַ מענטש האָט זיך פאַרדינט, כּדי ניט צו דאַרפן ליידן אויף יענער וועלט. תּשובה (טשוואווע) — זיך אָפּזאָגן פונ׳ם שלעכטן וועג. ב) באַשטאַט — באַהאַלטן. דהיינו (דעהיינע) — צום ביישפּיל. פּאַטראַוועס — געשמאַקע עסנס. מעדני מלך (מאַדאַניי מוילעך) — געשמאַקע עסנס, וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ קעניג. גן עדן העליון (האָעליען) — דער הימלישער, אויבערשטער גן עדן. גן עדן התחתון (האַטאַכטן) — דער אונטערשטער גן עדן — געפינט זיך, לויט דער לעגענדע, ערגעץ וואו אויף דער ערד. השגה (האַסאָגע) — באַגריף, באַנעם.

זכרונות

מ. ראָזנפעלד.



פאַר דעם ציימל נעם מיך, מאָטקע !
איך וועל זיין דיין פערד !
נעם דאָס שטריקל פאַר אַ לייץ,
ס'שטעקל פאַר אַ שווערד !
מאַרש אַהין אויף יענע בערגלעך
אין דער פרייער לופט,
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע, —
הערסטו ווי ער רופט ?
זעסט אים אויפן שפּיץ פון בערגל,
דאָרטן, פאַזע טייך ?
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווייט בין איך פון אייך.

קינדער, ניט פאַרגעסט די פייפלעך,
וואָס איר האָט געמאַכט ! —
פרעגט נאָר בערקען, האָט ער אַלע
צווייגלעך שוין געבראַכט ? —

מאַכט זיך גרייט צו לויפן, קינדער,
גיכער, נו, גאַלאָפּ!
ווייטער, ווייטער גייט עס שנעלער,
פלינקער באַרג אַראָפּ.
קומט צום וואַסער־מיל, אָט דאָרטן
לויפט דער קלאָרער טייך —
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווייט בין איך פון אייך.

היט זיך, ניט צעברעך די קריגלעך!
רואיק, מאַך קיין גוואַלד!
ווייסט איר, וואו די יאַגדעס וואַקסן
אין דעם טיפן וואַלד?
קינדער, נעמט זיך פאַר די פאָלעס!
יודקע, גיי פאָרויס!
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזשען, קינדער,
אונזער וואַלד איז גרויס.
צום יאַגאָדניק! ניט פאַרלירט זיך,
קומט־זשע אַלע גלייך. —
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
ווייט בין איך פון אייך.

זיסע, שיינע, ליבע קינדהייט,
ווייט ביסטו פון מיר!
מיין נשמה, מיין פאַנטאַזיע
טרוימט נאָר וועגן דיר.
ווי אַ שאָטן ביסטו, קינדהייט,
ווי אַ רויך, וואָס פליט,
ווי אַ בליק געשווינד אַנטלויפסטו,
און מען זעט דיך ניט.
שוועבסט נאָר אום אין מיין זכרון
ווי אַ זיסער טרוים,
איך דערמאָן זיך און מיר ווײנט זיך,
און מיר גלויבט זיך קוים.

פּאַזע — לענג אויס. יאַגדעס — Berries. יאַגאָדניק — קוסט פון יאַגדעס.

חיים נחמן ביאַליקס קינדער יאָרן

ש. סימאָן.

אַ מאָדנער אינגל

אין דאָרף ראדי, וואָלין, לעבן זשיטאָמיר, אין רוסלאנד, האָט געוואוינט אַ איד מיטן נאָמען יוסף ביאַליק. דער איד האָט געהאלטן אַ קרעטשמע — אַ פּלאַץ וואו מען פאַרקויפט פויערים ביר, שנאַפּס און צובייסן. יוסף ביאַליק האָט געאַ[illegible]בעט [illegible]. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט איז ער געשטאַנען אויף די פיס און באַדינט די געסט, האָט ער ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין זון חיים נחמן.

דאָס אינגל איז געווען אַ שווייגער. אַ צוריקגעהאַלטענער. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געחברט. זעלטן ווען אַמאָל עפּעס גע־בעטן אָדער געפרעגט. ער האָט געהאַט אַ געוואוינהייט — זייגן דעם גראָבן פינגער. פלעגט ער זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל, אויסק־זעצן זיך מיט די פיס אונטער זיך, דעם גראָבן פינגער אין מויל — און געקוקט אויף דער וואַנט. פאַר זויגן דעם גראָבן פינגער האָט ער געקראָגן אַ צונעמעניש: „דער איד מיט דער ליולקע”.

אין הויז איז אַ טומל, אַ הוק. שיכורע פויערים זינגען מיט הייזע־ריקע שטימען. אַ שיכורע פויערטע האָט זיך צעהוליעט און אוועק־געלאָזן זיך טאַנצן, טופּען, אַז די ווענט ציטערן. דאָס צימער איז פול מיט רויך פון ביליקן טאַבאַק, מיטן געשטאַנק פון איבערגעשטאַ־נענעם ביר, מיטן שאַרפן גערוך פון שנאַפּס. דער פאָטער לויפט אַרום אַ פאַרשמאַיעטער פון איין טישל צום אַנדערן. דער קליינער חיים נחמן זעט ניט און הערט ניט. ער זיצט אין אַ ווינקל, זויגט דעם גראָבן פינגער, קוקט אויפן רויך, וואָס שלענגלט זיך צו דער סטעליע און וויל אַלץ פאַרשטיין ווי אַזוי ווערט פון פאַפּיר און טאַבאַק בלויער רויך.

שרעטעלעך

אָפּט איז דאָס אינגל אויפן הויף. אין הויף איז אים גוט ווי די וועלט. אין הויז איז נאָר דער רויך געווען אַ חידוש, דאָ, אין הויף, זיינען פאַראַן אַ סך וואונדער. יעדעס שטיקל שטיין, יעדעס שטיקל האָלץ, יעדעס גרעזעלע, פויגעלע, זיינען פאַר אים אַ וואונדער. פאַר־

וואָס איז שטיין האַרט און זאַמד ווייך? ווער מאַכט איין זייט הויז שאָטנדיק און די אַנדערע זייט זוניק? אָט איז הינטערן שטאָל אַ פעלד. פון פעלד בלאָזט אַ ווינט. ווער יאָגט דעם ווינט? אַ פויגל טוט אַ צוויטשער, אַן אַנדער פויגל ענטפערט. וואָס רעדן זיי צווישן זיך? די זון זעצט זיך. ווער שאַרט אָן אַזוי פיל פייער אויפן הימל?

דער קליינער נחמן קוקט צום פענצטער. עס האָט זיך אין הויז דערהערט אַ זונג. דעם אינגל דוכט זיך, אַז דער זונג איז אַרויסגע־פלויגן פון פענצטער ווי אַ פויגעלע, און אַנטלאָפן ערגעץ ווייט.

ס׳איז שפּעט. אין קרעטשמע איז שטיל. אַ טונקעלער לאָמפּ באַלויכט די צימערן. דער קליינער ביאַליק קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דער וואַנט. עס וויגט זיך אַ שאָטן אויף דער וואַנט. אַז ער טוט אַ דריי מיטן קאָפּ, טוט דער שאָטן אויך אַ דריי מיטן קאָפּ, הויבט ער אויף אַ האַנט, טוט דער שאָטן אויך אַ הויב אַ האַנט, אַ לאַנגע האַנט, וואָס דערגרייכט ביז צו דער סטעליע. אַ שיינע שפּיל. דאָס קליינע דריי־יאָריקע אינגל הייבט אָן צו טאַנצן און דרייען זיך. ער הויבט די הענט, דרייט מיטן קאָפּ, שטעלט אַרויס אַ צונג . . . דער טאַטע גייט אַריין:

— זע נאָר זע, דאָס אינגל איז משוגע. רעדט צו דער וואַנט!

די מוטער איז אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענע און גענומען דעם קליינעם נחמנען און געלייגט אים שלאָפן.

ליגט ער, אָבער ער שלאָפט ניט. ער קאָן ניט שלאָפן. אַלץ איז אַזוי מאָדנע אַרום אים. אין צימער איז פינצטער, אָבער אונ־טערן בעט איז נאָך פינצטערער. פאַרוואָס? אַ פּאָר שיך שטייען ביים בעט, קוקן אויס ווי זיי ווילן ערגעץ גיין. וועלן זיי זיך לאָזן אין וועג? פון פענצטער שיינט אַ פּאַס ליכטיקייט, צעשניידט די פינצטערניש אויף צוויי. פון וואַנען קומט די ליכטיקייט?

חיים נחמן פאַרמאַכט די אויגן און עפנט זיי — ווידער ליכ־טיקייט אין מיטן פינצטערניש. פון וואַנען נעמט זיך עס? ער מוז דאָס אויסגעפינען. ער שרעקט זיך אַראָפּגיין פון בעט, אָבער די נייַ־געריקייט צו דערגיין פון וואַנען עס קומט די ליכטיקייט איז גרויס. ער גייט אַראָפּ פון בעט און קוקט אַרויס אין דרויסן.

ער דערזעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ לבנה־ליכט. ער דערשרעקט זיך. עפּעס אַנדערש ווי בייטאָג. דער וואַלד איז טונקל, דאָס פעלד איז העל ווייס — דאָס בערגל וואָס שטייט אָפּגערוקט

פון וואַלד קוקט אוים העכער. אַ פויגל שרייט ערגעץ וואו. דער דאַך פון שטאַל גלאַנצט מאָדנע.

באַלד דערזעט ער עפּעס וואָס פאַרכאַפּט אים אינגאַנצן. ער פאַרגעסט זיין שרעק. פון וואַלד באַווייזט זיך אַ מחנה שרעטעלעך — קורצינקע, ברעקעלעך, מיט לאַנגע בערד. זיי טראָגן רידלען אויף די אַקסלען. אויף די פּיס האָבן זיי פאַרשפּיצטע שיך; שוואַרצע און געלע מיצלעך אויף די קעפּלעך — איינער אין אַ שוואַרץ מיצל און נאָך איינער אין אַ געל מיצל.

זיי גייען, די שרעטעלעך. זיי זיינען ערנסטע, אָנגעצויגענע, זיי גייען זיבן אין אַ ריי, זיבן אין אַ ריי. קומען צו צום באַרג און צעשפּרייטן זיך, זיי הויבן אָן גראָבן, זוכן, זיי זוכן באַהאַלטענע אוצרות.

באַלד ווערט זיי מיאוס דאָס גראָבן. זיי הויבן זיך אָן שפּילן. קוליען זיך, שפּרינגען, טאַנצן, לאַכן הויך, ווינקען צו דער לבנה, ווינקען צו אים אין פענצטער.

אָבער דער קליינער נחמן שרעקט זיך ניט פאַר זיי. ער גלויבט, אַז דאָס זיינען חברים, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט צו שפּילן זיך מיט אים. ער האָט נאָר מורא, די געשרייען און דאָס געלעכטער פון די שרעטעלעך זאָלן ניט אויפוועקן דעם טאַטן. אָבער דער טאַטע שלאָפט געשמאַק. דאָס אינגל גייט ניט אַוועק פון פענצטער. ער שטייט און קוקט זיך צו צום שפּיל. מיטאַמאָל טוט אַ האָן אַ קריי. די קאַרליקלעך פאַרשווינדן. נחמן איז שלעפעריק. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן פענצטער, וואַרט זיי זאָלן צוריקקומען. ער שלאָפט איין.

דער טאַטע געפינט אים שלאָפנדיק, האַלב זיצנדיק אויף אַ שטול מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן פענצטער. ער קאָן ניט פאַרנעמען וואָס פאַר אַ גולם אַ קינד דאָס איז.

יאָרן שפּעטער, ווען חיים נחמן איז געוואָרן דער גרויסער ביאַליק, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אויף העברעאיש מיטן נאָמען „גמדי ליל" — נאַכט-שרעטעלעך. מענטשן זיינען געווען אַנטציקט פון דער שיינער פאַנטאַזיע. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט ביאַליק דערציילט, וואָס ער האָט געזען ביים פענצטער, אין דער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען לבנה ליכט.

דער אַלף בית — אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט אַ פייקלער

ביאַליק איז פינף יאָר אַלט. מען האָט אים אָפּגעגעבן אין חדר. אין חדר איז דעם אינגל ערגער ווי אין דער היים. אין דער היים

איז דאָ נאָר איין טאַטע אַ בייזער, אין חדר זיינען דאָ פופצן אינג־לעך, אַ רבי און אַ באַהעלפער. איז דער רבי ווייס נאָר איין זאַך — קנאַקן מיטן קאַנטשיק, און דער באַהעלפער האָט גאָר אַ פּאַסקודנע טבע. אַז עמעס געפעלט אים ניט (און וואָס געפעלט אים יאָ?), טוט ער אַ שמיר מיט אַלע פינף פינגער איבערן אינגלס פּנים. דער מיטלסטער פינגער צעקוועטשט דעם אינגלס נאָז. און די אינגלעך, מיינט איר, זיינען בעסער? זיי האַלטן זיך אין איין רייצן מיט אים. פון וואַנען האָבן זיי זיך דערוואוסט אַלע זיינע צונעמענישן? פון דעם ערשטן טאָג אין חדר רופט מען אים „דער איד מיט דער ליול־קע", „גולם".

אינגיכן איז צוגעקומען אַ נייער צונעמעניש — באַראַבאַנטשיק.

ס'האָט געטראָפן דעם ערשטן טאָג אין חדר: דער באַהעלפער האָט אויסגעזעצט די אינגלעך אַרום טיש, האָט אַוועקגעלייגט אַ גרויסן אַלף בית און אָנגעהויבן לערנען. דער קליינער נחמן האָט געזען ווי די בוכשטאַבן זיינען אויסגעשטעלט און עס איז אים גע־פעלן געוואָרן. ער זעט דריי גלייכע שורות:

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פֿ צ ץ ק ר ש ת
א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פֿ צ ץ ק ר ש ת
א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פֿ צ ץ ק ר ש ת

הויבט אָן דער באַהעלפער: זאָגט קינדערלעך! אַלף, בית, גימל. די קינדער זאָגן נאָך, און דער קליינער נחמן הערט ניט וואָס דער באַהעלפער זינגט מיט די קינדער. די בוכשטאַבן זיינען דאָך סאָל־דאַטן — זיי שטייען אויסגעשטעלט אין רייען איינע נאָך די אַנדערע פּונקט ווי סאָלדאַטן. לעצטן זומער איז אַזאַ ראָטע סאָלדאַטן פאַר־בייגעגאַנגען זייער הויז אין דאָרף. דער ערשטער, דער אַלף, איז דער באַראַבאַנטשיק, דער פּייקלער, ער פּייקלט און די איבעריקע גייען אים נאָך. זעט דער באַהעלפער, אַז דער קליינער נחמן שאָקלט זיך נאָר, אָבער ער זינגט ניט, שטעלט ער אָפּ דאָס געזאַנג, ווייזט אויפן אַלף און פרעגט נחמנען:

— זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָס? — און נחמן ענטפערט באַלד:

— אַ פּייקלער!

די אינגלעך שיסן אויס מיט אַ געלעכטער און שרייען אויס: באַראַבאַנטשיק! באַראַבאַנטשיק! און דער באַהעלפער טוט נחמנען אַ שמיר איבערן פּנים מיט אַלע פינף פינגער. די נאָז ווערט ביים קינד רויט ווי אַ בוריק, און די אויגן פול מיט טרערן,

אָבער ניט פון ווייטיק נאָר פון פּאַרדרוס, וואָס דעם ערשטן טאָג אין חדר האָט ער שוין געקראָגן אַ נייעם צונעמעניש.

די קינדער רייצן זיך מיט אים, נחמן זיצט אין אַ ווינקל שטיל. ער טראַכט: איך וועל זיך צוהערן גוט צום באַהעלפער און אויס־לערנען די נעמען פון די בוכשטאַבן. מען וועט פון מיר מער ניט לאַכן. אָבער ס׳גייט ניט. זעצט ער זיך נאָר אַוועק ביים טיש לעבן אלף בית, נעמען אָן די אותיות מאָדנע געשטאַלטן.

אָט איז אַ שין, ש, ס׳איז דאָך אַ פּיפּערנאָטער מיט דריי קעפּ, אַ ווילדע חיה וואָס קאָן איינשלינגען דריי מענטשן מיט אַמאָל. דער למד, ל, קלאָר ווי דער טאָג, ס׳איז אַ שטאָרך מיט אַ לאַנגן האַלז, וואָס שטייט שטענדיק אין די בלאָטעס אויף איין פוס. דער גימל, ג, — אַ שטיוול וואָס איז אויסגעמאָלן אויף די שילדן ביי אַ שוס־טער. דער דלד, ד, איז אַ האַק — יעדער איינער קאָן עס זען, און דער קליינער בוכשטאַב יוד, י, פּאַר אים ציטערט נחמנען דאָס האַרץ נעבעך: אַזאַ קליינינקער — אַ קליין פייגעלע, שלעפט זיך שטענדיק נאָך, נאָך אַנדערע בוכשטאַבן. דעם אינגלס האַרץ ציטערט, דאָס קליינע פייגעלע זאָל זיך נעבעך ניט פאַרפּלאָנטערן צווישן די אַנדערע בוכשטאַבן, זאָל ניט צעטראָטן ווערן.

ווען מען האָט ביאַליקן פאַרהערט, איז געווען צרות, אָבער נאָכן לערנען האָט זיך דאָס אינגל פאַררוקט אין אַ ווינקל און גע־טראַכט פון די מאָדנע געשטאַלטן פון די בוכשטאַבן. ער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס רופט דער באַהעלפער די אותיות מיט אַזעל־כע מאָדנע נעמען, אַז יעדער איינער קאָן זען זייערע ריכטיקע גע־שטאַלטן.

מילך פון וואַנט

דער טאַטע פאַרדינט ווייניק. אין הויז ווערט די נויט גרעס־ער. עס פאַרשווינדט די קופּערנע פאַן, די קופּערנע קוואָרט און די קישנס און דאָס מעשענע שטייסל. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער קליינער נחמן געזען ווי די מאַמע וויקלט איין אין אַ ווייסן ליילעך די לייכטער, אין וועלכע זי בענטשט ליכט, און טראָגט זיי ערגעץ אַוועק. די מאַמע האָט געוויינט. יענע וואָך איז געווען געגנוג ברויט און הערינג אין הויז, אָבער דער שבת איז געווען אַ טרויעריקער.

נחמן פלעגט וואַרטן אויף די שבתים. ער האָט ליב געהאַט קומען אַהיים פון שול פריימיק צונאַכט. דער טיש איז געווען גע־דעקט מיט אַ ווייס טישטעך. אויף איין ברעג טיש שטייען פיר

לייכטער, אין יעדן לייכטער אַ ברענענדיק ליכט. די פיר פלעמלעך וואַרפן מאָדנע שאָטנס פון יעדער זאַך אויף די ווענט. פון יעדן קאָפּ ווערט פיר קעפּ, פון יעדער האַנט פיר הענט. אויף דעם אַנדערן ברעג טיש צוויי בייכיקע פרישע חלות צוגעדעקט מיט אַ ווייסער סערוועטקע מיט רויטע ברעגעס.

היינטיקער שבת איז אַ טרויעריקער. די פיר ליכט זיינען צו־געקלעפּט צו אַ ציגל. דער קליינער נחמן קאָן ניט פאַרליידן די רויטקייט פון ציגל אויף דעם ווייסן טישטעך — די רויטקייט איז וואָכעדיק. אויף דעם אַנדערן ברעג טיש ליגט אַ שוואַרץ ברויט, די סערוועטקע האָט זיך אַראָפּגערוקט, און דאָס ברויט שוואַרצט פון דעם ווייסן טישטעך. עס דערמאָנט נחמנען דעם ריח פון בי־ליקן טאַבאַק און די שאַרפקייט פון בראָנפן, וואָס ער פלעגט פילן אין די וואָכעדיקע טעג אין דאָרף.

דער טאַטע מאַכט קידוש. דער זעלבער פריילעכער קידוש ווי אַלעמאָל, אָבער דער טאַטע זינגט עס אויס אַזוי טרויעריק. נאָכן קידוש שניידט דער טאַטע מיטן טעמפּן מעסער דאָס שוואַרצע ברויט און גיט יעדן קינד אַ המוציא. די קינדער קייען דאָס האַרטע ברויט. איין געריכט. צווישן די געריכטן זינגט מען אַלעמאָל זמירות, גע־זאַנגען לכבוד שבת. דער טאַטע הויבט אָן די זמירות — די קינדער כאַפּן אונטער. באַלד ווערט דער טאַטע אַנטשוויגן, וויל איינהאַלטן די טרערן. אין הויז איז שטיל. מען הערט ווי די ליכט ברענען. די מאַמע דערלאַנגט דאָס צווייטע געריכט, הערינג. מען קייט שווייגנדיק און טרויעריק. וואָכעדיק געזאַנג. נחמנען דוכט זיך, אַז דאָס זינגט אַזוי די נויט. זוען מען האָט געגעסן צו זאַט, און דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש אויף ווייַן, עס איז געווען פלייש און הייסע יויך, און אַלע קינדער צוזאַמען מיטן טאַטן האָבן געזונגען זמירות, האָט מען ניט געהערט דאָס גרילצן פון גריל, אָבער אַז אין הויז איז מער ניטאָ ווי שוואַרץ ברויט און הערינג, אויף דעם ווייסן טישטעך ליגט אַ רויטער מיאוסער ציגל, זינגט די גריל, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ שפּאַלט אין וואַנט. עס צעלאָזט זיך די גריל מיט איר שניידנדיק וואָכעדיק געזאַנג.

אַ גרויס רחמנות ווערט דערוועקט אין דעם קליינעם אינגלס האַרצן אויף דעם טאַטן און דער מאַמען. ער מוז זיי העלפן. שאַ, אָט האָט ער אַ פּלאַן. ער וועט אַרויסמעלקן מילך פון וואַנט. ער דאַרף נאָר געפינען דאָס פּאַסיקע שטיקל וואַנט.

מעלקן די וואַנט איז גרינג. האָט ער ערשט לעצטע וואָך גע־הערט ווי אַ איד האָט געצאַפּט ווייַן פון וואַנט, יאָסל ריוועס האָט

עס דערציילט אין חדר. יאָסלס טאַטע האָט עס אַליין געזען. נו, אַז יענער האָט אַזוי געטאָן, פאַרוואָס זאָל ער, דער קליינער נחמנקע, עס ניט קאָנען טאָן?

זוכט ער אַ פּאַסיק שטיקל וואַנט. געפינט ער עס אין קיך, לעבן סאַמע דיל. די וואַנט איז דאָרט נאַס און בייכיק — אוודאי אָנגעפילט מיט צופיל מילך. ער וועט מאַכן אַ לעכל און אָנשעפּן פולע עמערס מיט מילך. די מילך, וועט מען פאַרקויפן און פאַר דעם געלט קויפן חלה און פלייש און נייע לייכטער.

גייט דער קליינער ביאַליק איבער די הויפן און קלייבט אויף אַוואו אַ שטיקל שערבל, אַוואו אַ צעבראָכענע פלאַש, אַן אַלט צע־בראָכן קענדל, אַן אַלטע יאַרמולקע, אַן עמער אָן אַ הענטל, אַן אַל־טע פאַן. צונויפגעקליבן, אויך אַ פּראָבקע האָט ער געפונען. מען דאַרף פאַרשטאָפּן די וואַנט נאָכדעם ווי מען וועט פאַרטיק ווערן מיטן צאַפּן די מילך, אַניט וועט דאָך דאָס הויז פאַרפלייצט ווערן.

אויפגעקליבן די כלים, זעצט זיך דער קליינער נחמנקע אַוועק לעבן וואַנט, אַ טשוואָק אין איין האַנט, אַ שטיין אין דער אַנדערער און האַקט דעם טשוואָק אין וואַנט. אַביסל אַ צו שווערע אַרבעט פאַר אַ פינף יאָריק קינד. דאָס אינגל אַרבעט שווער. באַלד, באַלד און דער טשוואָק וועט דורכלעכערן די וואַנט, און אַ שטראָם מילך וועט זיך אַ גאָס טאָן.

ס׳איז אים אָבער ניט געווען באַשערט צו ענדיקן די אַרבעט. דער טאַטע איז אַריין אין הויז. ער האָט דערזען דאָס קינד זיצנדיק אויפן דיל און האַקנדיק אין וואַנט, האָט ער זיך צעשריען:

— געוואַלט וואָס טוט מען מיט דעם צעדרייטן קינד? ער האָט זיך שוין גענומען ברעכן ווענט! אָט אַ גולם!

מען האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע כלים וואָס דאָס אינגל האָט אָנ־געקליבן און אים גוט באַשטראָפט. ביאַליק האָט געחלשט נאָך אַמאָל פּרובירן מעלקן די וואַנט, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַרן טאַטן.

די גריל גרילצט העכער

נאָכן פאָטערס טויט איז די נויט אין הויז נאָך גרעסער געוואָרן. די גריל האָט געגרילצט שוין אין מיטן וואָך אויך. דאָס אינגל איז ווי מיט אַמאָל עלטער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ סך זאַכן. ער האָט שוין געוואוסט, אַז די ווענט זיינען נאַס ניט ווייל זיי זיינען פול מיט מילך, נאָר ווייל דאָס הויז ווערט זעלטן געהייצט, דער דאַך רינט, דער טינק אויף די ווענט איז אַלט.

דער קליינער ביאַליק זעט שוין און באַמערקט אַלץ. די מאַמע שטייט אויף פאַרטאָג, פאַרעמט זיך ביים אויוון אָנצוגרייטן עפּעס פאַר די קינדער. זי רעדט און וויינט אין זיך. אירע ליפּן שעפּטשען אַ תּפילה, אַ געבעט צו גאָט: „אַלמעכטיקער, באַרעמהערציקער, האָב רחמנות אויף מיינע קינדער, שפּייז זיי ווי דו שפּייזסט די ווערים אונטער אַ שטיין".

זי האָט געדאַרפט אויפשטיין פרי, די מאַמע, און צוגרייטן אַלץ אויף אַ גאַנצן טאָג פאַר די קינדער. זי אַליין האָט זיך געלאָזן מיט אַן אָנגעפּאַקטן קויש מיט סחורה איבער די רייכע הייזער פאַר־קויפן עפּעס און פאַרדינען עסן פאַר די קליינע קינדער. ביינאַכט איז זי געקומען אַ מידע אַהיים. זי האָט זיך ניט געקאָנט צוזעצן, געווען געניג אַרבעט פאַר איר. מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן העמדלעך, פאַרצירעווען זאָקן. יעדע ווײלע פלעגט זי איינדרעמלען פון מידקייט; באַלד האָט זי זיך אָבער אויפגעכאַפּט און ווייטער געאַרבעט. דאָס קליינע לעמפּל צאַנקט, דאָס פלעמל ציטערט און אַזוי ווי עס רעדט מיט רחמנות: אָרימע מאַמע, אָרימע יתומימלעך.

איינמאָל אַ וואָך באַקט די מאַמע ברויט. זי שטייט אויף אינ־מיטן נאַכט. נחמן איז אויך וואַך. ער זעט ווי די מאַמע קנעט דאָס טייג, קנעט און זיפצט און בעט גאָט: „האַר פון דער וועלט, שטאַרק מיך, פון מיינע קינדערלעכס וועגן! שטאַרק מיך! וואָס בין איך? אַן אָרימע אידענע, און דאַרף שפּייזן זיבן יתומימלעך". טרערן רי־נען פון אירע אויגן און פאַלן אַריין אין טייג.

און אַז ביאַליק עסט פון פרישן ברויט אינדערפרי, דוכט זיך אים, אַז מיט יעדן ביסן שלינגט ער אַראָפּ דער מאַמעס אַ טרער.

יאָרן שפּעטער האָט עס ביאַליק וואונדערלעך שיין באַשריבן אין זיין ליד „שירתי" („מיין פּאָעזיע").

דער זיידע

דער זיידע יעקב משה האָט צוגענומען ביאַליקן צו זיך, זאָל די מאַמע האָבן מיט איין מויל ווייניקער צו שפּייזן. ביאַליק האָט גע־האַט מער צו עסן, אַ בעסער געלעגער צום שלאָפן, אָבער ער האָט זיך ניט געפילט גליקלעך. ער האָט געבענקט נאָך דער מאַמען, נאָך די ברידער און די שוועסטער.

דער זיידע איז נאָך צו אַלע צרות געווען זייער אַ שטרענגער. נאָכן פאָטערס טויט איז דאָס אינגל געוואָרן אַ פרייער פויגל, פלעגט זיך שפּילן ווען ער האָט געוואָלט, פאַרבראַכט אין וואַלד און פעלד,

און איצט וויל דער זיידע, אַז דאָס אינגל זאָל זיין גוט און פרום; היט אים אָפּ, ער זאָל ניט שטיפן, ניט פאַרנעמען זיך מיט נאַריש־קייטן.

ביאַליקן איז אָבער געווען שווער איינצוהיטן. ער פלעגט זיך ארויסכאַפּן הינטערן שטאָט, וואַנדערן אין פעלד און וואַלד, נאָכ־קוקן פליענדיקע פויגלען, שוועבנדיקע וואָלקנס. ער פלעגט קומען אַהיים שפּעט אין אָוונט, זיך ווען אַריינגנבענען שטיל אין הויז, קיינער זאָל ניט זען, אָבער ס'איז אים קיינמאָל ניט געלונגען. דער זיידע האָט אים אָפּגעוואַרט.

ביאַליק איז שוין געווען אַ היפּש אינגל, אַ יאָר צען־צוועלף, האָט אים דער זיידע ניט געשלאָגן. אָבער ער האָט אים געמוסרט, געשטראָפט, געבייזערט זיך, געלאַכט פון אים. דאָס איז נאָך ער־גער פון קלעפּ.

דאָס אינגל האָט פיינט געהאַט דעם זיידנס שטראָף רייד. ער האָט זיי געוואָלט פאַרמיידן. אַ פּאָר טעג איז ער געווען שטיל, געפאָלגט, באַלד האָט ער זיך אָבער ווייטער פאַרבענקט נאָך וואַלד און פעלד און איז ניט געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג.

ביסלעכווייז האָט זיך נחמן געביטן — און איז געוואָרן שטאַרק באַליבט ביים זיידן.

דאָס אינגל האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ מאָדנעם פלייס צום לערנען; ספרים און ביכער האָבן פאַרכאַפּט דעם אינגלס פאַנטאַזיע. ער האָט אַריבערגעיאָגט זיינע אַלע חברים אין לערנען.

לערנען האָט געמיינט דאַן נאָר איין זאַך, לערנען גמרא, דעם טייל פון די הייליקע אידישע ספרים, וואו ס'ווערט אויסגעטייטשט די ביבל און וואו אַלע דינים, געזעצן, וואָס אַ פרומער איד דאַרף וויסן, ווערן קלאָר אַרויסגעבראַכט. ניט נאָר דאָס קענען גמרא האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער זאַך, אויך דער עצם לערנען איז געווען אַ מצוה — אַ גוטע זאַך. אַ אינגל פלעגט אָנהייבן לערנען גמרא ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט. ס'פלעגט געדויערן אַ יאָר פיר, זעקס, ביז אַ בחורל האָט זיך אויסגעלערנט צו לערנען אַליין אַ בלאַט גמרא, דאַן האָט ער אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך — דאָס מיינט אָן דער הילף פון רבין.

ביאַליק האָט אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך צו עלף יאָר. ער האָט געלערנט אין אַ קליין בית־מדרשל וואָס איז געווען אין עק שטאָט. וויניק מענטשן זיינען אַהין געקומען דאַוונען. זעלטן ווען אימיצער פלעגט אַהין פאַרבלאָנדזשען לערנען, און דער קליינער ביאַליק האָט געהאַט דאָס בית־המדרשל אינגאַנצן פאַר זיך.

ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט. פלעגט אויפשטיין ווען ס'איז געווען פינצטער און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. באַלד האָט ער געקראָגן דעם נאָמען פון אַ גרויסן מתמיד — אַ זייער פליי-סיקער לערנער.

שפּעט בייַנאַכט ווען אימיצער פלעגט דורכפאָרן פאַרביי דער קלויז, האָט ער געהערט דעם אינגלס קול. ס'איז שטיל אַרום, נאָר אַ פּאָר שטערן גלאַנצן אויבן אין הימל. די גראָזן שעפּטשען שטיל אין פעלד, די פענצטער פון די הייזער זייַנען פינצטער, בלינד, נאָר איין פענצטער אין בית-המדרש איז ליכטיק, דאָרט זיצט, מיט אַ ליכט אין האַנט, דער מתמיד ביאַליק און לערנט.

יאָרן שפּעטער, ווען דאָס אינגל איז געוואָרן דער גרויסער דיכ-טער ביאַליק, האָט ער דאָס אַלץ באַשריבן אין זיין באַרימט ליד „המתמיד".

ישיבה

נאָך עטלעכע יאָר לערנען אין בית-המדרש, איז ביאַליקס פליי-סיקייט קלענער געוואָרן. ער האָט געוואָלט קענען, אַחוץ גמרא, אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט משכילים. משכילים, אָדער אויפגעקלערטע, האָבן זיך גערופן די אידן, וואָס האָבן נישט געהאַלטן איבעריקס שטאַרק פון פרומקייט. זיי האָבן געשטרעבט צו אַלגעמיינער וועלטלעכער בילדונג. ביי זיי האָט ביאַליק געקראָגן לשון-קודשדיקע ביכלעך, וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אויפגעקלערטן. אויך האָט ער זיך פון זיי דערוואוסט, אַז אין דער שטאָט וואָלאָזשין געפינט זיך אַ ישיבה, אַ העכערע שול פאַר גמרא, און אַז אין אָט דער ישיבה לערנט מען, אַחוץ גמרא, אויך אַלגעמיינע לימודים. ביאַליק האָט זיך אָוועקגע-לאָזן קיין וואָלאָזשין. דאָרט זייַנען געווען אַ סך געלערנטע יונגע לייט, גרויסע קענער פון תלמוד (גמרא) און אויך גרויסע משכילים, וואוילקענענדיקע. ביאַליק האָט ליב געהאַט צו חברן זיך מיט זיי און צו פירן מיט זיי געשפרעכן.

אין יענער צייט איז פאַרשפּרייט געוואָרן דער געדאַנק פון די חובבי-ציון, די ליבהאָבער פון ציון. כמעט אַלע בחורים פון וואָ-לאָזשין זייַנען געווען חובבי-ציון. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס אי-דישע פאָלק דאַרף צוריקקריגן זיין אַמאָליק לאַנד, ארץ ישראל, און זיך דאָרט באַזעצן. זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויפלעבן די אַלטע העברעאישע שפּראַך, די שפּראַך, אויף וועלכער

די נביאים האָבן גערעדט. ביאַליק איז אויך געוואָרן אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט געשריבן לידער, און די חברים האָבן פון אים זייער שטאַרק געהאַלטן.

דאָס ערשטע געדרוקטע ליד

ס׳איז פרילינג. דער יונגער ביאַליק זיצט לעבן פענצטער און קוקט אַרויס אין גאַס. אַלץ האָט אויפגעלעבט. די פויגל וואָס זייַנען אַוועקגעפלויגן אין די וואַרימע לענדער איבערן ווינטער, האָבן זיך צוריקגעקערט און פילן אָן די לופט מיט זייער געזאַנג. ביאַליקס האַרץ איז פול מיט בענקשאַפט צו די ווייטע לענדער. ער דערמאָנט זיך, אַז ארץ-ישראל איז אויך איינס פון די לענדער, וואו ס׳איז כמעט שטענדיק זומער. פרעגט ער דאָס פייגעלע צי עס האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון ארץ-ישראל. ער פרעגט זיך ביי אים נאָך אויף די באַוואוסטע היסטאָרישע פלעצער, אויפן ירדן, אויף דעם טאָל פון שרון און אויף די אידישע קאָלאָניסטן, וואָס אַרבעטן דאָרט אויף די פעלדער. ער ווינטשט זיך אויך האָבן פליגלען, צו פליען אַהין וואו עס בליט דער טייטל-בוים און עס וואַקסט דער מאַנדל-בוים. ער האָט דאָס אַלץ אויסגעדריקט אין אַ ליד. דאָס ליד רופט זיך „צו אַ פייגעלע" — „אל הצפור", אין העברעאיש.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ביאַליק אָפּגעפאָרן קיין אָדעס. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט ראַווניצקין. ראַווניצקי האָט דאָס ליד אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „הפרדס". דאָס איז געווען ביאַליקס ערשטע געדרוקטע ליד. דער דיכטער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכצען.

הוק — שטאַרקער טומל. פאַרשמייעט — צעטראָגן, צעטומלט. רידל — Spade.
פראָבקע — Cork-Stopper. טינק — Plaster.

ענדע זומער

מענדעלע-מוכר-ספרים.

שאַ שטיל איז סליחות-צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָכמיטאָג. און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה-שחורה. די ביימער שטייען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, גאָרנישט דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט ווי פריער. זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצן, אַ קרעכצן פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָכדעם ווי אירע קינדער צעפאָרן זיך אין אַלע זייטן. דאָרט וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גע־רעשט, געזונגען, געשפּרונגען אין איטליכעם ווינקעלע, איז אַצינד שטיל, רואיק, ווי אויף אַ בית-עולם. אַלצדינג דאָרט דערמאָנט אין דעם צעשיידן זיך מיט די ליבע, טיף אין האַרצן איינגעבאַקענע. נישטאָ די פריערדיקע לעבעדיקייט, די פרישקייט און אויפגעראַמט־קייט. אַלצדינג שטייט עפּעס ווי ברוגז, זייער אומעטיק. דער הימל קוקט אויך נישט פריינטלעך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן. וויסט איז די נעסט — די פייגעלעך זיינען זיך צעפלויגן... פאַרזאָרגט, פאַר־טראַכט שטייט דער וואַלד, גלייך ווי ער פילט, אַז דאָס אויפהויבן זיך און אַוועקפליען פון זיינע שפּיל-פייגעלעך באַווייזט נישט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטן, אַז באַלד, באַלד וועט זיך אָנרוקן אויף אים אַ כמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטן. און ער איז אַצינד דאַריבער פאַראומערט, שטאַרק באַטריבט.

סליחות צייט — ענדע זומער. פאַר ראש השנה און צווישן ראש השנה און יום-כיפּור זאָגט מען אין די נעכט סליחות — אַזעלכע תּפילות. **מרה שחורה** (מאָרע שכוירע) — טרויער, מעלאַנכאָליע.

אַ שטילע פרייד ליגט...

י. י. שוואַרץ.

אַ שטילע פרייד ליגט גאָלדיק אויף די פעלדער —
די טעג זיי זיינען אַזוי זוניק-ליכטיק.
פאַרנאַכטן — פורפורנע מיט טיפע הימלען —
די אַלטע פאַרם-הייזלעך אַזוי ציכטיק.

אין גאַרבן גאָלדענע טריקנט זיך די שפע
פון נייע, פרישע שמעקנדיקע ברויטן.
עס טריקענען אין זון די געלע קירבעס,
און שוואַרצע טרויבן קרויזלען זיך אויף פלויטן.

די רויטע ווינטער-עפל אויף די ביימער,
זיי לויכטן פריש-באַהויכט דער זון אַנטקעגן.
און ס'ציען זיך, פאַרדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אַלטע, רויטע, גרין-פאַרגראָזטע וועגן.

עס הויכט מיט פרישן ברויט, מיט ווין און עפל
און טרוי'ריק-היימלעך אַלטע ביימער זשומען.
און ס'האָבן גאָלדיקע און שטילע פריידן
מיין טרויעריקעס האַרץ אַרומגענומען.

שפע (שעפע) — רייכקייט, געדעטעניש (Abundance). קירבעס — Pumpkin.

די צוויי ברידערלעך

א. רייזען.

א

יענקעלע און בערעלע — ברידערלעך, דער ערשטער פערצן יאָר אַלט, דער צווייטער זעכצן — לערנען אין דער ישיבה, וואָס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאָט, פינף מייל פון זייער געבורט־שטעטל „דלותאָווקע".

יענקעלע איז אַ דאַרינקער, אַ בלייכינקער מיט צוויי שוואַרצע אויגעלעך, וואָס קוקן כיטרע אַרויס פון אונטער די צוויי שוואַרצע ברעמען. בערעלע איז העכער און פולער פאַר יענקעלען, אויגן האָט ער העלערע, און זיין קוק איז שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי ברידערלעך האָבן געהאַט סטאַנציע ביי אַן אָרעמער קרובה, אַן אַלמנה, אַ טענדלערן, וואָס האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבל ניט געפונען. קיין בעט האָבן די צוויי ברידערלעך ניט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט דער קופערט, וואָס איז גענוג ברייט געווען, געדינט זיי פאַר אַ בעט, און די צוויי ברידערלעך פלעגן ביידע געשמאַק שלאָפן אויף אים, איינדעקנדיק זיך מיט זיי־ערע לאַנגע צעריסענע בגדימלעך, און פלעגן אין חלום זען זייער שטע־טעלע, זייער געסל, דאָס שטיבעלע און דעם טאַטן מיט דער לאַנגער באָרד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, מיטן געבויגענעם רוקן, און פלעגן זען די מאַמע מיטן לאַנגן, בלייכן, אומעטיקן פנים, און פלעגן הערן, ווי די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך קריגן זיך, רייסנ־דיק זיך פאַר אַ שטיקל הערינג... און נאָך פלעגן זיך זיי חלומען חלומות פון דער היים און אינדערפרי פלעגן זיי בענקען, און עס פלעגט זיי ציען, ציען, און דעמאָלט פלעגן זיי לויפן אויף דער דלותאָוו־קער אכסניא פרעגן ביי די בעלי־עגלות אַ גרוס, צי אַ בריוועלע פון דער היים...

און די דלותאָווקער בעלי־עגלות זיינען געווען גוטע אידן, האָבן געהאַט ווייכע הערצער און וואָלטן אַוודאי רחמנות געהאַט אויף די צוויי אָרעמע אינגלעך, וואָס גאַרן אַזוי עפּעס הערן פון דער היים, וואָס זייערע אייגעלעך ברענען און זייערע הערצעלעך קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק, — זיינען אָבער די בעלי־עגלות געווען

שטאַרק פאַרשמייעט: קומען פלעגן זיי אהער מיט טויזנטער שליחותן פון דלותאָווקער קרעמער און סוחרים, און בריוו האָבן זיי געהאַט מער פאַר דער פּאָסט — און אָרדענונג איז ביי זיי געווען אַ סך ווייניקער ווי אין פּאָסט; בריוו פלעגן ביי זיי פאַרלעגן ווערן, פּאַסילקעס פלעגן ביי זיי פאַרפאַלן ווערן, און צעטומלטע, קראַצנדיק זיך אין די פּאַטילניצעס, פלעגן זיי יעדן ענטפערן:

— אָט באַלד, באַלד געפין איך... ניין... דאַכט זיך פאַר אייך האָב איך גאָרנישט...

אַזוי פלעגן זיי ענטפערן גרויסע אידן, וואָס פלעגן קומען צו זיי; די ברידערלעך אָבער פלעגן שטיין און שטיין, קוקן מיט דאַרשטיקע אויגן און מיט צעקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל־עגלה — אַ באַוואַקסענער איד, אין אַ קורצן וואַטאָוון קאַפּטאַן סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגן וואַרטן, טאָמער וועט ער זיי באַמערקן און זאָגן זיי עפּעס, כאָטש אַ וואָרט... נאָר לייזער איז געווען פאַרהאַוועט: דאָ האָט ער אויפן הויף דעם פערד עסן געגעבן, דאָ פלעגט ער אַריינלויפן אינוויניק אין אכסניא, דאָ פלעגט ער זיך פאַנאַנדערעדן מיט אַ פריקאַזטשיק פון אַ גרויסן מאַגאַזין, וואָס האָט אים אַ „רשימה״ מיט סחורה געבראַכט, אָפּצופירן אין דלותאָווקע פאַר אַ קרעמער. און די ברידערלעך פלעגן אַלץ שטיין... ביז דעם עלטערן ברודערל — בערלען — פלעגט דער געדולד פּלאַצן, און אַ פאַרביסענער, שיר ניט פאַנאַנדערוויינענדיק זיך פאַר פאַרדרוס, פלעגט ער קוים אַרויסרעדן:

— איר האָט, רב לייזער, אַ בריוועלע פון טאַטן?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערן, אַנטלויפן אין גאַס אַריין מיט וועמען עס איז, אָדער זיין פאַרטראַגן אין שמועס, און בערעלע פלעגט זיך דערוואַרטן אויף עפּעס אַן ענטפער, וועלכן לייזער פלעגט, ניט קוקנדיק בערעלען אין פּנים, קאַלט אַרויסזאָגן:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצן און, אַ צעקלעמטער, אָוועקרופן יענקעלען, און זיי פלעגן זיך לאָזן גיין אויף זייערע „טעג״ אומעטיקע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אוודאי פאַרלירן די בריוו! — פלעגט יענקעלע אין עטלעכע מינוט אַרום אַרויסרעדן.

— אַ שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פאַרדריסלעך.

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך אַ בריוועלע איבערגעגעבן, און דערצו אַ קליינע פּאַסילקע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליבע קינדער, זייט מענטשן און ווילט לערנען. מיר שיקן אייך דאָ אַ האַלבן קעז און אַ פערטל פונט צוקער און אין גלעזל אַביסל יאַג-דעס-סאַק, עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

ממני אביכם חיים העכט".

דאַמאָלסט איז ביי זיי אין די אויגן לייזער געווען דער בעסטער מענטש אין דער וועלט. וואָלטן זיי זיך ניט געשעמט, וואָלטן זיי אים מיט זיין פערד און וואָגן פאַר ליבשאַפט אויסגעקושט. זיי האָבן גלייך אָנגעשריבן אַ בריוול (פאַפיר פלעגן זיי אויסרייסן אין ישיבה די ער-שטע בלעטער פון די גמרות, און זייערע הערצלעך פלעגן געווג דאַ-מאָלסט קלאַפן) און האָבן עס אויף דער נאַכט ביידע אָפּגעטראָגן לייזער בעל-עגלה. לייזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַריינגערוקט אין בוזעם און עפּעס אַרויסגעבורמעט אַ וואָרט ענלעך צו „גוט".

— וואָס האָט ער געזאָגט, בערל? — האָט יענקעלע מיט האַרצ-קלאַפּעניש געפרעגט.

— „גוט", דאַכט זיך... — האָט בערל מיט ספקות געענטפערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט „גוט!"

— האָט יענקעלע זיך אַליין באַרואיקט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן מיט שרעק:

— ער קאָן נאָך דעם בריוו אָנווערן!

— ביים בעסער אָפּ די צונג! — איז בערעלע אין כעס געוואָרן.

און פאַרקלעמט וועגן גורל פון זייער בריוו אַהיים, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אויף זייערע „טעג", וואָס זיי האָבן געהאַט אין באַ-זונדערע גאַסן.

ב

אַזוי זיינען די צוויי ברידערלעך דריי מאָל אין וואָך, ווען לייזער בעל-עגלה קומט צופאָרן אַהער, אַלע אינדערפרי, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אויף דער דלותאָווקער אַכסניא, פרעגן אַן „ענטפער" אויף זייער בריוועלע. און לייזער דער בעל-עגלה איז וואָס אַמאָל אַלץ מער צעטראָגענער, בייזער און ענטפערט זיי, אָדער האַלבע ווערטער, וואָס די צוויי ברידערלעך באַנעמען עס ניט און וואָלטן וועלן איבער-פרעגן, ווען זיי וואָלטן קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָרניט, און זיי גייען אַוועק מיט צעקלעמטע הערצער.

איינמאָל אָבער האָבן זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל-עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען:

— וואָס האָט איר זיך, קונדייסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איר מיר אַ קאָפּ: בריוול, שמיוול!... איר צאָלט מיר אַ סך?... איך

בין אייערער אַ פּאַסטאַליאָן? וואָס? גייט אייך געזונטערהייט.

די ברידערלעך זיינען טאַקע אַוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונ-טערהייט, ווי ער האָט זיי געהייסן: די הערצעלעך האָבן זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק ווי געטאָן, און די יונגע דינע פּיס האָבן זיך גע-בויגן, און טראָפּנס טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט און אַראָפּגערונען אויף דער ערד און צעטראָטן געוואָרן פון מענטשלעכע שווערע טריט...

און מער זיינען זיי שוין ניט געגאַנגען צום בעל-עגלה פרעגן אויף אַ בריוו.

— ליגט ער אין דר'ערד! — האָבן זיי געשאָלטן, כאָטש זייערע הערצלעך האָבן עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגן כאָטש גיין זען לייזער בעל-עגלה, זיין פערד און וואָגן.

ג.

איינמאָל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי דער בעל-עגלה האָט זיי אַזוי פּאַריאָגט, זיינען די צוויי ברידערלעך געזעסן ביי דער אָרע-מער קרובה אין שטיבל און האָבן גערעדט וועגן זייער חיים. דאָס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג, פרייטיק.

— וואָס קער איצטער צו טאָן דער טאַטע? — האָט יענקעלע אַ זאָג געטאָן, אריינקוקנדיק אין די קליינע שייבעלעך פון די קליינע פענצטערלעך.

— ער שניידט אַוודאי די נעגל, — האָט בערעלע מיט אַן אוי-מעטיקן שמייכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקן אַ „פיסנאָהע"..... — האָט יענ-קעלע זיך פאַרגעשטעלט אין דמיון — און די מאַמע מוז קעמען איצטער כיענעלען, און כיענעלע מוז אַוודאי וויינען . . .

— גענוג צו רעדן נאַרישקייטן, — האָט בערעלע אים אָפּגע-שטעלט — וואָס קאָן מען וויסן אונטער די אויגן, וואָס דאָרטן טוט זיך? אפשר איז עמיצער גאָר געשטאָרבן! — האָט ער צום סוף גע-נומען שרעקן יענקעלען.

— גיי, גיי, משוגענער! — האָט יענקעלע איבערגעשלאָגן — אַז מע שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן . . .

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט, און דער בעל-עגלה גיט אונז ניט איבער . . .

— אַי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יענקעלע זיך צעבייזערט אויף אַן אמת . . .

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערעלע אים באַרו־איקט — אַלע לעבן . . .

יענקעלע איז פריילעך געוואָרן און האָט פלוצלונג אַ שפרונג גע־טאָן אין דער הויך און מיט לוסטיקע אייגעלעך אויסגעשריען:

— בערל! פאָלג מיך, לאָמיר גאָר שיקן אויף פאָסט אַ בריוול אַהיים.

— ביסט געראָכט! — האָט בערל איינגעשטימט — איך האָב אָבער קיין געלט ניט.

— איך האָב אַ פירערל, מיר איז געבליבן פון נעכטיקן צענערל. אויף מיין „דאַנערשטיק" גיט מען דאָך מיר, ווייסט דאָך, אַ צענערל אויף וועטשערע, איז מיר אַ פירערל געבליבן.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערל געזאָגט — אַקוראַט אויף אַ קאַרטל.

— ווער וועט אָבער שרייבן? — האָט יענקל געפרעגט.

— איך, — האָט בערעלע געענטפערט — איך בין דאָך עלטער, איך בין דאָך אַ בכור . . .

— איך גיב דאָך אָבער אַ פירער.

— אַ בכור איז מער ווערט ווי אַ פירער.

— ניין, איך וועל שרייבן אַ האַלבס און דו אַ האַלבס, האַ?

— זאָל זיין אַזוי, קום קויפן אַ קאַרטל!

און די צוויי ברידערלעך זיינען אַוועקגעלאָפן קויפן אַ קאַרטל אין פאָסט.

— דאָ וועט זיך גאָרניט אויסשטעלן! — איז יענקעלע ניט גע־ווען צופרידן, באַטראַכטנדיק, צוריקגייענדיק אַהיים, דאָס קליינע קאַרטל.

— מיר וועלן שרייבן קליינע אותיותלעך, מאַנטשינקע, — האָט בערעלע אַן עצה געגעבן.

— וועט דער טאַטע ניט קאָנען איבערלייענען . . .

— נישקשה! ער וועט אָנטאָן די שפאַקולן!

— נו, קום גיכער! — האָט יענקעלע געטריבן.

זיין הערצל איז שוין פול געוואָרן מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף דער גיך אויסגיסן אויפן שטיקעלע פאַפיר, פאַר וועלכן ער האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן . . .

זיי זיינען געקומען אין שטיבל און האָבן זיך גענומען מכין זיין צום שרייבן.

בערל האָט גענומען שרייבן דער ערשטער, יענקעלע איז גע־שטאַנען און געקוקט.

— הייב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרייבן אַ שורה. וואו האָסטו אַזוי ווייט אַוועקגעשטעלט דעם „לאהובי אָבי!״ — האָט יענקעלע געשריען.

— וואו זאָל איך אים שטעלן? אויפן הימל, וואָס? — האָט בערעלע גערעדט און געטריבן פון זיך יענקעלען:

— גיי אַוועק! איך וועל דיר לאָזן אַ האַלבס; טומל מיר ניט...

— שאַ! שאַ! — איז יענקעלע אָפּגעטראָטן און געקוקט פון דער ווייט מיט דאַרשטיקע אויגלעך אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער זיצט פאַרטיפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאָס שטער'נדל און טונקט די פּען און פאַרטראַכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! — האָט יענקעלע אין עטלעכע מינוט אַ גע־שריי געגעבן.

— עס איז נאָך ניט קיין העלפט, — האָט בער'עלע שרייבנדיק געענטפערט.

— מיר קומט דאָך מער ווי אַ העלפט! — האָט יענקעלע שוין בייז געשריען. דער חשק צום שרייבן, אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר די היימישע האָט אים שוין אינגאַנצן דורכגענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנ־הויב שטאַרק אריינגעלאָזט אין מליצות, ווי „ראשית באתי להודיעך שאני בריא וקים״. ער דאַרף נאָך פאַרמסרן לייזער דעם בעל־עגלה, ער דאַרף נאָך שרייבן, וויפל בלאַט גמרא ער האָט אָפּגעלערנט, ער דאַרף געבן אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל זיי שיקן עפּעס אַ פּאָסילקע־לע, ווייל עס פעלט זיי צו מאַנטיק און צו מיטוואָך, און דער דינסטיק איז אויך ווי גאַרנישט.

און בערעלע שרייבט און יענקעלע קאָן זיך שוין ניט איינהאַלטן, ער זעט ווי בערעלע פאַרנעמט מער ווי אַ האַלבס.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפן מיט אַ געשריי און אָנגעכאַפּט פאַרן הענטל פון פעדער.

— נאָך דריי ווערטער! — האָט זיך בערעלע געבעטן.

— אָבער געדענק־זשע: מער ניט! — האָט יענקעלע געשריען און די אייגעלעך האָבן אים געפלאַקערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרייבן די דריי ווערטער. נאָר דער געדאַנק, וועלכן ער האָט געדאַרפט אויסדריקן, האָט געפאָדערט נאָך אַ צען־פופצן ווערטער, און בערעלע, אַ באַגייסטערטער פון שרייבן, האָט געפיקט אויפן פּאַפּיר און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטל.

— דו הערסט אויף! — האָט יענקעלע אויסגעשריען און זיך היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט, באַטראַכטנדיק דאָס קליין שטיקעלע, וואָס איז פאַר אים געבליבן...

— שאַ, נאָך ממני בנך... — האָט זיך בערעלע געבעטן — מער ניט!...

נאָר יענקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבן אַ גאַנצן פירערל און בערלס וועט מען אין דער היים לעזן אַזוי פיל, איז ער אַזוי צע־קאָכט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסן פון אונ־טער בערלס הענט דאָס קאַרטל.

— לאָז מיר שטעלן נאָך „ממני בנך"... — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטן — מער ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אָן „ממני בנך"... — האָט יענקעלע גע־שריען, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ממני בנך מוז זיין. דער כעס האָט אים אָבער גענומען קאָכן און ער האָט גענומען שלעפּן מיט געוואַלט דאָס קאַרטל; בערעלע האָט פעסט צוגעדריקט, נאָר יענ־קעלע האָט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן, אַז דאָס קאַרטל האָט זיך אויף צוויי גערן צעריסן.

— וואָס האָסטו געטאָן, גזלן? — האָט בערל ווילד אויסגע־שטעלט זיינע אויגן אויף יענקעלען.

— איך האָב געוואָלט אַזוי! — האָט יענקל געזאָגט דורך פאַר־שטיקטע טרערן.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט בערל ווייטער געפרעגט, קוקנדיק מיט פאַרצווייפלטע בליקן אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטיקער פון דעם פאָסט־קאַרטל.

נאָר יענקל האָט ניט געקאָנט ענטפערן, די טרערן האָבן אים געוואָרגן. דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויסגעהאַלטן און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרן מיט יאָמער...

א) **טענדלערן** — אויפקויפערן פון אַלטע זאַכן. **אכסניה** (אַכסאַניע) — איינפאָר הויז (Inn). **פאַרשמייעט** — צעטראָגן, שטאַרק פאַרנומען. **פּאָסילקעס** — צוגעשיקטע פעקלעך עסן אָדער קליידער. **פּאָטילניצע** — הינטערשטער טייל פון קאָפּ.(Nape of Neck). **פּריקאַזטשיק** — קראָם אָנגעשטעלטער (Clerk). **רשימה** (רשימע) — ליסט, צעטל. **ספקות** (ספייקעס) — צווייפל, אומזיכערקייט.
ג) „**פּיסנאָהע**" — אַ מין מאכל, געמאַכט פונ'ם פוס פון אַ קאַלב. **דמיון** — (דימיען)—פאַנטאַזיע. **פירערל, צענערל**—מטבעות פון 4, פון צען גראָשן. **בכור** (בכאָר) — דער עלטסטער. **מכין זיין זיך** (מייכן) — צוגרייטן זיך. **לאהובי אָבי** (לאַהוואווי אָווי) — צו מיין געליבטן טאַטן. **מליצות** (מעליצעס) — שיינע פראַזן. **ראשית באתי להודיעך שאני בריא וקיים** (רעישיס באָסי לעהוידיאַכאָ שעאַני באָרי וועקאַיעם) — ערשטנס קום איך דיר לאָזן וויסן, אַז איך בין געזונט און שטאַרק.

אין וואַלד

מענדעלע־מוכר־ספרים

בן־ציון האָט אין זיך געהאַט דאָס, וואָס אַ שטאָט־אינגל און אַ דאָרפס־אינגל אינאיינעם. ער האָט געקענט אַריינקוקן אין די קליינע אותיותלעך, אָפּלערנען אַ בלעטל גמרא, — און קיין חשק נישט געהאַט צום לערנען — אָפּגעבן זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט אין הויז און אין פעלד מיט גרויסער ליבשאַפט. בטבע איז ער געווען אַ גוטער, אַ שטילער, האָט מער געטאָן ווי גערעדט. שלמהלע פלעגט אים פאַרשטיין אויפן וואונק.

עס זיצט זיך, אַ שטייגער, בן־ציון, אין אַ זומער־טאָג, ביי זיך אויפן גאַניקל. די זון באַקט, אַ שרעק. דער הונט ליגט אים צו די פיס, אויסגעצויגן אויפן בויך, מאַכנדיק מיט די זייטן פאַר היץ. צייטנווייז טוט ער אַ הויב דעם קאָפּ, אַן עפן דאָס מויל — אַ לאַפּ־כאַפּ אַ פליג! אים ביי דער זייט זיצט די קוואַטשקע מיט צעשפּרייטע פליגל, פון אונטער וועלכע עס לאָזט זיך הערן אַ פּיסק פון קליינע הינדלעך. דאָס רוט מען דאָ פונ׳ם אַנלויפן זיך אין דרויסן ביז אַצינד. דער מאַרק איז אָפּגערוימט, מען זעט קיין לעבעדיק באַשעפעניש דאָרט ניט — בהמות זיינען אין פעלד, קינדער, להבדיל, זיינען אין חדר, און גרויסע גענעצן אין שטוב, אין קלייט, לעכצנדיק נאָך אַ קאַלטן טרונק וואַסער. אויף דער גלייכער וואַנט ערגעץ דראַפּעט זיך אַ קאַץ, בלייבט אין דער מיט שטיין, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, קוקט, טראַכט, איז זיך מיישב, וואָס זאָל זי טאָן, צי אַרויף ווייטער, צי אַראָפּ? שלמהלע רוקט זיך דענסטמאָל, ווי אַ קעצעלע, אַרויס פון שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט ווי ס׳איז אָפּגעפּטרט, צוגעגרייט דאָס שטיקל לייענען פאַרן פאָטער. עפּעס בענקט זיך אים, ציט עס אים; די אייגעלעך קוקן, קוקן אַהין, וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, וואו עס ציט זיך אַ טונקל־גרינע ליניע פון שפּיצן הויך־געוואַקסענע בוי־מער. ער טוט אַ בליק — אָ, עס זיצט בן־ציון! מיט איין שפּרונג איז ער לעבן אים. ביידע שווייגן און איינער דעם אַנדערן פאַרשטייט, וואָס ער וויל. בן־ציון טוט אַ וואונק, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, הויבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין, און שלמהלע מיט אַ שיינענדיק פּנימל נאָך אים. דאָס לאָזט מען זיך אַרויס פונ׳ם שטעטל ווייט אויפן שפּאַציר.

אויפן וועג, הינטערן שטעטל, גייט בן־ציון אַריין צו זיך אין שייער, געוואָר ווערן צום אַנגעלייגטן פרישן היי דאָרט. ס׳איז פריש,

קיל, מחיה; דער ריח פון היי צעגייט זיך אין אַלע גלידער. די בײדע חברים טוען זיך דערויף אַ וואָרף און גלייכן אויס די ביינער; ליגן און קוקן ווי די שוועלבעלעך פליען אַרויס, אַריין, אַרומדרייענדיק זיך מיט אַ שווישטשער אַרום די נעסטן זייערע דאָרט אונטער דעם שטרויענעם דאַך. זיי אַקעגן שטרעקן זיך אַרויס אָפענע געלע פּיס־קעלעך פון יונגעטשקע, נאַקעטע פייגעלעך, וואָס ווילן עסן.

פון׳ם שייער גייט מען און מען קומט צו אַ גלייכן, פרייען פּלאַץ, וואו עס ציען זיך ווייט אין דער לענג, אין דער ברייט פעלדער מיט אַלערליי תבואות. עס זעט זיך דאָרט פונדערווייטנס אַ געמעל, ווייס־רויטלעך בליענדע רעטשקע, איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון גאָלד־געל ווייץ אַרום און אַרום. בלויע בלימעלעך צווישן קאָרן פאַרנעמען די אויגן, און פליענדיקע, שפּרינגענדיקע גאַטס באַשעפּענישן דאָרט זושען אָן פולע אויערן. בן־ציון באַטראַכט דאָרט זייערס אַ פעלד מיט האָבער און איז העכסט צופרידן — לאָזט זיך פון דאָרט גיין ערגעץ אין דער זייט, שלמהלע נאָך אים. ביידע רויט ווי אַ צוויק, ביידע פאַרגניגט, ניט צו רעדן קיין וואָרט, און קומען צו אַ לאָנקע. דאָרט פּיטערן זיך פערד, געפּענטעטע אויף די פעדערשטע פיס. דערביי ברענט אַ פייערל אונטער אַן אַלטער ווערבע, וואו טראַכים באַקט קאַרטאָפל און מאַכט אַן, אונטערוואַרפנדיק דאַרע צווייגלעך, אַ רויך, צו פאַרטרייבן די קאָמאַרעס. איין פערד, וואָס נאָענט, דער־זעענדיק דעם באַלעבאָס, הויבט אויף דעם קאָפּ הויך, שפּרינגט אַמאָל דריי מיט די פעדערשטע געפּענטעטע פיס און טוט אַ הירזשע — ברוך־הבא! הייסט עס. בן־ציון געזעגנט זיך מיט אים, אַ קלאַפּ גע־בנדיק אים הינטן אויף דעם רוקן, זאָגט אָן עפּעס טראַכימען און גייט ווייטער — שלמהלע מיט אים, און זיי פאַרגייען טיפלעך אין וואַלד.

נאָך פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיטן וואַלד האָט שלמהלע באַקומען פאַר אים דרך־ארץ. אי ליב געהאַט אים, אי מורא געהאַט האָט ער פאַר אים. אין דער יוגנט נאָך האָט ער זיך אָנגעהערט שרעקלעכע מעשיות: אין וואַלד זיינען דאָ גזלנים, אין וואַלד זיינען דאָ חיות רעות — וועלף, בערן. שדים, נישט־גוטע, זיינען אויך אין וואַלד דאָ. מיידלעך זיינען אַמאָל אין וואַלד געגאַנגען מיט פולע שיסעלעך אָנגעקליבענע יאַגדעס, איז צוגעקומען אַ בער, זיך גענו־מען פרעסן די יאַגדעס, און די מיידלעך זיינען קוים מיט דעם לעבן אַנטלאָפן. היינט איז גלאַט אַ סכנה פאַר אידישע קינדער דאָרט פון שקצימלעך מיט הינט.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעקומען מיט זיינע חברים אין וואַלד, האָט אים געטיאָבקעט דאָס האַרץ; ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און, ביי אַ מינדסטן שאָרך, פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט — שאַ!

שפּעטער, שפּעטער, אויף זיינע שפּאַצירגאַנגען מיט הערצל קיילעס, מיט בן־ציונען און דעם הונט, להבדיל, איז ער צום וואַלד געוואוינט געוואָרן. אַז מען פלעגט זיך באַגעגענען דאָרט מיט שקצים, פלעגן איינע די אַנדערע זאָגן: „דאָבּרי דיען!" און פון ביידע צדדים די הינט פלעגן איינע די אַנדערע זיך באַשמעקן, באַלעקן. פאַר שדים איז אויך ניט געווען וואָס צו שרעקן זיך. הערצל קיילעס האָט געהאַט צו זיי אַ שפּרוך. — „זיי האָבן אַמאָל פאַרדרייט אַ רעדל דאָ אין וואַלד, — אַזוי פלעגט הערצל דערציילן — געוואָלט צעגנעמען, צעטראָגן מיט דעם דריידל־ווינט אַ סטערטע היי, האָט ער אין דער מיט רעדל אַריינגעוואָרפן אַ מעסער, געזאָגט אַ שפּרוך פון אַזאַ כתב־יד, וואָס גייט איבער אין זיין משפחה פון עלטערן צו קינדער בשתיקה, און זיי צעטריבן אויף אייביק, לעולם ועד".

מורא, הייסט עס, איז שוין ניט געווען וואָס צו האָבן, דאָך דער דרך־ארץ פאַרן וואַלד איז ביי שלמהלען אויף תמיד געבליבן. אים האָט זיך דער וואַלד פאַרגעשטעלט אין קאָפּ נאָר עפּעס אַ לעבעדיק באַשעפעניש. עפּעס אַ מין פאָלק אַזוינס. עפּעס שטייען זיך אויף אַ גרוים שטיק לאַנד בוימער — אַלטע זקנים, זיידעס, עלטער־זיידעס, און יונגע, קליינוואַרג. איטלעכער, דאַכט זיך, שטייט פאַר זיך באַזונדער, נאָר אין „גרונט" געגנומען זיינען זיי טיף פאַרפּוטעט, פאַראייניקט מיט די וואָרצלען און ציען די יניקה, ווי אַזעלכע, פון איין שורש. זאָל ווייען פון ערגעץ עפּעס אַ ווינטעלע, שושקען זיי זיך איבער, סודען זיך, אָנבויגנדיק די קעפּ איינער צום אַנדערן. קיינער שווייגט ניט שטיל, עס רירט אָן איטלעכן און איטלעכער לאָזט זיך הערן מיט זיינס, באַסעוועט צו, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אַ מינדסטער קלאַפּ ביי אים דאָ, רופט זיך עס אָפּ ביי אים העט ווייט דאָרט. און זאָל אַ בלאָז טאָן אויף אים, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ פוילער, אַ בייזער ווינט פון צפון זייט, כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ כעס, אַ צאָרן, עס רעשט זיך, עס פילדערט פון גרוים ביז קליין. עס רוישט און שטורמט ווי כוואַליעס אין ים. פאַרשטומט ווערט וואו אַ לעבעדיק באַשעפעניש אין אים, באַהאַלט זיך אין אַ לאָך פאַר שרעק.

שלמהלע קען דעם וואַלד, ווייסט זיין נאַטור, האָט אַליין שוין געזען אים צעשפּילנדיק זיך אין אַ שטורם מיט אַ ווילדער קראַפט,

און דאַריבער באַקומט ער תמיד ביים אַריינגאַנג עפּעס אַן אָפּשיי פאַר אים, אפילו ווען ער שטייט זיך שטיל, רואיק, ווען ער לאַדעט איין צו זיך, ווי אַ גוטער מכניס-אורח, צו קומען אויסרוען זיך אין זיין שאָטן, איז מכבד מיט רויטע אי מיט שוואַרצע יאַגדעס און לאָזט שפּילן אַ קאַפּעליע פון זיסע ניגונים. מיד פון דעם שפּאַציר אויף די פרייע, פריילעכע פעלדער, זיצט ער אַצינד מיט בן-ציונען אַנגעלענט אונטער אַ צווייגהאַפטיקן בוים, הערט זיך צו, קוקט זיך צו צו אַלצ-דינג אַרום און אַרום מיט דרך-ארץ און האָט אין האַרצן שטאַרק הנאה.

פונ׳ם וואַלד אַרויסגייענדיק לאָזט מען זיך צוריק אין שטעטל, מען כאַפּט זיך אַריין, שוין אַביסל שפּעטלעך, אין בית-המדרש, שאַ, קיטש, גלייך ווי גאָרנישט נישט געשען, און מען פאַרבייסט מיט אַ מנחה.

בטבע (בעטעווע) — לויט דער נאַטור. **פּיסק** — צווויטשעריי. **להבדיל** (לע-האַוודל) — צו אונטערשיידן (אַן אויסדרוק גענוצט ביים רעדן גלייכצייטיק פון אַ הייליקער און אַ ניט-הייליקער זאַך). **זיך מיישב זיין** (מעיאַשעוו) — באַטראַכטן זיך. **אָפּגעפּטרט** (אָפּגעפּאַטערט) — אָפּגעטאָן אויף שנעל, אָן חשק. **צוויק** — בוריק (Beet-root). **פאַרגניגט** — צופרידן. „**דאָברי דיען**!” — „גוטן טאָג!” **צדדים** (צדאָדים) — זייטן. **כתב יד** (קסאַוו-יאַד) — שריפט. **בשתיקה** (בע-שטיקע) — שטילערהייט, בסוד. **יניקה** (יעניקע) — זאַפט. **שורש** (שאָירעש) — וואָרצל. **אָפּשיי** — רעספּעקט. **מכנים-אורח** (מאַכנים-אוירעך) — דער וואָס נעמט אויף פריינטלעך אַ גאַסט. (שלמהלע אין דעם אויסצוג איז שלום יעקב אַבראַ-מאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים), דער העלד פונ׳ם אויטאָביאָגראַפישן ווערק „שלמה ר׳ חיימס”, פון וואַנען דער אויסצוג איז גענומען.)

די ערב־פסחדיקע עמיגראַציע

שלום עליכם.

א.

— דאַנקען השם יתברך, געפּטרט דעם פּורים געזונטערהייט און מען קאָן שוין אָנהויבן אין זינען האָבן אַריינברייגגען דעם פּסח אין אַ גוטער שעה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופן די מאַמע צו זיך אַליין אויף מאָרגן נאָך שושן־פּורים און אויסגעקוקט מיט די אויגן אַלע ווינקעלעך אין זאַל, ארומגעגאַנגען און געזוכט אַן אָרט, ווי אַ הון בשעת זי דערפילט אַז זי דאַרף זיך לייגן. אין עטלעכע טעג אַרום איז באַשאַפן געוואָרן אַביסל היי מיט צוויי קלעצלעך און אויף די קלעצלעך — אַ שפּאָגל־ניי דייזשקעלע, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבן נאָר אַ ווייסן ציכטיקן לייוונט, און מיך האָט מען צוגערופן איינעם מיטן טאַטן און אָנגע־זאָגט אַמאָל דרייסיק, איך זאָל זיך גאָרניט דערוועגן ניט צוגיין פון דער נאָענט, ניט אַ קוק טאָן פון דער ווייטן, ניט אַ שמעק טאָן אפילו „אין יענעם ווינקל אַריין.״ און טאַקע באַלד נאָכדעם איז צוגעמאַכט געוואָרן דאָס טירל פון זאַל, און אונז ביידן, מיך מיטן טאַטן, האָט מען געבעטן מחילה, מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען אין אַ גוטער שעה אין אַ מזלדיקער און מער נישט אַריינטרעטן אין זאַל אַריין ביז פּסח.

פון דער מינוט אָן האָט די זאַל באַקומען ביי מיר אין די אויגן דוקא גאָר אַ באַזונדער חן און עס האָט מיך אַהינצו געצויגן ווי אַ מאַגנעט, און איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן חשק אַ קוק טאָן אַהינצו, „אין יענעם ווינקל אַריין״, כאָטש פון דערווייטן.

אָוועקגעשטעלט זיך פון יענער זייט טיר, בשעת מעשה געקייט דעם אָנבייסן, ברויט מיט שמאַלץ, האָב איך אַריינגעקוקט און גע־שפּיגלט זיך אין אונזער שיינער, ליכטיקער זאַל מיט דער רויטער קאַ־נאַפּע פון פידל־האָלץ, מיטן האַלב־קיילעכיקן טיש אויף דריי לאַפּעס, מיטן האַלב־קיילעכיקן שיין־געשניצטן שפּיגל און מיטן גרויסאַרטיקן מזרח וואָס דער טאַטע אַליין האָט אים אויסגעמאָלט בשעת ער איז נאָך, זאָגט ער, געווען אַ חתן. וויי־וויי, וואָס איז ניט געווען אויפן דאָזיקן מזרח! בערן און לייבן, און ווילדע קעץ, און אָדלערס, און

פויגלען, און שופרות, און מנורות, און אתרוגים, און שיסעלעך מיט מגן־דודלעך, און בלעטעלעך, און קנעפּלעך, און רעדלעך, און פּאַסיק־לעך, און פינטעלעך אָן אַן עק, אָן אַ שיעור! ס׳איז געווען נישט צו גלויבן, אַז אַ מענטשלעכע האַנט זאָל דאָס אַלצדינג קענען אויסמאָלן, קוים קוים וואָס דער אויג קען כאַפּן! „אַ מושלם דער טאַטע מײַנער! — טראַכט איך מיר — אַ בריה! אַ מזיק!״

— פאַרכאַפּט זאָלסטו ניט ווערן! מיטן גאַנצן חמץ ביי דער טיר, ברענען זאָלסטו ניט אויפן פייער?!

אַזוי זאָגט די מאַמע, נעמט מיך אָן מיט צוויי דינע שאַרפע פינ־גערלעך פון איר רעכטער האַנט ביי מיין לינקן אויער און פירט מיך צום טאַטן:

— נאַ, זע, קוק כאָטש אָן דעם קדיש דיינעם! מיטן ברויט האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט קוקן אַהין, וואו דער פסחדיקער באָרשט!

דער טאַטע מאַכט כלומרשט אַן ערנסט פנים, שאָקלט מיטן קאָפּ, שטעלט אויף די ליפּן און קנאַקט מיט דער צונג:

— טץ־טץ־טץ! אַוועק דו ימח־שמוניק איינער! און אַז די מאַמע קערט זיך אָפּ אין אַ זייט, דערזע איך אויפן טאַטנס ליפּן אַ גרינג באַ־האַלטן שמייכעלע; און קערט זיך אום צוריק די מאַמע, מאַכט ער ווידער אַן ערנסט פנים. ער נעמט מיך פאַר אַ האַנט, זעצט מיך אַנידער נעבן זיך אויף אַ בענקל און זאָגט מיר אָן איך זאָל אַהינצו ניט קוקן — מען טאָר ניט!

— פון דער וויטן אויך ניט?

נאָר דער טאַטע הערט מיך שוין ניט. ער זיצט פאַרטיפט אין אַ ספר און לערנט שטילערהייט, און איך פאַרגנבע מיך פאַוואָלינקע צו דער טיר און קוק אַריין דורך אַ שפּעלטל אַהין אין זאָל אַריין און זע דאָרטן פון כל־טוב אַ גן־עדן: נייע טעפּ אַ סך מיט מאַקערטעס אויף דער ערד, און אַ האַקמעסער, אַ זאַלצבערעטל, ציבעלעס צוויי קרענצלעך הענגען אויף דער וואַנט און באַשיינען די זאַל, — שוין פסחדיק די זאַל, פסחדיק, פסחדיק, פסחדיק! . . .

— טאָמער וואָלט איר זיך מטריח געווען פון דאַנען מיט די ספרים אַהין, אין גרויסן אַלקער אַריין?

אַזוי רופט זיך אָן צו אונז די מאַמע, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ ווייס סערוועטל אויפן קאָפּ און מיט אַ לאַנגן שטעקן אין איין האַנט און מיט אַ נייעם פלעדערוויש אין דער אַנדערער האַנט, פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויף און קוקט אויף דער סטעליע.

ב.

— סאָסל! וואו ביסטו ערגעץ מיט דער באַרשט? נו, ריר זיך שוין, מויד! באַוויַיז זיך!

און סאָסל די מויד, אויך אַ פאַרבונדענע מיט אַ ווייסער שמאַטע באַווייזט זיך מיט אַ נאַסער באַרשט און מיט אַ שעפל ווייסע ליים, און בײדע זעען אויס ווי לעבעדיקע מתים אין ווייסע תכריכים. און סאָסל מיטן נאַסן בערשטל פּליאַסקעט איבערן סטעליע הין און צו־ריק: פּליאַסק — פּליאַסק! און בײדע זיינען זיי אין כעס, בייז ווי די בינען.

לאַנג אָבער שטיין און קוקן אויף דער דאָזיקער זעלטענער קאָ־מעדיע לאָזט מען מיך ניט. פריער הייבט מען מיר אָן געבן אָנצוהער־רעניש, אַז אַ אינגעלע באַדאַרף ניט שטיין בשעת מען שמירט די שטוב אויף פּסח. נאָכדעם הייבן זיי בײדע שוין אָן אַביסל האַרבער:

— הער נאַר, טאַמער וואָלסטו געגאַנגען אַהין, אין אַלקער אַריין? און בשעת מעשה נעמט מיך אָן די מאַמע פאַר אַ האַנט און באַווייזט מיר וואוהין איך זאָל גיין. איך בין אָבער קיין בעלן ניט אַוועקגיין, טרעט איך אָפּ אַביסל אויף אַ זייט און באַגעגן זיך מיט סאָסלען; טוט מיך סאָסל אַ שטויס אָפּ פון זיך: „אומעטום אָבער פּלאָנטערט ער זיך אונטער די פיס!"

— גיי שוין גיי צו אַלדע גוטע יאָר אַהין, צום טאַטן! — זאָגט מיר די מאַמע און טוט מיך אַ וואָרף צו סאָסלען, און סאָסל כאַפּט מיך אונטער און טוט מיך אַ שליידער צוריק צו דער מאַמען: „אויף מיין לעבן האָב איך אַזאַ מין איינגעגעסן אינגל ניט געזען!"

— סע נעמט אים גאַר קיין קויל ניט! — זאָגט די מאַמע און דער־לאַנגט מיר אַ סטוסאַק פון הינטן, און סאָסל כאַפּט מיך אונטער און פאַרליאַפּעט מיך מיט ווייסן ליים, און איך פאַל אַריין, ווי אַ קוטשקע, צום טאַטן אין אַלקער אַריין און פאַרגיי זיך פון געוויין.

דער טאַטע רייסט זיך אָפּ פון די ספרים, נעמט מיך איין מיט וואָס ער קאָן, זעצט מיך אַנידער אויף די קניעס און פאַרטיפט זיך צוריק אין די ספרים.

ג.

— זייט זשע מוחל, באַלעבאָס! די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט איר זאָלט מוחל זיין אַריבערטראָגן זיך פון דאַנען אינ'ם קליינעם אַלקערל אַריין.

אזוי זאָגט צום טאַטן סאַסל די מויד און קומט אַריין מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, אויסגעשמירט ווי אַ רוח, און מיר טראָגן זיך מחילה אַריבער מיט די ספרים פון דעם גרויסן אַלקער אינ'ם קליינעם אַל־קערל אַריין.

דאָס קליינע אַלקערל איז גרויס ווי אַ פייג; דאָרטן שטייט מער ניט ווי איין בעטל, שלאָף איך און, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, סאַסל די מויד. סאַסל איז, פאַרשטייט איר, טאַקע אונזערע אַן אייגענע און ביי אונז איז זי שוין כמה וכמה יאָרן; איך בין נאָך דעמאָלט, זאָגט זי, אויף דער וועלט ניט געווען. איך בין ביי איר, זאָגט זי, אויף די הענט אויסגעוואַקסן. ווען ניט זי, וואָלט איך שוין לאַנג, זאָגט זי, אָנגעשפּאַרט מי יודע וואו. ווארום וואו ערגעץ אַן אָנשיקעניש, אַ משולחת, אַ שלאַק־פּורעניות איז דאָס ביי מיר, זאָגט זי, געווען, און פון אַלע צרות האָט זי מיך, זאָגט זי, אַרויסגעשלעפּט; און היינט דאַנקט ער מיך, זאָגט זי, אָפּ מיט שטיינער, — נו? איז ער ניט ווערט קיין פּעטש?

אזוי לאָזט אויס סאַסל און שענקט מיר אַ פּאָר סטוסאַקעס מיט אַ ריס ביי די האָר פּאַר אַ צוגאָב. און — מערקווירדיק! — קיינער זאָגט איר ניט קיין וואָרט. ניט די מאַמע, ניט דער טאַטע נעמען זיך אָן פאַר מיר. וואָס סאַסל וויל, דאָס טוט זי מיט מיר, גלייך ווי איך בין סאַסלס ניט זייערער.

אין קליינעם אַלקערל פאַרקלייב איך מיך אין אַ ווינקעלע, באַזעץ מיך אויף דער ערד און קוק אויפן טאַטן, ווי ער רייבט דעם שטערן, קייט די באָרד און שאָקלט זיך, און ציט אויס יענעם שיינעם לאַנגן „און יאַ — — — — —". נאָר אָט קומט אַריין סאַסל מיטן קלאַפּערגע־צייג און לאָזט אונז בעטן מיר זאָלן זיך אַרויספּעקלען פון דאַנען ווייטער אַביסעלע.

— וואוהין נאָך? — פרעגט זי דער טאַטע אַן איבערגעשראָ־קענער.

— איך ווייס וואוהין? — זאָגט סאַסל און שטעלט זיך אַוועק מיטן בערשטל אין מיטן אַלקערל.

— אין קעמערל אַריין! אין דער שפּיזאַרניע אַריין! — זאָגט די מאַמע און קומט אַריין מיטן לאַנגן שטעקן און מיט דעם נייעם פלעדערוויש, זעט אויס ווי אַן אָנגעוואָפּנטער שונא וואָס פאַלט אַן אויפן לאַנד מיט געווער אין די הענט.

— אין שפּיזאַרניע איז איצטער קאַלט ווי אין אַ פּוסטקע. — פּרואווט זיך דער טאַטע אָפּבעטן מיט גוטע ווערטער.

— אַ ווילדע קעלט אויף אים! — זאָגט די מאַמע. — מען געפינט געפּרווירענע אין דרויסן! — כאַפּט אונטער סאָסל און הייבט אָן פּליאַסקען מיט דער נאַסער באַרשט איבער די טרוקענע ווענט. און מיר מוזן זיך, במחילת כבודנו, אַריבערפּעקלען פון קליינעם אַלקערל אין קליינעם קעמערל אַריין, און ביידע כאַפּן מיר דאָרט אַ רעכטן ציטער. מען קאָן ניט זאָגן, אַז פאַרן טאַטן זאָל דאָ זיין גוט צו זיצן און אַריינקוקן אין אַ ספר: די שפּיזאַרניע איז אַ קליין, ענג קעמערל און אַ פינצטערס, קוים וואָס צוויי מענטשן קאָנען זיך דאָרט אויס־דרייען. דערפאַר אָבער איז דאָס פאַר מיר אַ גאַנצער גן־עדן. סטייטש, עס איז דאָ פּאָליצעס און מען קאָן אויף זיי קלעטערן. אמת, דער טאַ־טע לאָזט מיך ניט קלעטערן. ער זאָגט, איך קאָן חלילה זיך הרגענען. נאָר ווער הערט אים? ער האָט זיך נאָר פאַרטיפט אין זיינע ספרים, בין איך שוין — אהאַ! — געווען אויף דער ערשטער פּאָליצע, פון דער ערשטער — אויף דער צווייטער, און פון דער צווייטער — אויף דער דריטער.

— קוקאַריקו! — האָב איך אויסגעשריגן אויף אַ קול, געוואָלט באַווייזן דעם טאַטן מיין גרויס בריהשאַפט און האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך דערלאַנגט אַ זעץ אין דער סטעליע, אַז די ציין זיינען מיר שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון מויל. האָט זיך דער טאַטע איבערגע־שראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד. איז געקומען צו לויפן פריער סאָסל און נאָך דעם די מאַמע, און ביידע האָבן זיי מיר אַריינגעלייגט וויפיל ס'איז אין מיר אַריין.

— אַ קינד זאָל האָבן אין זיך אַזעלכע קינדערשע תנועות! — טענהט די מאַמע.

— אַ קינד איז דאָס? אַ שד ניט קיין קינד! — העלפט איר אונ־טער סאָסל און איז מודיע, אַז מען וועט אונז באַלד לאָזן בעטן מיר זאָלן זיך אַריבערטראָגן פון דאַנען, מחילה, אין קיך אַריין, ווארום אין שטוב איז שוין כמעט העכער האַלב פּסחדיק.

ד.

דאָרטן טרעף איך משה בערן מיט די גרויסע ברעמען זיצן מיטן טאַטן אויף דער מילכיקער באַנק. איצט לערנען זיי ניט; זיי רעדן זיך אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע זייערע ביטערע הערצער. דער טאַטע קלאָגט זיך פאַר אים אויפן גלות פון ערב פּסח, וואָס מען טרייבט אים אַרום שוין עטלעכע טעג. „אַ מין נע ונד, אַ גלות, אַ מין עמיגראַ־ציע פון איין אָרט אויפן אַנדערן!" און משה בער זאָגט, אַז דאָס איז נאָך בלאָטע; אים איז, זאָגט ער, נאָך אַ סך ערגער.

— מיך — זאָגט ער — האָט מיינע גאָר דורכגעטריבן פון שטוב.

איך קוק אויף משה בערן מיט די גרויסע ברעמען און קאָן מיך בשום אופן ניט פאַרשטעלן, וואָס הייסט, מען האָט אים, משה בערן, אַזאַ גרויסן אידן מיט אַזעלכע גרויסע ברעמען גענומען און דורכגעטריבן?

ביסלעכווייז גייען זיי אַריבער אויף זייערע שטענדיקע ענינים, מאָדנע דבורים: „רמב״ם", „כוזרי", „פילוסופיה", „שפינאָזאַ" וכדומה וואָס קריכן מיר ניט אין דער לינקער פּאה.

אַ סך מער אינטערעסאַנט איז די גרויע קאַץ וואָס זיצט אויפן פּריפּעטשיק און וואַשט זיך. סאָסל זאָגט, אַז ווען אַ קאַץ וואַשט זיך איז אַ סימן אויף געסט. פאַרשטיי איך ניט פון וואַנען ווייסט די קאַץ, אַז ס'וועט זיין אַ גאַסט? איך גיי צו צו דער קאַץ און הויב זיך אָן מיט איר אונטערשפּילן. פּריער פּרואוו איך איר אָנטרעטן מיטן פינגער אויף דער לאַפּקע — וויל זי ניט. נאָכדעם לערן איך זי זאָל „דינען", שטיין אויף די צוויי הינטערשטע פיסלעך — וויל זי אויך ניט. „סטאָי! סלוזש!" — זאָג איך צו איר און שענק איר אַלע מאָל אַ שנעל אין נעזל אַריין. פאַרמאַכט זי די אויגן און דרייט אוים דאָס קעפּל, שטעלט אַרוים דאָס צינגל און מאַכט אַ מאָדנע פּנימל, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר דאָס דאַזיקע בחורל? וואָס וויל ער האָבן פון מיין לעבן?" מיך פאַרדריסט די מעשה: אַ קאַץ זאָל זיין אַזאַ מין עקשנטע! און איך מוטשע זיך מיט איר אַזוי לאַנג ביז זי דערלאַנגט מיר אַ קרעל מיט אירע שאַרפע נעגל איבער דער האַנט — און איך לאָז אַרוים אַ מוראַדיקן קוויטש: „אוי — מאַ-אַ-מע!" קומט צו לויפן די מאַמע מיט סאָסלען מיט אַ געפילדער און איך באַקום אַ רעכטן פּסק פון זיי ביידע, איך זאָל דאָס אַנדערע מאָל וויסן ווי אַזוי צו שפּילן זיך מיט קעץ! (סך הכל איין קאַץ — הייסט ביי זיי „קעץ"!)

— גיי נאָר וואַש זיך, — רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטן — וועלן מיר אַראָפּגיין אין קעלער אַריין „אָפּעסן"...

סאָסל כאַפּט די קאַטשערע און נעמט זיך צום אויוון מיט די טעפּלעך, לייגט נישט קיין כבוד ניט אויף מיר, ניט אויפן טאַטן און ניט אויף משה בערן. אדרבה, משה בערן גיט זי אָנצוהערעניש, אַז זי פאַרשטייט ניט ווי ער דרייט זיך דאָ אַרום ערב פּסח? דאַכט זיך ס'איז גלייכער, זאָגט זי, זיצן ביי זיך אין דער היים, און ניט אַרומדרייען זיך אין אַזאַ צייט אין פרעמדע הייזער! משה בער שטויסט זיך אָן וועמען זי מיינט, געזעגנט ער זיך אָפּ און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין קעלער אַריין „אָפּעסן"..

ה.

איך פֿאַרשטיי ניט וואָס קרימט זיך אַזוי דער טאַטע און וואָס קנייטשט ער מיט די פּלייצעס און בורטשעט אונטער דער נאָז: „נאַ דיר אַן עמיגראַציע!״ . . . אַ שטייגער וואָס פֿאַר אַן אומגליק איז דאָרט, אַז מען עסט איין מאָל אין קעלער! וואָס קאָן שאַדן דער ריח פֿון געזויערטע אוגערקעס, קרויט, מילכיקע קריגלעך? וואָס איז אַזוי ביטער אַז מען נעמט צוויי איבערגעקערטע פֿעסלעך און מען לייגט איבער אַ לאָקשן־ברעט, און אַליין זעצט מען זיך אויך אויף איבערגע־קערטע פֿעסלעך און מען עסט? אדרבה, מיר דאַכט, אַז אַזוי איז נאָך פֿיל בעסער און אַ סך פֿריילעכער. מען קאָן זיך בשעת מעשה קאַ־טשען מיטן פֿעסל איבערן גאַנצן קעלער. אַי מען פֿאַלט? שטייט מען אויף און מען קאַטשעט זיך נאָך אַמאָל. דער גאַנצער חסרון איז וואָס סאָסל גיט אַכטונג מען זאָל זיך ניט קאַטשען.

ער האָט זיך שוין געפֿונען — זאָגט זי — אַ נײַ שפּילעכל: ער וויל זיך אַ האַנט אָדער אַ פֿוס אויסברעכן . . .

מײַנע שונאים זאָלן אַזוי לעבן, ווי איך וויל זיך אויסברעכן אַ האַנט אָדער אַ פֿוס! איך ווייס ניט, וואָס די סאָסל וויל האָבן פֿון מײַנע יאָרן און טעג? שטענדיק רודפֿט זי מיך, און אַלצדינג לייגט זי אוים צום ערגסטן. לויף איך — זאָגט זי, אַז איך וועל בלײַבן אָן אַ קאָפּ. ריר איך זיך צו צו עפּעס אַ זאַך — זאָגט זי, אַז איך וועל דאָס צעברעכן. האַלט איך אַ קנעפּל אין מויל — מאַכט זי אַ גוואַלד: „דער שלים־מזל וויל זיך ווארגן!״ דערפֿאַר רעכן איך זיך מיט איר אָפּ דע־מאָלט, ווען איך בין שלאָף. ווער איך עפּעס ניט מיט אַלעמען, אַזוי לייגט זי אײַן די וועלט, מאַכט אַ געפּילדער.

— אַצינד נעם דאָס קינד און גיי מיט אים אַרויף. מען דאַרף אויס־ריניקן דעם לעצטן חמץ פֿון דעם קעלער אויך.

אַזוי זאָגט די מאַמע נאָכן בענטשן, און איידער דער טאַטע פֿרעגט זי וואוהין מיר זאָלן גיין פֿאַרכאַפּט זי אַליין און טוט אַ זאָגט:

— אויף אַ פּאָר שעה אויפֿן בוידעם.

— ווארום אין שטוב האָט מען נאָר וואָס אָפּגעוואַשן די בריקן — כאַפּט אונטער סאָסל — נאָר זעט דער שלים־מזל זאָל דאָרט ניט אַראָפּקאַטשען זיך פֿונ׳ם בוידעם און ניט ברעכן זיך ריק און לענד.

— ביים זיך אָפּ די צונג! — זאָגט איר די מאַמע, און סאָסל שטופּט מיך אונטער איך זאָל גיין אַ ביסל גיכער.

— נו, קריך שוין, קריך, שלים־מזל!

דער טאַטע גייט הינטער מיר און איך הער ווי ער בורטשעט אונטער דער נאָז: „אויפן בוידעם גאָר! אַזאַ מין עמיגראַציע! נ־נ־אַ!"

אַ מאָדנער מענטש דער טאַטע מיינער! מען זאָגט אים: אויפן בוידעם — איז ער אויך ניט צופרידן! איך ווייס? מיר דאַכט, איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל זיין אַלע וואָך ערב פּסח און מען זאָל אַלע וואָך דאַרפן קריכן אויפן בוידעם. ערשטנס, איז דאָס קריכן אַליין עפּעס אויך אַ שטיקל עסק. אַ שטייגער, אין מיטן וואָך איך זאָל זיך אויסציען וועט מען מיך דען לאָזן קריכן אויפן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אויף די טרעפּ ווי אַ מזיק. הינטן שפּאַנט מיר נאָך דער טאַטע און זאָגט מיר: „פּאַוואָלינקע! פּאַמעליכן!" וואָס מיר פּאַוואָלינקע? ווער מיר פּאַמעליכן? איך פיל, אַז ביי מיר זיינען אויסגעוואַקסן פליגלען, איך פלי, איך פלי!

ז.

וואָס ווייסט איר וואָס ביי אונז אויפן בוידעם טוט זיך? — אוצרות! גאַנצע אוצרות!

צעבראָכענע גלעזלעך פון לאָמפּן, שאַרבנס פון טעפּ, אַלטע מלבושים וואָס ס'איז שווער צו דערקענען צי איז דאָס ווייבערשע צי מאַנסבילשע תחתונים. און פּוטער אַ שטיקל וואַלגערט זיך, וואָס, אַז מען רירט זיך צו צו דעם, ווערט דאָס צעקראָכן אַזוי ווי שניי; און בלעטער פון ספרים, צעריסענע שמות, און אַ דורכגעברענטער קוימען פון אַ סאַמאָוואַר, און פעדערן, און אַ צעריסענע זיפּ, און אַן אַלטער לולב ליגט אויסגעצויגן ווי אַ באַלעבאָס. היינט די לעזשנעס! היינט די קראַקוועס! היינט דער דאַך! דער דאַך איז פון גאָלע שינדלען — און איך קאָן אים דערלאַנגען מיט די הענט! אַ קלייניקייט — האַלטן דעם דאַך מיט די הענט!

דער טאַטע זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַלקע, נעמט צונויף די שמות־בלעטלעך, לייגט צונויף אַ בלעטל מיט אַ בלעטל, קוקט אַריין אין זיי און פאַרטיפט זיך דערוויַיל אין די שמות־בלעטלעך. און איך שטעל מיך אַוועק ביים קליינעם פענצטערל וואָס אין דאַך און דערזע פאַר זיך די גאַנצע שטאָט, גאַנץ כתריאליוועקע ווי אויף אַ טעלער! אַלע הייזער מיט אַלע דעכער — שוואַרצע, גרויסע, רויטע און גרינע דעכער. און די מענטשן, וואָס גייען, זעען אויס קליינע מענטשעלעך,

און מיר דאַכט זיך אויס, אַז קיין שענערס און קיין בעסערס פון אונ־
זער שטאָט קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט זיין אויף דער וועלט. אויך
צו אונז אין הויף אַריין כאַפּ איך אַ קוק און דערזע, ווי ביי אונז און
ביי אַלע איבעריקע שכנים וואַשט מען און מען רייבט, און מען שאַבט,
און מען רייניקט, און מען כשרט טיש און בענק, און מען טראָגט
גרויסע טעפּ מיט הייס זודיק וואַסער, מיט ברענענדיקע פּרעסלעך,
מיט גליענדיקע שטיינער, און אַ פּאַרע זעצט אַרויף, אַ ווייסע פּאַרע;
די פּאַרע קייקלט זיך, קייקלט זיך און ווערט צעגאַנגען אַזוי ווי אַ
רויך. און אין דרויסן שמעקט מיט ווענטע. ריטשקעס לויפן, ציגן
מעקען, און עפּעס אַ אידל מיט גרויסע אונטערגעבונדענע שטיוול
און מיט אַ ווייס פערדל שלעפּט זיך אין דער בלאָטע. דאָס איז נעבעך
עזריאל דער בעל־עגלה. עזריאל שמייסט דאָס ווייסע פערדל, דאָס
פערדל קוים וואָס עס שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע. דאָס פירט
מען עמיצן אַ וועגעלע מיט מצות, און איך דערמאָן מיך, אַז מיר
האָבן שוין לאַנג מצות, שוין לאַנג פאַרשלאָסן אין שאַפע און פאַר־
האַנגען מיט אַ ווייסן ליילעך. און אייער אין שאַפע איז אָנגעגרייט
אַ פולע מאַקערטע, און שמאַלץ פּסחדיקע אַ גאַנצער סלוי, און ציבע־
לעס צוויי קרענט הענגען אויף דער וואַנט, און נאָך אַ סך גוטע זאַכן
פון ליבן זיסן יום טוב. און איך דערמאָן מיך אָן די נייע מלבושימלעך,
וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט ברייננגען אויף יום־טוב, און דאָס האַרץ
וואַקסט מיר, וואַקסט ווי אויף הייוון.

— באַלעבאָס! — לאָזט זיך הערן אַן אויסגעצויגן קול פון אונטן
— זייט זיך מטריח אַראָפּ אין הויף אַריין איבערלופטערן די ספרים!

דער טאַטע שטייט אויף, שפּייט אוים מיט כעס: „טפו זאָל דאָס
ווערן! נאַ דיר אַן עמיגראַציע!"

איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין דעם טאַטן, פאַר וואָס ער איז
ניט צופרידן. וואָס קאָן דען זיין נאָך בעסער און ליבער ווי שטיין
אין דרויסן און לופטערן ספרים! און איך רייס זיך אָפּ פון פענצטערל
און טו מיך אַ לאָז צו דער טיר פון בוידעם און . . . טראַך־טאַרע־ראַך
מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, איבער אַלע טרעפּ!

* * *

וואָס ווייטער איז געווען — געדענק איך ניט. איך ווייס נאָר,
אַז פון דעם פאַל האָב איך צוגעקרענקט נאָכדעם אַ היבש שטיקל

ציִיט. איך בין געווען, זאָגט מען, גאָר פאַרביי. און, ווי איר זעט, בין איך געבליבן געזונט און שטאַרק, הלוואי ווייטער ניט ערגער, בלתי — נאָר דער איינער שראָם וואָס ביי מיר אויפן פנים, און וואָס דער אָטעם איז מיר געוואָרן פון דעמאָלט אָן קורצלעך, און וואָס, אַז איך רעד, פינטל איך מיט די אויגן עד היום הזה.

א) שושן פורים — אויף מאָרגן נאָך פורים. דייזשקעלע — Tub. קאַנאַפּע — סאָפע. מזרח — בילד, וואָס הענגט אויף דער מזרח-וואַנט. מושלם (מוש-לעם) — אַ מענטש מיט אַ סך פעאיקייטן. בריה (בעריע) — פעאיקער מענטש. קדיש (קאַדיש) — זון. ימח שמוניק (יימאַך שמוי) — אַזעלכער וואָס זיין נאָ-מען זאָל אויסגעמעקט ווערן — אַ פאַרדאָרבענער מענטש. מאַקערטע — גרויסע ערדענע שיסל. ב) תכריכים — טויטנקליידער. בשעת מעשה — גלייך דערביי. בעלן (באַלן) — נייגעריק. סטוסאַק — קלאַפּ. פאַרליאַפּעט — פאַרגיסט. קוטשקע — שטיל ווי אַ קעצל. ג) שפּיזאַרנע — שפּייז-אַלמער (Pantry). משולחת (משולאַכאַס) — אַן אַנשיקעניש, אַ צרה. פורעניות (פּוראָניעס) — צרה, אומגליק. פוסטקע — חורבה (Ruin). במחילת כבודנו (במכילאַס קוואַ-דיינו) — פאַרבויגנדיק אונזער כבוד. תנועות — באַוועגונגען, האַנדלונגען. מודיע זיין (מוידיאַ) — לאָזן וויסן. ד) נע ונד (נאַ ווענאַד) — אומוואַנדערן. פּרי-פּעטשיק — Fireplace. סטאָי! סלושו! — שטיי, דין! (מיליטערישע טערמינען). קרעל — קראַץ. ה) אדרבה (אַדראַבע) — פונקט פאַרקערט. ריק-און-לענד — Back and thigh. ו) תחתונים (טאַכטוינים) — אונטערשטע הויזן. קראָקווע — Spar. באַלקע — Beam. וועסנע — פרילינג. סלאָי — Jar. (זיין) פאַרביי — שטאַרק קראַנק. בלתי (בילטי) נאָר — בלויז, נאָר. שראָם — Scar.

פרילינגס־טרוים

יהואָש.

אַ טרעל אין דער לופטן, אַ קנאָספּ אויף אַ צווייג,
אַ וואַרעמער הויך אויפן שטערן —
און ס'האָט זיך אין האַרצן געעפנט אַ נעסט,
און לויז געלאָזט אַלע באַגערן...

דערזע איך, עס שוועבט אויפן הימל אַרום
אַ ווייסינקער וואָלקן פון וויטן —
אַ הויב און אַ שפּרונג, און שוין זיץ איך אויף אים,
און לאָז זיך אַוועק אויף אים רייטן...

איך פלי איבער טאָלן און שוועב איבער בערג,
און שטיפנדיק יאָגט מיך אַ ווינטל...
שוין גרייך איך אַרויף צו דער ליכטיקער זון,
און פליק מיר פון שטראַלן אַ בינטל...

דאַן פלעכט איך פון זיי אויפן קאָפּ זיך אַ קראַנץ,
און בלייבן מיר איבעריק שטראַלן —
צעוואַרף איך זיי רעכטס און צעוואַרף איך זיי לינקס,
אויף לאָנקעס און וועלדער און קוואַלן.

און דאַכט זיך, דער פרילינג בין איך גאָר אַליין;
און איך בין דער קעניג פון לעבן,
און וואו נאָר אַ שימער, און וואו נאָר אַ קוויט —
האָב איך פון מיין אוצר געגעבן...

טרעל — Trill. קנאָספּ — Bud. שימער — גלאַנץ.

אין גאַס

ד. האָפּשטיין.



ס'האָט היינט פון פעלד אַ פרישער ווינט
אויף הייסע גאַסן זיך פאַרקליבן
און ניט געוואוסט, וואו איין, וואו אויס —
און שטיל געבליבן.

פון טונקעלן הויז בין איך אַרויס,
דעם ווינט אַנטקעגן אָנגעקומען —
און ס'האָט דער ווינט מיך שטיל און לינד
אַרומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט
און אָן אַ וואָרט געוואָר געוואָרן,
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן!

עס וועט מיר קלינגען היינט ביז נאַכט
דער שטילער שאַל פון וויטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!...

לינד — מילד, צאַרט.

אָנהויב פרילינג

מענדעלע־מוכר־ספרים.

א

ס'איז אַ טאָג אַכט נאָך פּורים. די זון קוקט פריינטלעכער, מילדער אַראָפּ פון'ם הימל, שיקט דורך אירע שטראַלן און דורך אַ לינד ווינטל די ערשטע התראה דעם ווינטער, אַז עס ענדיקט זיך אים דער טערמין פון דער דירה דאָ, אויף דר'ערד, ער זאָל מוחל זיין זיך אַרויסקלייבן, זיך רוקן ווייטער. און ער טוט דאָס אייגענע טאַקע וואָס אַ שלעכטער, איינגעשפּאַרטער שכן — בריהט זיך, מאַכט פוילע תנועות. בייטאָג, דער זון אין די אויגן, געזעגנט ער זיך, פאַר־גיסנדיק ריקעס טרערן — טייכלעך וואַסער רינען אויף די גאַסן. איך גיי, גיי — הייסט עס — לאָזט מיך נאָר זיך פּאַקן, פאַרנעמען מיינע בעבעכעס, דעם שניי מיינעם, „פאַרשוואַרצט" איז ער, נעבעך, געוואָרן! קוים אָבער מאַכט די זון צו אַן אויג, גייט זיך פאַרנאַכט אין איר רו אַריין, שטעלט ער מיט אַ פאַרכמאַרעט, בייז פּנים איר אַרויס פייגן — סוסולקעס פאַרגליווערטע — און בלייבט ביי זיינעם טאַקע, אייז־קאַלט ווי פריער. נאָר אַז אָך און וויי איז צו אים! ער איז שוין פאַרביי, מען איז אים שוין מבטל — ביי אידן איז שוין פאַר פּסח, די צייט פון עפענען טיר און טויער, אַרויסטראָגן אויף דער גאַס טיש און בענק, וואַשן און כשרן אַלצדינג אויף פּסח!

ב

ס'איז אַחרון של פּסח — אַ שיינער, אַ וואַרעמער פרילינג־טאָג. די גילדענע זון האָט ביים אויפגיין צעריסן, צעטריבן די גרויע וואָלקנס אין דער לופט און מיט איר ליכטיק פּנים אַראָפּגעקוקט פון'ם בלויען הימל מילד־פריינדלעך אויף דער ערד. גאָטס באַשע־פעניש, אַלע, פון גרויס ביז קליין, האָבן, אויפכאַפּנדיק זיך פון'ם לאַנגן ווינטער־שלאָף, לעבעדיק, פריילעך זיך גענומען איטלעכער צו זיין זאַך. פריש־געלע בלומען שטעקן אַרויס די קעפּלעך פון צווישן יונגן גרינעם גראָז, קוקן אַרויס און מאַכן חן. ווערבעס ביים טייך כאַפּן זיך אָנטאָן זייער נייע, גרינע זשופּיצע, שפּיגלענדיק זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע, וואַרעמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות טשאַטעסווייז צוריק אַהער אין זייער רו אַריין. ווילדע גענז פּליסקען זיך ערגעץ צווישן וויספּעס

דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרייען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבלעך פלאַטערן, שוועבן אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פאַרטראָגן אין דעם בויען, פאַרריכטן נייע און אַלטע נעסטן. ברוך הבא! דאָס אַלטע באַקאַנטע פאָרפאָלק בושעלם איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, בושלעכע, שטייט אויף איין פוס, דאָס קעפּל אין דער זייט, שטייט, באַטראַכט איר אַלטע נעסט אויבן אויף אַ שפּיץ בוים, און ער, אויף די לאַנגע שטאָלצן, שפּאַצירט זיך האָפערדיק אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקנדיק זיך צו אַ קאַליזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פלוצים פּיק, פּיק, אַ כאַפּ אין דעם רויטן ווייטן פּיסק אַריין... ס'איז אַ לעבן, אַ פרייד, אַ פליענישׂ, אַ זוזשעניש, אַ זינגעריי, אַ געשווישטשעריי אומעטום.

ס'איז יום-טוב, ס'איז פרילינג-צייט!

(פון „שלמה ר' חיימס")

א) לינד — מילד, צאַרט. התראה (האַסראָע) — וואָרנונג. טערמין — Term. דירה — וואוינונג. שכן — Tenant. בריהט זיך (בעריעט) — פּיינט זיך אויס, באַמיט זיך. תנועות — באַוועגונגען, שטיק. ריקע — טויכל. בעבע-כעס — ניט חשובע זאַכן, שמאַטעס. סוסולקעס — אייז-צעפּלעך. מבטל זיין (מעוואַטל) — זיך ניט רעכנען. כשרן (קאַשערן) — ריין מאַכן. ב) אחרון של פסח — דער לעצטער (אַכטער) טאָג פּסח. זשופּיצע — לאַנגע קאַפּאָטע. טשאַטעסווייז — קאָמפּאַניעווייז. וויספּע — אינזל. טשערעט — Reed. ברוך הבא (באָרעד האַבאָ) — ווילקאָמען! האָפערדיק — אויפגעלייגט, פריי-לעך. קאַליזשע — Puddle.

נאָך גרינס

א. רייזען.

נאָך צווייגעלעך, קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין,
און פריילעך מיט לידער כסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייגעלעך, קינדער, נאָך צווייגעלעך גייט,
און פּוצט אוים די אָרעמע שטיבלעך;
דער וואַלד איז ניט וויים, הינטערן שטעטל ער שטייט
און קוקט אַזוי ווייך, אַזוי ליבלעך.

פאַרוואונדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואַלד:
וואָס טוען דאָ אידישע קינדער? —
דערציילט אים: ס'איז שבועות. — דערציילט עס אים באַלד,
און זאָל אים ניט זיין צו קיין וואונדער...

און זוימט זיך וואָס לענגער און רייסט וואָס מער אָן —
ניט האָט פאַר די טאַטעס קיין מורא:
היינט מעגט איר אין וואַלד זיין, מ'וועט גאָרניט אייך טאָן —
עס איז דאָך לכבוד דער תורה!

די פאַבריק

א. רייזען.

ס'איז ווינטער געווען. מיר אינגלעך זיינען געזעסן אין חדר און האָבן געלערנט גמרא. דער פרק איז געווען צו ערנסט און צו שווער פאַר אונזערע לייכטזיניקע קעפּלעך, און אונז איז כלל נישט אַנגע־גאַנגען, וויפל דאַרף דער גנב באַצאָלן; פון אונזערטוועגן האָט מען דעם גנב געקאָנט אינגאַנצן שענקען. בכלל, האָבן מיר נישט פאַר־שטאַנען, וואָס באַדייט עס? איינער אָן אָרעמאַן, וואָס האָט ניט וואָס צו עסן (אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט געגנבעט), גנבעט אַ שעפּסעלע, טראָגט עס אויף דער פּלייצע, דאָס שעפּסעלע מעקעט אַזוי טרויעריק,— אינגאַנצן אַ אינגלשע מעשה. קומען צוגיין תנאים און חכמים, אַזעל־כע „גרויסע" אידן, און מאַכן דערפון אַ גאַנצן וועזן, קריגן זיך אַזוי שטאַרק, אַז זיי ברענגען אַריין אונזער רבין אין כעס, און ער שלאָגט אונז מיט די גראָבע רוקנס פון דער גמרא...

וואו איז דער יושר?

און יענעם טאָג האָבן מיר גראָד געלערנט יענעם באַוואוסטן עמוד, וואָס האָט בלויז עטלעכע שורות גמרא, און וואו דאָס איבעריקע איז רש"י און תוספות, אַזוי אַז דער עמוד מיט די עטלעכע שורות גמרא זעט אויס, ווי עפּעס אַ קליין אינזל, פאַרטרונקען צווישן צוויי גרויסע ימים, און מיר דאַכט זיך, אַז מיר שטייען אויפן אינזל און ציטערן, און אונזער רבי, דער קאַפּיטאַן, וויל אונז איבערפירן די צוויי גרויסע ימים, וויל זיין אַ העלד, נאָר ער קאָן ניט און ער שרייט און שילט און, ערגער פאַר אַלץ, ער שלאָגט...

נאָר אָט עפנט זיך אויף די טיר און עס לויפט פריער אַריין אַ ווייסע פאַרע אין חדר, נאָכדעם פאַלט אַריין בערל דער שמיד, אַ חדר־אינגלס אַ טאַטע. ער קומט געוואָר ווערן, וואָס מאַכט זיין יאָסקע און גלאָט אַביסל שמועסן מיט אַ אידן אַ תלמיד־חכם — מיטן רבין.

— שלום עליכם, רבי! — ציט דער שמיד אוים דעם רבין זיין גראָבע, פאַרהאָרעוועטע האַנט.

— עליכם שלום! — ענטפערט דער בייזער רבי און סטאַרעט זיך צו שמייכלען, נאָר דאָס קומט אים זייער שווער אָן.

— זיצט, ר׳ בער! נו, שקצים, — ווענדט זיך דער רבי צו אונז,
— זיצט רואיק אַ ווײַלע, קוקט איבער דעם תוספות דערווייל, און איך וועל אַביסל שמועסן מיט ר׳ בערן.

מיר קוקן זיך אַלע אײַן אין דעם גרויסן ים תוספות, נאָר אונזערע אויערן זײַנען אָנגעשטרענגט צו הערן עפּעס נײַעס, וואָס בער דער שמיד האָט געבראַכט, ווײַל בער דער שמיד ברענגט שטענדיק אַ סך נײַעס, ווען ער קומט.

— אַ וועלטעלע געוואָרן, אַ גרויל, אַ גרויל! — הויבט אָן דער שמיד.

— דהיינו, ר׳ בער? — ווערט נײַגעריק דער רבי און שטעלט אָן די אויערן צו הערן עפּעס אינטערעסאַנטעס.

— אַ גרויל, אַ גרויל! — האַלט זיך אַלץ דער שמיד בײַם וואונדערן — נו, אַ וועלטעלע!

— אדרבא, וואָס אַזוינס? — טרײַבט דער רבי.

— אַ גרויל, אַ גרויל!

מיר קוקן אין תוספות און וואַרטן מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויפן „גרויל", וואָס ר׳ בער שמיד וועט מסתמא באַלד דײַטלעכער דערקלערן.

— אַ קליין שטעטעלע, — הויבט אָן דער שמיד — מ׳שטיינס געזאָגט, זעקס געסלעך מיט אַ מאַרק, די גויעשע געסלעך איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעכענען. איר פאַרשטייט? אין אַזאַ שטעטעלע זאָל מען גיין שטעלן אַ פאַבריק. אַ פאַבריק! אַ גרויל!

— אַ פאַבריק! — גיב איך אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— אין תוספות קוק! — גיט אַ געשריי דער רבי.

— אַזוי גאָר! — ווענדט זיך דער רבי צום שמיד — אַ פאַבריק דאָ אין שטעטל! צי משוגע?

— אַ פאַבריק פון שוועבעלעך.

— פון שוועבעלעך! — גיב איך ווידער אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— דו קוקסט אין תוספות, צי ניט, גראָבער יונג דו, — שרײַט אויס דער רבי נאָך העכער און נעמט מיך אָן פאַרן אויער און דרייט אַ „שלשלת"...

— אַזוי גאָר, פון שוועבעלעך! וואָס איך הער! — וואונדערט זיך דער רבי און גלאָצט אויס די אויגן.

— יאָ, יאָ, בײַ אונז אין שטעטל שטעלט מען אַ פאַבריק פון שוועבעלעך.

— משוגע, פשוט משוגע, — לאַכט דער רבי — וויפל שוועבעלעך דאַרף האָבן אונזער שטעטל? לאָמיר אפילו רעכענען אַ מאה פּעק־לעך אַ וואָך... לוינט דאָס דען? פּשוט משוגע...

— רעכנט אייך, — גיט דער שמיד קאַלטבלוטיק צו פאַרשטיין — אַז אַ פאַבריק מאַכט זיך ניט נאָר פאַר דעם שטעטל אַליין. די שוועבעלעך קאָנען אָנגיין אומעטום אין דער גאַנצער וועלט. איר פאַר־שטייט, למשל, באָריסאָווער שוועבעלעך! באָריסאָווער שוועבעלעך זיינען אַ שם־דבר. מען מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפטן.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער רבי פאַרקרימענדיק דאָס פּנים — אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש, שיקט זיך דאָס! וועט מען מאַכן, קאָן גע־מאָלט זיין, פיינע געשעפטן?

— וואָס פרעגט איר! גליקלעך וועט ער ווערן! — שטעלט פאָר דער שמיד פאַרן רבין די גרויסע גליקן.

— ווער מאַכט די פאַבריק? — פרעגט דער רבי.

— עפּעס אַ גרויסער גביר פון מינסק; האָט אַ מטמון גאָלד און זוכט געשעפטן.

— און וואו שטעלט ער די פאַבריק? — פרעגט דער רבי ווייטער.

— אָן אָרט האָט ער אַ גאָלדענעם, ביים טייכל, אַ זעלטענער פּלאַץ.

— ביים טייכל! — רייסט זיך ארוים ביי אונז חדר־אינגלעך ווי אין איין קול אַ געשריי, און מיר קוקן זיך אַלע איבער.

— אין תוספות קוקט! — שרייט דער רבי — פּויערים, ליידאַ־קעס.

— ביים טייכל! — קלאַפּ איך מיין חבר הינטערן טיש מיטן פוס, און מיין הארץ ווערט איבערפול מיט עפּעס מאָדנע גליקן, און פאַר מיינע אויגן מאָלן זיך פאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פאַלן צו די פיס בערע דעם שמיד און וויינען פאַר אים און בעטן אים תחנונים:

— רב בערע, האָט רחמנות, זאָגט מיט אַן אמת, טאַקע ביים טייכל מאַכט מען די פאַבריק? טאַקע ביים טייכל?...

און מיר גלויבט זיך דאָס גליק ניט.

נאָך פסח איז די פאַבריק פאַרטיק געוואָרן. מיר חדר־אינגלעך זיינען געקומען צולויפן אָנקוקן זי. איר אויסזען האָט אונז געשראָקן. די הויכע קוימענס האָבן פון דער ווייטנס אַזוי בייז געקוקט און האָבן

אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וועלן חרוב מאַכן דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס געפינט זיך ארום.

— אָ, סאַראַ הויכע קוימענס! — האָט יאָשקע, אַ חדר־אינגל, פון ווייטן אָנגעוויזן.

— ווי עס הודזשעט! — האָט אַ צווייט אינגל ווי מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— קומט נענטער! וואָס האָבן מיר מורא? — האָבן מיר זיך אַלע געפּאַסט מוט — קומט!

מיר זיינען צוגעגאַנגען נענטער און האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביים טייכל. דאָס וואַסערל האָט שטיל און טרויעריק גערוישט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וויינט. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס טייכעלע האָט מורא פאַר דער גרויסער פאַבריק...

און ניט נאָר אויף מיר אַליין האָט דאָס טייכעלע אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַלע חדר־אינגלעך האָבן, אַנשטאָט צו קוקן אויף דער פאַבריק, זיך אין וואַסער איינגעקוקט און איינער האָט זיך צעזיפצט:

—מוטנע וואַסער געוואָרן!

— טאַקע! — האָט אַ צווייטער טרויעריק מודה געווען.

— דאָס איז פון רויך פון די קוימענס.

— אַ רחמנות אויף דעם טייכעלע, — האָט אַ אינגעלע כלומרשט לאַכנדיק געזאָגט.

— משוגענער! — האָבן מיר פון אים אָנגעהויבן צו לאַכן, די הערצעלעך אָבער אינווייניק האָבן אונז געקלעמט, און עס האָט זיך געוואָלט וויינען...

ספירה האָט זיך געענדיקט. עס איז געווען אַ הייסער טאָג, און לערנענדיק מיטן בייזן רבין האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג געקוקט אין פענצטער צו זען, וואו האַלט שוין דער שאָטן פון די הייזער, ווען וועט שוין די זון אויף אונז רחמנות האָבן און וועט זיך איבערפּעקלען ערגעץ ווייט הינטער די הייזער, כדי דער רבי זאָל אונז שוין לאָזן פריי.

און אָט איז שוין די גאַנצע גאַס „שאָטן" געוואָרן. דער פּאַסטוך האָט שוין די טשערעדע געטריבן, און דער רבי האָט אונז פריי געלאָזט.

— באָדן זיך! — האָבן מיר אין איין קול אויסגעשריען און זיך געלאָזט אַראָפּ פון געסל צום טייכל.

— הערסט ווי עס פייפט! — האָט, גייענדיק, איין חבר, ווי באַ־זאָרגט, אויסגערופן, צוהערנדיק זיך ווי פון ווייטן פייפט די פאַבריק.

— זאָל פייפן! וועט זיין פריילעכער זיך צו באָדן, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— טאַקע! — האָבן מיר מיטגעשטימט, ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אַליין אָפּנאַרן.

נאָר וואָס נענטער מיר זיינען געקומען צום טייכל, אַלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן; עפּעס האָט אונז דאָס האַרץ פאָרגעזאָגט טרויעריקס.

איך האָב זיך געלאָזט לויפן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט וועלן דערמיט צוגעבן מוט מיינע חברים. נאָר קומענדיק נאָענט צום טייכל, בין איך געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

— ניטאָ, ברידער, קיין טייכל! צוריק! — האָב איך ווי מיט אַ געוויין אויסגעשריען.

— דזזזזזזזז! — האָבן די קוימענס געפייפט.

— דזזזזז!

די חדר־אינגלעך זיינען נענטער צוגעקומען, האָבן איינגעבויגן די קעפּ אַריינצוקוקן אין טייכעלע, און מיר אַלע האָבן אַ לאַנגן זיפץ, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם, אַרויסגעלאָזן.

— אוי!!

דאָס וואַסער האָט אויסגעזען, ווי אין אַ טעלער פאַרבליבן קאַלט געקעכץ, פאַרגליווערט. אויף דער גליווערײַ זיינען געווען אָנגע־וואָרפן העלצלעך, צעבראָכענע קעסטעלעך און סתם מיסט. און אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ מאָדנעם שטינקנדיקן גערוך.

מיר זיינען אַזוי געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט אַ פּאָר מינוט, גע־קוקט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ גראָבן קול הינטער אונז רעדן:

— וואָס טוט איר דאָ, האַ?

מיר האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען אַ הויכן, גראָב־בייכיקן אידן, מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף אונז און געשמייכלט. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס טוט איר דאָ, האַ? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— באָדן זיך ווילן מיר! — האָט זיך ביי איינעם אַרויסגעריסן אַ געשריי...

— כאַ־כאַ־כאַ! באָדן זיך! — האָט זיך דער דיקער איד צע־לאַכט — נו, וואָס־זשע וואַרט איר? כי־כי־כי...

— אַמאָל פלעגן מיר זיך דאָ באָדן, — האָט אַ צווייט אינגל, ווי דורך טרערן ארויסגעזאָגט — אַמאָל איז געווען ריין וואַסער.

— אַמאָל, אַמאָל! — האָט דער הויך-בייכיקער איד זיך לוסטיק געמאַכט מיט אונז — אַמאָל איז דען אויך אַ קונץ געווען צו באָדן זיך?... באָדט זיך איצטער... כאַ-כאַ-כאַ!

זיין לאַכן האָט אונז ביז ווייטיק געריייצט. און איינער פון אונז, בלאַס ווי דער טויט, האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַ בראַנד אין אייער פאַבריק!...

און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט זיך דער בייכיקער, דיקער איד פאַנאַנדערגעלאַכט — אַהיים, שקצים!

גייענדיק צוריק אַהיים, האָט מיר געקלונגען אין די אויערן דעם אידנס געלעכטער, דער „דזזזז" פון די קוימענס, און דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי שוועבל אויף מיין האַרץ.

— אַ בראַנד אין דער פאַבריק! — האָט דאָס אינגל דעם גאַנצן וועג געשאָלטן.

— דערשטיקט האָט זי דאָס טייכעלע! — האָט אַ צווייטער געזיפצט.

און לאַנג האָבן מיר דאָס טייכעלע באַוויינט און נאָך לענגער די פאַבריק געשאָלטן...

גמרא (געמאָרע) — תלמוד (טאַלמוד), ביכער פון אַלטן אידישן געזעץ, געבויט אויף דער תורה. פרק (פּיירעק) — טייל. כלל (קלאַל) — אינגאַנצן. תנאים (טאַנאָאים) — געלערנטע וואָס האָבן געשאַפן די משנה. יושר (ויישער) — גערעכטיקייט. עמוד (אָמעד) — זייט. רש"י (ראַשי) — ר' שלמה יצחקי, גרויסער געלערנטער פון מיטלאַלטער, האָט פאַרפאַסט אַ פירוש (קאָמענטאַר) אויף תנ"ך און אויף תלמוד. תוספות (טויספעס) — „צוגאָבן", די געלערנטע, וואָס האָבן צוגעגעבן דערקלערונגען צום תלמוד. געוואָר ווערן — זיך דערוויסן. סטאַרעט זיך — באַמיט זיך. גרויל — שרעק. דהיינו (דעהיינע) — צום ביישפּיל. אדרבה (אַדראַבע) — פאַרקערט! מ'שטיינם געזאָגט — אויסדרוק פון באַדויערן אָדער פון מילדער פאַראַכטונג ווען מ'רעדט וועגן אַ ניט וויכטיקער זאַך. שלשלת (שאַלשעלעס) — אַ גרויסער געדרייטער טאָן ביים לייענען די תורה; אַ דריי. מאה (מייע) — הונדערט. שם-דבר (שעם-דאָוואָר) — באַרימטקייט, גוט-באַקאַנטע זאַך. מטמון (מאַטמען) — אוצר; זייער אַ סך. ליידאַק — שלעכטער, פאַרדאָרבענער מענטש. תחנונים (טאַכנונים) — שטאַרק צודרינגלעכער בעטן. חרוב (כאָרעוו) — וויסט. הודזשעט — טומלט, קלאַפּט שטאַרק. מודה זיין (מוידע) — צוגעבן. כלומרשט (קלאָמערשט) — אַזוי ווי; מאַכנדיק אַן אָנשטעל. בראַנד — פייער.

די סאַזשעלקע

ח. נ. ביאַליק.

איך קען אַ וואַלד, און אין דעם וואַלד
איז מיר באַקאַנט אַ צנועהדיקע סאַזשעלקע ;
אין דער געדיכטעניש, ווייט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט,
אין שאָטן פון אַ הויכן דעמב,
פון זון געבענטשט, פון שטורעם אויסגעפּרופּט —
דאָרט חלומט זי דעם חלום פון אַן אומגעקערטער וועלט,
טוט פּישן שטיל די גאָלדענע פּישלעך אירע —
און קיינער ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרצן.

פּרימאָרגנס —
ווען ס'וואַשט די זון די צעפּ פון שטאָלצן וואַלד
און גיסט אַ ים מיט שיין אויף זיינע לאָקן —
און ער, דער גבור, שטייט אין נעצן גאָלדענע פּאַרשפּונעץ,
ווי שמשון אין די הענט ביי דלילהן,
ער גיט זיך ווילִיק איבער מיט אַ לייכטן שמייכל
אין שיין פון ליבהאָבער וואָס שפּירט די כחות אייגענע,
אין נעץ דער גאָלדענער, נעמט זיין געפּאַנגענשאַפט מיט ליבע אָן ;
ער הויבט זיין קרוין אויף צו דער גבורה פון דער זון,
ווי ער וואָלט זאָגן איר : פּאַרפּלייץ מיך, צערטל מיך, צי בינד מיך,

און טו מיט מיר וואָס נאָר דיין האַרץ באַגערט.
די סאָזשעלקע, אין יענער שעה —
צי זי איז יאָ זוכה, צי ניט זוכה: איין שטראַל
איין גאָלדענעם צו קריגן פון דער הויך —
פאַרטייעט זיך אין שאָטן פון איר שיצער, דעם פילצווייגנדיקן,
טרינקט אָן די וואָרצלען זיינע, און איר וואַסער רוט;
ווי זי וואָלט שטילערהייט געפרייט זיך מיט איר חלק
וואָס זי איז זוכה, זיין אַ שפּיגל פאַרן מעכטיקן פון וואַלד.
און ווער קען וויסן, אפשר חלומט זי אין זיך פאַרבאָרגן,
ניט בלויז זיין אָפּשפּיגלונג און וואָרצלען זיינען טיף אין איר,
נאָר ער אין גאַנצן וואַקסט אין איר.

און אין אַ לבנה-נאַכט —
ווען ס'ליגט אַ שווערער סוד איבערן וואַלד צעלייגט,
און ס'פּליסט אַ סודותדיקע ליכט צווישן צווייגן,
וואָס גנבעט זיך אַרונטער איבער קאָמבלען,
און וועבט אין זילבער און אין בלוי
געוועבן וואונדערלעכע —
און שטיל איז יעדער צווייג, און שטיל איז יעדער בוים.
שטייט איטלעך איינציקער פאַרשאָטנט מיט זיין בלעטער קאָפּ
און טראַכט אין שטילקייט זיינע טראַכטונגען.
און ס'איז דער וואַלד געלאָדן מיט געדאַנק,
און היט אַ מלכותדיקן סוד, אַ פּראַכטיקן און אַלטן,
אַז דאָרט אין טיפסטער טיפעניש, אין זיין באַהעלטעניש, —
אין גאָלדן בעט, פאַרהוילט פון יעדן לעבעדיקן, שלאָפט
אין אומשולד און אין פּראַכט, אין יוגנט אייביקער,
אַ יונגע בת-מלכה וואָס ליגט פון לאַנג פאַרכשופט —
און ער, דער וואַלד, דאַרף ציילן יעדן אָטעמצוג,
און הייליק אָפּהיטן איר יונגפרוישאַפט —
ביז קומען וועט דער בן-מלך, איר ליבהאָבער, איר אויסלייזער,
און וועט זי אויסלייזן —
די סאָזשעלקע אין יענער שעה;
צי איז זי יאָ זוכה, צי ניט זוכה,
איין שוואַכן לבנה-שטראַל צו קריגן פון דער הויך —
פאַרטייעט זיך אין שאָטן פון איר שיצער, דעם ברייטצווייגנדיקן,
און דאָפּלט טיפער איז איר שווייגן,
ווי גאָר די שטילקייט פון דעם וואַלד און גאָר זיין סוד

געלעגן וואַלטן דאָ צונויפגעקנוילט
ביי איר, אין דרעמלענדיקן וואַסער-שפּיגל.
און ווער קען וויסן, אפשר חלומט זי דאָ שטילערהייט,
אַז בלויז אומזיסט לויפט אום און בלאָנדזשעט אום דער בן-מלך
און זוכט אין וועלדער אייביקע, מדבריות זאַמדיקע, אויפן דעק פון ימען
די בת-מלכה די לאַנג פאַרלוירענע —
אַז ס'איז דער אוצר אָט דער דאָזיקער אין גאַנצער שיין
פאַרבאָרגן דאָך ביי איר אין אירע טיפקייטן —
אין האַרצן פון דער דרעמלענדיקער סאַזשעלקע.

און אין אַ שטורעם-טאָג:
אַ מחנה וואָלקנס האָט זיך איבערן קאָפּ פון וואַלד
פאַרזאַמלט קריגעריש;
זיי האַלטן זיך נאָך אָפּ און צוימען זייער צאָרן,
און ס'ציטערט זייער לייב מיט ברום פון דונער.
איין וואָלקן צו דעם אַנדערן, ווי אַנזאָגער פון וויסטע בשורות,
שיקט בליץ-סיגנאַלן פלינקערהייט:
„זיי גרייט!"
און יעדער ס'איז באַקאַנט, ווער ס'איז דער שונא,
און אויך פון וואַנען ס'וועט דער שונא קומען —
דער וואַלד ער שטייט אַ פינצטערער, געגרייט
צו אַלע צרות אויף דער וועלט.
און פּלוצים—בליצט דער בליץ! פּלים-פּלאַם! דער וואַלד ווערט בלאַס,
די וועלט — זי בליצט!
טראַך-טראַך! ס'האָט אויסגעפּלאַצט דער דונער, זיך צעשאָטן,
דער וואַלד האָט זיך צעריסן און אויפגעזאָטן.
און זעכציק רבוא ווילדע ווינטן,
וואָס זעען אַלץ און ווערן נישט אַליין געזען —
זיי האָבן מיט געפייף און ווילדן ברומען
אַ לאָז געטאָן זיך אויף די בוימער זיינע,
זיי אָנגענומען פּלוצים פאַר די גריוועס,
און זיי געוואָרפן וואָרפנדיק, געשלאָגן אין די קעפּ —
און דונער פּלאַצט נאָך דונער!
פון שטורעם רייסט זיך דאָס געברום פון וואַלד
ברייט-רוישנדיק, שווער-ברויזנדיק,
ווי כוואַליעס וואַסער אָנגעגאָסענע —
און ס'שרייט דער וואַלד מיט שטורעם, שטורעם, שטורעם . . .

אין יענער ברויזנדיקער שעה, די סאַזשעלקע,
אַרומגערינגלט מיט אַ פּעסטונג פון די ריטער-בוימער,
באַהאַלט נאָך טיפער אין איר טיפקייט אירע פיש די גאָלדענע,
ווי אַ דערשראָקן קינד באַהאַלט זיך אין אַ נאַכט פון גרוילן
מיט אויגן מיט פאַרמאַכטע אונטער מאַמעס פליגל,
און שליסט מיט יעדן בליץ די ברעמען שטייפער —
אַזוי, קרום-פנימדיק, שוואַרץ-וואַסערדיק און פינצטער
פאַרקנוילט זי זיך אין שאָטן פון איר שיצער דעם פילצווייגנדיקן —
און ציטערט, ציטערט . . .

און ווער קען וויסן —
צי האָט זי מורא פאַרן גורל פונ'ם שטאָלצן וואַלד,
און פאַר דער שטאַרקייט פון די קעפּ זיינע צעפלאָכטענע,
צי ס'טוט איר באַנג די שיינקייט פון איר צנועהדיקער וועלט,
קלאָר-טרוימענדיקער, בילדער-רייכער וועלט,
וואָס ס'איז דער שטורעם זי אַדורך, און זי באַטריבט,
אויף וואונדער-זעאונגען, ביי איר אין האַרצן אויפגעגאַנגענע
אין טאָגיקע און נאַכטיקע חלומות,
וואָס ער האָט אין איין צאָרנדיקער שעה צעשטערט.

באַגינען —
עס שווייגט דער וואַלד נאָך. ברוגזע און ציטערדיקע
פאַרקנוילן זיך די לעצטע שאָטנס אין באַהעלטעניש.
נאָר מילכיק-ווייסע נעפּלען, פויזנדיק אויף דר'ערד,
זיי הויבן אָן שוין רויכערן אין וואַלד, זיי בלאָנדזשען,
און הענגען אָן זיך שטיקערווייז אויף זיינע גריוועס.
און קליינע, זיסע, וואַרעמלעכע צינגלעך פון דעם ווינט,
ווי ס'צינגל פון אַ צערטלעך קינד אויף מאַמעס באַקן,
זיי לעקן אָפּ דעם מילכשוים פון די ווייסע נעפּלען,
זיי פאַלן אין אַ נעסט אַריין, צערירן דאָרט ניט-וויסנדיק
די פעדערלעך פון פויגל-אופהלע וואָס שלאָפט. —
אַריבער הויכקייטן פון וואַלד האָט אָפּרוען געשטעלט זיך
אַ הימלישע חבריה — קלאָרע מחנות וואָלקנס,
וואָס זעען אויס ווי מזרח-פירשטן, ווייסע שליחים
וואָס טראָגן פאַרבאַהאַלטענע מגילות אין די הענט,
באַפעלן שטרענגע פון אַ גרויסן מלך,
פון איין וועלט צו אַ צווייטער וועלט.

עס שטייט דער וואַלד אַ וואַכעדיקער און ער שווייגט,
פאַרשטיקט מיט ציטער און מיט אָטעם איינגעהאַלטענעם
דעם מינדסטן רויש, דעם קלענסטן פּיפּס פון פויגל —
און שטייט אין שרעק און ערנפורכט — — —
אין יענער שעה — די דרעמלענדיקע סאַזשעלקע
פאַרוויקלט זיך אַ רואיקע, אַ וואַרעמע, אַ גלאַטע
אין לייכטן ווייסן ליילעך — אין אַ בלאַסן נעפּל,
און דרימלט איר באַגינען־שלאָף.
און ווער קען וויסן, אויב זי חלומט ניט אַצינד,
אַז בלויז אומזיסט טוען די הויכע פירשטן פונ׳ם הימל,
אַרומוואַגלען אין ווייט אַן אַנדער וועלט צו זוכן
אין ווייטע ימען און אויף ווייטע האָריזאָנטן —
און ס׳איז די אַנדער וועלט דאָך נאָנט, אַזויפיל נאָנט,
זי ליגט דאָך דאָ פון אונטן, דאָ פון אונטן,
אין האַרצן פון דער סאַזשעלקע באַהאַלטענער.

און איך, אין יוגנטצייט, אין מיינע שענסטע טעג,
ווען ס׳האָט צוערשט די שכינה איבער מיר געפלאַטערט,
ווען ס׳האָט מיין האַרץ געוואוסט פון בענקען און פון שטילן וואונדער,
און האָט געזוכט נאָך פאַר זיין תפלה אַ באַהעלטעניש —
פלעג מיך אַוועקנעמען אין היץ פון זומער־טאָג
אין קעניגרייך פון רואיקייט פון פּראַכטיקער —
אין טיפעניש פון וואַלד.
און דאָרטן, צווישן בוימער־זקנים, וועלכע האָבן
דעם אָפּהילך פון דער האַק נאָך קיינמאָל נישט געהערט,
און אויף אַ שטעג וואָס בלויז דער וואָלף און יעגער קענען אים,
דאָרט פלעג איך גאַנצע שעהן אומבלאָנדזשען אַליין,
פלעג מיך מתיחד זיין מיט גאָט און מיט מיין האַרצן,
ביז כ׳פלעג דורך שטרויכלונגען פון נעצן גאָלדענע
אַריינקומען אין קדשי־קדשים פון דעם וואַלד —
צו זיין שוואַרצאַפּל :

דאָרט אינווייניק, אַהינטער בלעטערנעם פּרוכת
איז דאָ אַ אינזל קליין, מיט גראָזן אויסגעבעט,
אַן איינזאַם אינזל, ווי אַ קליינע וועלט פאַר זיך,
אַ שטילער היכל, אויסבאַהאַלטענער אין שאָטנס,
פון וואַלד־זקנים, ברייט־צווייגענדיק, מיט וואַל באַוואַקסן.

דער באלקן זיינער — איז אַ בלויער קליינער הימל,
וואָס בויגט זיך רונד, ליגט ממש אויף די בוימער.
זיין דיל פון גלאָז: אַ סאַזשעלקע מיט קלאָרן וואַסער,
אַ זילבער־שפּיגל אין אַ ראַם פון פייכטן גראָז.
און דאָרט איז נאָך אַ קליינע וועלט פאַראַן, אַ צווייטע וועלט,
און אין דעם הימל אין דעם דאָזיקן, אין מיטן פון דער סאַזשעלקע,
איינס קעגן אַנדערן, צוויי דימענטן דאָרט זיינען איינגעפאַסט,
צוויי גרויסע שטראַלנדיקע דימענטן —
צוויי זונען.

און זיצנדיק ביים ראַנד פון סאַזשעלקע, און קוקנדיק אַריין
אין רעטעניש פון וועלטן צוויי, פון צווילינג וועלטן,
נישט וויסנדיק אַוועלכע פון די צוויי קומט פריער,
מיין קאָפּ געבויגן אונטער ברכה פון די זקנים־בוימער,
וואָס טריפן ליכט און שאָטן, ליד און זאַפט אינאיינעם —
פלעג איך בחוש דערפילן, ווי עס פליסט אַריין
אַ נייער פרישער שטראָם אין מיין נשמה,
און ס׳האַרץ מיינס, דאָרשטיק נאָכן סוד דעם גרויסן,
ווערט אַנגעפילט מיט גרויסער שטילקייט פון אַ האָפנונג,
ווי עס וואָלט מאָנען נאָך און נאָך, און וואַרט און גאַרט
אויף דער אַנטפּלעקונג פון דער שכינה,
צי אויף דעם נביא אליהוס קומען.
און אַז מיין האַרץ פלעגט בענקען, אויסגיין אין אַ הייליקן פאַרלאַנג,
און אַז דאָס ווידערקול פון גאָט וואָס פאַרבאַהאַלט זיך
פלעגט פלוצים פון דער שטילקייט אָפּקלינגען:
„וואו ביסטו?"
פלעגט פול ווערן דער וואַלד מיט גרויסן וואונדער,
און בוקסנבוימער, אַלטע בירגער איינגעוואָרצלטע,
זיי פלעגן מיך מיט גדלות אָנקוקן, און שטיל זיך וואונדערן:
„ווי קומט דער דאָזיקער צווישן אונז?"

ס׳איז דאָ אַ שטילע געטער־שפּראַך, אַ שטילער לשון,
וואָס האָט קיין קול און קלאַנגען נישט, בלויז פאַרבן און קאָלירן;
די שפּראַך האָט כישוף, פּראַכטבילדער און זעאונגען —
אויף דער שפּראַך טראַכט דער האַר פון וועלטן זיינע טראַכטונגען,
אין איר פאַרקערפערט יעדער קינסטלער זיינע זעאונגען,
געפינט באַשייד אין איר פאַר זיינע חלומות;

דאָס איז די שפּראַך פון זעאונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך
אין פּאַס פון בלויען הימל, און אין זיינע ברייטקייטן,
אין קלאָרקייט פון די זילבער וואָלקנדלעך, און אין די שוואַרצע כמאַרעס,
אין ציטער פון די תבואות גאָלדענע אויף פעלדער,
און אין דער שטאָלציקייט פון שטאַרקן צעדער;
אין פלאַטער פון דעם ווייסן פליגל פון אַ טויב,
און אין די מעכטיק-אויסגעשפּרייטע אָדלער-פליגל;
אין שיינקייט פון דעם מענטשנס קערפּער, אינ׳ם ליכט פון אויג,
אין צאָרן פון דעם ים, אין ברויז פון כוואַליעס און אין זייער שפּילן,
אין פינצטערניש פון נאַכט, אין שטילשווייגן פון פאַלנדיקע שטערן,
אין רעש פון פייערן, אין ברען פון פלאַמענדיקע ימען,
פון זונען-אויפגאַנגען און זונען-אונטערגאַנגען —
אין שפּראַך דערדאָזיקער, דער שפּראַך פון שפּראַכן, האָט די סאַזשעלקע
איר רעטעניש די אייביקע געפרעגט מיך.
באַהאַלטן אינ׳ם שאָטן, דורכזיכטיק און שווייגנדיק,
וואָס קוקט אויף אַלץ, און אַלץ טוט שפּיגלען זיך אין איר,
און האַלט זיך אין איין ענדערן מיט אַלץ —
האָט זי מיר אויסגעזען ווי ס׳אויג דאָס אָפענע
פון האַר פון וואַלד דעם גרויס-סודותדיקן
און לאַנג-צווייגנדיקן.

סאַזשעלקע — Pond. צנועהדיקע — באַשיידענע (Modest). גבורה — שטאַרקייט. זוכה זיין (זויכע) — ווערט זיין; האָבן די פּריווילעגיע. פאַר-טייען זיך — זיך פאַר־עסן, זיין אַריינגעטאָן אין זיך. קאָמבלען — שטאַמען. בלינצלט — Blinks. רבו (ריבוי) — צען טויזנט. גריווע — Mane. באַטריבט — צערודערט, אומרוייק געמאַכט. פּויזן — קריכן. שכינה — גאָטס הייליקייט, נאָמען פאַר געטלעכקייט. מתיחד זיין זיך (מיסיאַכעד) — בלייבן אַליין, זיך באַהאַלטן. קדשי קדשים (קאָדשיי קאָדאָשים) — דאָס סאַמע הייליקסטע פּלאַץ. היכל (הייכל) — טעמפּל. בחוש — אמתדיק, ריכטיק, געניי. גאָרן — בענקען. בוקסנבוים — Box-tree. באַשייד — דערקלערונג.

די קליינע העלדן פון כפר תבור

י. יערי־פּאָלעסקין.

איין יאָר האָב איך געאַרבעט ביי אַ אידישן פויער אין אַ קאָלאָניע אין עמק יזרעאל צופוסנס פון באַרג תבור. יענע טעג זיינען מיר געווען זייער אנגענעם; איך האָב ליב געהאַט די אַרבעט אונטער דעם שיינעם ארץ־ישראל הימל צווישן מיינע גוטע ברידער, נאָר מער פון אַלץ האָב איך דאָרט ליב געהאַט דאָס קליינע, טייערע אינגעלע אבינועם. דעם אבינועמען איז איינמאָל געווען באַשערט, צוזאַמען מיט זיינע יונגע חברים, העלדיש צו פאַרטיידיקן זייער שול קעגן די טערקישע סאָלדאַטן. די מעשה וויל איך אייך דאָ דערציילן.

די מעשה איז פאָרגעקומען פאַר דער וועלט־מלחמה, ווען ארץ־ישראל האָט זיך נאָך געפונען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. די קינדער־שול אין דער קאָלאָניע איז געווען קליין און ענג, האָבן די קאָלאָניסטן באַשלאָסן אויפצובויען אַ נייע, שיינע און באַקוועמע שול־געביידע. לויטן געזעץ, האָבן זיי געדאַרפט בעטן דערלויבניש ביי די טערקישע באַאַמטע אין נצרת, נאָר קענענדיק די טערקישע באַאַמטע, זייער פוילקייט און אָפּגעלאָזנקייט, האָבן זיי געוואוסט, אַז ס׳קען נעמען יאָרן, איידער זיי וועלן באַקומען די דערלויבניש. האָבן די קאָלאָניסטן דעריבער באַשלאָסן צוזוטרעטן בויען אָן אַ דערלויבניש, וואָס שנעלער אָפּטאָן די אַרבעט און לייגן דעם דאַך פונ׳ם בנין, ווייל לויטן טערקישן געזעץ, טאָר מען ניט טשעפּען קיין בנין, וואָס איז שוין געדעקט מיט אַ דאַך.

דאָס איז געווען אין חודש אלול. די אַלטע שול איז געווען צוגעשלאָסן און די קינדער זיינען געווען פריי פון לערנען ביז נאָך די ימים טובים. אַ גאַנצן טאָג איז געווען שטיל און רואיק אין דער קאָלאָניע. די קאָלאָניסטן זיינען אַוועק אין פעלד אַריין אַראָפּנעמען די תבואה, און די קינדער פלעגן אויפשטיין גאַנץ פרי, אָנלאָדן זייערע אייזעלעך, מיטנעמען עסן און זיך אַוועקלאָזן אויף אַ לאַנגן שפּאַציר אין פעלד. די עלטערע אינגלעך זיינען געבליבן אין דער קאָלאָניע צו העלפן די אַרבעטער ביים בנין. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען גאַנץ שנעל, די ווענט זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און באַלד וועט מען שוין לייגן דעם דאַך.

איין נאָכמיטאָג, ווען מען האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט אויפ־שטעלן די ווענט פונ׳ם בנין, זיינען די קינדער געקומען צולויפן אויף זייערע אייזעלעך מיט אבינועמען אין דער שפּיץ. ביים בנין איז גע־שטאַנען דער עלטסטער פונ׳ם קאָמיטעט און אבינועם האָט אים גע־זאָגט:

— ווען מיר האָבן זיך פריער געשפּילט צופוסנס פון באַרג תבור, האָבן מיר געזען זיילן שטויב הויבן זיך אין דער לופטן: דאָס קומען טערקישע סאָלדאַטן; זיי זיינען אויפן וועג צו דער קאָלאָניע. זיינען מיר געקומען צולויפן אייך צו וויסן טאָן, ווייל זיי קומען געוויס צע־וואַרפן אונזער שול.

דער עלטסטער פונ׳ם קאָמיטעט האָט באַפוילן אָפּשטעלן די אַר־בעט און זיך באַהאַלטן אין די דערבייאיקע הייזער. די סאָלדאַטן זיי־נען אָנגעקומען, אָנגעפירט פון אַ טערקישן אָפיציר. ווען ער האָט דערזען די ניט פאַרענדיקטע געביידע, האָט ער באַפוילן די סאָל־דאַטן זי צו צעוואַרפן, ביז צום גרונט.

די קינדער האָבן געהערט דעם באַפעל. אבינועם האָט זיך אַרומ־געקוקט און האָט געהייסן זיינע חברים, זיי זאָלן מיט אים צוזאַמען אַרויפקריכן אויף די ווענט פון דער נייער שול־געביידע און זי באַ־שיצן קעגן די סאָלדאַטן. פייל אויסן בויגן זיינען די קינדער אַרויפ־געקראָכן, האָבן מיט זייערע קליינע הענטלעך זיך אָנגעהאַלטן אָן די שטיינערדיקע ווענט און האָבן זיך באַלד באַזעצט אויבן איבער די ווענט.

די סאָלדאַטן זיינען אַרויף פאַרטרייבן די קינדער, אָבער די קינ־דער האָבן מיט אַלע כוחות זיך איינגעקלאַמערט אָן די ווענט, און די סאָלדאַטן האָבן זיי ניט געקענט רירן פון די ערטער. דער קליינער אבינועם האָט דאַן אויסגעשריען צום טערקישן אָפיציר אויף אַראַ־ביש:

— דאָס איז אונזער שול, וואו מיר דאַרפן לערנען. מיר וועלן זי באַשיצן ביז אונזער לעצטן טראָפּן בלוט. מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּ ביז איר וועט ניט פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

אַלע קינדער האָבן אויסגעשריען צוזאַמען:

— מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּגיין, אפילו אַז מ׳וועט אונז הרגענען.

דער אָפיציר האָט געהערט די קינדערס ווערטער און האָט גע־שמייכלט, נאָר באַלד האָט ער אויפגעהערט שמייכלען און האָט אויסגעשריען מיט צאָרן:

— גייט שנעל אַראָפּ, אַניט באַפעל איך די סאָלדאַטן, מ׳זאָל אייך מיט גוואַלד אַראָפּשלעפּן, אייך קאַוועז אין קייטן און אייך אַוועקפירן אין אַ פינצטערער תפיסה אין נצרת, וואו איר וועט גאָרניט ניט קריגן, ניט עסן און ניט טרינקען.

אַבינועם האָט זיך ניט איבערגעשראָקן און האָט מוטיק אָפּגעענטפערט:

— איר קענט מיט אונז טאָן וואָס איר ווילט, אָבער מיר וועלן פון דאַנען ניט אַראָפּגיין.

ווען דער טערקישער אָפיציר האָט געזען, אַז ער קען מיט זיי גאָרניט ניט מאַכן, סיידן ער זאָל אויף זיי שיסן, האָט ער באַפוילן די סאָלדאַטן פאַרלאָזן די קאָלאָניע. ער האָט זיך אויך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צוריק קיין נצרת, אַ שמייכלענדיקער.

די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט די קאָלאָניע, האָט מען געשיקט אַבינועמען מיט נאָך אַ רייטער אין דער נאָענטער קאָלאָניע צו ברענגען נאָך בעלי מלאכות צו מאַכן דעם דאַך. פאַרנאַכט איז אַ וואָגן פול מיט סטאָליארעס אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע.

ס׳איז געווען אַ העלע לבנה נאַכט, ליכטיק ווי אינמיטן טאָג. די סטאָליארעס, די קאָלאָניסטן, דער לערער, די עלטערע און די אינגערע אינגלעך האָבן אַ גאַנצע נאַכט שווער און שנעל געאַרבעט, און גאַנץ פרי, נאָך פאַר זון אויפגאַנג, איז די אַרבעט געווען אָפּגעטאָן: די שול געביידע האָט שוין געהאַט אַ דאַך.

ווען ס׳איז נאָר ליכטיק געוואָרן איז געקומען צופאָרן דער אָפיציר מיט סאָלדאַטן גרייט צו צעוואַרפן די שול. זיי האָבן אָבער גאָרניט ניט געקענט טאָן, ווייל דער דאַך איז שוין געווען פאַרטיק, און זיי האָבן דעריבער, לויטן געזעץ, ניט געקענט טשעפּען די געביידע.

אין אַ חודש אַרום איז די גאַנצע אַרבעט געווען פאַרטיק, סיי אינווייניק, סיי אינדרויסן. די קאָלאָניסטן האָבן דאַן געפּראַוועט אַ פריילעכן חנוכת הבית. אַבינועם און זיינע חברים זיינען געווען שטאַרק פריילעך...

באַשערט — Fated. **בנין** (ביניען) — בויען; געביידע. **קאַוועז** — שמידן, בינדן. **בעלי מלאכה** — אַרבעטער. **חנוכת הבית** — אַ פייערונג לכבוד דעם אַריינציען זיך אין אַן אייגענער הויז.

פון מיינע קינדעריאָרן

פּ. הירשביין.

אַ זינגעוודיקער זומער שטייט איצטער פאַר מיינע אויגן. אין אים לויפט אום אַ באָרוועסער, מיט פאַרשאַרצטע הויזלעך, אַן אכט־יאָריק אינגל. גאַפט פאַרחידושט קוקנדיק אויף דער שיינער וועלט אַרום. אַ גרויסער זומער איז דאָס געווען. אַלעמען איז גוט געווען אויפן הארצן.

ערשטנס האָט דער טאַטע געדונגען אַ פיין שטיקל גאָרטן, וואָס איז געלעגן אויפן וועג פון מיל אין שטעטל אריין. האָט די מאַמע געזעעט קאַרטאָפליעס, בעבלעך, בוריקעס, ברוקווע — אפילו אוגער־קעס האָט די מאַמע פאַרזעעט.

איז דעריבער, יעדעס מאָל, לויפנדיק אין חדר, בין איך גאָר אָן מורא אַריבער דעם פּלויט, וואו אונזער גאָרטן איז געווען, און באַ־טראַכט אַלע שפּראָצונגען, וואָס קריכן פון דער ערד.

דערנאָכדעם האָט דער טאַטע געדונגען אַ שטיקל לאָנקע, צווישן די לאָנקעס אַרום מיל. אין אַ נאַסער געגנט איז דאָס געווען. דאָס גראָז איז געוואַקסן הויך. אוודאי וועט מען דאָס גראָז קאָסען, אַליין טריקענען, צונויפשאַרן קאָפּיצעס און שפּעטער טראָגן פון לאָנקע צו דער שטאָל, אויף דער פּלייצע, גרויסע בינט שמעקנדיקע היי. מיט דעם היי וועט מען פאַרלייגן דעם גרויסן בוידעם איבערן שטאָל.

וועט זיין גוט צו שלאָפן אין די קאָפּיצעס אויף דער לאַנקע, דער־נאָכדעם וועט זיין וואויל צו שלאָפן אויפן בוידעם אין דעם שמע־קעדיקן, טרוקענעם היי.

דערצו האָט נאָך דער טאַטע געבראַכט צו פירן פון מאַרק אויף אַ שטריקל אַ רויטע קו מיט אַ ווייסן פינטל אויפן שטערן. אַ ביסטרע קו איז דאָס געווען, וואָס האָט געפּרוּווט אַ וואָרף טאָן מיטן קאָפּ, שרעקן מיט די הערנער. אָבער זי האָט געגעבן אַ סך מילך. די מאַמע האָט פון איר געהאַט אַ סך נחת, כאָטש די קו האָט געהאַט אַ טבע צו לויפן צוריק אין דאָרף אַריין, וואו עס האָט געוואוינט איר ערשטער באַלעבאָס. אַ פּאָר מאָל האָט מען געדאַרפט פאָרן נאָך איר.

אָפּטע רעגנס זיינען געגאַנגען. אַרבעט איז געווען אין מיל. דעריבער איז די מיל געגאַנגען יעדן טאָג צו עטלעכע שעה. דאָס וואַסער האָט פריילעך געפּאַטשט אונטער די רעדער.

אַלץ אַרום איז שיין געוואַקסן. קיין זאָרג איז אין שטוב ניט גע־ווען. איז אַרום אונזער מיל מער היים געוואָרן צוליב דעם, וואָס די קליינע קינדער זיינען מיטאַמאָל גרויס געוואָרן. דער שעמעוודיקער קלמן איז שוין אַ גרויסער בחור. ער איז זייער געטריי אין שטוב. „ער איז די גוטסקייט אַליין" — זאָגט אויף אים די מאַמע.

איך גיי צו זלמן שרייבער. איך האָב שוין אַ טינטער מיט טינט. געקויפט גלייכע בויגנס פּאַפּיר, זיי צונויפגענייט, אָפּגעווירעט. איך שרייב אַהין אַריין, ניט נאָר דעם אלף־בית, שורות גאַנצע שרייב איך שוין, וואָס זלמן שרייבער שרייבט אויף פון אויבן. צום ערשטן מאָל ביי אונז אין שטוב אַ טינטער מיט טינט, מיט אַ הענטל און פּענע.

יענעם זומער האָב איך צום ערשטן מאָל הנאה געהאַט פון דער ערד און אירע זומערדיקע ריחות. כאָטש אונזער געדונגענע לאַנקע האָט אַ באַקאַנטער גוי געקאָשעט, האָבן מיר אַליין דאָס היי גע־טריקנט, געגראַבעט, צונויפגעשאַרט אין קאָפּיצעס. ווען דאָס היי איז טרוקן געוואָרן, האָבן אַלע געטראָגן די בינד דורך די בלאָטעס צו דער שטאָל. אויסגעקומען צו קריכן ביז איבער די קני אין טאָר־פישן גרונט. איז דער ריח פון דער ערד דעמאָלט געשמאַק געווען. דער ריח פון געטריקנטן היי האָט פאַרשיכורט און מען האָט דעם בוידעם אויפן דאַך ביז צו די קראָקוועס אָנגעשטאָפּט מיט היי — האָט עס שוין דעם היי־ריח געטראָגן אין שטוב אַריין. האָט שוין פון יעדן איינציקן ביי אונז אין שטוב געשמעקט מיט היי.

דערנאָכדעם איז אָנגעשטאַנען די גערעטעניש ביי אונז אין גע־דונגענעם גאָרטן. ווי נאָר די קאַרטאָפלעס האָבן גענומען בליען, האָט

מען שוין אונטער די קאַרטשעס געקענט אַנטאַפּן יונגע קאַרטאָפלעס. מען האָט געקענט אַרויסציען אַ מערעלע פון דער ערד און פון דעם הנאה האָבן. די מאַמע שטשיפּעט אָן בוראַק-בלעטער, באַטשווינע און קאָכט געשמאַקע באָרשטן. דעמאָלט האָב איך געזען, ווי די ערד גיט יעדן אַרויס פון אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט: זי גיט דעם אידן, ווי דעם ניט-אידן צוגלייך. ווייל אונזער גאָרטן איז געווען אַרומגערינגלט אַרום און אַרום מיט ניט-אידישע גערטנער, האָב איך דעריבער געזען מיט מיינע אויגן, ווי די ערד איז צו אַלעמען גוט. יעדער איינער, וואָס פאַרזעצט אין איר — שפּראָצט צו אים צוריק אַרויס דאָס פאַרזעצטע מיט אַ גרויסן צולאָג.

* * *

אין יענעם זומער האָב איך גאָר אומגעריכט געהאַט אַ גרויסן שרעק, ווען איך בין איינער אַליין פאַרלאָפן אין דער סאַמע נאַכט אריין, און אַ שטורעמווינט איז מיך געקומען באַגעגענען; ווען דונער און בליצן זיינען אויף מיר אָנגעשטאָנען.

זומער פאַרנאַכט איז דאָס געווען. כמאַרעס זיינען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן און פאַרנומען גאָר דעם גאַנצן הימל. פּלוצלונג איז נאַכט געוואָרן. ווינט איז אָנגעקומען און אַ ריס געטאָן דעם טויער פון שטאַל, אויפגעעפנט און — די ניי געקויפטע רויטע קו מיט דעם ווייסן פינטל אויפן שטערן, וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו אַנטלויפן צוריק אין איר דאָרף אריין, איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל. אַ שטריק איז נאָכגעהאנגען פון אירע הערנער, די אויגן אירע האָבן ממש געברענט.

אַרויס פון שטאַל, איז די קו אַוועק צום געעפנטן בריק איבערן טייך; אַוועק פייל פון בויגן אויף די לאַנקעס.

— פּרצל, יאָג זיך און כאַפּ זי פאַרן שטריק! — האָט די מאַמע צו מיר אַ געשריי געטאָן. קיינער איז דערביי ניט געווען.

פייל פון בויגן בין איך אַוועק נאָך דער רויטער קו.

איך יאָג, און זי אַנטלויפט. אָט איז זי אַריבערגעשפּרונגען איבער אַ גאַנץ הויכן פּלויט; אַריין ביזן בויך אין בלאָטע, אַרויסגעשפּרונגען און לויפט ווייטער. אָט האַלט איך זי ביים שטריק, איז זי שטאַרקער פון מיר, געשווינטער פון מיר. זי שלײדערט מיך אום און שלעפּט מיך אַ שטיק איבער די בלאָטעס. זי פאַלט ווידער אַריין אין אַ זומפּ. איך אַליין שלעפּ זי פאַרן עק, העלף איר אַרויסקריכן. זי קריכט טאַקע אַרויס און טוז, וואוהין די אויגן טראָגן. אַז איך כאַפּ זי נאָכאַמאָל פאַרן שטריק, טוט זי אַ טרייסל מיטן קאָפּ, אַ פאָך מיט די

הערנער, אַ גלאַנץ צו מיר מיט אַ פּאָר פּייערדיקע אויגן און אַנטלויפט ווייטער.

— פּרצל, קום אַהיים! לאָז די בהמה און קום אַהיים — אַהיים. אָבער עס טראָגט מיך נאָך דער קו, גלייך אַ ניט־גוטער וואָלט מיך געטריבן. אַט איז שוין גאָר פינצטער אַרום. די קו איז שוין פאַר־לאָפן אין דער פינצטערניש. עס הויבט אָן צו בליצן און צו דונערן, און אַ בליץ טוט פּלוצלונג אַ שניט איבער מיין קאָפּ, אַזש אַ רויטע היץ האָט אָנגערירט מיין פּנים. איך פאַל אַנידער אין טיפן נאַסן גראָז און קוק אין דער נאַכט אַריין. וואו בין איך? וואו איז די מיל? עס דונערט. די נאַכט אַליין שרייט, לאַכט מיט אירע דונערן איבער מיין קאָפּ, און איך זיץ אין גראָז און ווייס ניט, אין וואָס פאַר אַ זייט אונזער מיל איז.

אַ רעגן טוט אַ פליוך אַראָפּ. אין אַ קורצער ווילע ווער איך דורכגעווייקט ביזן לייב. אַט ווערט פון מיר אַליין אַ טייך. די בליצן פאַסעוועז דעם הימל; פאַסעווען די פינצטערע נאַכט. איצט ברענט שוין דער הימל אַרום און אַרום. די דונערן צעברעקלען די נאַכט אויף שטיק־שטיקלעך.

איך הייב אָן צו הערן קולות. בערל שרייט און רופט. דער טאַ־טע רופט, די מאַמע, משה . . . אַלעמענס קולות קומען צו מיר פון איין זייט. אַז איך קוק אַהין, פון וואַנען די קולות קומען, זע איך אַרוים אַ פייערל.

די בליצן זיינען שוין ווייט, ווייט אַוועק. די דונערן זיינען אויך ווייט ערגעץ ביים ברעג הימל, קוים וואָס מען דערהערט זיי. עס טריפט נאָר אַזאַ שפּריי־רעגן; ער איז וואַרעמער פון דעם פריער־דיקן שלאַקס רעגן.

איך שטיי אויף פון טיפן גראָז און הויב אָן צו שטעלן פיס; הייב אָן צו לויפן, ווי נאָר איך קען. די פייערלעך אַנטקעגן בלינקען, בלינקען און ווערן מיר נענטער. איך לויף אַריין אין זומפּ, שפּרינג אַרוים און לויף ווידער אַהיים. די וואָלקן זיינען ערגעץ פאַרשוואומען. אַן אויסגעשטערנטער טיף בלויער הימל איבערן קאָפּ. איצטער איז שוין די מיל גאָר נאָענט. פונדעסטוועגן לויף איך און איך פיל אַ פאַ־רע זעצט פון מיינע נאַסע קליידער. איך קום אָן צו אונזער שטוב — אַלע זיינען אין דרויסן. מע גלאָצט אין דער נאַכט אַריין.

יעדער איינער כאַפּט מיך אין די אָרעמס, יעדער איינער טאַפּט מיך ארום, צי איך בין גאַנץ געבליבן.

אַ כפרה די בהמה, אַבי דו ביזט געקומען אַ לעבעדיקער אהיים — בלאָזט מיך די מאַמע אָפּ.

אין שטוב איז אַ שמחה, וואָס איך בין אַ לעבעדיקער געקומען. מע גיט מיר אָנצוטאָן טרוקענע קליידער. מיר דוכט, אַז איך בין פון אַ וווייטער וועלט געקומען צו לויפן. ווייט, ווייט, ביי דער נאַכט אליין בין איך געווען צוגאַסט. עס האָט מיר אויסגעוויזן, ווי די בהמה האָט עס מיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגענאַרט פון דער היים.

דער טאַטע האָט צוריקגעבראַכט די קו אין אַ פּאָר טעג אַרום — ער האָט זי טאַקע געבראַכט פון איר אייגענעם דאָרף, וואוהין זי איז יענע נאַכט אַנטלאָפן.

פאַרחידושט — פאַרוואונדערט. **בעבלעך** — קליינע פאַסאָליעס. **ברוקווע** — Turnip. **קאָפּיצע** — סטערטע (Heap). **ביסטרע** — ווילד. **טאָרף** — Turf peat. **קראָקווע** — Spar. **קאָרטש** — Stump. **ניט-גוטער** — טייוול. **שפּריי-רעגן** — דינער רעגן. **שלאָקס-רעגן** — שטאַרקער, געדיכטער רעגן.

ווינטער לידער

ח. נ. ביאַליק.

1

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריע קעלט, אַ קראַ פון ראָב —
און איך וויים נישט, וואָס איז פלוצלונג
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשענקט מיין האַרצן
אומגעריכט אַ גליק אַ נײַס,
וואָרום איז מיין צימער פלוצלונג
חנעוודיק און בלוילעך־ווייס.

זע, אַ וועלדל !... אויף די שויבן
וואַקסט עס פריש אין ווינטער־פּראַכט ;
אויפגעבליט, ווי אהרנס שטעקן,
האָט דאָס פענצטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך באַשנייטע,
און פון פּאַלמען דאָס געשטאַלט.
גוטן מאָרגן, ווינטער־שפּראָצונג !
בראַוואָ, קליינער, מילדער וואַלד !

און אַ קאַלטער גלאַנץ, אַ העלער,
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס'האָט דער ווינטער־גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַנייט,
פונקט עס וואָלט אַ ווייסער מלאך
זי פון שמעריץ און זינד באַפרייט.

2

אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט,
אָפּגעגאָסן אומגעריכט, —
בליוף אין פּנים! כ'ווייס אַליין ניט,
וויפל שעפל קאַלטע ליכט.

כ'ווייס אַליין נישט, וויפל זונען
האָבן גאָלד אויף מיר געשפּריצט...
ווייט האָט זיך אַנטבלויזט גאָטס וועלטל,
פרעך געפינקלט און געבליצט...

וואו נאָר ס'קאָן דאָס אויג דערגרייכן
גלאַנצט גאָטס וועלטל, שעמערירט,
אויסגעשאָטן מיט בריליאַנטן
און מיט דימענטן פאַרצירט.

ס'איז דער פּראָסט אַליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפטיק איז דער ריז;
ס'דינען קעלט און שיין צוזאַמען,
דער מיט נאָדל, דער מיט שפּיז...

אַ באַפעל, זעט אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַנגען איז היינט ביינאַכט:
„ווייס זאָל ווערן! מאָרגן ז'יום־טוב!
צירט אייך אויס אין שענסטער פּראַכט!"

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל, שפּאָגל ניי,
גיך פאַרשאָטן וואו אַ גריבל,
וואו אַ פּלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מאַרמאָר־ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קרישטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל!

קלאָרע ליילעכער צעוויקלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער־קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן־דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קרישטאָלענע פּרענז באַצירט ; —
גאָטס אַ גרויסער, ווייסער יום־טוב
איז געקומען — און רעגירט !

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גאָלדענע שטראַלן
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך באַגלאָזט, דורך בליץ און בלאַנק
און פאַרהילעכט דעם פרימאָרגן
מיט אַ לעבעדיקן קלאַנג.

אהרנס שטעקן — האָט אויפגעבליט, ווען גאָט האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז דער אויסדערוויילטער פירער. כלאָפּ — אַ גאָס. אַנטבלויזט — ווייט אויפגע-דעקט. שימערירט — גלאַנצט. מושל (מוישעל) — הערשער. פראַנז — Fringe.

צו דער סעודה

שלום-עליכם.

א.

— איך ווייס ניט, וואָס פֿון דעם קינד וועט זיין, וואָס פֿון דעם קינד וועט אויסוואַקסן. עפּעס אַ קוואַטש, אַ נאַסע האַנטשירקע, אַ וויינענדיקע קלאָגמוטער, צו אַלדע גוטע יאָר! אַ קינד זאָל האַלטן אין איין וויינען!

אַזוי זאָגט די מאַמע מיינע צו זיך אַליין, טוט מיך אָן יום-טובדיק און דערלאַנגט מיר אַלעמאָל אָדער אַ בוכינצע אין זייט, אָדער אַ סטוסאַק אין פּלייצע, אָדער אַ נעם ביים אויער, אָדער אַ ציפּצאָפּ ביי די האָר, אָדער אַ רייס אוים אַ שטיק פֿלייש, און זי וויל נאָך, אַז איך זאָל פֿון אַזעלכע עובדות לאַכן, ניט וויינען. און זי פֿאַרקנעפּלט מיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ אין מיין שבתדיק קאַפּאָטקעלע, וואָס איז שוין לאַנג אויף מיר אַזוי ענג, אַז עס שפּאַרט מיר אַרוים די אויגן פֿון קאָפּ, און דערצו זיינען די אַרבל עפּעס מאָדנע קורץ, און מיינע תמיד רויט-בלויע הענט זיינען עפּעס ווי אַרויסגעוואַקסן פֿון די אַרבל און זעען אוים, ווי געשוואָלן, און דאָס קאָן די מאַמע מיינע ניט איבערטראָגן.

— זע נאָר אַ פּאָר ידים! — זאָגט זי און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש איבער די הענט, איך זאָל זיי אַראָפּלאָזן אַראָפּ, מען זאָל זיי ניט אַרויסזען. — ביים פּעטער הערץ ביים טיש, אַז דו וועסט מיר זיצן, זאָלסטו מיר די ידים האַלטן פֿון אונטן, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? און דאָס פּנים דיינס זאָל מיר ניט זיין אַזוי רויט, ווי, להבדיל, ביי יעדוואָכע דער שיקסע, און מיט די עינים זאָלסטו מיר ניט גלאָצן, ווי אַ קאָטער, דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? און זיצן זאָלסטו מיר ווי אַ מענטש, און דער עיקר — די נאָז, אוי אַ נאָניע! גיב נאָר אַהער די נאָניע דיינע, לאָמיך זי דיר נאָר צורעכט-מאַכן!

כל-זמן די נאָז איז אַ נאָז, איז נאָך צו דערליידן, נאָר אַז די נאָז מיינע ווערט ביי דער מאַמען אַ „נאָניע", און זי נעמט זיך צו איר זי „צורעכט-מאַכן" — איז שוין אַז אָך און אַז וויי צו איר, צו מיין נאָז הייסט עס. איך ווייס ניט, וואָס האָט מיין נאָז ביי איר אַזוי פֿאַרזינדיקט, מער פֿון אַלע אברים, וואָס זי איז איר אַזאַ בלוטיקער שונא? דאַכט זיך, אַ נאָז, ווי אַלע נעזער, אַביסל אַ גראָבלעכע, אַביסל אַ

רויטלעכע און אביסל פאַרריסן אַרויף, און אביסל האָט זי ליב צו זיין פאַרנעצט. נו, איז וואָס? באַדאַרף מען זי אַזוי טרייבן אין דער ערד אריין? איר מעגט מיר גלויבן, עס זיינען געווען צייטן, וואָס איך פלעג בעטן גאָט, ער זאָל זי ביי מיר צונעמען, זי זאָל מיר נאָר עפּעס אָפּפּאַלן, צו אַלדע שווארצע יאָר, און אַ סוף! עס פלעגט זיך מיר פאַר־שטעלן אין דער פאַנטאַזיע, אַז אָט שטיי איך אויף אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָן אַ נאָז און גיי צו צו דער מאַמען נאָך איבערבייסן, טוט זי מיך אַ כאַפּ: „ווייי איז מיר! וואו איז דיין נאָז?" זאָג איך: „וואָסער נאָז?" און איך טאַפּ מיך מיט דער האַנט איבערן גאַנצן פּנים און קוק אויף דער מאַמען, ווי זי איז אויס מענטש, און האָב אַ נקמה: „אַ מצווה! לאָז זי זען, וואָס פאַר אַ פּנים איר זון האָט אָן אַ נאָז!"... קינדערשע מחשבות! נאַרישע פאַנטאַזיעס! גאָט הערט ניט מיין געבעט; די נאָז וואַקסט, די מאַמע מאַכט זי אַלעמאָל צו־רעכט, און איך ווער פאַרשווארצט מיט איר אינאיינעם. און מער פון אַלע מאָל קומט זי נעבעך אָפּ, די נאָז מיינע, אַז עס קומט אונטער אַ יום־טוב, למשל, אַ מין פּורים, און מיר קלייבן זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ב

דער פעטער הערץ איז ניט נאָר דער גביר אין דער משפּחה — ער איז דער ראש וראשון ביי אונז אין שטעטל, און אין אַלע שטעט־לעך אַרום און אַרום איז הערץ און הערץ. איר קענט פאַר־שטיין, אַז ער האָט פערד אַ פּאָר ברענענדיקע מיט אַ טאַראַנטאַס אָן אייגענעם, וואָס אַז ער פאָרט, טראַסקן די רעדער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גאַנצע שטעטל לויפט אַרויס זען, ווי דער פעטער הערץ פאָרט; און דער פעטער הערץ זיצט גאַנץ אויבנאָן אין טאַראַנטאַס מיט דער שיינער מעשענער קיילעכדיקער באָרד און מיט די בייזע גרויע אויגן, און שאָקלט זיך הין און הער, און קוקט אויף אַלעמען דורך די זילבערנע ברילן פון אויבן אַראָפּ, ווי איינער רעדט: „ווי קומט איר, פאַרכעס, צו מיר? איך בין הערץ דער נגיד און פאָר מיר אין קאַרע־טע, און איר זענט קאַסריליקעס, האָלעדראַנצעס, קבצנים, און טיאָפּ־קעט זיך אין דער בלאָטע!"

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דער איבעריקער עולם, נאָר איך האָב דעם פעטער הערץ אַזוי פיינט, אַז איך קען ניט אָנקוקן דאָס רויטע פּנים זיינס מיט די פעטע באַקן, מיט דער מעשענער באָרד, מיט די זילבער־נע ברילן, מיט דעם גראָבן בויך, מיט דער מאַסיוועטער גאָלדענער קייט, וואָס ער טראָגט אויפן בויך, און מיטן קיילעכדיקן זיידענעם יאַרמעל־

קעלע, וואָס ער טראָגט אויפן קאָפּ, און ועל כולם — דאָס הוסטעלע זיינס: ער האָט זיין אייגנס אַ הוסטל, וואָס גייט ביי אים מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פּאַרשק מיט די ליפּן, ווי איינער רעדט: דרך־ארץ! דאָס האָב איך, הערט, געגעבן אַ הוסטל, ניט מחמת, חס ושלום, איך האָב מיך צו־געקילט, נאָר גלאַט אַזוי, איך וויל מיר הוסטן — הוסט איך...

איך קען ניט פאַרשטיין אונזער געזינדל: וואָס כאַפּט זיי אַזוי דער גוטער יאָר, אַז עס קומט פּורים און מען קלייבט זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה? עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי האָבן אים אַלע ליב, אַזוי ווי אויגנווייטיק, און די מאַמע אַליין, וואָס זי איז אים אַן איי־גענע שוועסטער, גייט אויך ניט אויס אַזוי שטאַרק נאָך אים, וואָרום אַז די עלטערע קינדער זיינען ניטאָ אין דער היים (פאַר מיר שעמט זי זיך ווינציק וואָס אַפּנים), בענטשט זי דעם פעטער הערץ מיט מאָד־נע ברכות, זי ווינטשט אים: ער זאָל איבערגיין איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, אויף איר שטאַנד... און לאָז אָבער אַן אַנדערער פּרואוון זאָגן אויפן פעטער הערץ אַ שלעכט וואָרט, וועט זי יענעם ארויס־רייסן די אויגן...

ג

וואָס קער זיך אָן מיט אונז דער פעטער הערץ? צי לעבן מיר פון אים? אָדער מיר האָבן גלאַט פון אים גרויסע טובות? דאָס קען איך אייך ניט זאָגן, וואָרום איך וויים ניט. איך זע נאָר, אַז אַלע ביי אונז אין הויז, פונ'ם גרעסטן ביזן קלענסטן, ציטערן פאַרן פעטער הערץ אימת־מות. און אָט איז געקומען פּורים, איז מיט צוויי וואָכן פריער הויבט מען זיך שוין אָן גרייטן צום פעטער הערץ צו דער סעודה. מיין עלטערער ברודער, משה־אברהם, אַ בחורל מיט בלאַסע איינגעפאַלענע באַקן און מיט שוואַרצע פאַרטראַכטע אויגן, גלעט זיך די פּאות אַלע מאָל, ווען מען דערמאָנט אים „ביים פעטער הערץ צו דער סעודה”. און ווער שמועסט מיינע צוויי שוועסטער, מרים־רייזל און חנה־רחל, וואָס איינע פון זיי איז שוין אַ כלה, — די האָבן זיך געלאָזט נייען קליידלעך נאָך דעם לעצטן פאַסאָן צוליב דער סעודה, וואָס ביים פעטער הערץ, און האָבן זיך געקויפט שיינע קעמעלעך מיט סטענגעלעך צו די האָר, און האָבן געוואָלט אויך די שיך זאָל מען זיי געבן פאַרריכטן, האָט די מאַמע אָפּגעלייגט שוין אויף פּסח, כאָטש עס האָט זי גוט געקרענקט, וואָס זיי גייען נעבעך באָרוועס. און איבערהויפּט פון מרים־רייזלען האָט זי געהאַט יסורים, דער חתן זאָל חלילה ניט דערזען, אַז זי טראָגט צעריסענע שיך. זי

האָט אַזוי אויך גענוג צרות פון דעם חתן, וואָס לאַ די ער איז אַ גראָבער יונג, כלומרשט אַ שטיקל בוכהאַלטער, דאָס הייסט, מחילה, אַ קאָמי אין אַ געוועלב, איז ער נאָך אַן איבערקלייבער און וואָלט אַ בעלן געווען, אַז די כלה זיינע, מיין שוועסטער הייסט עס, זאָל גיין אויסגעפּוצט נאָכן לעצטן פאַסאָן ווי אַ פּרינצעסן...

ד

—ביסט שוין גרייט צו דער סעודה? — פרעגט די מאַמע ביים טאַטן, אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער מגילה.

— וואָס איז שייך גרייט? — ענטפערט איר דער טאַטע און טוט אָן די שבתדיקע בעקעשע. — וואו זיינען די קינדער?

— די קינדער זיינען שוין באַלד גרייט, — ענטפערט די מאַמע, כאַטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די קינדער, דאָס הייסט מיינע שוועסטער, זיינען נאָך ווייט פון גרייט. זיי צוואָגן זיך ערשט די קעפּ, שמירן זיך די האָר מיט מאַנדלאייל, פאַרקעמען זיך איינס דאָס אַנדערע, פּוצן זיך אויס און טוען אָן די נייע קליידלעך, באַשמירן די שיך מיט פּלאַסטערן-שמאַלץ, זיי זאָלן גלאַנצן, אויסזען ווי ניי. נאָר וואָס קומט אַרויס פון זייער גלאַנצן, אַז די אָפּצאַסן, אוי די אָפּצאַסן, האָבן זיך אָפּגעזעצט, און פון פאַרנט כמעט וואָס מען זעט אַרויס די פינגער.... וואָס טוט מען, דער חתן זאָל דאָס, חלילה, ניט דערזען? און, ווי אויף צו להכעיס, טראָגט אים אָן דער רוח, דעם קאָמי, אין אַ פרישן אָנצוג מיט אַ שטאַרק-אָנגעקראָכמאַליעטן קאָלנער מיט אַ גרינעם מאָדן-שניפּס, און פון די שטאַרק-אָנגעקראָכמאָליעטע ווייסע מאַנזשעטן קוקן אַרויס צוויי געזונטע הענט מיט שוואַרצע נעגל, און די פריש-אונטערגעשוירענע האָר ביי אים שטייען קאַפּויער, און אַ ווייס, שטאַרק-אָנגעקראָכמאַליעט נאָז-טיכל שלעפּט ער אַרויס פון קעשענע, און עס שמעקט פון אים אַ שטאַרקער ריח פון בשמים, נעגעלעך און געווירצן, וואָס פאַרגייט אין נאָז אַריין, און איך הויב אָן צו ניסן, און פון דעם ניסן פּלאַצט מיין קאַפּאָטקעלע און עס שפּרינגען אָפּ פון דעם צוויי קנעפּלעך. דערזעט די מאַמע און גיט מיר אַ ווויסטן פעטשאַטעק.

— אַ יונגאַטש זאָל ניט קענען איינהאַלטן אויף זיך קיין קנעפּל, צעשפּרונגען זאָלסטו ניט ווערן! — אַזוי זאָגט די מאַמע, כאַפּט אַ נאָדל-פאָדעם, נייט מיר צו די אָפּגעשפּרונגענע קנעפּלעך, און אַז אַלע ווערן פאַרטיק, לאָזן מיר זיך גיין צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

פריער פאַר אַלע, אויפגעהויבן די פּאָלעס, גייט דער טאַטע; נאָך אים, אין אַ פּאָר מאַנסבילשע שטיוול, — די מאַמע, מחמת די בלאָטע איז זייער גרוים; נאָך איר — ביידע שוועסטער מיט זאַנ־טיקלעך אין די הענט (טאָמער ווייסט איר, אויף וואָס דאַרף מען פּורים זאַנטיקלעך?); נאָך זיי שפּרייזט מיין עלטערער ברודער משה־אברהם איבער דער בלאָטע, האַלט מיך פאַר אַ האַנט און זוכט אַ טרוקן שטיקל אָרט, אַ סטעזשקע, און טרעפט אַקוראַט אין דער רעכטער בלאָטע אַריין און טוט זיך אַלע מאָל אַ כאַפּ, ווי אַן אָפּ־געברימטער: „איף־אַ!“ ביי דער זייט גייט אונזער חתן, דער קאָמי, אין אַ פּאָר נייע טיפע קאַלאָשן, דער איינציקער, וואָס טראָגט קאַ־לאָשן, און שרייט אוים אַלע מינוט הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן: איך זאָל כאָטש ניט אַננעמען קיין בלאָטע אין די קאַלאָשן!... און אָט אַזוי קומען מיר צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ה

כאָטש ס׳איז נאָך גרויסער טאָג, דאָך ברענען שוין ביים פעטער הערץ אין שטוב ליכט אַ סך מיט לאָמפּן אויף די טישן און מיט העסעס אויף די ווענט. דער טיש איז געגרייט; אַ מוראַדיקער פּורים־קוילעטש, ווי אַ שור־הבר די גרוים, פאַרנעמט אַ שטיק טיש, און אַרום טיש שטייט די גאַנצע משפחה אונזערע, אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע אונזערע שוועסטערקינדער — אַלע, ברוך־השם, אָרעמע־לייט, ווער מער און ווער וויניקער, און מען רעדט צווישן זיך שטילערהייט און מען וואַרט, ווי אויף אַ ברית, בשעת קוואַטער באַדאַרף אַריינטראָגן דאָס קינד. דעם פעטער הערץ זעט מען ניט, און די מומע הערצעליכע, אַ אידענע מיט ווייסע פּערל און מיט שוואַרצע ליפּן און מיט אַריינגעשטעלטע ציין, דרייט זיך אַרום פאַרטאַראַראַמט אַרום טיש, שטעלט אוים די טעלער, ציילט אונז איטלעכן באַזונדער מיט דער לינקער האַנט, האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר קיין עין־הרע... און אָט עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך דער פעטער הערץ אַליין, אָנגעטאָן יום־טובדיק, אין אַ זיידענער גלאַנצנדיקער בעקעשע, מיט שטאַרק ברייטע אָרבל און מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, וואָס ער טוט דאָס אָן נאָר פּורים צו דער סעודה און פּסח צום סדר, און די גאַנצע משפחה טוט זיך צו אים אַ בויג, די מאַנסבילן שמייכלען עפּעס זייער מאָדנע, רייבן אַ האַנט אין אַ האַנט, די ווייבער גיבן אים אָפּ „גוט יום־טוב“, און מיר, יונגוואַרג, בלייבן שטיין, ווי די גולמס, ניט צו ווימן וואָס מען טוט

מיט די הענט... דער פעטער הערץ באַטראַכט אונז אַלעמען, די גאַנ־צע משפּחה, מיט איין ברייטן קוק, פון אויבן אַראָפּ, מיט זיינע בייזע גרויע אויגן, דורך די זילבערנע ברילן, טוט בשעת מעשה אַ הוסטל און אַ מאַך צו אונז מיט דער האַנט:

— נו, פאַרוואָס זיצט איר ניט? זעצט זיך אַוועק, אַט שטייען בענקלעך.

די גאַנצע משפּחה זעצט זיך אַוועק, איטלעכער אויף אַן עק בענקל, האָט מורא זיך צוצורירן צום טיש, עס זאָל חלילה ניט זיין קיין שאָדן, און אַ מוראדיק שטילשווייגעניש הערשט אין זאַל. מען הערט די ליכט ווי זיי ברענען, עס שימערירט אין די אויגן, און אויפן האַרצן איז קאַלאַמוטנע. מען איז אי הונגעריק, אי עס ווילט זיך ניט עסן; עס האָט אַפּגענומען מיט אַמאָל דעם אַפּעטיט, ווי מיט די הענט.

— וואָס שווייגט איר? זאָגט עפּעס, דערציילט עפּעס! — מאַכט דער פעטער הערץ און טוט אַ הוסטעלע מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פאַרשק מיט די ליפּן.

די משפּחה שווייגט. קיינער וואַגט ניט צו זאָגן אַ וואָרט ביים פעטער הערץ ביים טיש. מאָדנע נאַריש שמייכלען די מאַנסבילן, ווילן עפּעס זאָגן און ווייסן ניט וואָס; משונה־ווילד קוקן זיך דורך די ווייבער, רעדן מיט די אויגן; און מיר, יונגוואַרג, ברענען, ווי אויף פּאָקן. מיינע ביידע שוועסטער קוקן זיך אָן איינס דאָס אַנדערע, גלייך ווי זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געזען. מיין ברודער משה־אברהם קוקט אויף דער וועלט מיט אַ בלאַס איבערגעשראָקן פּנים. קיינער, קיינער וואַגט ניט צו זאָגן אַ וואָרט ביים פעטער הערץ ביים טיש. נאָר איינער פילט זיך דאָ גוט, ווי אומעטום און ווי אַלעמאָל; דאָס איז מיין מרים־רייזלס חתן דער קאָמי. ער ציט אַרויס די גרויסע אָנגע־קראָכמאַלטע און שטאַרק־שמעקעדיקע פאַטשיילע פון דער הינטער־שטער קעשענע, שנייצט אויס די נאָז גאַנץ ברייטלעך, ווי ביי זיך אין דער היים, און רופט זיך אָן:

— פּורים זאָל זיין אַזאַ בלאָטע! איך האָב געמיינט, איך נעם אַן פּולע קאַלאָשן . . .

— ווער איז דער יונגערמאַן, האַ? — טוט אַ פרעג דער פעטער הערץ, הויבט אויף די זילבערנע בריל און טוט אַ הוסטל, אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און אַ פאַרשק מיט די ליפּן.

— עס איז מיין... מיין חתן... מיין מרים־רייזלס חתן, — מאַכט דער טאַטע מיט אַ שטיל קול, ווי אַ מענטש, וואָס איז זיך מודה,

אז דאָס האָט ער געהרגעט אַ מענטשן, און מיר אַלע בלייבן זיצן, ווי געליימט, און מרים-רייזל — וויי, וויי! — מרים-רייזל ברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך!

דער פעטער הערץ באַטראַכט די גאַנצע משפחה מיט אַ ברייטן קוק פון זיינע בייזע גרויע אויגן, שענקט אונז נאָך אַ הוסטל און אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און אַ פאַרשק מיט די ליפּן, און טוט אַ זאָג צו אונז:

— נו, פאַרוואָס גייט איר זיך ניט וואַשן? גייט וואַשט זיך, אַט שטייט וואַסער.

ו

געוואַשן זיך און אָפּגעזאָגט „שאו ידיכם", זעצן מיר זיך אוים, די גאַנצע משפחה, אַרום טיש, און וואַרטן, ביז דער פעטער הערץ וועט מאַכן „המוציא", וועט אויפשניידן דעם מוראַדיקן פּורים-קוי-לעטש, וואָס איז גרוים ווי אַ שור-הבר, און דערווייל זיצן מיר אָן לשון, ווי די שטומע, וואָלטן וועלן שוין טאַקע עפּעס נעמען אין מויל אַריין, נאָר דער פעטער הערץ, ווי אויף צו-להכעים, מאַכט לאַנגע שהיות, ווי אַ גוטער איד, ווי אַ רבי. קוים, קוים, דערלעבט זען דעם שור-הבר אַ געקוילעטן, און איידער מיר שלינגען אַראָפּ דעם ערשטן ביסן, טוט שוין דער פעטער הערץ אַ קוק מיט די בייזע גרויע אויגן אויף דער גאַנצער משפחה מיט אַ הוסטל, מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פאַרשק מיט די ליפּן און אַ זאָג:

— נו? פאַרוואָס זינגט איר עפּעס ניט? זינגט עפּעס אַ ניגון צו דער סעודה, עס איז דאָך היינט עפּעס פּורים אויף דער וועלט!

די גאַנצע משפחה קוקט זיך איבער מיט די אויגן, שושקען זיך עפּעס, רעדן שטילערהייט, הייסן איינער דעם אַנדערן זינגען, דינגען זיך: „זינג עפּעס". „זינג דו." „וואָס עפּעס איך? פאַרוואָס ניט דו?" אַזוי לאַנג, ביז עס כאַפּט זיך ניט אַרוים מיט אַ ניגון איינער פון אונזער משפחה, אברהמיל דעם פעטער איציעס, אַ יונגערמאַן, וואָס ס'וואַקסט אים ניט קיין באָרד און ער פינטלט מיט די אויגן און האָט אַ קוויטשיק קול און מיינט, אַז ער קען זינגען.

וואָס פאַר אַ מין ניגון אברהמיל דעם פעטער איציעס האָט געוואָלט אויסזינגען — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ נעם ביים גאָרגל און אַ שטעל אַוועק אַ פאַלשן טאָן און — אַ קוויטש אוים אויף אַ פאַרדומפּענער, צו הויכער שטימע אַ משונה-ווילדע טרויעריקע זאַך, און געמאַכט האָט ער דערביי אַזאַ

מאָדנע טרויעריק-לאַכנדיק פּנים, אַז מען האָט באַדאַרפט זיין אַ גאָט, אָדער אַ מלאך, מען זאָל זיך איינהאַלטן און ניט צעגיין פון געלעכ-טער, און בפרט אַז קעגן מיר איז געזעסן יונגוואַרג און געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, אַז מען האָט באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן און נישט געבן אַ שאָס אויס קיין געלעכטער.

דער ערשטער שאָס איז געווען פון מיר, און דעם ערשטן פּאַטש פון דער מאַמען האָב געכאַפּט איך. דער פּאַטש האָט מיך אָבער ניט אָפּגעקילט; אדרבא, ער האָט אַרויסגערופן ביי דער גאַנצער חברה יונגוואַרג, און אויך ביי מיר, אַ פרישן געלעכטער, און דער פרישער געלעכטער האָט אַרויסגערופן אַ פרישן פּאַטש און נאָכן פּאַטש — ווידער אַ געלעכטער, און נאָכן געלעכטער — ווידער אַ פּאַטש, אַזוי לאַנג, ביז מען האָט מיך אַרויסגעפירט פון זאַל אין קיך אַריין, פון קיך אין דרויסן אַרויס, פון דרויסן האָט מען מיך געבראַכט אַהיים אַ צעהרגעטן, אַ צעשלאָגענעם, אַ באַגאָסענעם מיט טרערן, מיט בלוטיקע טרערן — און איך האָב מיר יענעם אָוונט פאַרשאָלטן דאָס געביין, געשאָלטן דעם פּורים, געשאָלטן די סעודה, געשאָלטן אברהמיל דעם פעטער איציעס, און מער פון אַלע דעם פעטער הערץ — זאָל ער מיר מוחל זיין, ער איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט.

סעודה (סודע) — מאָלצייט (Banquet). א) האַנטשירקע — שמאַטע. בוכינצע, סטוסאַק — קלאַפּ מיטן קולאַק. עובדות (אוווּדעס) — זאַכן, פאַקטן. ב) טאַראַנטאַס — אַ שיין באַקוועם וועגעלע. נגיד (נאָגיד) — רייכער. קאַס-ריליק — אַן אָרעמאַן. האָלעדראַנצעס — אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. ועל-כולם (וועאַל קולאָם) — מער פון אַלץ. מחמת (מאַכמעס) — ווייל. חס ושלום (כאָס וועשאָלעם) — גאָט זאָל היטן. געזינדל — פאַמיליע. אם ירצה השם (אים יירבע האַשעם) — אויב גאָט וועט וועלן. ג) אימת מות (איימאַס מאָוועס) — טויט-שרעק. פאַסאָן — מאָדע (Style). לא די (לוי דיי) — ניט גענוג. כלומרשט (קלאָמערשט) — ס׳דאַרף הייסן; גלייך-ווי. מחילה (מעכילע) — אַנטשולדיקט. קאָמי — Clerk. ד) בעקעשע — לאַנגער, טייערער מלבוש. בשמים (בסאָמים) — שמעקעדיקע געווירצן (Spices). א ווימטי פעטשאַ-טעק — אַ שלעכטע אויפנאַמע; שטאַרקע שטראָף. סטעזשקע — שמאָלער וועג. ה) העסע Lamp bracket. שור הבר (שאָר האַבאָר) — לעגענדאַרישער גרוי-סער אָקס, — שפּייז פאַר די צדיקים, ווען משיח וועט קומען. ברוך השם (באָרוך האַשעם) — אַ דאַנק גאָט. בשעת מעשה (בישאַס מייסע) — אין צייט פון דער האַנדלונג, פּונקט דאַן. ו) „שאו ידיכם" (סעאו יעדייכעם) — „הויבט אויף אייערע הענט" — ערשטע ווערטער פון אַ ברכה ביים וואַשן זיך צום עסן. „המוציא" (האַמויצע) — אַ ברכה וואָס מען מאַכט איבער ברויט ביים אָנהויב עסן. שהיות מאַכן (שיעס) — זיך זאַמען, נעמען לאַנג. בפרט (ביפראַט) — ספּעציעל. אדרבא (אַדראַבע) — פּונקט פאַרקערט.

אין שניי

מאַני לייב.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט.
גוט איז אונז איצטערביים פריילעכן פייער אין הויז !
ביז'ל דער נאַפט אין דעם שטילינקן לעמפּל גייט אויס,
ביז'ל דער זייגער טוט ברוגזלעך שעפּטשענען : „שפּעט,
צייט שוין צו ליגן אין ווייכן, אין וואַרימען בעט !" —
וועל איך ביים וואָיען און בלאָזן פון ווינט
מעשהלעך, לידעלעך זינגען, דערציילן, מיין קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזן אַ איד.
אונטערן אָרעם אַ פּעקל, טויט־הונגעריק, מיד ;
נאָר מיט ב ט ח ו ן אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלנד אין אָפענעם, שנייאיקן פעלד.
פעלד הינטער אים און פאַר אים אין דער ווייט, אין דער ברייט,
שניי איז אים איבער די קני, און דער וועג איז פאַרווייט ;
און ווי אַ פויגל אַ ווילדער טראָגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אָן שניי, גיט אַ דריי אין דער לופט און פאַרשווינדט,
קומט באַלד צוריק, רייסט דעם אידן די פּאָלעס און באָרד,
קוים מיט די כ ו ח ו ת דער איד האַלט זיך איין אויפן אָרט.

הייבט אויף דער איד צו דעם הימל מיט ר ח מ י ם זיין בליק ;
גאָטעניו, ברענג דו ב ש ל ו ם אַהיים מיך צוריק ;
נאָר איבער אים איז דער הימל אַ גרויער ווי בליי,
און אַרום אים טראָגט דער ווינט זיך אַ ווילדער און פריי.
הערט ניט דער הימל דעם אידנס געבעט און געשריי,
שטייסט אים דער ווינט און ער וואַרפט אים אַ מידן אין שניי.
אויפשטיין פון שניי האָט שוין מער ניט קיין כ ו ח דער איד,
עפעס אַ פוילקייט אַ זיסע פילט אָן יעדעם גליד.
און אין די ביינער צעגיסט זיך אַ וואַרימע רו.
אָט, און די אויגן פאַמעלינקע שליסן זיך צו.

פלוצלונג — ער גלויבט זיך אליין ניט — אַ קרעטשמע זאָל זיין ?
ס'שלאָגט אין דער נאַכט פון אַ פענצטער אַ פריילעכער שיין,
ס'ריפעט דער ווינט מיטן טויער, מאַכט צו, עפנט אויף,
שליטנס געלאָדן מיט ס ח ו ר ו ת פול שטייען אין הויף.
און ביי די שליטנס פאַרבונדענע שטייען די פערד,
עסן דעם האָבער און רייסן דעם שניי ביז דער ערד.
פרייט זיך דער איד, וואָס דער ב ו ר א האָט אין אַזאַ נאַכט
אים צו אַ מענטשלעכן י ש ו ב ב ש ל ו ם געבראַכט.
פריילעכע אידישע פנימער, אידישע רייד !
איבער דער שטוב גיסט דער הענג-לאָמפּ אַ ליכטיקייט אויס.
ס'טראָגט זיך אַ ר י ח פון טאַביק און בראנפן און שוויס ;
גיבן די אידן אים „ש ל ו ם " : „פון וואַנען אַ איד ?"
לאַכט ער : אַז ער האָט געלאָזט זיך צו־פוס פון יאַריד,
און אַז דער וועג איז געווען אַ ביסעלע שווער,
האָט ער געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט געטראָפן אַהער,
לאַכן די אידן מיט אים, נאָר זיי ווערן באַלד שטיל . . .
יעדערנס האַרצן פילט אָן אַ ר ח מ נ ו ת - געפיל,
יעדערנס פ נ י ם און שטערן ווערט כמורנע, פאַרטראַכט :
„ווי לאָזט אַ איד זיך צו־פוס גיין אין אָט אַזאַ נאַכט ? !"

ווערט באַלד דער טיש מיט מ א כ ל י ם און בראנפן געגרייט,
וואַשט זיך צום עסן דער איד, מאַכט ה מ ו צ י א אויף ברויט,
זאָגט צו די אידן „ל ח י י ם ! " — „ל ש ל ו ם , ר' איד !"
עסט ער און טרינקט, און אַ וואַרימע זאַטיקע פרייד
גיסט זיך, צעגייט אין זיין האַרץ, אַזש ס'לייב ווערט אים הייס,
ווישט מיטן האַנט ער פון פנים דעם וואַרימען שוויס.

עסט ער און טרינקט און ער עסט, אַזש עס גייט שוין ניט מער.
בענטשט ער, און ס'שיינט אין זיין אויג אַ גאָטספאָרכטיקע טרער.
איצטער וואָלט ער מיט די אידן געשמועסט ביז שפּעט!
אָבער עס וואַרט און עס ווינקט אים די פּוכאָווע בעט,
אָבער די ביינער, דערוואַרימטע, גארן נאָך רו,
און ווי פון זיך זיינע אויגן האַלב שליסן זיך צו,
און צו דעם קישן עס ציט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אַזוי אין די קליידער אין בעט ווי אַ סנאָפּ.

פּלוצלונג דערפּילט ער — זיין האַלז ווערט צוזאַמענגעדריקט,
עמיצער וואַרפט זיך אויף אים, אַזש דער אָטעם פאַרשטיקט!
און ער דערזעט באַלד זיין ווייב און די קינדערלעך שטיין,
ברעכן די הענט, ברעכן אויס אין אַ ביטער געוויין.
אָ! ניט געוויינט האָט זיין ווייב און זיין לייבלעכעס קינד,
נאָר איבער אים אויפן פעלד האָט געוואָיעט דער ווינט.
מאָרגן, פרימאָרגן, ווען שטיל נאָך געשלאָפן איז גאָט,
זיינען שוין ג ו י ם מיט שליטנס געפאָרן אין שטאָט;
האָבן די ג ו י ם געפונען דעם אידן פאַרווייט,
האָבן די ג ו י ם געפונען דעם אידן שוין טויט.
האָבן די ג ו י ם אַרום זיך דעם טויטן צעשטעלט,
האָבן זיין פּעקל צעעפנט: „האַ, האַ, וויפל געלט!"
האָבן די ג ו י ם זיין ט ל י ת און ת פ י ל י ן באַטראַכט,
איינער אַ ג ו י האָט גאָר גראָב אויפן ק ו ל זיך צעלאַכט,
אָבער די אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי שטום,
און נאָכאַנאַנד זיך ג ע צ ל מ ט, דערשראָקן און פרום.
בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט.
גוט איז אונז איצטער ביים פריילעכן פייער אין הויז!
ביז'ל דער נאַפט אין דעם שטילינקן לעמפּל גייט אויס,
ביז'ל דער זייגער טוט ב ר ו ג ז ל ע ך שעפּטשענען: „שפּעט,
צייט שוין צו ליגן אין ווייכן, אין וואַרימען בעט!" —
וועל איך ביים וואָיען און בלאָזן פון ווינט
מ ע ש ה ל ע ך, לידעלעך זינגען, דערציילן, מיין קינד.

ביטחון — גלויבן, צוטרויען. קרעטשמע — איינפאָר הויז (Inn). בורא (בוירע) — באַשאַפער. כמורנע — פאַרוואָלקנט, פאַרטרויערט. המוציא (האַ-מויצע) — די ברכה וואָס מען מאַכט ביים אָנהויבן עסן ברויט. צלמען זיך (צווי-לעמען) — מאַכן צייכנס איבער דעם צלם (Cross). אַלס תפילה.

ברכי נפשי

פון תהלים

(יהואשס איבערזעצונג)

לויב גאָט, מיין זעל;
יהוה מיין גאָט, ביסט גרויס ביז גאָר,
אין גלאַנץ און שיינקייט אָנגעקליידט.
דער וואָס וויקלט זיך אין ליכט ווי אין אַ מאַנטל,
וואָס שפּרייט אויס די הימלען ווי אַ פאָרהאַנג.
וואָס באַלקנט מיט וואַסער זיינע אויבערשטובן;
וואָס מאַכט וואָלקנס פאַר זיין רייטוואָגן,
וואָס גייט אויף די פליגלען פון ווינט.
וואָס מאַכט זיינע שלוחים די ווינטן,
זיינע משרתים — פלאַקערדיק פייער.
ער האָט געגרונטפעסט די ערד אויף אירע געשטעלן,
זי זאָל זיך ניט וואַקלען אייביק און שטענדיק.
דעם תהום, אים האָסטו ווי אַ קלייד איבערגעדעקט;
איבער די בערג זיינען געשטאַנען די וואַסערן.
פון דיין אָנגעשריי זיינען זיי אַנטלאָפן,
פון קול פון דיין דונער האָבן זיי אַוועקגעאיילט —
בערג האָבן זיך אויפגעהויבן, טאָלן האָבן גענידערט —
צו דעם אָרט וואָס דו האָסט געגרונטפעסט פאַר זיי.
האָסט געמאַכט אַ גבול וואָס זיי זאָלן ניט אַריבערגיין,
כדי זיי זאָלן ניט ווידער באַדעקן די ערד.
(ער איז) דער וואָס שיקט קוואַלן אין די טאָלן,
זיי זאָלן גיין צווישן די בערג.
זיי טרינקען אָן אַלע חיות פון פעלד,
די וואַלד אייזלען שטילן זייער דאָרשט.
לעבן זיי רוען די פויגלען פון הימל,
פון צווישן די צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קול.
ביסט דער וואָס טרינקט אָן די בערג פון זיינע אויבערשטובן;
פון דער פרוכט פון דיינע טואונגען ווערט געזעטיקט די ערד.

ער מאַכט שפּראָצן גראָז פאַר דער בהמה,
און היי פאַר די אַרבעט פי פון דעם מענטשן,
כדי אַרויסצוציען ברויט פון דער ערד;
און ווײַן וואָס דערפרייט דעם מענטשנס האַרץ,
צו מאַכן גלאַנצן דעם פּנים מער ווי אייל;
און ברויט וואָס לענט אונטער דעם מענטשנס האַרץ.
די בוימער פון גאָט זעטן זיך אָן,
די צעדערן פון לבנון וואָס ער האָט געפלאַנצט,
וואָס דאָרטן נעסטן די פויגלען;
דער שטאָרך, זיין הויז זיינען ציפּרעסן.
די הויכע בערג זיינען פאַר די שטיינבעק,
די פעלזן אַ באַשיצונג פאַר די קיניגלס.

ער האָט געמאַכט די לבנה פאַר די צייטן;
די זון ווייס איר אונטערגאַנג.
מאַכסט פינצטערניש, און עס ווערט נאַכט,
אין איר ווידמענען זיך אַלע חיות פון פעלד.
די יונגלייבן ברילן נאָך רויב,
און בעטן פון גאָט זייער שפּייז.
גייט אויף די זון ווערן זיי איינגעטאָן,
און זיי הויערן אין זייערע נאָרעס.
גייט אַרויס דער מענטש צו זיין ווערק,
און צו זיין אַרבעט ביז אָוונט.

ווי פיל זיינען דיינע ווערק, גאָט!
זיי אַלע האָסטו מיט חכמה געמאַכט;
די גאַנצע ערד איז פול מיט דיין באַשאַף.
אָט איז דער ים, גרויס און ברייט,
דאָרטן איז אַ ווידמענונג אָן אַ צאָל,
חיות גרויסע מיט קליינע.
דאָרטן גייען אום שיפן;
דער לויתן וואָס דו האָסט באַשאַפן זיך צו שפּילן דערין.
זיי אַלע קוקן אויס צו דיר,

צו געבן זייער שפּייז אין איר צייט.
גיסטו זיי, קלייבן זיי אויף,
עפנסטו דיין האַנט, זעטן זיי זיך מיט גוטס.
פאַרבאָרגסטו דיין פּנים, ווערן זיי פאַרכאַפּט,
טוסטו איין זייער אָטעם, פאַרגייען זיי,
און קערן זיך אום צו זייער שטויב.
שיקסטו אַרויס דיין אָטעם, ווערן זיי באַשאַפן,
און דו באַנייסט דעם פּנים פון דער ערד.

זאָל דער כבוד פון גאָט זיין אויף אייביק!
זאָל גאָט זיך פרייען מיט זיינע ווערק!
דער וואָס קוקט אָן די ערד, און זי ציטערט,
וואָס רירט אָן די בערג, און זיי רייכערן.
איך וועל זינגען צו יהוה כל זמן איך לעב,
איך וועל שפּילן צו מיין גאָט ווי לאַנג איך בין.
זאָל אים געזיסט זיין מיין רעדן;
איך פריי זיך מיט גאָט.
זאָלן די זינדיקע פאַרלענדט ווערן פון דער ערד,
און די רשעים זאָלן מער ניט זיין.
לויב גאָט, מיין זעל,
הללויה.

(תהלים ק״ד)

משרתים (מעשאָרסים) — באַדינער. גבול (געוואול) — גרעניץ. קיניגל — קראָליק. ווידמענען זיך — קריכן אַרום. פאַרלענדט ווערן — אומגעבראַכט ווערן. הללויה — לויבט יה (גאָט).

אַמאָל איז געווען

קידוש השם

ש. אַש.

א

וויס באַשיינט איז דער וועג. די לבנה שפּיגלט זיך אָפּ אין די ברייטע ווייסע פעלד־שנייען ווי אין אַ ים, און די שטערן רייבן זיך איינס אין צווייטן — אַזוי געדיכט זיינען זיי איבערן הימל פאַרזייט. פונדערווייטנס הערט זיך אַ אידיש זמרל, אויסגעמישט מיט דעם קנאַל פון אַ בעל־עגלהס בייטש:

הע, הע, אָן אַ זייט,
אידעלעך פאָרן, אידעלעך פאָרן!
לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!

פון וואַנען פאָרן דאָס אידעלעך אַזוי פריילעך?

פון אַ חתונה פאָרן אידעלעך. אָנגעשטאָפּט איז די בויד מיט מחותנים, אויפן סאַמע קאָרזשעל זיצט דער בעל־עגלה שיכורלעך. דאָס היטל שפּרינגט פון קאָפּ, און מיט דער בייטש קנאַלט ער אונ־טער: הע, הע, אָן אַ זייט. אָן אַ זייט! — זייט וויסן, פערדלעך, אַז אייער באַלעבאָס איז שכור, מען פאָרט פון אַ חתונה! — און זיי האָבן פאַרגעסן דעם טעגלעכן יאָך, לאָזן זיי זיך מיט אימפּעט און טרייבן אַלעם פון וועג אַראָפּ.

און די מחותנים האַלטן אײנער דעם צװײטן מיט די הענט אַרומגעאָרמט, די שטרײמלעך רוקן זיך אויף אַ זײט. די פערד פאַר־פלאָנטערן זיך, און אַלע אינאײנעם שאָקלען זיך צוזאַמען מיט דער פור, װי בײ דער גמרא, און זינגען הויך אויף אַ קול:

אָמר אַבײ, אָמר ר׳ פּפּא,
די מוזינקע אויסגעגעבן,
די מוזינקע אויסגעגעבן,
לכה דודי, לכה דודי,
לקראת—כ—לה:

דער װעג לײכט אין שנײ און לבנה־ליכט, און אין דער װײסער לבנה־נאַכט טראָגט זיך די אידנס זמר.

עס זעען ניט די אידעלעך, װי דער פּריץ פון שטעטל קומט זײ אַנטקעגן מיט דרײ פערד נאַשפּיץ. עס הערן ניט די אידעלעך, װי דער פּריץ רופט: „העי, אידן פּאַרכעס, לאָזט דעם װעג!" פרײלעך זײנען אידן: אַ טאָכטער אויסגעגעבן. אַ נײ הויז בײם אידישן פאָלק. און װער הערט הײנט דעם פּריץ מיט זײנע משרתים. „לאָזט דעם װעג, אידן פּאַרכעס!" — שרײט דער פּריץ. די אידעלעך ענטפערן אים: „מיר אידן האָבן אַ משיח, און װאָס האָסטו? מיר דינען דעם אײנציקן בורא, און דו װעמען? דער רבי איז אונזער מליץ יושר. און דײנער װער?" און זײ גיבן ניט דעם פּריץ דעם װעג. זײ נעמען פאַר דעם פּריץ דאָס היטל ניט אַראָפּ. זײ זאָגן ניט דעם פּריץ: „גוטן אָװנט!" שכור זײנען אידן און פאָרן פון אַ חתונה און זינגען אין דער װײסער נאַכט אַרײן:

לכה דודי, לכה דודי
לקראת כלה!

אויפן צװײטן טאָג האָט מען פון פּריץ רײטערס אַרויסגעשיקט נאָכשפּירן, פון װאַנען זײנען אידעלעך געפאָרן, און װאָס האָבן אי־דעלעך שכור אָפּגעטאָן. און מען האָט געפונען אַ טויטן פויער אין דער פּוסטער קרעטשמע, װאָס שטײט אָן אַ זײט פון װעג.

און די צײט איז געװען פּסח.

האָט מען סטראַזשניקעס איבערן שטעטל אַרויסגעשיקט נאָכ־פרעגן, װער איז איבערן װעג געפאָרן. האָט מען די מחותנים מיט

דעם בעל־עגלה אין קייטן געשמידט און אין תפיסה געוואָרפן.
די מחותנים זיינען געווען די פיר שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט.

ב

פאַרזאַמלט זיינען אַלע אידן אין שול. די ליכט אָנגעצונדן ווי צו יום־כיפור. פון דער ווייבערשער שול פאַרנעמט זיך אַ שטיל, ערנסט געוויין. עס וויינען איינצלנע שטימען, און מען וויים, אַז דאָס וויי־נען די ווייבער און מוטערס פון די געפייניקטע. דער אַלטער רב אין קיטל און טלית שטייט פאַרן אָרון און זאָגט תהילים: „למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק". און די אידן אין קיטלען און טליתים זאָגן נאָכן רב מיט ציטעריקע שטימען: „למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק".

און שטיל איז אין דער קליינער שול. מען הערט דעם גאַנג פון די נשמות פון אַלע קדושים פון אַלע דורות, וואָס גייען דורך דער לופט פון דער שול. וואָרום מען זאָגט תהילים פאַר געפייניקטע.

דאָרט אין דער תפיסה פייניקט מען די געפאַנגענע מיט כל עינויים קשים, אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין. און דאָס זאָגט מען דאָ תהילים פאַר זיי, אַז גאָט זאָל זיי שטאַרקן, זיי זאָלן אויסהאַלטן די עינויים און ניט פאַרשוועכן זיין הייליקן נאָמען, — וואָרום דער נסיון איז אַ שווערער. דער וואָס וועט זיך מודה זיין און אָפּזאָגן זיך חלילה פון אידישן גלויבן, — האָט מען אויסגעפויקט אין שטאָט — וועט מען אים שענקען דאָס לעבן און מאַכן פאַר דעם אויפזעער פון אַלע צינזן, וואָס די אידן האָבן צו צאָלן דעם פריץ, אָפּגעבן אים אַלע פראָ־פּינאַציעס פון אַלע שענקען, און ער וועט ווערן אַ ראש איבער די אידן.

און די, וואָס וועלן זיך ניט מודה זיין, וועט מען זיי צעפערטלען און ניט צולאָזן צו קבר ישראל.

און דאָ אין שולעכל, דאַכט זיך, הערן זיך די קרעכצן און די געשרייען פון די געפייניקטע, וואָס מישן זיך אינאיינעם מיט די אידנס תהילים־זאָגן און רייסן זיך אין הימל אַרויף.

נאָר זיכער זיינען אידן אין זייערע קדושים, אַז זיי וועלן אויס־האַלטן דעם נסיון און וועלן ניט פאַרשוועכן חלילה גאָטס נאָמען פאַר

די נאַרישקייטן פון דער וועלט. און שטאָלץ רייסט זיך אַרויס דער בליק אויס די פאַרוויינטע אויגן פון די מוטערס און די ווייבער פון די געפּייניקטע איבער זייערע קדושים. און מיט קנאה און כבוד קוקן אַלע ווייבער אויף זיי, אויף די מוטערס און פרויען פון די קדושים, וואָס זיינען מקדש את השם.

נאָר אין איינעם איז מען ניט זיכער, אין דעם בעל־עגלה, — אַ פאַרסטעטער יונג פון דער גאַס, און ניט איינמאָל האָט מען אים שוין געטראָפן מחלל שבת זיין בפרהסיא. ער היט ניט אָפּ קיין מנחה־ומעריב און שבת גייט ער מיט זיין פערד איבער דער גאַס שפּאַצירן; עסט אומגעוואַשן און נעמט דעם סידור אין האַנט ניט אַריין. גע־מוסרט האָט אים שוין דער רב אייניקע מאָל און געוואָלט אים אין פּאָליש איינזעצן, האָט ער געסטראַשעט מיט שמדן זיך — האָט מען אים צורו געלאָזט.

אין אַ ווינקל פון דער ווייבער־שול שטייט זיין מוטער מיטן טיכל איבערן קאָפּ אַריבערגעצויגן, שעמט זיך די ווייבער אין פּנים אַריין צו קוקן. אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פאַרדראָס: „אַזאַ זון דערצויגן!" — וואָרום געהערט האָט מען שוין אין שטאָט, אַז דער בעל־עגלה איז זיך מודה. אָפּגערוקט האָבן זיך אַלע פון איר, און זי וויינט און שטייט מיט דעם טיכל איבער די אויגן. קיין תהילים זאָגט זי ניט — זי קען ניט; קיין סידור האַלט זי ניט אין דער האַנט, נאָר אירע ליפּן מורמלען אַ תפילה, און זי בעט צו גאָט: „טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי! טאַטע אין הימל, שטיי אים ביי!"

און די טרערן גיסן זיך פון די אויגן אין טיכל אַריין. קיינער זעט זיי ניט, קיינער הערט איר תפילה ניט, וואָרום אָפּגערוקט שטייט זי אַליין, און אַלע קוקן מיט רחמנות און פאַרדראָס אויף איר: „אַזאַ זון דערצויגן! אַזאַ זון דערצויגן!"

ג

ווידער זיינען אַלע אידן אין דער שול פאַרזאַמלט. קיין תהילים זאָגט מען ניט היינט. אויסגעזעצט זיינען זיי אַלע אויף דער ערד. די שטענדערס פאַרדרייט. די ליכט ברענען זיך אויף דער ערד. דער רב אין די זאָקן זאָגט „איכה", און דער עולם אין דער שטיל זאָגט נאָך אים. מען זיצט שבעה נאָך די קדושים. תליות האָט מען אין

מאַרק אויסגעשטעלט, און יעצט ווערט געטאָן זייער רעכט אין מיטן מאַרק. פיר יאָרצייט־ליכט ברענען זיך אין אַ קאַסטן זאַמד אויף דר'ערד, און אַרום די ליכט זיצן שבעה די משפּחות פון די קדושים און זאָגן איכה. אין אַ ווינקל שול, האַרט ביי דער טיר, שטייט אויך דאָס פינפטע ליכט. עס איז ניט אָנגעצונדן, און לעבן דעם זיצט די מוטער פון דעם בעל־עגלה איינע אַליין. מען ווייסט ניט, צי איר זון האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און ער געהערט אויך צו די קדושים, און אַלע קוקן אויף איר מיט רחמנות און פאַרדראָס: „אַזאַ זון דערצויגן! אַזאַ זון דערצויגן!"

אין דעם הערן זיך טריט צורייטן פון דרויסן. אַ רייטער קומט אָן צו דער שול, וואַרפט עפּעס אַרונטער הינטער דער טיר און קלאַפּט אָן אין טיר פון שול — איינס, צוויי, דריי, פיר . . . פינף. פינף קלעפּ האָט ער געגעבן. און ווי עס האָט זיך דערהערט דער פינפטער קלאַפּ אין טיר, רייסט אויף די מוטער פון דעם בעל־עגלה די טיר פון שול — און הינטער דער טיר פון דער שול ליגן פינף אָפּגעהאַקטע קעפּ.

אויסגעזוכט האָט זי דעם קאָפּ פון איר זון, אים אויף די הענט גענומען און איז אַריינגעגאַנגען מיט אים אין שול אַריין. הויך האָט זי געהאַלטן דעם קאָפּ פון איר זון אויף די הענט, ווי זי וואָלט אים דער גאַנצער עדה געוואָלט צייגן. אַ שטאָלצער בליק האָט זיך פון אירע אויגן אַרויסגעריסן. אַראָפּגערוקט האָט זי שוין דאָס טיכל פון איר קאָפּ און שטאָלץ האָט זי אַלעמען אין די אויגן געקוקט. אָפּגע־רוקט מיט כבוד האָבן זיך אַלע פאַר איר, און די מאַמע, מיט דעם זונס קאָפּ אין דער האַנט, האָט אין מיטן צו טאַנצן אָנגעהויבן.

לייכט און שטיל האָבן זיך אירע פיס באַוואויגן, און געטאַנצט האָט זי מיט איר זונס קאָפּ פאַרן אָרון — קיין וואָרט ניט גערעדט; אירע ליפּן זיינען שטום געווען, נאָר מיט אירע אויגן האָט זי אויף אַלעמען מיט שטאָלץ געקוקט.

און אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט פון איר און מיט קנאה און מיט כבוד געקוקט אויף איר:

די מוטער טאַנצט מיט איר זון, די מוטער טאַנצט מיט איר זון...

און אַוועקגעלייגט האָט זי איר זונס קאָפּ צווישן די קדושים און אָנגעצונדן מיט אירע הענט דאָס יאָרצייט-ליכט פאַר איר זון און אַוועקגעשטעלט עס פאַר דעם אָרון צווישן די ליכט פון די קדושים.

א) קידוש השם (קידעש האַשעם) — דאָס פאַרהייליקן גאָטס נאָמען; אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר גאָט. זמרל (זעמערל) — געזאַנג, מעלאָדיע. קנאַל — קלאַפּ, קנאַק. לכה דודי לקראת כלה (לכאָ דוידי ליקראַס קאַלאָ) — אַ פרייטיג צו נאַכטס תפילה („קום מיין פריינט אַנטקעגן דער כלה”). בויד — גרויסער, איבערגעדעקטער וואָגן. מחותנים (מעכוטאָנים) — די קרובים און פריינט פון חתן-כלה. קאָרזשעל — דאָס זיץ-אָרט פונ׳ם בעל-עגלה. שטריימל — שיין, פוטערן היטל. מוזינקע — אינגסטע טאָכטער. פריץ (פּאָרעץ) — רייכער, גוט-באַזיצער. נאַשפּיץ — פערד געשפּאַנט אין דער לענג. משרתים (מעשאָרסים) — באַדינער. בורא (בוירע) — באַשאַפער. מליץ יושר (מייליץ יוישער) — פאַרטיידיקער. סטראַזשניק — פּאָליציי-מאַן.

ב) פאַרנעמט זיך — הערט זיך. קיטל — ווייס לייוונטן העמד, וואָס פרומע אידן פלעגן אָנטאָן ביי פייערלעכע געלעגנהייטן. קדושים — הייליקע; מאַרטירער. כל ענויים קשים — אַלערליי פּייניקונגען. מודה זיין — צוגעבן שולדיקייט. פאַרשוועכן — אומריין, אומהייליק מאַכן. נסיון (ניסאָיען) — פּרואוואונג (Temptation). צינזן — שטייערן (Taxes). פּראָפּינאַציע — מאָנאָפּאָל. שענק — Tavern. מחלל שבת זיין בפרהסיא (מעכאַלעל. בעפאַרהעסיע) — פארשוועכן דעם שבת עפנטלעך. געמוסרט — געשטראָפט, געוואָרנט. אין פּאָליש אייגזעצן — אַריינזעצן אין אַ געפענגעניש שטיבל אין קאָרידאָר פון שול אַלס שטראָף. שמדן זיך (שמאַדן) — פאַרלאָזן דעם אידישן גלויבן. שטיי אים ביי! — העלף אים; שטאַרק אים.

ג) „איכה” (אייכאָ) — קלאָג לידער. שבעה זיצן — זיצן זיבן טעג אין טרויער נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם. תליות (טליעס) — Gallows. עדה (איידע) — געמיינדע (Community)

דער צענטער צום מנין

יהואָש.

די נאַכט פון יום־כּיפּור קוקט הייליק אַרונטער
מיט טויזנטער גאָלדענע אויגן,
אַזוי ווי אַ יום־טובדיק סאַמעט פּרוכת,
דער הימל די וועלט האָט באַצויגן...

די גאָלדענע אויגן זיך מערן און מערן...
עס שטייען ניין אידן און קנייטשן דעם שטערן,

צום דאַווענען די צייט רוקט זיך נענטער,
דאָך קען זיך דער חזן ניט שטעלן צום עמוד,
און זינגען „כּל נדרי" און „יעלה" ווי תּמיד,
עס פעלט זיי צום מנין אַ צענטער...

באַקלעמט איז דאָס האַרץ זיי, שוין דאַווענען ביחידות
וועט מוזן די קליינע קהלה.
מע וועט צומאָל קדיש ניט קענען היינט זאָגן,
ניט ענטפערן אָמן אַפילו...

אָ, גאָט, צי ניט קענסטו אַ וואונדער באַווייזן? —
און פּלוצלונג... באַמערקט נאָר... מיט האַסטיקע שפּרייזן,

אַ גרייז־גראָער איד איז געקומען;
אַוועק שוין די מורא, אַ דאַנק צו זיין נאָמען,
מ'עט קדיש שוין זאָגן און ענטפערן אָמן —
און שנעל זיך צום דאַווענען גענומען...

דער גרייז־גראָער נאַסט שטייט אַליין אין אַ ווינקל,
ער רעדט מיט קיין מענטשן אַ וואָרט ניט,
ער קוקט אין זיין מחזור אַ גאַנצן מעת־לעת נאָר,
ער רירט זיך צומאָל פון זיין אָרט ניט,

אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהערן צום צבור....
דאָך ווי נאָר דער הייליקער טאָג איז אַריבער

און אַלע אַהיים זיך געקליבן,
האָט פּלוצלונג דער אורח באַדעקט זיך מיט שטראַלן,
פאַר אַלעמענס אויגן געוואָרן פאַרפאַלן,
קיין שפור איז פון אים ניט געבליבן.

מנין (מיניען) — צען אידן, וואָס דאַוונען צוזאַמען. פּרוכת (פּאָרויכעס) — איבערדעק איבערן אָרון־קודש. כל נדרי — יעלה (קאָל נידרע — יאַאלע) — זייער וויכטיקע תפילות יום כיפּור ביינאַכט. ביחידות (ביכידעס) — איינציק־ווייז, ניט אין קיין מנין. קהלה (קעהילע) — געמיינדע. מחזור (מאַכזער) — אַ געבעט בוך פאַר די ימים טובים. מעת לעת (מעסלעס) — נאַכט און טאָג; 24 שעה. ציבור (ציבער) — געמיינדע; גרופּע מענטשן. שפור — צייכן, סימן.

זיבן גוטע יאָר

י. ל. פרץ.

א

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשען אין טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער, האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. איינמאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אַזוי אין מארק, מיט די פּאָלעס פארשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן, און קוקט אויס, פון וואַנען עס וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פארדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אָרום און אָרום ליידיק: אין יוצא ואין בא: מען זעט נישט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפן, עס זאָל זיין וואָס אָפּ־צוטראָגן. הייבט ער נעבעך אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט, ער זאָל חלילה קיין פארשטערטן שבת נישט האָבן, און זיין ווייב סערל מיט די קינדער זאָלן, חס ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפלל, דערפילט ער, אַז עמיץ גיט אים אַ צי פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פאַר זיך אַ דייטשל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפן קאַפעליושל און אַ גרינעם אויפלאַג אויפן שפּענצער. און דאָס דייטשל זאָגט צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצן איבער אויף עברי־טייטש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר, זיבן יאָר פון מזל און הצלחה און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסטו, — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפן גאַנץ טורבין מיט דער סביבה, אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרעמאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געוועזן איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אליהו הנביא, וואָס האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דייטשל פאַרשטעלט. טוביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כישוף-מאַכער, ענטפערט ער אים:

— מיין ליב דייטשל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרום איך בין, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער עני ואביון, איך האָב אויף שבת נישט, און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אַז דאָס דייטשל אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און איבער־געחזרט אים די ווערטער איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, איז עס טוביהן שוין אַריין אין קאָפּ, ענטפערט ער אים:

— ווייסטו וואָס, ליב דייטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט נישט קיין לועג לרש, און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין מיך נוהג, ביי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אַן עצה האַלטן מיט מיין ווייב סערל און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה נישט געבן.

זאָגט אים דאָס דייטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט דער פרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גיין פרעגן, און ער, דאָס דייטשל הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זייטן, קיין פאַרדינסט זעט ער נישט, טראַכט ער זיך, וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן, ער וועט אַהיים גיין פרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פאָלעס און גייט אַרום הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, כמעט שוין אויפן פעלד, אין אַ ליימען שטיבל, איבערשמועסן זיך מיט סערל זיין ווייב.

ב

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפּענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַקעגן מיט גרויס שמחה: זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַ התחלה אויף שבת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זיין ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דייטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס זיינען אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען, אַצינד אָדער פאַר דער פּטירה, פרעגט ער ביי איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל נישט לאַנג און ענטפערט אים:

— גיי, מיין ליבער מאַן, און זאָג דעם דייטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע!

— פאַרוואָס, סערל? — פרעגט טוביה פאַרוואונדערט — נאָך זיבן יאָר, וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרעמע־לייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטן אָרעמאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליבער גוטער פריינט, די וועלט. דער־וויל נעם, וואָס מען גיט דיר און זאָג: ברוך ה׳ יום יום! בפרט, אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט; אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז גענוג געווען, טוביה זאָל צוריקלויפן צום דייטשל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן יאָר תוך כדי דיבור. זאָגט אים דאָס דייטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה, היינט ביסטו אַ מענטש מיט כוח און קאָנסט פאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער. וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין אַ יורד, און אַזוי פיל כוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן?

ענטפערט טוביה:

— הער, דייטשל, מיין ווייב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי, ברוך ה׳ יום און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגן, און צווייטנס, האָט מען אונז די קינדער פון חדר אַהיים געשיקט...

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דייטשל — גיי אַהיים, און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַריין, וועסטו זיין אַן עושר!

ווייל ער אים פאָרט איבערפרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווייל דאָס דייטשל פאַרשוואונדן געוואָרן.

גייט ער, טוביה, אהיים. געוואוינט, האבן מיר שוין געזאגט, האט טוביה הינטער דער שטאט, כמעט אויפן פרייען פעלד. קומט ער צו צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפילן זיך הינטער דער שטוב אין זאמד. גייט ער צו, דערזעט ער, אז זיי שארן ארויס פון א גריבל נישט קיין זאמד, נאר ריין גאלד, טאקע זהב טהור . . . פארשטייט זיך, אז מער האט מען נישט געדארפט, עס האבן זיך שוין אנגעהויבן די זיבן יאר, די זיבן מזלדיקע יאר...

ג

די צייט לויפט אבער פייל פון בויגן, און זיבן יאר גייען אריבער געשווינד. קומט נאך די זיבן יאר דאס דייטשל צו טוביהן אים אנ־צוזאגן, אז די זיבן יאר זיינען אריבער, און אז היינט פארנאכט וועט נעלם ווערן דאס גאלד אין דער ערד, דאס גאלד אין שטוב און אפילו דאס גאלד, וואס זיי האבן געקאנט באהאלטן ביי לייטן...

טרעפט ער טוביהן, ווי ער שטייט אינמיטן מארק, ווי פאר זיבן יאר, מיט די זעלבע פארשארצטע פאלעס אונטער די לענדן, און קוקט אוים אויף א פארדינסט. זאגט ער אים: הער, טוביה, די זיבן יאר זיינען אריבער!

ענטפערט אים טוביה: „גיי, זאג מיין ווייב סערל, ווייל דאס עשירות איבער די גאנצע זיבן יאר איז געווען ביי איר אין דער האנט".

גייען זיי ביידע ארויס הינטער דער שטאט און קומען צום זעלבן ליימענעם הייזל אויפן פעלד און טרעפן סערלען פאר דער טיר. און זי איז אויך ארעם געקליידט ווי אמאל, נאר איר פנים שמייכלט.

זאגט איר דאס דייטשל מיט די זעלבע ווערטער, אז די זיבן גו־טע יאר זיינען אוועק.

ענטפערט זי אים, אז זיי האבן קיין גוטע יאר נאך נישט אנגע־הויבן צו האבן, אז זיי האבן קיינמאל ניט געהאלטן דאס גאלד פאר זייער אייגנס, ווייל, וואס א מענטש פארדינט מיט זיינע צען פינ־גער, דאס איז זיינס, און אזוי עשירות, וואס קומט אן שוויים און אומ־געזוכט, איז נאר א פיקדון, וואס זיין ליבער נאמען לאזט איבער ביי מענטשן אין די הענט פאר ארעמע־לייטס וועגן... זי האט נאר פון גאלד אויף שכר־לימוד גענומען: דאס איז גאטס תורה, מעג מען פאר זיין תורה מיט זיין גאלד צאלן, מער נישט! און אויב זיין ליבער נאמען האט פון היינט אן א בעסערן בעל־פיקדון פאר זיין גאלד, מהיכא־תיתי, זאל ער צונעמען און איבערגעבן אן אנדערן!

אליהו הנביא האָט עס אויסגעהערט און איז נעלם געוואָרן. ער האָט עס איבערגעגעבן דעם בית-דין של מעלה, און דער בית-דין של מעלה האָט געפּסקנט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל-פּיקדון נישט פאַראַן, און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט כל זמן טוביה און זיין ווייב סערל האָבן געלעבט.

א) **געוועלב** — קראָם. **אין יוצא ואין בא** (איין יוצע וועאיין באָ) — קיינער גייט ניט אַרויס און קיינער קומט ניט אריין. **שפּענצער** — קורץ רעקל. **עברי-טייטש** — אַלטער נאָמען פאַר דער אידישער שפּראַך. **סביבה** — געגנט. **להבדיל אלף אַלפי הבדלות** (לעהאַבדל עלעף אַלפיי האַוודאָלעס) — צו אונטערשיידן טויזנטער מאָל, — אויסדרוק גענוצט ווען מ׳רעדט גלייכצייטיק וועגן אַ הייליקער און אַ ניט הייליקער זאַך. **געמאַך לאָזן** — צורו לאָזן. **עני ואביון** (אָני וועעוויען) — גרויסער אָרעמאַן. **טרחה** (טירכע) — באַמיאונג. **לועג לרש** (לויעג לאָראָש) — איינער וואָס שפּאָט אָפּ פון אַן אָרעמאַן. **נוהג זיין** (נויעג) — זיך פירן. **תשובה** — אַן ענטפער.

ב) **התחלה** (האַסכאָלע) — אַן אָנהויב. **באשר בכן** (באַאַשער בעכיין) — אַזוי-ווי. **פטירה** — טויט. **יורד** (יורעד) — איינער וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרן. **ברוך ה׳ יום יום** — געלויבט איז גאָט פאַר די טובות וואָס ער טוט אונז יעדן טאָג. **בפרט** (ביפראַט) — ספּעציעל. **תוך כדי דבור** (טאָך קעדיי דיבער) — באַלד, אָט ווי מ׳האַלט אין רעדן.

ג) **נעלם** (נעלעם) — פאַרשוואונדן. **פאַרשאַרצט** — אויפגעהויבן, פאַרבויגן. **עשירות** (אַשירעס) — רייכטום. **פּיקדון** (פּיקאָדן) —אַ זאַך וואָס מ׳גיט עמיצן צו היטן. **מהיכא תיתי** (מיהייכע טייסע) — מילא, זאָל זיין אַזוי. **בית דין של מעלה** — הימלשער געריכט. **געפּסקנט** (געפּאַסקנט) — באַשטימט, אַרויסגעגעבן אַן אורטייל. **כל זמן** — אַזוי לאַנג ווי.

רבי אליעזר בן הורקנוס

דער גרויסער ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט ביז צוויי און צוואַנציק יאָר גאָרנישט ניט געלערנט קיין תורה. זיין פאָטער הורקנוס איז געווען אַ רייכער גוט-באַזיצער, און אויף זיינע פעלדער האָבן גע־אַרבעט פיל אַרבעטער. די זין זיינע, אליעזר מיט די איבעריקע ברידער, פלעגן אליין אויך אַרבעטן אין פעלד. איינמאָל שטייען אַזוי די ברידער אין פעלד און אַקערן, אַלע אויף אויסגעאַרבעטער ערד, און נאָר אליעזר אויף שטיינהאַרטן ניילאַנד. פּלוצים וואַרפט אליעזר אַוועק דעם אַקער, זעצט זיך אַן אַ זייט און צעוויינט זיך. פרעגט דער פאָטער: וואָס וויינסטו? ערגערסטו זיך אפשר, וואָס עס קומט דיר אויס צו אַקערן הארט ניילאַנד — נעם זיך אַקערן דאָס ווייכע. גייט ער איבער אויף דעם ווייכן, זעצט זיך דאָרט אַוועק און וויינט ווידער.

פרעגט אים דער פאָטער:

— און אַצינד וואָס וויינסטו? דאָס געפעלט דיר אויך ניט?

— ניין, נישט דאָס, — זאָגט ער.

— וואָס דען וויינסטו?

— איך וויל לערנען תורה!

— אַ מענטש פון צוויי און צוואַנציק יאָר פאַרגלוסט זיך אים פּלוצים אָנהויבן לערנען! שלאָג זיך דיר דאָס אַרויס פון קאָפּ. בעסער האָב חתונה, וועסטו האָבן קינדער, פירן זיי אין שולע, און זיי וועלן שוין לערנען תורה.

איינמאָל קומט ער ווידער פאַרן פאָטער און זאָגט:

— מאָרגן גיי איך מער אין פעלד ניט אַרבעטן. ס׳איז ביי מיר געבליבן זיך אַוועקלאָזן קיין ירושלים דאָרט צו לערנען תורה אין ר׳ יוחנן בן זכאים בית-המדרש.

שרייט אויף אים אָן דער פאָטער: מאָרגן גאַנץ פרי, נאָך איידער דו וועסט עפּעס אין מויל נעמען, מוזטו מיר פריער אויפ־אַקערן אַ שטיק פעלד.

שטייט אליעזר אויף פאַרטאָג און נעמט אַקערן דאָס פעלד. אין מיטן אַקערן פאַלט די קו און ברעכט זיך אויס אַ פוס. טראַכט ער זיך: „צוליב מיין זכות האָט די קו צעבראָכן דעם פוס"...

אַנטלויפט ער פון דאָרט און לאָזט זיך אויפן וועג קיין ירושלים צו ר׳ יוחנן בן זכאי.

ווי מען דערציילט איז דאָס פאָרגעקומען אַן ערב־שבת, און אַ גאַנצן מעת־לעת ביז מוצאי־שבת, האָט ער ניט געהאַט אין מויל; אין וועג, ווען דאָס הארץ האָט אים פאַרחלשט, האָט ער אויפגעהויבן פון דער ערד אַ שטיינדל און אַריינגענומען אין מויל.

געקומען אין ירושלים, גייט ער אַריין אין ר׳ יוחנן בן זכאיס שול, זעצט זיך אין אַ ווינקל און וויינט. באַמערקט עס ר׳ יוחנן. פרעגט ער אים: וואָס וויינסטו?

ענטפערט ער: איך וויל לערנען תורה.

— האָסט שוין עפּעס אַמאָל געלערנט?

— ניין, גאָרנישט ניט געלערנט.

נעמט ר׳ יוחנן מיט אים לערנען פון אָנהויב קריאַת־שמע, דאַווענען, בענטשן און דערצו יעדן טאָג נייע צוויי הלכות. אַלעס וואָס אליעזר האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך האָט ער שבת גוט אויסגעחזרט און ס׳איז ביי אים פאַרבליבן. אַכט טאָג דורכאַנאַנד האָט אַזוי אליעזר פאַרבראַכט אין איין לערנען, און די גאַנצע צייט נישט געהאַט אין מויל, ביז ר׳ יוחנן האָט דערשפּירט אַ ריח פון זיין מויל.

פרעגט אים ר׳ יוחנן: אליעזר מיין זון, האָסטו עפּעס איבערגעביסן היינט? — שווייגט ער. פרעגט ער אים נאָכאַמאָל און ער שווייגט אַלץ.

זאָגט אים ר׳ יוחנן: זע, היינט עסטו ביי מיר.

— איך האָב שוין אָפּגעגעסן אין מיין אכסניא, — ענטפערט אליעזר.

רופט צו ר׳ יוחנן אייניקע פון זיינע תלמידים און זאָגט זיי אָן: זעט, איר זאָלט די זאַך נאָכפאָרשן.

לאָזן זיך אַוועק די תלמידים איבער ירושלימער גאַסן און פרעגן זיך נאָך אין אַלע אכסניות, צי האַלט זיך דאָרט נישט אויף איינער פון זייערע חברים, — ענטפערט מען אומעטום: ניין — ביז זיי זיינען געקומען צו איין פרוי, וואָס האַלט אַן אָרעמע אכסניא, און זי האָט געענטפערט: יאָ. פרעגן זיי ביי איר: האָט ער דאָ עפּעס מיט זיך? זאָגט זי: עפּעס האָט ער אַ מין זאַק, וואָס ער פאַלט אַלע טאָג צו צו אים מיטן קאָפּ און זויגט פון אים ווי פון אַ לאָגל וויין. הייסן זיי זיך ווייזן דעם דאָזיקן זאַק. שלעפּט זי אים אַרויס און זיי עפענען אים. לאָזט זיך אויס, דער זאַק איז אָנגעשטאָפּט מיט ערד. פרעגן זיי זי ווייטער: האָט היינט אליעזר עפּעס איבערגעביסן?

זאָגט זי: ניין. מיר האָבן אַלץ געמיינט, מסתמא עסט ער ביים רבין. ווייזט אויס, אַז ער האָט די גאַנצע אַכט טעג אין מויל נישט געהאַט.

קומען די תלמידים און דערציילן עס דעם רבין. דערהערט דאָס, שרייט אויס רבי יוחנן בן זכאי:

— אָרעמער אליעזר, אַזוי נעבעך וואַלגערסטו זיך דאָ צווישן אונז! נאָר וויסן זאָלסטו: אַזוי ווי עס הערט זיך איצט אַ ריח פון דיין מויל מחמת הונגער, אַזוי וועט פון דיין מויל זיך צעגיין דער ריח פון דיין תורה און זיך צעשפּרייטן פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן עק וועלט.

פון דעמאָלט אָן האָט ר׳ יוחנן אים באַשטעלט קעסט און ער איז געקומען צו זיך.

אַזוי זיינען פאַריבער דריי יאָר, און אליעזר האָט פלייסיק געלערנט תורה פאַר ר׳ יוחנן, און די גאַנצע צייט אפילו זיך נישט געוויזן אַהיים פאַרן פאָטער.

איינמאָל רופן זיך אָן הורקנוסעס קינדער צום פאָטער: זע, וואָס דיין זון אליעזר האָט דיר אָפּגעטאָן — אויף דער עלטער דיך איבערגעלאָזט און איז אַוועק קיין ירושלים. ער האָט פאַרדינט, דו זאָלסט אים אָפּזאָגן פון ירושה.

פאָלגט הורקנוס און גייט אַוועק קיין ירושלים מיט דער דעה אויסצושליסן אליעזרן פון ירושה. קומט ער אָן קיין ירושלים פונקט אין דעם טאָג, ווען ביי ר׳ יוחנן בן זכאי איז געווען אַ גרויסער מאָל־צייט. צו דער סעודה זיינען געקומען די גרעסטע פאַרנעמסטע לייט פון דער מדינה: בן־ציצית־הכסת, נקדימון־בן־גוריון און בן־כלבא־שבוע. דערציילט מען ר׳ יוחנן, אַז דער גוט־באַזיצער הורקנוס איז אָנגעקומען. הייסט ער מאַכן פאַר אים פּלאַץ צווישן די געסט, באַזעצט מען אים אויבן־אָן צווישן אַלע פאַרנעמע לייט. זיצט ער צווישן עולם מיט גרוים אָפּשיי און ציטערט. אין מיטן דער סעודה שטעלט זיך ר׳ יוחנן אָפּ מיט די אויגן אויף ר׳ אליעזרן און זאָגט אים: נעם, זאָג עפּעס פאַרן עולם.

ענטפערט ר׳ אליעזר: רבי, וואָס קען איך זאָגן, קען דען אַ ברונעם אַרויסגעבן וואַסער מער ווי מען גיסט אין אים אַריין? קען איך דען זאָגן דברי־תורה מער ווי איך האָב ביי דיר באַקומען?

— ניין, מיין זון, — זאָגט ר׳ יוחנן — נישט קיין ברונעם ביסטו, דו ביסט אַ קוואַל, אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס פליסט און גיסט פרישע וואַסער פון זיך אַליין; דו פאַרמאָגסט אייגנס.

און אַז ר׳ יוחנן מיט די תלמידים זיינען צו אים צוגעשטאַנען, האָט ר׳ אליעזר זיך אויפגעהויבן און געעפנט דאָס מויל.

אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן ווערטער, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט נאָך קיין אויער זיי נישט געהערט. דאָס פּנים פון׳ם יונגן דרשן האָט געשיינט, ווי די זון; שטראַלן, ווי פון משה־רבנוס געזיכט, האָבן פאַרבלענדט די אויגן, און דער גאַנצער עולם האָט נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, צי ס׳איז טאָג צי נאַכט.

נאָך דער דרשה שטעלט זיך ר׳ יוחנן אויף, גיט דעם תלמיד אַ קוש אויפן קאָפּ און זאָגט: אַז וואויל איז אייך, אברהם, יצחק און יעקב, וואָס אַזאַ קינד איז פון אייך אַרויסגעקומען.

— אויף וועמען זאָגט ער עס? — דערפרעגט זיך הורקנוס ביים עולם.

— אויף דיין זון אליעזר! — ענטפערט מען אים.

— אויב אַזוי, האָט ער באַדאַרפט אַנדערש זאָגן: „אַז וואויל איז מ י ר, וואָס אַזאַ קינד איז פון מיר אַרויסגעקומען!״

און דער אַלטער הורקנוס איז באַלד אַרויף אויף אַ באַנק און אויסגערופן פאַרן גאַנצן ירושלימער עולם:

—רבותי! געקומען בין איך אַהער מיט דער דעה אָפּצוזאָגן מיין זון אליעזרן פון מיינע גיטער. איצט אָבער לאָז איך איבער אַלע מיינע גיטער פאַר מיין זון אליעזר אַליין, די איבעריקע ברידער האָבן קיין שום חלק נישט.

— ניין, פאָטער, — זאָגט אים אויף דעם אליעזר — וואָלט איך פאַרלאַנגט ערד ביי גאָט, קען ער מיר געבן, — „די ערד און אַלעס וואָס אין איר געהערט צו גאָט״; וואָלט איך גאָלד און זילבער פאַרלאַנגט, קען ער דאָך מיר אויך געבן — „דאָס זילבער איז מיינס, און דאָס גאָלד איז מיינס, זאָגט גאָט״; מיין פאַרלאַנג אָבער פון גאָט איז נאָר איין זאַך: תורה אַליין.

(פון „די אידישע אגדות״).

זכות — פּריווילעגיע, פאַרדינסט, ווערט, גליק. מוצאי שבת (מויצאָאיי) — דאָס אַוועקגיין פון׳ם שבת — שבת אָוונט. קריאת שמע (קרישמע) — דאָס לייענען „שמע ישראל״. הלכות (האַלאָכעס) — געזעצן. אכסניא (אַכסאַניע) — איינפאָר הויז (Inn). קעסט — Board. דעה (דייע) —מיינונג, באַשלוס. סעודה (סודע) — מאָלצייט (Banquet). פּאָרנעם — וויכטיק, אָנגעזען. אָפּ־שיי — רעספּעקט. דרשן (דאַרשן) — רעדנער. דרשה (דראָשע) — רעדע. רבותי! (ראַבויסאַי) — מיינע הערן!

דעם שמשס
טאָכטער

(אַ פאָלקס-לעגענדע)

ש. ש. פרוג.



א

שטיל און פינצטער איז געווען
אין דעם אַלטן, ענגן שטיבל,
וואו געלעגן און געשלאָפן
איז דער אַלטער גרויער שמש.

שטיל און רואיק שלאָפט דער שמש
און אין שלאָף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט, ווי פון אַ קרומען,
וועלכער גייט אַרום אויף קוליעס.

און דערשראָקן און פאַרוואונדערט,
כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער שמש;
ער צינדט אָן דאָס אַלטע לעמפּל —
און וואָס זעט ער? — גאָט, דו ליבער!

ער דערזעט: פון וואַנט צו וואַנט
גייט אַרום אַליין זיין שטעקן...
אוי, דאָס איז אַ שלעכטער סימן,
אַז אַ גופּס איז אין שטעטל...

אין דעם אויגנבליק דערהערט ער,
שרייט זיין טאָכטער: „גיכער, טאַטע,
וועק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פאַרביי!..."

ב

נאָך ביינאַכט פון שטוב צו שטוב
גייט און קלאַפּט דער אַלטער שמש.
אָבער וואָס איז דאָס מיט דבורהן,
מיט דעם אַלטן שמשס טאָכטער?

דבורה זיצט ביים טיש, און הייסע
טרערן קאַפּען פון די אויגן;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּטשעט:
„אַך, דער רבי איז פאַרביי!...

הייל אים, העלף אים, גאָט דו ליבער!..."
היים און ערנסט ווי אַ טאָכטער,
האָט פון קינדהייט ליב דעם אַלטן,
קראַנקן רב די יונגע דבורה.

ווייל דער אַלטער מורה צדק
האָט דאָס קינד אויך ליב געהאַט
ווי אַן אייגענע: פלעגט רופן
אַלע שבת זי אינאיינעם

מיטן שמש ברכה מאַכן;
האָט זי אויסגעלערנט דאַווענען,
אויך געלערנט שרייבן, לעזן;
ליבלעך זאָגנדיק דערביי:

„לערן, דבורהקע, לערן, טאָכטער,
אונ דו וועסט איה״ש
ווערן גרויס און קלוג ביי אידן,
גלייך מיט דבורה דער נביאה...״

און זי זיצט ביים טיש, און הייסע
טרערן טריפן פון די אויגן;
ביטער ווײנט זי, ווײנט און שעפּטשעט:
„הייל אים, העלף אים, ליבער גאָט!...״

ג

אין בית־מדרש שטייט דער עולם.
גרויס און קליין געקומען אַלע
תהילים זאָגן; ווײנען, בעטן
צו דעם בורא... נאָר עס העלפט נישט.

שוין פון וואָקס אַ ליכט אַ גרויסע,
אַקוראַט די מאָס פון קראַנקן,
אויסגעגאָסן, אין תכריכים
אָנגעטאָן און, ווי דער מנהג

איז ביי אידן פון פאַרצייטן,
זי באַגראָבן אין אַ קבר,
ווי אַ בר־מינן... עס העלפט ניט;
אַלץ געפּרואווט און אַלץ אומזיסט...

אמת, איינס נאָר איז געבליבן,
איינס נאָר: יעדער פון דעם עולם
זאָל אַוועקשענקען אַ חלק
פון זיין לעבן פאַר דעם חולה.

מענער, ווייבער, קינדער, זקנים,
ווער אַ טאָג און ווער אַ חודש —
דאָס פאַרשרייבט מען אויף אַ צעטל
און פאַרשליסט אין אָרון־קודש...

ד

אַז צום אַלטן שמשם שטיבל
איז מען מיט דעם כתב געקומען,
האָט זיין טאָכטער די גבאים
אָפּגעשטעלט, און שטיל און רואיק

זיי געזאָגט: „פאַרשרייבט, איך בעט אייך".
— „וויפל?" — „וויפל, דבורה, שענקסטו?"
אַך, מיין גאַנצעס, גאַנצעס לעבן!...
יאָ, פאַרשרייבט: איך שענק אַוועק

אים מיין גאַנצעס לעבן!" — „דבורה", —
האָבן זיי זי אָנגעהויבן
אָפּצורעדן — „נאַריש קינד,
ווי געשיקט זיך?..." — אָבער אַלע

טענות האָבן ניט געהאָלפן,
ניט געהאָלפן האָבן דאָ
אויך דעם אַלטן טאַטנס בעטן,
זיינע רייד און זיינע טרערן.

און פאַרשריבן האָבן זיי
מיט איר חתימה אין דעם צעטל,
ווי זי האָט פון זיי געפאָדערט:
„דבורה שענקט איר גאַנצעס לעבן".

און בשעת דער שליח
האָט דעם כתב אין שול געבראַכט
און פאַרשלאָסן אים אין אָרון,
אין דעם זעלבן אויגנבליק —

איז דער חולה אויפגעשטאַנען
ווידער פריש, געזונט און יונג;
און די אומגליקלעכע דבורה,
דאָס אומשולדיק־ריינע קינד,

איז דעמזועלבן טאָג געקומען
אין איר רו... דער אַלטער טאַטע
האָט זי ערנסט, היים באַוויינט
און געזאָגט דעם ערשטן קדיש.

אויף איר הערלעכער לויה
איז געווען דער גאַנצער עולם
און געווינטשט פון פולן האַרצן
איר אַ ליכטיקן גן־עדן...

ה

שטיל און רואיק גייט די צייט
אין דעם קליינעם, שטילן שטעטל.
מענטשן לעבן, האָבן קינדער,
קינדער — ווערן יונגעלייט,

וואַקסן, ווערן אַלט און שטאַרבן.
אויף דעם אַלטן בית הקברות
זיינען דאָ פיל נייע קברים...
וואָס־זשע מאַכט דער אַלטער רב?

דאַנקען גאָט, ער לעבט אין פרידן,
לערנט תורה, פסקנט שאלות,
און געדענקט דאָס ליבע קינד.
ער געדענקט די טויטע דבורה,

ער פאַרגעסט ניט יעדן יאָר־צייט
קויפן ליכט און זאָגן קדיש.
און אַזוי גייט שטיל און רואיק
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר.

ו

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען פאָר, ער ווערט ניט עלטער;
אָבער טרויעריק ניט זעלטן
זעט ער אויס; דערציילט ניט קיינעם,

וואָס ער פילט און וואָס ער טראַכט.
און עס ווייסט פון דעם נישט קיינער,
אַז ביינאַכט, בשעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוויינלעך,

הערט זיך אים אַ פרויען־שטימע.
זיסע לידער, ליבע לידער
קלינגען, פליסן פון דערווייטן,
און פאַר זיינע אַלטע אויגן

שטייט אַ בילד... אָך, ער דערקענט,
ער דערקענט דאָס זיסע פנים
פון זיין תלמידקע — פון דבורהן,
און ער בעט זי: — „זיי מיר מוחל!

זיי מיר מוחל, ליבע טאָכטער,
וואָס דורך מיר ביסטו געגאַנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואָלסט לעבן,
וואָלסטו איצט געווען אַ כלה..."

ז

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען פאַר; און איינמאָל הערט ער
אַ געשריי פון אַ יולדת...
און ער וויינט, באַגיסט מיט טרערן

די גמרא... — „זיי מיר מוחל!
— בעט דער זקן — ליבע דבורה!
אַז דו וואָלסט געבליבן לעבן,
וואָלסטו איצט געווען אַ מוטער..."

און אַזוי אויך יעדע נאַכט
הערט זיך אים איר יונגע שטימע —
זיסע, ליבע וויגן־לידער
זינגט ביינאַכט די טויטע מוטער...

ח

דרייצן יאָר גייט פאַר... ער הערט
וווי איר זון, שוין אַ בר־מצוה,
זאָגט אַ גרויסע, שיינע דרשה...
— „ער וועט זיין אַ גרויסער למדן,

— טראַכט דער רב — און וויפל פרייד
וואָלט געהאַט פון אים די מאַמע !"
ווייטער הערט ער — קלעזמער שפילן :
פידלען, טאַצן און קלאַרנעטן

קלינגען, זינגען פון דערווייטן...
„זי מאַכט חתונה אַ טאָכטער, —
טראַכט דער אַלטער — צו דער חופה
פירט זי איצט די טויטע מאַמע..."

ט

און פון דעמאָלט אָן טאָג־טעגלעך
הערט און פילט און זעט דער זקן
יעדן צושטאַנד פון איר לעבן.
און ער וויינט מיט הייסע טרערן

און ער בעט דעם בורא עולם :
„גיב מיר, גאָט, איך זאָל דערהערן
איר געוויין, איר ביטער זיפצן,
אירע טרערן זאָל איך זען —

כאָטש די איינציקע נחמה
זאָל איך האָבן, אַז אין לעבן
וואָלט זי אויך געליטן צרות,
וואָלט זי אומגליק אויך געפילט.

און עס וואָלט ביי איר געוועזן
כאָטש אײנאײנציקע מינוט,
ווען זי וואָלט די וועלט פאַרשאָלטן
און געוואונטשן זיך דעם טויט !..."

י

נאָר אומזיסט איז זיין בקשה:
זיסע לידער, ליבע לידער
הערט ער זינגען אין דער פינצטער:
גליקלעך וואָלט געווען איר לעבן, —

יענעם שטילעם פרויען־לעבן,
וועלכעם גלאַנצט ניט ווי די זון,
נאָר עס שיינט אָן ווינט און וואָלקן,
ווי דער העלער מאָרגנשטערן...

און עס גיסן זיך און גיסן
זיינע טרערן טאָג און יאָרן.
— „ליבער גאָט! — איז ער מתפלל —
טו מיט מיר דיין גרוים גענאָד!

אַך, באַפריי, באַפריי, מיין אַלטע,
מיין פאַריאָמערטע נשמה!
שטאַרבן, שטאַרבן העלף מיר גיכער,
ליבער פאָטער, גרויסער גאָט!..."

יא

טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר
גייען פאָר. דאָס קליינע שטעטל
איז שוין לאַנג אַ שטאָט געוואָרן,
אַ באַקאַנטע, רייכע שטאָט.

הונדערט מענטשן, צענדליק זקנים,
וועלכע ער געדענקט אַלס קינדער,
ליגן שוין אויף דעם בית־עלמין;
ער נאָר איינער לעבט און לעבט.

נייע צייטן, נייע מענטשן,
נייעס לעבן און מנהגים;
פרעמד און איבעריק, ווילד און עלנט
איז דער זקן צווישן זיי.

טונקל זיינען זיינע אויגן,
אויסגעדאַרט דער גאַנצער קערפּער;
און ער קלאָגט צום בורא עולם,
וויינט און בעט אויף זיך דעם טויט...

יב

איין געדאַנק און איין געפיל
איז דעם זקן נאָר געבליבן:
שטאַרבן! שטאַרבן!... און צולעצט
האָט זיך גאָט אויף אים דערבאַרימט.

פינצטער איז געווען די נאַכט,
שרעקלעך האָט געדרישט דער שטורעם;
ווי אַ קינד געקלאָגט, געיאָמערט
האָט די קאַלטע, שוואַרצע נאַכט.

אָפּגעוואוינט שוין לאַנג פון אַלע
לעבנס־פרייד, לעבנס־שמערצן,
זיצט דער זקן אין בית־מדרש...
מיט אַמאָל דערהערט זיך אים —

אַ געוויין, אַ קלאָג פון קינדער...
פּושקעס קלאַפּן אין די גאַסן
און מען זינגט „אל מלא רחמים..."
„דאָס וואָלט זי געשטאָרבן איצט!" —

האָט מיט פרייד געזאָגט דער זקן —
„אוים, אַ סוף צו מיינע שמערצן!...
נעם מיך מיט, מיין ליבע דבורה,
אויף דער ריינער, וואָרער וועלט!..."

שטיל און רואיק האָט באַפרייט זיך
פון דעם קערפּער זיין נשמה...
און אויף מאָרגן האָט דער עולם
היים און ערנסט אים באַווייַנט.

גוסס (גויסעס) — איינער וואָס האַלט ביים שטאַרבן. **מורה צדק** — רב. **איה״ש** (אם יירצע האַשעם) — אַז גאָט וועט וועלן. **תכריכים** — טויטנקליידער. **בר-מינן** (באַר-מינאָן) — אַ טויטער. **אָרון-קודש** — דער הייליקער אַלמער, אין וועלכן מ׳האַלט די ספרי תורה. **כתב** (קסאַוו) — שריפט. **גבאים** (גאַבאָאים) — שול-באַאַמטע. **ווי געשיקט זיך?** — ווי איז עס מעגלעך. **חתימה** — אונטערשריפט. **בשעת** (בישאַס) — אין דער צייט ווען. **פסקנט שאלות** (פּאַסקענט שאַלעס) — גיט אַרויס אורטיילן אין פראַגן פון דין, ספּעציעל וועגן כשר און טריף. **יולדת** (יאָלדעס) — קימפּעטאָרן, אַ פרוי וואָס האָט ערשט געבוירן אַ קינד. **דרשה** (דראָ-שע) — רעדע. **בורא עולם** — דער באַשאַפער פון דער וועלט. **נחמה** (נעכאָמע) — טרייסט. **בקשה** (באַקאָשע) — געבעט. **גענאָד** — חסד, גוטסקייט. **אל מלא רחמים** (אייל מאָליי ראַכאַמים) — אַ תפלה נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם. **וואָרע** — אמתע.

אליהו און אחאב

(יהואָשס איבערזעצונג)

1. און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן: נבות דער יזרעאלי האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן, וואָס איז געווען אין יזרעאל לעבן דעם פּאַלאַץ פון אחאב דעם מלך פון שומרון. 2. האָט אחאב געזאָגט צו נבותן, אַזוי צו זאָגן: גיב מיר דיין ווייַנגאָרטן, כדי ער זאָל מיר זיין פאַר אַ גאָרטן פון גרינס, ווייל ער איז נאָענט לעבן מיין הויז, און איך וועל דיר געבן אָנשטאָט אים אַ ווייַנגאָרטן אַ בעסערן פון אים. אָדער אויב אין דיינע אויגן איז בעסער, וועל איך דיר געבן געלט אין מקח פון דעם. 3. האָט נבות געזאָגט צו אחאבן: באַהיט מיך גאָט, איך זאָל אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן.

4. איז אחאב געקומען אין זיין הויז צעטראָגן און פאַרבייזערט איבער דעם וואָרט, וואָס נבות דער יזרעאלי האָט צו אים גערעדט, אַז ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן. און ער האָט זיך געלייגט אויף זיין בעט, און האָט אומגע־דרייט זיין פּנים, און ניט געגעסן קיין שפּייז.

5. איז צוגעקומען צו אים זיין ווייב איזבל און האָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס דיין געמיט צעטראָגן, און דו עסט ניט קיין שפּייז? 6. האָט ער צו איר געזאָגט: ווייל איך האָב גערעדט צו נבות דעם יזרעאלי, און איך האָב צו אים געזאָגט: גיב מיר דיין ווייַנגאָרטן פאַר געלט, אָדער אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַן אַנדער ווייַנגאָרטן אָנשטאָט אים; און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן מיין ווייַנגאָרטן.

7. האָט זיין ווייב איזבל צו אים געזאָגט: פירסט דו אַצינד די מלוכה איבער ישראל? שטיי אויף, עס שפּייז, און זאָל דיין האַרץ זיין פריילעך. איך וועל דיר געבן דעם ווייַנגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי.

8. און זי האָט געשריבן בריוו אין אחאבס נאָמען, און פאַר־זיגלט מיט זיין זיגל און האָט געשיקט די בריוו צו די עלטסטע און צו די אַדלליים וואָס אין זיין שטאָט, וואָס האָבן געוואוינט מיט נבותן. 9. און זי האָט געשריבן אין די בריוו, אַזוי צו זאָגן: רופט אויס אַ תענית און זעצט אַוועק נבותן אויבנאָן פון פאָלק. 10. און זעצט אַוועק צוויי מענטשן, נידערטרעכטיקע יונגען, אַקעגן אים, זיי זאָלן עדות זאָגן אויף אים, אַזוי צו זאָגן: האָסט געלעסטערט

גאָט און דעם מלך. און פירט אים אַרויס, און פאַרשטיינערט אים, און ער זאָל שטאַרבן.

11. האָבן די מענטשן פון זיין שטאָט און די עלטסטע און די אַדללייט, וואָס האָבן געוואוינט אין זיין שטאָט, געטאָן אַזוי ווי איזבל האָט צו זיי געשיקט, אַזוי ווי עס איז געווען געשריבן אין די בריוו, וואָס זי האָט צו זיי געשיקט. 12. זיי האָבן אויסגערופן אַ תענית און האָבן אַוועקגעזעצט נבותן אויבנאָן פון פאָלק. 13. און די צוויי מענטשן, נידערטרעכטיקע יונגען, זיינען געקומען און האָבן זיך געזעצט אַקעגן אים; און די נידערטרעכטיקע יונגען האָבן עדות געזאָגט אויף אים, אויף נבותן, פאַרן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: נבות האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך. און מען האָט אים אַרויסגע־פירט אויסן שטאָט און אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן. 14. און זיי האָבן געשיקט צו איזבלן, אַזוי צו זאָגן: נבות איז פאַרשטיינט געוואָרן און ער איז טויט.

15. און עס איז געווען, ווי איזבל האָט געהערט, אַז נבות איז פאַרשטיינט געוואָרן און ער איז טויט, אַזוי האָט איזבל געזאָגט צו אחאבן: שטיי אויף, ירשע דעם וויינגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי, וואָס ער האָט דיר ניט געוואָלט געבן פאַר געלט. וואָרום נבות לעבט ניט, נייערט ער איז טויט.

16. און עס איז געווען, ווי אחאב האָט געהערט, אַז נבות איז טויט, אַזוי איז אחאב אויפגעשטאַנען אַראָפצונידערן צו דעם וויינ־גאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי, כדי אים צו ירשען.

17. איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אליהו דעם תשבי, אַזוי צו זאָגן: 18. שטיי אויף, נידער אַראָפ אַנטקעגן אחאב דעם מלך פון ישראל וואָס אין שומרון; אָט איז ער אין דעם וויינגאָרטן פון נבותן, וואָס ער האָט אַהין אַראָפגענידערט, כדי אים צו ירשען. 19. און זאָלסט רעדן צו אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: האָסט געהרגעט, און ווילסט אויך ירשען? און זאָלסט רעדן צו אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויף דעם אָרט וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן די הינט לעקן דיין בלוט.

20. האָט אחאב געזאָגט צו אליהון: האָסט מיך אָנגעקריגן, שונא מיינער? האָט ער געזאָגט: איך האָב דיך אָנגעקריגן, ווייל דו האָסט זיך אָפגעגעבן צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. 21. זע, איך ברענג אויף דיר אַן אומגליק, און איך וועל דיך אויסראַמען, איך וועל פאַרשניידן פון אחאבן יעטוועדער מאַנספאַר־

שוין און קינד און קייט צווישן ישראל. 22. און איך וועל מאַכן דיין הויז אַזוי ווי דאָס הויז פון ירבעם דעם זון פון נבטן, און אַזוי ווי דאָס הויז פון בעשה דעם זון פון אחיהן, פאַר דער דערצערענונג וואָס דו האָסט דערצערנט און געמאַכט זינדיקן ישראל. 23. און אויך אויף איזבלן האָט גאָט גערעדט, אַזוי צו זאָגן: די הינט וועלן עסן איזבלן אין דעם פעסטונג־גראָבן פון ישראל. 24. דעם וואָס שטאַרבט פון אחאבן אין שטאָט, וועלן די הינט אויפעסן, און דעם וואָס שטאַרבט אין פעלד, וועלן די פויגלען פון הימל אויפעסן.

25. פאַרוואָר, עס איז ניט געווען אַזאַ ווי אחאב וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, ווייל אים האָט אָנגערעדט זיין ווייב איזבל.

26. און ער האָט זיך באַגאַנגען זייער אומווערדיק צו גיין נאָך די אָפּגעטער, אַזוי ווי אַליך וואָס די אמורים האָבן געטאָן, וועמען גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישראל.

27. און עס איז געווען, ווי אחאב האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער און אָנגעטאָן זאַק־קלייד אויף זיין לייב און האָט געפאַסט: און ער איז געלעגן אין זאַק־קלייד און איז אַרומגעגאַנגען שטילערהייט.

28. איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אליהו דעם תשבי, אַזוי צו זאָגן: 29. האָסטו געזען ווי אחאב איז געוואָרן אונטערטעניק פאַר מיר? ווייל ער איז געוואָרן אונטערטעניק פאַר מיר וועל איך ניט ברענגען דאָס בייז אין זיינע טעג; אין די טעג פון זיין זון וועל איך ברענגען דאָס בייז אויף זיין הויז.

(מלכים א׳, כ״א).

מקח (מעקאַך) — פרייז. נחלה (נאַכלע) — אייגנטום, ירושה. תענית — אַ פאַסט טאָג. נייערט — נאָר.

אליהו אויפֿן באַרג

(יהואָשס איבערזעצונג)

1. און אחאָב האָט דערציילט איזבלן אַלץ וואָס אליהו האָט געטאָן, און אַלצדינג ווי אַזוי ער האָט געהרגעט אַלע נביאים מיט דער שווערד. 2. האָט איזבל געשיקט אַ שליח צו אליהון, אַזוי צו זאָגן: זאָלן די געטער טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב איך וועל מאָרגן אין דער צייט ניט מאַכן דיין לעבן אַזוי ווי דאָס לעבן פֿון איינעם פֿון זיי!

3. און ווי ער האָט דאָס געזען, איז ער אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק אום זיין לעבן, און איז געקומען קיין באר־שבע וואָס געהערט צו יהודה, און ער האָט דאָרטן איבערגעלאָזט זיין יונג. 4. און ער אַליין איז געגאַנגען אין מדבר אַ טאָג וועגס, און איז געקומען און האָט זיך געזעצט אונטער אַ בעזעמבוימל, און ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט, און האָט געזאָגט: גענוג! אַצינד, גאָט, נעם צו מיין זעל, וואָרום איך בין ניט בעסער פֿון מיינע עלטערן.

5. און ער האָט זיך געלייגט און איז איינגעשלאָפֿן אונטער אַ בעזעמבוימל. ערשט אַ מלאך רירט אים אָן און זאָגט צו אים: שטיי אויף, עס. 6. האָט ער זיך אומגעקוקט, ערשט אים צוקאָפּנס איז אַ קוכן געבאַקן אויף אָנגעברענטע שטיינער און אַ קרוג וואַסער. האָט ער געגעסן און געטרונקען און האָט זיך ווידער געלייגט.

7. און דער מלאך פֿון גאָט איז געקומען אַ צווייט מאָל און האָט אים אָנגערירט און געזאָגט: שטיי אויף, עס, וואָרום דער וועג איז צו ווייט פֿאַר דיר.

8. איז ער אויפֿגעשטאַנען און האָט געגעסן און געטרונקען און איז געגאַנגען מיט דעם כוח פֿון דעם דאָזיקן עסן פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט, ביז דעם באַרג פֿון גאָט, חורב. 9. און ער איז דאָרטן אַריינגעגאַנגען אין דער הייל און האָט דאָרטן גענעכטיקט. ערשט דאָס וואָרט פֿון גאָט איז צו אים און ער האָט צו אים געזאָגט: וואָס טוסטו דאָ אליהו?

10. האָט ער געזאָגט:

אַנטעמען האָב איך זיך אָנגענומען
פֿון וועגן יהוה דעם גאָט פֿון צבאות;
ווייל פֿאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פֿון ישראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט,

אונ דיינע נביאים האָבן זיי געהרגעט מיט דער שווערד;
אונ איך אַליין בין איבערגעבליבן,
אונ זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען.

11. האָט ער געזאָגט: גיי אַרויס, אונ זאָלסט זיך שטעלן אויפן באַרג פון גאָט.

ערשט גאָט גייט פאַרביי, אונ אַ גרויסער אונ שטאַרקער שטורם רייסט בערג אונ ברעכט פעלזן פאַר גאָט — ניט אין שטורם איז געווען גאָט; אונ נאָך דעם שטורם אַן ערדציטערניש — ניט אין דער ערדציטערניש איז געווען גאָט; 12. אונ נאָך דער ערדציטערניש אַ פייער — ניט אין פייער איז געווען גאָט; אונ נאָך דעם פייער אַ קול פון אַ דינער שטילקייט. 13. אונ עס איז געווען, ווי אליהו האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער איינגעוויקלט זיין פּנים אין זיין מאַנטל, אונ ער איז אַרויסגעגאַנגען, אונ האָט זיך געשטעלט אין איינגאַנג פון דער הייל.

ערשט אַ קול איז געקומען צו אים, אונ האָט געזאָגט: וואָס טוסטו דאָ, אליהו?

14. האָט ער געזאָגט:
אַננעמען האָב איך זיך אָנגענומען
פון וועגן יהוה דעם גאָט פון צבאות;
ווייל פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון ישראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט,
אונ דיינע נביאים האָבן זיי געהרגעט מיט דער שווערד;
אונ איך אַליין בין איבערגעבליבן,
אונ זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען.

(מלכים א׳, י״ט).

פאַרלוירן אַ פאה

ש. אַש.

דאָס שטעטל יאַנעווצע איז געלעגן אַוועקגעוואָרפן, ווי אַ שמאַטע, אויפן זאַמדיקן ברעג פון דער ווייסל. אויף אַ בערגל, אינמיטן מאַרק, איז געשטאַנען אַ ווייס־באַפּאַרבטע קירך. אַרום איר — אַ גרינער פּלויט, ביי וועלכן די פויערן האָבן די פערד אויסגעשפּאַנט, ווען זיי זענען געקומען אין קאָשטשאָל־אַריין. אַרום דער קירך האָט זיך אויסגעשפּרייט דער מאַרק מיטן פּלומפּל אינמיטן, און אַרום דעם מאַרק זענען געשטאַנען קליינע הילצערנע הייזלעך, טייל שוין מיט שינדלען באַדעקטע, אַנדערע נאָך מיט שטרוי. אָפּענע געוועלבלעך האָבן ווי אויסגעהאַקטע לעכער געקוקט שוואַרץ אין מאַרק־אַריין. פון דעם מאַרק האָבן זיך געצויגן זייטן־געסלעך מיט שיטערע הייזלעך, ביז אַראָפּ צו דער ווייסל־צו. פרילינג און הערבסט, ווען די ווייסל האָט אויסגעגאָסן, האָט זי פאַרפלייצט די געסלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן נידעריקן זאַמד־ברעג און זיי אָפּגעשניטן פון מאַרק. דאָס וואַסער איז אָבער נישט געווען טיף. זענען אידן אַריבערגעשוואומען אויף ברעטער די פּאָר טעג פון אויסגוס. אינגלעך זענען געקראָכן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, באָרוועסע, פון איין געסל אין אַנדערן אין וואַסער אַרום.

די אַלע הייזלעך פון מאַרק און די זייטן־געסלעך אַרום דעם מאַרק ביז צו דער קירך האָבן באַוואוינט אידן. דאָס האָט מען אַמבעסטן געקאָנט אָנזען פרייטאָג פאַרנאַכט און אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. אַזוי ווי דער שמש איז נאָר אַדורך די געסלעך מיט זיין האַמער, האָבן זיך אַלע געוועלבלעך פאַרמאַכט און פון די קליינע פענצטערלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסצולייכטן שבתדיקע לייכטערלעך מיט שבת־ליכט.

די קירך מיט די צוויי טורמעס איז געשטאַנען אינמיטן, געפאַנגען פון אידישע שטיבלעך. פאַרשמועדלעך, האָט דער קליינער יחיאל צום ערשט געמיינט, אַז פונקט אַזוי ווי אין זיין געסל און זיין שטעטל, באַשטייט די גאַנצע וועלט נאָר בלויז פון אידן. אַיי, עס זענען דאָך אויך דאָ גויים? זענען זיי נאָר דאָ כדי, דער אַלטער מאַטשעק זאָל די אידן שבת די ליכט אויסלעשן און אַנדערע מלאכות טאָן, וואָס אַ איד טאָר נישט. שפּעטער אָבער האָט ער איינגעזען, אַז עס איז נישט אַזוי. די פעלדער האָבן זיך געצויגן געדיכט ביז אין שטעטל אַריין. פעלדער באַאַרבעטע, אויפגעקאָפּעטע, פאַרזייטע, ציכטיק

אויפגעריוימטע און אויסגעצוואָגענע פון נאכטלעכן טוי. די אַלע פעלדער, וואָס ציען זיך ווייט ,ווייט אַרויס דרויסן, ביז צום דאָרף מאקאָוו און נאָך ווייטער און ווייטער, — אויף די פעלדער וואוינען גויים. הינער לויפן אַרום איבער די וועגן, קאַטשקעס טיקן זיך אין וואַסערלעך, וואָס זענען הינטער די הייזער, ווייסע גענז פליען איבער דער לאָנקע, און די „וואָס אַ איד טאָר נישט עסן” נאָרען זיך אין בלאָטע פאַר יעדער גויאישער שטוב. צוויי מאָל אין וואָך קומען זיי אָן מיט וועגענער און מיט פערד, שטעלן זיך אָפּ אינמיטן מאַרק און פאַרפלייצן דאָס גאַנצע שטעטל מיט די וועגענער און פערד, מיט די בהמות און חזירים, מיט די תבואות און עופות. דאָס גאַנצע שטעטל נעמען זיי איין. זיי לאָזן זיך אין די הינטער-געסלעך ביז צו דער ווייסל אַראָפּ, וואו זיי האָבן דעם פערד-מאַרק און חזיר-מאַרק. אַ גאַנצן טאָג הערט זיך אַ קוויטשעריי פון „דבר אחרים”, אַ הירזשען פון פערד, אַ קוואָקעריי פון די עופות, אַ זשומען און אַ ברומען פון דער פויערן-מענגע, קנאַלן מיט די בייטשן, רופן פון אידן, אַ שרייען פון ווייבער ביי די געצייג-שטעלן, אַ דינגען, אַ האַנדלען פון די מאַרק-אידן. דאָס איז דינסטאג און פרייטאג, ווען עס זענען די מאַרק-טעג. זונטאָג קומען זיי, די גויים, אָן בהמות און תבואות און עופות, בלויז מיט זייערע שיינע פערד, וואָס זענען אויסגעפּוצט, פאַרבונדן ביי די קעפּ און אונטער די עקן מיט שטרויענע בענדער. זיי אַליין זענען אויך אויסגעפּוצט און מיט דזשעגעכץ פילן זיך די יומטעגע שטיוול, זיי לייגן זיך אויס אַרום דעם קאָשטשאָל. דענסטמאָל זעט דער קליינער יחיאל, אַז מאטשעק פון שול-געסל, וועלכער איז דער שבת-גוי פון שטעטל, איז נישט אַליין, און דער קאָשטשאָל שטייט נישט פאַריתומט און געפאַנגען פון די אידישע שטיבלעך...

דעם זומער האָט ער זיך זייער פאַרטראַכט וועגן גויים. ער האָט זיי נישט געקענט ריכטיק באַנעמען מיט זיין מוח. ער האָט שוין געוואוסט, אַז גויים באַדאַרף מען האָבן, אַז גויים האָט גאָט באַשאַפן צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס — כדי די מאַמע זאָל קאָנען האַנדלען מיט זיי, פאַרקויפן זיי פאַרשיידן געצייג: ציץ, לייוונט, לובלינער טיכלעך און בענדער, כדי זי זאָל פאַרדינען אויף חיונה; אַז דער טאַטע און ישכר-זרח און ער און די אַנדערע ברידערלעך און אַלע אַנדערע אידן זאָלן קאָנען זיצן און לערנען אין דער הייליקער תורה. און צווייטנס — באַדאַרף מען זיי האָבן צוליב דעם, כדי אידן זאָלן זיין ביי זיי אין גלות . . . פרייטאג נאָכמיטאג, ווען אידן האַלטן זיך אינמיטן בעסטן באָדן אין דער ווייסל, באַפאַלן זיי די שקצים, מיט די לאַנגע בייטשן, און טרייבן זיי נאַקעטע מיט די פעקלעך אָנגעטו-

עכצער אין דעם שטעטל אריין. און ער, יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים אויס דורכצוגיין פאַר דעם גויאישקן סטעלמאַך, וואָס וואוינט געגנאיבער זיי, קלאַפּט אים דאָס האַרץ, אַז דער בייזער הונט, וואָס שטייט דאָרט הינטער דעם פּלויט אַן אָנגעבונדענער, זאָל זיך נישט אָפּרייסן פון דער קייט און אים באַפאַלן. פאַר דעם פּלויט פון דעם גויאישקן סטעלמאַך גלוסט זיך אים אָבער דווקא פאַרבייצוגיין, ווייל הינטער דעם פּלויט וואַקסט אַ גערטנדל. זומער-צייט ווערן אין דעם גערטנדל רייף כלערליי פּרוכטן, וואָס מען ווייסט נישט איבער זיי וואָס פאַר אַ ברכה צו מאַכן. זיי שמעקן אַזוי גוט, ווען זיי וואַקסן, זיי זענען אַזוי שיין צו זען. אַזוי נאָנט גיסן זיך דיביימער אַריבער איבער דעם פּלויטל אויף דער גאַס אַרויס, אַז די בלומען און די פּירות פון גערטנדל שטאַרצן-אַרויס און נויגן-זיך ביז צו דער ערד. מען באַדאַרף נאָר די האַנט אויסצושטרעקן און זיי אָנכאַפּן, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער דערנעענטערט זיך צום סטעלמאַכס פּלויטל, גיט דער הונט אַ שפּרונג פון יענער זייט פּלויט, דאָס האַרץ גיט אַזש אַ צופּ פאַר שרעק און ער אַנטלויפט.

זומער נאָכמיטאָג, ווען די גויים-אינגלעך כאַפּן אים אַליין ביים באָדן אין דער ווייסל — וואַרפן זיי אריין זיין אָנגעטועכץ אין וואַסער. טיילמאָל באַגנוגענען זיי זיך בלויז מיט ציען אים ביי דער פּאה און שרייען:

— קליינער זשידעק! פאַרוואָס האָסטו געקרייציקט קריסטוסן?

יחיאל ווייסט נישט וואָס דאָס איז. ער געדענקט אויך נישט, אַז ער זאָל האָבן אַמאָל „געקרייציקט קריסטוסן". נעמט ער דאָס אָן פאַר אַן אָפּקומעניש, דעריבער ווייל ער איז אין גלות מיט אַלע אידן צוגלייך, און ער מוז אויך גלות אָפּריכטן . . .

ווייס ער, אַז גויים האָט גאָט באַשאַפן צוליב די צוויי טעמים. אויף יענער וועלט וועט מען זיי משפּטן דערפאַר, וואָס זיי זענען גויים. אַז משיח וועט קומען, וועלן די גויים גיין איבער אַן אייזערנער בריק און וועלן אַריינפאַלן, די אידן — איבער אַ פּאַפּירענער און וועלן אַדורכגיין. ער ווייס נישט, צי זיי וועלן תחית-המתים אויפשטיין. געוויס נישט . . . אָבער פאַרוואָס האָט זיי גאָט באַשאַפן פאַר גויים? ער וואָלט דאָך אויך, חלילה, געקאָנט געבוירן-ווערן אַ גוי (ער טרייסלט זיך אָפּ פון דעם געדאַנק און ער איז בשעת-מעשה אַזוי רייך, וואָס ער איז אַ איד). פאַרוואָס האָט גאָט די אומגליקלעכע נפשות באַשאַפן, די גויים, כדי זיי זאָלן מוזן אַ פרעמדן גאָט דינען און די אידן פּייניקן און מען זאָל זיי דערפאַר אויף דער צווייטער וועלט שטראָפן און זיי זאָלן קיין חלק לעולם-הבא נישט האָבן? . . .

וואָס זענען זיי שולדיק, אַז זיי זענען גויים? פאַרוואָס האָט גאָט נישט די גאַנצע וועלט פאַר אידן באַשאַפן? . . .

ער האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און געפרעגט דעם טאַטן:

— טאַטע, גויים האָבן אויך חלק לעולם-הבא? — פאַלט דער קליינער יחיאל אין דער שיסל אַריין אינמיטן עסן מיט דער קלאָץ-קשיא.

— די, וועלכע וועלן זיך פריער מגייר-זיין און ווערן אידן.
פון די פעלקער פון דער וועלט האָבן חלק לעולם-הבא.

דער קליינער יחיאל איז צופרידן, אַז ער האָט פאַר זיינע גויים אויך עפּעס אויסגעדונגען און ער זאָגט ווייטער:

— און אַז משיח וועט קומען, וועלן זיי אויך אויפשטיין תחית-המתים?

— די, וועלכע וועלן זיך פריער מגייר-זיין און ווערן אידן.

— און די, וואָס נישט?

— פאַרוואָס ווידער קומט זיי תחית-המתים? זיי זענען דאָך נישט קיין אידן?

— אָבער וואָס זענען זיי שולדיק, אַז דער רבונו-של-עולם האָט זיי פאַר גויים באַשאַפן? די גמרא זאָגט דאָך, אַז דער וואָס טוט אַ זאַך נישט-ווילנדיק, קומט אים גאָרנישט. זיי ווייסן דאָך נישט, אַז זיי טוען אַן עבירה, דערפאַר ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן אַלס גויים.

— ביסטו דאָך טאַקע אַ שוטה. זיי קאָנען דאָך אָבער יעצט ווערן אידן. וואָרום די בחירה איז דאָך געגעבן געוואָרן צו מענטשן. און עס שטייט דאָך, ווען גאָט האָט די אידן געגעבן די תורה, האָט ער זי צום ערשט ארומגעטראָגן צו די פעלקער פון דער וועלט, אָבער קיינער האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען, נאָר די אידן. זענען זיי דאָך גויים במזיד, דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די תורה. פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט?

— אָבער וואָס זענען די ה י י נ ט י ק ע גויים שולדיק, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן שוין גויים? מיר וואָלטן דאָך אויך, חלילה, געקאָנט געבוירן ווערן „דאָס"... — האָט יחיאל מורא ארויסצוזאָגן דאָס שרעקלעכע וואָרט.

— גראָבער יונג, האָסט דאָך טאַקע אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ! ווי הייסט, מיר וואָלטן אויך, חלילה, געקאָנט באַשאַפן ווערן ווי זיי! אונזערע נשמות זענען דאָך געשטאַנען אויפן באַרג סיני. מיר האָבן דאָך מיטגעשריגן: „נעשה ונשמע", ווען מען האָט אידן די תורה

געגעבן. ווי אַזוי וואָלטן מיר, חלילה, געקאָנט געבוירן ווערן, ווי „זיי" . . .

— אָבער ווען אַ גוי איז זיך מגייר, איז ער פונקט ווי אַ איד, נישט וואָר, טאַטע? כאָטש ער איז נישט געשטאַנען אויפן באַרג סיני?

— ווייל דער רבונו-של-עולם איז זיך אויף אים מרחם, דערפאַר ווייל ווען אַ גוי איז זיך מגייר, שטייט ער אויס אַ גרויסן נסיון.

אַרויסבאַקומען פון טאַטן אַ הכשר, אַז ווען אַ גוי איז זיך מגייר, איז ער גלייך ווי אַ איד און שטייט אויף צו תחית-המתים, כאָטש זיין נשמה איז נישט געשטאַנען אויפן באַרג סיני — האָט ער אָפּגעטאָן דעם זומער אַ שטיקל, וואָס האָט געקאָנט, חלילה, דאָס גאַנצע שטעטל אומברענגען. אַ גליק האָט געטראָפן, וואָס די גויים האָבן נישט פאַר-שטאַנען, וואָס דער קליינער יחיאל האָט זיי געזאָגט און זיך נישט צוגעהערט צו זיין פריידיגט. איז מען נאָר אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק און דער יונג האָט נאָר דערפאַר בלויז באַצאָלט מיט איין פאה...

די מעשה איז אַזוי געווען:

אַלע יאָר, אין גרינעם דאָנערשטאָג, זענען „זיי" נאָר געגאַנגען אַרום דעם מאַרק, אין גויאישקן געסל. אָפּגעשטעלט זיך ביים בור-מיסטוש, ביים גויאישקן קיילער און ביים בעקער, ביי די אַלע, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט „בודקעס" מיט גרינס און מיט פאָרהאַנגען באַ-האַנגען. דער בורמיסטוש, דער קיילער און דער בעקער האָבן גע-וואוינט אין דעם טייל מאַרק ביים ראָטהויז אין גויאישקן געסל. האָבן זיך אידן געהאַט אָפּגעשלאָסן אין זייערע שטיבלעך אין די אידישע געסלעך איבער דעם טאָג און שוין. אמת, די אידן, וואָס האָבן גע-וואוינט אין מאַרק, האָבן געהאַט דעם טאָג האַרצקלאַפּעניש, אָבער די אידן פון די אידישע געסלעך זענען ניצול-געוואָרן. דאָס יאָר פאַלט איין דעם גויאישקן סטעלמאַך, וואָס וואוינט ביי רבקהן געגנאיבער אין איר געסל — צו איר אומגליק האָט זיך דער סטעלמאַך פאַרקוקט אויפן בעקער און קיילער — און דאָס יאָר אויך פאַר דעם פלויט פון גערטנדל אויפגעשטעלט אַ „בודקע" מיט גרינס און פאָרהאַנגען.

יחיאל, וועלכער איז טשעקאַווע צו וויסן פון אַלעם וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, האָט שטאַרק חשק געהאַט אַריבערצוקוקן צום סטעלמאַכס געגנאיבער, כדי צו זען, וואָס דאָרטן טוט זיך. ער ווייסט אָבער, אַז אַ איד טאָר נישט אַהינקוקן. אין האַרץ איז ער אפילו מקנא די גויים, וואָס זיי פראַווען אַזעלכע פאַראַדן מיט זייער גאָט. ער האָט אָבער שוין געקענט אַלע קשיות, וואָס שטייען אויף אין אַ אידיש האַרץ, פאַרענטפערן מיט דעם איינעם תירוץ: „אידן זענען אין גלות". דע-

ריבער האָט דער סטעלמאַך אַ גערטנדל מיט פּירות און זיי נישט, דעריבער האָבן די גויים די ממשלה איבער אידן, כאָטש זיי דינען נישט צום ריכטיקן גאָט. ער האָט זיך נישט מער געוואונדערט און עס איז אים רעכט געווען, וואָס די גויים פּראַווען זייערע ימים־טובים מיט אַזאַ פּאַראַד און אידן נישט . . . דערפאַר אָבער, ווען משיח וועט קומען — ווען מיר דענסטמאָל זען ! . . .

פון פרימאָרגנס אָן, זינט מ׳האָט זיך גענומען דאָרט ביים סטעל־מאַך אויסצופוצן די גרינע „בודקע" מיט אַ פאַרהאַנג און גרינס, מיט בלומען און דיוואַנען, זינט עס האָבן זיך באַוויזן אין געסל די שיקסע־כלות אין די ווייסע קליידער מיט די וואַלן, און די גויאישקע יונגען מיט די ווייסע בענדער איבער די קלאַפּעס און אָרעמס, איז רבקה אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק, אַ טויטע. דער קירכן־גלאָק הערט נישט אויף צו קלינגען, ווי צו אַ שרפה, חלילה, און דאָס גלעקער־געקלאַנג יאָגט אָן אַ שרעק און אומרו אין רבקהס געמיט. דער קאָליר ענדערט זיך אויף איר לעדער־טרוקענעם איינגעפאַלענעם פּנים. אַמאָל ווערט עס ווייס, אַמאָל — געל. זי האַלט זיך אין איין ברעכן די הענט.

— ווי איז מיר ! אויף מיין אומגליק האָט זיך דעם סטעלמאַך אויך פאַרגלוסט אַ גרינע „בודקע".

זי האָט צונויפגעזאַמלט אירע „שוואַלבן", זיי אַריינגעשטעקט שמאַטקעס אין די אויערן, אַז זיי זאָלן נישט הערן דאָס קלינגען פון קאָשטשאָל מיט דעם זינגען, כדי זיי זאָלן צוליב דעם נישט באַקומען קיין פאַרשטאָפּטע קעפּלעך, פאַרמאַכט זיך מיט זיי אין דער שטוב, די טירן פון געוועלב פאַרהאַקט אויף דעם קייטל און געהאַלטן אין איין קרעכצן :

— הלוואי עס זאָל נאָר גוט אָפּלויפן, טאַטע אין הימל !

דער קליינער יחיאל, וואָס איז אין דעם טאָג נישט געגאַנגען אין חדר אַריין, ווייל אַ אידיש קינד האָט צוליב דער חגאַ דעם טאָג מורא געהאַט אַריבערצוגיין דאָס געסל, נישט איינשטעלן זיך דאָס לעבן (ברוך־משה און דער בכור זענען שוין פאַרטאָג אַוועק אין שטיבל אַריין און זענען טאַקע שוין דאָרט געבליבן, ביז דאָס „גייעכץ" וועט זיך ענדיקן), איז געשטאַנען ביי דער געוועלב־טיר און דורך דעם שפּאַלט אַרויסגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן. נישט איינמאָל האָט אים די מאַמע דערמאַנט, אַז ער וועט, חלילה, בלינד ווערן, ווען ער וועט זען דעם „יויזל", און קריגן אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, וואָס ער האָט אים שוין געהאַט. יחיאל האָט טאַקע געוואוסט, אַז עס איז אַ גרויסע עבירה צו זען דעם צלם. אָבער נישט אין דעם „יויזל" איז

אים געגאנגען. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסרעדן צו די גויים, וואָס האָבן געהאַלטן אינדרויסן אין איין גיין:

— געשווינדער זייט אייך מגייר, איידער משיח קומט, וועט איר אויפשטיין צו תחית-המתים!

— יחיאל! וואָס ווילסטו מיך אומגליקלעך מאַכן! וועסט נישט אַוועקגיין פון דער טיר? ! זיי וועלן דאָך אונז ממית זיין! — האָט אים די מאַמע אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט (מיט דער צווייטער האָט זי דאָס קלענערע געשטילט) און אים אַוועקגעשלעפּט פון דער טיר.

נאָר יחיאל איז ווי אַ ווינט. אָט נאָר וואָס האָט אים די מאַמע אַוועקגעשאַרט, און אָט איז ער שוין ווידער ביי דער טיר, קוקט אַרויס דורך דעם שפּאַלט. ער זעט, ווי מענגעס מענטשן קומען אָן, מען שטופּט זיך און מען שטויסט זיך, גויים און גויעס. ער האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז עס זענען דאָ אַזויפיל גויים אויף דער וועלט. שיקסעס אין כלה-קליידער שלעפּן עפּעס ביי בענדער, און ליכטער צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. דעם „צלם" זעט ער נישט, ער וויל נישט זען, אָבער מענטשן מעג מען דאָך זען. און ווידער ווייסע שיקסעס מיט בלומען און ליכט און פויערשע שטיוול. אַזוי פיל פויערשע שטיוול! אַז אַזש די וועלט ווערט ענג, ווי אַ שטוב, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעקליבן צופיל מענטשן . . . און אַ געזאַנג מיט אַ קוויטשנדיק געשריי צוזאַמען אויסגעמישט. שאַ! איצט האָט עפּעס געמוזט געשען. וואָרים אַלע שטופּן זיך דאָרט אינמיטן אַריין. און ווייסע בענדער ציען זיך פון דאָרטן צו די שיקסעס אין ווייסן, — ווייסע בענדער און בלומען.

— זייט אייך מגייר געשווינדער, איידער משיח קומט, וועט איר זיין גלייך מיט אידן. משיח קומט באַלד, געשווינדער, זייט אייך מגייר!

— יחיאל! ווילסט אונז אויסשעכטן? די שטאָט חרוב-מאַכן? גיי אַוועק פון דער טיר! זיי וועלן דאָך דיך דערהערן!

— זיי הערן דאָך מיך נישט. איך רעד דאָך אינדערשטיל, — באַרואיקט יחיאל די פאַרטועטע און דערשראָקענע מאַמע.

מיטאַמאָל ווערט אַלץ שטיל פונדרויסן. עס הערט זיך נאָר אַ פויקן אין אַ פּויק. יעדער פּויק שלאָגט אָפּ, ווי אַ שלעכט-אָנזאָגנדיק עכאָ. אַ ציטער נעמט אַרום רבקהן, אַזוי אויך די קליינע, וואָס האָבן זיך נעבן איר ביי דער קיך אין דער טונקעלער געוועלב-שטוב איינגעקאָרטשעט. נאָר יחיאלס קליינע אויגן ליגן אין שפּאַלט. וואָרים ער האָט עפּעס פּלוצלינג דערזען, וואָס האָט אים דערציטערט און אויפגעטרייסלט. ניין, ער האָט נישט געוואָלט זען דעם „צלם" און ער האָט אים נישט געזען אויך, נאָר אויך עפּעס שוואַרצס האָט ער

דערזען, אַ מענטשן־לייב, מענטשן־פלייש, איינגעפּענטעט אין שנורן, פון לייב רינט בלוט, און איבער דעם נאַקעטן מענטשן־לייב און איבער דעם בלוט האָט ער דערזען „לשון־קודשדיקע אותיות"...

דאָס מענטשן־לייב געפּענטעט אין שטריק און דאָס בלוט האָט אים אַזוי דערשראָקן, אָבער נאָכמער האָבן אים געשראָקן די לשון־קודשדיקע אותיות.

— אוי ווײ, אותיות! הייליקע אותיות! — קאָן זיך יחיאל נישט באַרואיקן. און איידער ער האָט נאָך צייט דעם אָטעם צו כאַפּן איבער דעם געזעענעם, גיבן זיך די טירן פון געוועלבל אַ פּראַל־אויף און יחיאל, מיט די צעפּלאָשעטע פּאות און פליענדיקע ציצית, גיט אַ פּאַל אַרוים גלייך אַרויף אויף דער מענגע פויערן.

פונדרויסן האָט זיך דערהערט אַ שטילע טיפע באַוועגונג, אַ ברומען, ווי עס דערהערט זיך, ווען אַ שטיין פאַלט אַריין אין אַ טיפן ברונעם, און נישט ווילנדיק האַלט מען איין דעם אָטעם און מען וואַרט אָפּ צו פאַרנעמען דעם קלאַפּ פון שטיין אויפן אָפּגרונט. אַזוי האָט רבקה דערינען אָפּגעוואַרט צו הערן עפּעס. פאַר שרעק און אַנגסט האָט זי אַפילו פאַרגעסן צו שרייען. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײלע, ביז זי האָט עפּעס דערהערט. מענטשן האָבן גערעדט, אַ גויע האָט עפּעס געשריגן, אויף אַ מינוט איז געווען אַ סומאַטאָכע, דערנאָך איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן.

ערשט איצט האָט רבקה פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. ערשט איצט האָט זי געקאָנט שרייען: „מיר זענען פאַרלוירן!" מיט אַ ווילדן קוויטש איז זי צו צו דער אָפענער טיר:

— יחיאל!!...

מיט דער געשווינדקייט פון אַ בליץ האָט זי דערזען, ווי יחיאל, אַ באָרוועסער, מיט די ציצית טראָגט זיך איבער די קעפּ פון אַ פּויערן־מאַסע מיט ווייסע שיקסעס. באַלד האָט זי ווער געגעבן אַ שטופּ אַריין צוריק אין געוועלבל, פאַרהאַקט פונדרויסן די געוועלב־טירן איבער איר.

— די וואָס האָבן געפּייניקט קריסטוסן! — האָט רבקה געהערט.

נו, איצט איז שוין אַלץ אוים. דער יונג איז פאַרלוירן, ווײ איז צו איר!

רבקה איז אָבער באַלד ווידער צוריק צו צו דער טיר. הינטער איר האָבן די קלענערע קינדער געעפּנט אַ געוויין. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. יחיאל איז שוין פאַרפאַלן. איצט האָט זי געוואַרט, אַז אויך זי מיט די איבעריקע קליינע קינדער זאָלן ווערן פאַרפאַלן. פון צעמישונג איז זי געבליבן שטיין אין מיטן געוועלב מיט

פאַרלייגטע הענט. די פיס זענען איר שווער געוואָרן. זי פילט, אַז זי פאַלט יעדן אויגנבליק. נאָר זי טאָר נישט פאַלן. זי האָט געהאַלטן אין איין טרייסלען מיט די ציין:

— איצט זענען מיר פאַרלוירן! איצט זענען מיר פאַרלוירן!

פּלוצלונג האָט זי זיך געגעבן אַ ריס, אַ פּראַל אויף די טירן און געוואָרפן זיך אינדרויסן צו דער פאַרגליווערט-געוואָרענער מאַסע:

— גוטע מענטשן! האָט רחמנות! דאָס אינגל איז נישט שול־דיק!..

באַלד האָט אַ באַקאַנט ווייבל אַ גוטע בשורה אָנגעזאָגט אין אירע אויערן. יחיאל, אַ קוויטשנדיקער, אַ בלייכער, ווי אַ טויטער, מיט אַ צעריסענעם ציצה-כנפות, איז געפלויגן איבער די קעפּ, פון דער מענגע צוריק אין געוועלבל אריין. עמיץ האָט איר געגעבן אַ שטאַרקן זעץ אין האַרץ אַריין און איר אַריינגעוואָרפן יחיאלן אין די אָרעמס. נישט ווייסנדיק צי טויט, צי לעבעדיק, האָט מען זי געגעבן אַ שטופּ אַריין צוריק אין געוועלבל און פאַרקלאַפּט אויף איר די געוועלב-טירן. זי האָט דערהערט פונדרויסן אַ בייזערדיק ברומען, וואָס האָט ווי אַ רווישנדיקער טייך געקלאַפּט אויף די טירן פון גע־וועלב: אומגלויביקע! קריסטוס-מערדער!...

אָרום איר האָט אַ פייער געפלאַמט און זי האָט זיך פון שרעק געהאַלטן אין איין ראַטעווען. נאָר די פלאַמען זענען נאָך... דאָס אינגל אונטערן בעט... פאַרשטעלט מיט שמאַטעס...

זי האָט נישט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד מען האָט אים איר צוריקגעגעבן. האָט נישט געקלערט דעריבער, וואָרים אַ נענטערע שרעק האָט אירע אַלע חושים צוגענומען. זי האָט געמיינט, אַז יעדע מינוט פּראַלן זיך די טירן אויף און דער ים, וואָס קלאַפּט אָן מיט זיינע כוואַליעס אויף איר טיר, וועט זיך געבן אַ גאָס אַריין אין איר שטיבל און אַלץ פאַרטראָגן...

עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט. אינדרויסן האָט אָנגע־צויגן די פּראָצעסיע אין אַן אַנדערער גאַס. קיינער איז נישט געקומען טויטן זי און אירע קינדער. האָט זי זיך געוואָגט נאָכצוקוקן, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דעם יונג. גאָט צו דאַנקען! אָפּגעקומען מיט שרעק. פאַר אַ קאַליקע האָבן זיי אים נישט געמאַכט. עס האָט אים וועך אינדרויסן אַ פּאה האַלב-אויסגעריסן, האַלב-אָפּגעשניטן מיט אַ מעסער... אַ שיקסע האָט אים מיט אַ בייטש קרעלן איבערן פּנים אַ שמיץ געגעבן, פון וועלכן ער האָט אַ צייט לאַנג צייכנס געהאַט.

די פּני פון דער שטאָט האָבן דעם גלח איבערגעבעטן. דער רב האָט אויפן נעכסטן שבת געהייסן גומל-בענטשן. יחיאל האָט אַחוץ

דער פּאה, וואָס ער האָט פאַרלוירן, פון טאַטן, פון מלמד און פון אַלע, וואָס האָבן געהאַט גאָט אין האַרץ, שלעג און קלעפּ באַקומען.

נאָר נאָכמער פון די קלעפּ און די קנייפּן, נאָכמער פון דעם ווייטיק, איז געווען די שאַנדע פון דער פאַרלוירענער פּאה . . . דער טאַטע, ברוך-משה, האָט זיך געשעמט מיט אים צו באַווייזן אין שטיבל.

און אַז די מאַמע האָט אים דעם נעכסטן פרייטאָג ביים שבת-טיש געזען אָן דער פּאה, האָט עס איר אַ שטאָך געגעבן אין האַרץ . . . זי האָט לייטזעליק, מיט רחמנות, די האַנט אויף אים אַרויפגעלייגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געברומט צו זיך:

— אוי, וואָס וועט פון דיר ווערן ? ! . . .

קאָשטשאָל — קלויסטער. געוועלבל — קליינע קראָם. אויפגעקאָפּעט — אויפגעגראָבן. דבר אחר (דאָווער אַכער) — חזיר. דזשעגעכץ — Tar. ציץ — Calico. חיונה — פּרנסה. סטעלמאַך — וואָגן-מאַכער. זשידעק — קליין אידל (פאַראַכטונגס טערמין). אַפּקומעניש — ליידן, שטראָף. תחית-המתים (טכיאַס האַמייסים) — דאָס לעבעדיק ווערן פון די טויטע, ווען משיח וועט קומען. קלאָץ-קשיא — שווערע אָדער נאַרישע פראַגע. מגייר (מעגייער) זיין זיך — ווערן אַ איד. בחירה — ברירה (Choice). במזיד (בעמייזיד) — אוממיסטן, מיט אַ בייזער כוונה. וואָר — אמת. נסיון — פּרוואוואונג (Temptation). פּריידיגט — דרשה (Sermon). קיילער — Butcher. בורמיסטזש — Mayor. ניצול — געראַטעוועט. טשיקאַווע — נייגעריק. ממשלה (מעמשאָלע) — הער-שאַפט. קלאַפּ — Lapel. חגא (כאָגע) — ניטאַ-ידישער יום טוב. „יויזל" — בילד פון יעזוס. חרוב — וויסט. קרעלן — Coral beads. פּני (פּנויי) — חשובסטע מענטשן. גומל (גוימל) בענטשן — אַ ברכה וואָס מען מאַכט, ווען מ'ווערט געראַטעוועט פון אַ געפאַר. שטיבל — חסידים-שטיבל. לייטזעליק — מיט ליבשאַפט.

מיין מאַמע, זכרונה לברכה...

ח. נ. ביאַליק.

(פון וולעדניקער רבינס מעשות)

מיין מאַמע, זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת,
א וויסטע אלמנה געזעסן.
איין פרייטאָג פאַרנאַכט—ס'גליט די שקיעה אין שפּיצן פון בוימער—
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.

זי זוכט—און מיט נסים פון הימל—געפונען צוויי פּרוטות —
„ברויט אָדער ליכט?" — מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפט, קומט צוריק — אין איר מאַגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט צום בענטשן געטראָגן.

דער הימל פאַרמאַגט זיבן שטערן, דער שבת דער מאַמעס
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראַמען;
וועט גאָט דען פאַרשטערן זיין שבת? — און וואָס קען זי העלפן?
געלויבט פאַר די צוויי איז זיין נאָמען!

וועט בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיקן טישטעך, אָן חלה —
פאַרפּוצט זיך אין הויב אין דער ברייטער;
געביטן איר קלייד און זיך מכין געוועזן פאַר גאָט.
פאַרן הייליקן שבת אַ גרייטע.

געצונדן די ליכט—האָט זי מער ניט געקענט זיך באַהערשן,
ווייל ס'האַרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרוים מיט געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפאַלן —
איין ליכט איז געוואָרן פאַרלאָשן.

פאַרשעמט, איז דער שבת, אויף איין אויג אַ בלינדער, געשטאַנען —
די פרוי איז פאַרציטערט געבליבן:
„פאַרשעמט אָן אלמנהס אַ גאָב? אויב דיין דינסט האָט געזינדיגט,
צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן?

וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן?"—מיט אויגן פאַרמאַכטע,
פאַרדעקט מיט די הענט און פאַרביטערט,
אין פאַרקלעמטן געוויין, און אין פלאַמיקער תפלה,
האָבן פלייצעס און הויב אומגעציטערט.

אין הארץ האָבן תהומען געברויזט, די אמהות און כרובים
זיי האָבן פון האלז זיך געריסן —
ס'האָט די שכינה נאָך קיינמאָל געהערט און געזען,
ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.

און דאָן איז נאָך איינע אַ טרער פון צדקת געפאלן,
אַ זודיקער פלאַם פון די גרונטן —
און טאָפּלט איז ליכטיק געוואָרן: ס'פאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן.

און ווען ס'האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, האָט ליכט פון בראשית
פון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען —
ווייל ס'האָט זיי די שכינה געקושט.—דער זכות פון צדקת זאָל
ביישטיין אונז און אַלע אידן. אָמן.

זכרונה לברכה (זיכרוינאָ ליוורּאָכע) — זאָל איר אָנדענק זיין געבענטשט. צדקת (צאַדייקעס) — זייער אַ פרומע. שקיעה — זון-פאַרגייַן. פרוטות — מטבעות — (Coins). הויב — קאַפּ-צודעק, (Cap). וואָס פרומע פרויען פלעגן טראָגן. מכין זיין זיך (מייכן) — זיך צוגרייטן. גאָב — מתנה. באַ-טריבן — טרויעריק מאַכן. אמהות (אימאָעס) — די מוטערס פון אידישן פאָלק. כרובים — מלאכים. שכינה — גאָטס הייליקייט; נאָמען פאַר גאָט. ליכט פון בראשית — דאָס ליכט פון וועלט-באַשאַף; גאָר שטאַרק ליכט.

שבת אין וועג

ש. אַש.

א

דו זעסט, אַפּילו אַ בלאָז פון אַ ווינטל גייט דאָ ניט פאַרלאָרן. ניט אויף קיין שטיינערנע טראָטוארן פאַלן דאָ די זונענשטראַלן, ניט אויף שטיינערנע מויערן בלאָזט דאָ דער ווינט פון פרילינג. וואַרף נאָר דיין בליק אַרום; יעדער פון די פרילינג-ווינטלעך עפנט אַ נייע טיר אין דער ערד, יעדער שטראַל פון זון רופט אַרויס צום לעבן נייע גראָז-קעפּלעך פון דער ערד, און דער ווינט באַנייט זיי, די טוי-טראָפּן טרינקען זיי אָן, און גאַנץ וועלט שפּראָצט אַרויס... די געשמאַקע ריחות טראָגן זיך אום אין דער לופטן און באַהויכן מיט זייער אָטעם אַלץ, וואָס זיי באַגעגענען אויפן וועג...

איינזאַם בין איך אין וועג, ווייט פון שטאָט, פון אַ דאָרף. אַרום ציען זיך גרינע זאַפּטיקע בייטן. דער פּסח איז נאָך ניט לאַנג אַריבער, די געוויקסן האַלטן נאָך ביים פאַנאַנדערשפּראָצן, דיינע אויגן ווערן נאָך ניט פאַרבלענדט פון קיין צייטיקער פּרוכט, — ניין, אַלץ האַלט נאָך דערווייל אין איין שפּראָצן...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קליינע גרינע קעפּלעך עפענען זייערע קליינע מיילעכלעך, קליינע בלומען קוקן אַרויס, ווי קינדערשע אויגעלעך, מיט התפּעלות, פרייען זיך און לאַכן...

און אַלץ וואַקסט אויף די אויגן, וואַקסט און בליט פאַנאַנדער... און אויבן, איבער דעם אַלעמען, שפּרייט זיך אַ ברייטער און פרייעלעכער הימל, און אַרום איז קיינער נישטאָ, אויסער דיר איינעם. איינזאַם ביסטו, דיין פּעקל אויף די פּלייצעס, דער שטאָק אין דער האַנט, און דו גייסט ווייט, ווייט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז קיין וועלט איז גאָר ניטאָ, ניטאָ קיין שטאָט, ניט פאַר דיר, ניט הינטער דיר. איינער ביסטו אויף דער וועלט און דו ביסט דער הערשער איבער אַלץ, וואָס אַרום דיר...

ב

הינטערן וואַלד שטייט אַ קליין הייזל, די ווענט פון ברעטער; איבערן צעפוילטן שינדל-דאַך הויבט זיך אַ שוואַרצער, אַן אויסגעקרימטער קוימען. דאָס קליינע הייזל שטייט פאַר זיך, איינס און אַליין, אַזוי ווי עס וואָלט קיין שייכות ניט געהאַט צו דער גאַנצער

איבעריקער וועלט. עס שטייט און עס זעט, אַלע טאָג קומען האַלצ־העקער מיט העק אין די הענט, האַקן בוימער, און דאָס קליינע הייזל האַלט אין זיך טיף פאַרבאָרגן דעם טרויעריקן סוד... פון איין זייט ציט זיך דער וואַלד, הויכע צווייגהאַפטיקע בוימער שטייען, ווי אַ סך מנינים אידן; אין דער הויך און אין דער ווייט ציען זיך צווייגן, איינע נאָך די אַנדערע, און פאַרשווינדן טיף אין וואַלד אריין... דאָרט אין טיפן וואַלד איז געווים פאַראַן עפּעס אַזוינס... פון מיטן וואַלד קומט געשווינד צו לויפן אַ קוועלכעל און לויפט ווייטער, און איילט זיך, אַזוי ווי אימיצער אין טיפן וואַלד וואָלט אים שלעכטס געטאָן, און ער לויפט צו קלאָגן זיך פאַר דער מוטער־טייך, אריינצופאַלן אין אירע מוטערלעכע אָרעמס... ווייט לינקס, הינטער די פעלדער, זעט זיך נאָך עפּעס וואָס, אָבער וואָס דאָס איז — ווייס איין גאָט...

אויפן בענקל, וואָס פאַרן הייזל, פונקט קעגן וואַלד, זיצט ר׳ בנימין. פון אונטער זיין זשילעט זעען זיך אַרויס לאַנגע ציצית. ער רויכערט אַ ליולקע און קוקט אין דער וועלט אַריין. ער דערזעט מיך נאָך פון דער ווייטן און ווינקט צו מיר מיטן פינגער. „זייט מוחל, ר׳ פעטער" — פאַרטייטש איך מיר זיין וואונק, אָבער הערן הער איך גאָר נישט — דער שטח איז נאָך צו ווייט.

בנימין דער וואַלד־וועכטער וואוינט שוין דאָ פון לאַנג. דאָס הייזל האָט ער גע׳ירשענט נאָך פון זיין עלטער־עלטער זיידן. עפּעס אַ מין „הכנסת אורחים" האָט גאָט באַשאַפן דאָס הייזל אין מיטן וועג, אַ איד זאָל האָבן וואו אריינצוגיין. אַ פולע שיסל מיט זויער־מילך, אַ שטיק שוואַרץ ברויט — דאָס באַקומט יעדער אומזיסט, קיין געלט וויל בנימין פאַר אַזעלכע זאַכן ניט נעמען. „אַז איך פיר עס אַרויס אין מאַרק, איז עס סחורה, — זאָגט בנימין — אָבער כל־זמן עס איז נאָך אין דער היים, איז דאָס אַ שטוב־זאַך, און פאַר שטוב־זאַכן נעמט מען קיין געלט ניט".

ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיר אַנטקעגן. ער שאָקלט מיר פון ווייטן מיטן קאָפּ — ער מיינט, איך זאָל אָפּוואַרטן.

— פון וואַנען גייט אַ איד?

— אַוודאי, פון סטשעלעץ קיין גאַסטינין, אַנצוציען אויף שבת.

— פּרוּווט ער טרעפן.

— האָסט שוין פאַרשפּעטיקט, — זאָגט ער און מאַכט מיט דער האַנט — די זון גייט שוין אונטער, — און ווייזט מיט דער האַנט אויפן רויטן הימל, וואָס הינטערן וואַלד.

ניט קלערנדיק קיין סך, פאַרקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צו זיין הייזל.

— דער לוח שרייבט, — זאָגט ער מיר דערוויַיל — אַז זיבן אַזייגער בענטשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאַטעס האָבן געציילט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגן אַלע טאָג צוגעבן הינטער דער הרובע, און דאָס וועטער פלעגן זיי פאַרזאָגן נאָך דעם אויסזען פון הימל. אָבער בנימין ווייס דאָס אַלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזל. אויפן שוועל שטייט אַ הויכע אידענע, אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ וויַיסע פאַטשיילע און קוקט אויף איר מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט אים עפּעס וועלן פרעגן. הינטער איר פאַרטוך באַהאַלטן זיך צוויי קליינע מיידעלעך, קוקן אַרויס מיט זייערע אָפּגעבריענטע פּנימלעך, זייערע האָר, האַלב רויטלעך, האַלב געלבלעך, זיינען צעשויבערט. זיי קוקן אויף מיר מיט אַ קינדערשן שמייכל.

— טויבע, מיר האָבן אַן אורח אויף שבת.

איך גיב אַ שאָקל צו דער אידענע מיטן קאָפּ. מיין שאָקל דאַרף באַדייטן: „גוט מאָרגן", „גוטן אָוונט". די אידענע שטייט, ווייס ניט וואָס צו טאָן. אָבער פּלוצלונג גיט זי זיך אַ קער און גייט אַריין אין הייזל.

— אַמאָל, אַז מען האָט געהאַט דעם אַלטן וואַלד, האָבן דאָ געוואוינט שאָפאַרעס, און עס איז געווען אַ קאָנטאָר, איז דאָ געוועזן אַ מנין, און אַ ספר־תורה איז געוועזן, — דערציילט מיר ר' בנימין.

מען פירט מיך אַריין אין שטוב. דאָס ערשטע, וואָס מיין בליק קען אונטערשיידן איז — מילך קריג, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אויף צוויי מילכיקע בענק. אין שטיבל איז קאַלטלעך. אויף די פענצטער שטייען פולע טעפּ מיט זויער־מילך, און אַ פעטער גערוך טראָגט זיך איבערן גאַנצן הייזל.

באַלד קומט אַריין אַ הויך מיידל מיט צוויי שוואַרצע צעפּ אויפן קאָפּ. פון אונטער דעם רויטן קליידל זעען זיך די באָרוועסע פיס. אויף דעם רויט־געוואָרענעם געזיכט אירן שוועבט אַ שעמעוודיקער שמייכל. זי טראָגט אַריין אַ פולן קאָרב אייער. ווי זי דערזעט מיך, גייט זי שנעל אַריין אין צווייטן קאַמער.

דאָס מיידל שעמט זיך. יעדעס מאָל, ווען זי גייט נאָר דורך דאָס שטיבל, הויבן זיך אָן אירע באַקן צו רויטלען, און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. איך האָב איר ניט געוואָלט שטערן, בין איך אַוועק זיך ארומוואַשן לכבוד שבת.

ג

דאָס הויז איז אויפגעראַמט און ריין. עס ברענען צוויי ליכט אין צוויי באַגילדעטע, אויסגערייניקטע לייכטער. דער טיש איז צו־געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אַרום איז שטיל. די חלות זיינען צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טישטעכל. דער רויטער ווייַן בליש־טשעט אין קלאָרן פלעשל, און די כוסות שטייען אַרום. אויף אַלץ רוט דער גייסט פון שבת. דער טאַטע, אַן אויסגעוואַשענער און אַ ריינער, שטייט ביים טיש אויבן־אַן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און זאָגט אויפן קול „לכו נרננה" פון אַ סידור. די מאַמע, אויך אַן אָרומגעוואַשענע, מיט אַ ווייסן שבתדיקן שלייער אויפן קאָפּ, זיצט און קוקט אין אַ תחינה. די מיידעלעך, אין בלויע קליידעלעך מיט ווייסע פאַרטוכלעך, זיצן שטיל און הערן זיך איין אין טאַטנס דאַוונען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, מיט די צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, זיצט אויך ביים טיש. זי שעמט זיך שוין נים. דאָס געזיכט רויטלט זיך. זי איז פאַרטראַכט. די אויגן בלישטשען, און צוויי ברע־מען ווי בויגנס וואַכן און היטן די אויגן, וואָס קוקן זיך צו אַלץ צו און שווייגן. פייגעלע זיצט און טראַכט עפּעס...

עס איז אַזוי שטיל, שבתדיק. דעם טאַטנס קול נאָר צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן הייזל. אַלע זיצן און האָרכן.

איך שטיי לעבן פענצטער. דאָס פענצטער איז אָפן. דער אַלטער וואַלד שלאָפט שוין לאַנג, איינגעהילט אויף העלפט אין נעבל. פון עק הימל זעט זיך נאָך אַ רויטער בליאַסק. די זון גייט אונטער, זי פאַרשווינדט דאָרט ערגעץ טיף אין וואַלד, און דער אַלטער וואַלד שטייט און הערט זיך איין אין ר' בנימינס קול, וואָס איז מקבל שבת, הערט, טראַכט עפּעס און שווייגט...

און ר' בנימין דאַוונט אַלץ העכער און העכער. ניט מיט לע־בעדיקער שמחה איז ר' בנימין מקבל שבת — עס איז ספירה־צייט, דער איד איז איצט פאַרטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרוי־עריקער. מיט אַ פאַרטרויערטער שטילער שמחה נעמט ר' בנימין אויף דעם שבת.

אַלץ אַרום איז גרייט און וואַרט נאָר אויפן שבת, און אָט באַלד, באַלד וועט ער קומען פון טיפן וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צעשפּרייטן...

אַלץ אַרום שטייט און וואַרט און האָרכט ר' בנימינען. דער אַל־טער וואַלד וויל אויך מקבל שבת זיין. ער בענקט נאָכן שבת און וויל לויבן דעם אַלמעכטיקן, אָבער די ביימער זיינען שטומע, און ר'

בנימין איז דאָס זייער שליח-ציבור: ער זאָגט פאָר זיי, און זיי האָרכן... און אָט קומט צוגיין דער שבת און צעשפּרייט זיך איבער דעם גאַנצן געגנט.

אַלץ שווייגט און איז פול רו. דורכן פענצטער קומט אַריין דער שבת. די ליכט ברענען, די חלות זיינען צוגעדעקט. אַרום טיש מיטן ווייסן טישטעך זיצן אַלע אין שבתדיקע קליידער, און דער טאַטע גייט אַרוים אַנטקעגן און זינגט:

שלום עליכם, עליכם שלום!

ד

די נאַכט פון שבת. די ליכט גייען אויס, דער לאָמפּ ברענט נאָך העל. די מיידלעך זיצן אַרום טיש, האַלב זיצנדיק און האַלב אַנגעלענטערהייט, די קעפּלעך אויף די הענטלעך, און זיי שלאָפן. די מאַמע זיצט ביי אַ ווינקל פון טיש, קוקט אויף די גוססדיקע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבנאָן, אַנגעלענט אויפן שטול, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ער קייט געקאַכטע באָב און האָרכט אויך. די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה-ביכל פאַרן לאָמפּ.

שטיל און רואיק לייענט דאָס מיידל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אַ גרויסן צדיק, וואָס האָט זייער אָפּגעהיט דעם שבת, און אַלע פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגט ער שוין ניט אַרויסגיין פון שטוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט. עס איז געווען אַ ווינטער טאָג, דאַנערשטיק. דער צדיק איז אַוועק אין אַ דערבייאיקן דאָרף אויף אַ ברית, מל צו זיין אַ קינד. אַז ער איז געגאַנגען צוריק, איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי און האָט פאַרטראָגן דעם וועג. דער צדיק האָט פאַרבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיקן אין וואַלד. אויף מאָרגן, פרייטיק, איז דער צדיק אין גרוים צער און איז מתפּלל צו גאָט, ער זאָל אים ניט דערלאָזן מחלל שבת צו זיין. פּלוצלונג הערט ער פון ערגעץ אַ זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָפּ אונטער אַ בוים — ער וויל ווייטער ניט גיין, עס איז שוין שבת. ער גיט אַ קוק — ערשט ער שטייט פאַר אַ גרויסן פּאַלאַץ. דער צדיק גייט אַריין אין פּאַלאַץ, זעט ער אינווייניק שטייט אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך, און ביים טיש זיצט אַ גרייז-גרויער מאַן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, אין האַנט האַלט ער אַ זילבערנע טאַבאַק-פּושקע און לערנט. ער גייט אונטער: „שלום עליכם!" — „עליכם שלום! אַ איד האָט פאַרבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונז האַלטן שבת"...

איך שטיי ביים פענצטער. שטיל. דער וואַלד שלאָפט. די בוי־מער שטייען שטיל און האָרכן אויך די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיף אין וואַלד רוישט עפּעס... די שטערן ווינקען עפּעס פון הימל מיט אַזוי פיל חן; אַלץ רוט, אַלץ איז שבתדיק.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלעס מעשה, וואָס האָט אויף שבת פאַרבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון...

א) **התפעלות** (היספּייִלעס) — באַגייסטערונג.
ב) **שייכות** — אָנגעהעריקייט, באַציאונג. **מנינים** — צענדליקער, גרופּן. **מנין** — צען אידן, וואָס דאַווענען צוזאַמען. **שטח** (שעטאַך) — שטרעקע (Distance). **גערירשנט** (גערשעירשנט) — געקראָגן בירושה נאָכן פאָטערס טויט. **הכנסת־אורחים** (האַכנאָסאַס אָרכעם) — דאָס פריינטלעכע אויפנעמען געסט; הויז וואו מ'נעמט אויף פרעמדע אָרעמעלייט. **כל זמן** — אַזוי לאַנג ווי. **סטעזשקע** — שמאָלער וועג. **לוח** — קאַלענדאַר. **שייטלעך** — שטיקלעך. **הרובע** — וואַנט־אויוון. **שאַפאַר** — אָנגעשטעלטער אין אַ וואַלד. **קאַנטאָר** — Office.
ג) **לכו נרננה** (לעכו נעראַנענאַ) — „קומט לאָמיר זינגען" — אָנהויב פון די פרייטיק־צו־נאַכטס תפילות. **תחינה** (טכינע) — ספר פון ווייבערישע תפילות. **מקבל שבת זיין** (מעקאַבעל) — אויפנעמען דעם שבת מיט תפילות. **ספירה־צייט** (ספירע) — די צייט צווישן פסח און שבועות, טרויער טעג. **„לכה דודי"** (לעכאָ דוידי) — „קום, מיין פריינט", פרייטיק צו נאַכטס תפילה. **האָרכט** — הערט. **שליח צבור** (שליאַך ציבער) — דער פאָרשטייער פון דער געמיינדע, פון קהל; דער חזן. **שלום עליכם** — די ווערטער מיט וועלכע מ'נעמט אויף די מלאכים וואָס קומען צום אידן אין הויז אַריין פרייטיק צו נאַכטס.
ד) **מחלל שבת זיין** (מעכאַלעל) — פאַרשווועכן, וואָכעדיק מאַכן דעם שבת דורך טאָן אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבאָטן אום שבת. **גן עדן התחתון** (האַטאַכטן) — דער אונטערשטער גן עדן — געפינט זיך, לויט דער לעגענדע, ערגעץ וואו אויף דער ערד.

„גאָט פון אברהם“

ה. רויזנבלאַט.

אוי, באָבעניו, זאָג נאָך ניט „גאָט פון אַברהם“,
וואָס איז דאָס מיט דיר היינט דער אייל?
אין מערב זייט איז נאָך די זון ניט פאַרגאַנגען,
אוי, באָבעניו, וואַרט נאָך אַ ווייל!

צעשטער ניט דעם פרידן פון הייליקן שבת,
די שטילע, די הייליקע רו,
מען זעט נאָך ניט שיינען אין הימל קיין שטערן.
אוי, וואַרט כאָטש אַ רגעלע צו.

דער „גאָט פון אברהם“, ער שפּאַנט אונז צוריק איין
אין שווערן טאָגטעגלעכן יאָך, —
צו שלעפּן דעם גלות, דעם חדר, דעם רבין,
דעם עול און די דאגות פון וואָך... —

דאָך בלייבט ווי פאַרשטיינערט ביים פענצטער
די באָבע,
זי איז צו מיין בעטן ווי טויב.
„אוי, גאָט פון אברהם“, און ס׳קייקלט אַראָפּ זיך
אַ טרער אויף דער טונקעלער שויב....

„גאָט פון אברהם“ — אַ תפילה אין אידיש וואָס די פרויען זאָגן שבת אוונט פאַר ליכט אָנצינדן. עול — יאָך.

מתן תורה

קיין פויגל האָט ניט געצוויטשערט, קיין פליגל זיך ניט גערירט, קיין וועלע אין ים זיך ניט באַוועגט, מלאכים האָבן אין הימל די שירה איבערגעריסן, שרפים — דעם „קדוש" ניט פאַרענדיקט, די גאַנצע וועלט דעם אָטעם פאַרכאַפּט, — אין דער מינוט, ווען גאָטס שטימע האָט אַ דונער געטאָן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן: „אנכי ה' אלהיך".

* *
*

די צען געבאָט, אַרויסגייענדיק פון גאָטס מויל, האָבן זיך צעשפּרייט אויף גאָר דער וועלט, און מיט יעדן פון זיי האָט זי זיך אָנגעפּילט מיט אַ זיסן ריח פון בשמים, — יעדעס געבאָט מיט זיין באַזונדערן ריח. און פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן האָט געהילכט גאָטס שטימע, צעברעקלט זיך אויף זיבעציק טיילן און אויף אַלע זיבעציק לשונות זיך הערן געלאָזט.

פאַרציטערט זיינען געוואָרן אַלע אומות פון דער וועלט, און דערשטוינט זיינען שטיין געבליבן די מלכים אין זייערע פּאַלאַצן. און פון אַלע עקן איז מען געקומען צו בלעמען, דער נביא פון די אומות אין יענער צייט, און דערשראָקענע האָט מען אים געפרעגט: וואָס באַדייט עס, אפשר וויל גאָט ווידער אַ מבול ברענגען אויף דער וועלט?

ענטפערט ער זיי: גאָט האָט שוין איינמאָל געשוואוירן, אַז ער וועט די וועלט מער ניט פאַרפלייצן.

— אפשר פאַרפלייצן — נישט, אָבער אַן אומקומעניש דורך פייער — יאָ?

— ניין, די וועלט ווערט ניט חרוב, — שטאַרקער און מעכטיקער ווערט זי.

— „אַ גרויסע מאכט גיט גאָט צו זיין פאָלק".

האָבן זיי אַלע געענטפערט: „בענטש גאָט זיין פאָלק מיט פרידן".

* *
*

אַז משה איז אַרויף אויפן הימל, זיינען די מלאכים געקומען צום אויבערשטן און געזאָגט:

— וואָס טוט אַ ילוד־אשה דאָ צווישן אונז?
זאָגט ער זיי: די תורה נעמען.
פרעגן זיי:
— אַ טייערער שאַץ ליגט ביי דיר פאַרבאָרגן נאָך מיט תתקע״ד דורות פריער איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איצט ווילסטו עס אַוועקגעבן די מענטשן־קינדער, און ניט אונז, דיינע טרייע קנעכט?
— זאָגט גאָט צו משהן: גיב דו זיי אַ תשובה.
ענטפערט משה:
— איך האָב מורא, זיי וועלן מיך פאַרברענען מיטן הויך פון זייער מויל.
זאָגט גאָט: האַלט זיך אָן ביים כסא־הכבוד און גיב זיי אַן ענט־פער.
זאָגט משה:
— רבונו־של־עולם! וואָס שטייט דען אין דיין תורה? — „איך בין גאָט דיין גאָט, וואָס האָט דיך ארויסגענומען פון מצרים״, — זענט איר דען, מלאכים, אין מצרים געווען, פרעהן געדינט? דאָס צווייטע געבאָט: „זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער״, — וואוינט איר דען צווישן גויים געצנדינער? ווייטער: „שווער ניט פאַלש מיט גאָטס נאָמען״, — האַנדלט איר דען? „האַלט ערלעך פאָטער און מוטער״, — האָט איר דען עלטערן? ווייטער: „לא תרצח״, „לא תגנוב״, — איז דען קנאה־שנאה ביי אייך דאָ, האָט איר דען אַ יצר־הרע?
באַלד זיינען די מלאכים געוואָרן משהס גוטע פריינט און יעדער האָט אים געגעבן אַן אַנדער מתנה.

* *
*

אַז משה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונ׳ם הימל, איז דער שטן גע־קומען פאַר גאָט ברוך־הוא און געפרעגט: האַר פון דער וועלט, וואו איז דיין תורה?
— דער ערד האָב איך זי אָפּגעגעבן — האָט גאָט אים געענט־פערט.
איז דער שטן אַוועק צו דער ערד און געפרעגט ביי איר: וואו איז די תורה?
— „איין גאָט ווייסט קלאָר איר וועג״.
גייט ער צום ים פרעגן.

— ניטאָ ביי מיר, — ענטפערט אים דער ים.

לאָזט ער זיך צום אָפּגרונט אַראָפּ.

— „ניט ביי מיר איז זי", — ענטפערט דער אָפּגרונט.

קומט דער שטן צוריק פאַר גאָט און זאָגט: רבונו-של-עולם, איך האָב זי אויף דער גאַנצער ערד אויסגעזוכט און נישט געפונען.

— גיי צו עמרמס זון! — האָט אים גאָט געענטפערט.

גייט ער צו משהן און פרעגט אים: די תורה, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, וואו איז זי?

— מיר? — האָט משה געזאָגט — וואָס בין איך דען, אַז גאָט זאָל מיר געבן זיין תורה?

— משה, — זאָגט גאָט — דו פאַרלייקנסט גאָר?!

— רבונו-של-עולם, — ענטפערט משה — דיין טייערער אוצר, אין וועלכן דו שפּיגלסט זיך אַלע טאָג, זאָל איך אים פאַר מיינעם רעכענען?

— פאַר אַזאַ עניוות — זאָגט גאָט — קומט דיר, אַז די מתנה זאָל זיך אָנרופן אויף דיין נאָמען — „תורת משה" וועט זי הייסן ביים גאַנצן פאָלק.

(פון „די אידישע אגדות").

מתן תורה (מאַטאַן — דאָס געבן די תורה; די צייט ווען די אידן האָבן באַקומען די תורה אויפן באַרג סיני. שרפים (סראָפים) — ברענענדיקע מלאכים. „קדוש" — „הייליק" — תפילה וועגן דער הייליקייט פון גאָט. „אנכי ה' אלהיך" (אָנויכי אַדוינוי עלויהעכאָ) — „איך בין גאָט דיין גאָט" — דער ערשטער פון די צען געבאָט. בשמים (בעסאָמים) — שמעקעדיקע געווירצן (Spices). אומות — פעלקער. אויבערשטער — גאָט. ילוד אשה (יעלוד אישע) — געבוירן פון אַ פרוי — אַ שטערבלעכער מענטש. שאַץ — אוצר. תשובה (טשואווע) — ענטפער. כסא הכבוד — גאָטס טראָן. לא תרצח (לאָי סירצאַך); לא תגנוב (לאָי סיגנעוו) — זאָלסט ניט מאָרדן; זאָלסט ניט גנבענען, — צוויי פון די צען געבאָט. יצר הרע (יעיצער האָרע) — דער בייזער גייסט, דער פאַרפירער. עניוות (אַני-וועס) — באַשיידנקייט (Modesty).

די שליסלען

ד. פרישמאַן.



מיר חלומט אַ חלום, אַן אַלטער,
מיר ווערט אַזוי באַנג, אַזוי שווער:
איך הער ווי מיט שליסלען אַ קלינגען,
איך זע ווי פון פלאַמען אַ מער.

דער טאָג איז גאָר פינצטער און טרויריק,
דער טאָג איז געהילט ווי אין שלאָף;
עס קרעכצן אין הימל די ראָבן, —
דאָס איז ער, דער ניינטער אין אָב.

עס ברענען די ווענט פון בית־המקדש,
עס פאַלט שוין אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט;
עס שטייען די פרחי־כהונה
און האַלטן די שליסלען אין האַנט.

עס זיינען אומשולדיקע קינדער
געהילט אין דעם ווייסן געוואַנט;
עס פרעסן די פלאַמען אַלץ ווייטער, —
זיי האַלטן די שליסלען אין האַנט.

עס זיינען די שליסלען פון היכל,
די שליסלען פון אָרון דערצו:
„אוי הימל, דאָ זיינען די שליסלען
און נעם זיי, אוי הימל, שוין דו!"

און פלוצלונג באַווייזט זיך פון הימל
אַ לאַנגע, אַ ליכטיקע האַנט,
און נעמט פון די קינדער די שליסלען
און ווערט באַלד פאַרשוואונדן אין בראַנד.

מיר חלומט דער חלום, דער אַלטער,
מיר ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג.
וואו זיינען, אוי הימל, די שליסלען?
ווי לאַנג נאָך, אוי הימל, ווי לאַנג?

עס וויינען אומשולדיקע קינדער:
אוי, גיב שוין די שליסלען צוריק!
וועט קיינמאָל דען זיך ניט אומקערן
דאָס אַלטע, דאָס פריריקע גליק?

מער — ים. **ניינטער אין אָב** — תשעה באָב, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. **פרחי כהונה** (פּירכיי קעהונע) — די בלומען פון דער כהונה, די יונגע כהנים. **היכל** (הייכל) — טעמפל, בית המקדש. **אָרון** — אַלמער אין בית המקדש, וואו מ'האָט געהאלטן די שטיינערנע טאָוולען פון די צען געבאָטן. **בראַנד** — פייער.

חורבן ירושלים

ש. אַש.

(צווייטער געזאַנג)

מיט אַ געטרייסט האַרץ איז ירמיהו קיין ירושלים צוריקגעגאַנ־גען. ווי גאָט האָט אים באַפוילן, האָט ער אין ענתות אַ פעלד זיך גע־קויפט און געזאָגט האָט ער זיך אַזוי: „עס איז אַ סימן, אידן וועלן אויף זייער אָרט זיצן בלייבן, אויפעסן וועט גאָטס גרויסע דערבאַרמונג זיין צאָרן — און זיין גוטיקייט, ווי אַ ים, וועט אויסטריקענען די נאַ־רישע מענטשן־זינד“. אַזוי, געשטיצט אויף גאָטס חסד, גייט דער נביא געטרייסט צו זיין פאָלק צוריק. אַוועקוואַרפן וויל ער זיין שטעכע־דיקע שטראָף־בייטש און טרייסטן זיי. געקומען איז ער אויף דעם בית־לחם וועג — און דערזען האָט ער פון ירושלים אַ גרויסן רויך אויפגיין. ביינאַכט איז עס געווען, און דער פלאַם פון ירושלים האָט זיך פון דערווייטנס געלויכטן. געטרייסט האָט זיך דער נביא: „אָ, פאַרשוואונדן זיינען די כשדים. זיי זיינען, ווי אַשור אַמאָל, הינטער ירושלימס טויערן ווי אַ נעפל צערונען. און דאָס דאַנקט ירושלים גאָט אָפּ, און דער רויך פון אירע קרבנות גייט אין הימל אויף“. פריילעך איז דער נביא געוואָרן, אויפגעלויכטן זיין פאַרוואָלקנטער שטערן און זיינע אויגן, ווי די ליכטער, אויף ירושלים אויפגעהויבן. מיט די הענט אין דער הויך געשטרעקט, האָט ער פאַר גאָט אַ לויב־ליד זינגען געוואָלט. זיין האַרץ צעגאַנגען פאַר געטלעכקייט — באַגינט דער נביא פאַר גאָט צו טאַנצן און צו וויינען פאַר פרייד. ערשט ער קוקט אויף דעם וועג, — רויט גערויטלט איז דער ווייסער זאַמד און ווי פאָדים ציט ער זיך איבער דעם וועג. פון ירושלים קומען די בלוט־פלעקן אָן צולויפן און קיין בבל ציען זיי זיך. גע־וואָרפן האָט דער נביא זיך אויף דער ערד און דערזען ביים שטערן־ליכט יונגע קינדער־פּיס, געטרעטן אין דעם בלוט. ער האָט זיי אָן דעם ווייכן גאַנג דערקענט. אויסגעגאָסן, ווי אַ פורעם, האָט זיך דאָס קינדישע פיסל אין דעם בלוטיקן שטויב. דערקענט האָט דער נביא דעם איידעלן טריט פון זיין פאָלק, געקושט האָט ער יעדן טריט, צום האַרצן צוגעדריקט און אויסגעשריען מיט אַ געשריי, ווי אַ גע־ווילד, וואָס דער יעגער האָט מיט זיין שפּיז אין האַרצן געטראָפן, — אַזוי פאַרוואונדעט מיט דער שפּיז אין דער ברוסט לויפט דער נביא

איבער דעם וועג, אויף די בערג זיך געלאָזט און קיין ירושלים גע־קוקט. אָ, דערקענט האָט ער ביים גרויען מאָרגן־שיין — ירושלים ברענט, ווי פון אַ גרויסן קרבן גייט דער רויך אין הימל אויף. אָבער נישט אויף שטיינער און אויף מויערן האָט דער נביא געקלאָגט זיין ליד — נישט אויף דעם, וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, נאָר איבער די אידנס לייד האָט ער זיין האַנט קעגן הימל אויפגע־הויבן און אויסגעשריען: „אָ, דו האָסט מיך אויסגעלאַכט, אַרויס־גענאַרט האָסטו מיך פון דער היים, און הינטער מיין רוקן די קינדער געשאָכטן!“ און געזוכט האָט ער מיט זיינע אויגן, וואוהין עס פירט דער וועג פון די אַרויסגעטריבענע. אַרויסגעשיקט האָט ער זיין גע־האָרך צו פאַרנעמען, פון וואָסער זייט דער ווינט טראָגט די קרעכצן צו, געצויגט נאָך לינקס, געזוכט נאָך רעכטס, און נאָך דעם בלוטיקן טריט איז ער, ווי אַ חיה, וואָס האָט איר נעסט געפונען וויסט, נאָך די געפאַנגענע קינדער־טריט נאָכגעלאָפן.

געטריבן האָט נבוזראדן די אידן קיין בבל אַריין. פאַר דער מוטער רחלס קבר האָט ער זיי פאַרבייגעטריבן, — געוועזן איז עס אויף דעם וועג קיין בית־לחם, וואו באַגראָבן האָט זי יעקב איינזאַם אויף דעם פעלד אַליין. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך ביים קבר און אַרום דעם פעלד זיך אַנידערגעלייגט. און אָנגעכאַפּט האָבן זיי זיך אָן די ווענט און נישט געוואָלט ווייטער גיין. אָבער געשלאָגן האָט זיי דער פיינט, מיט די רימען און מיט די ריטער, פון דעם קבר אַוועק. אָפּגעריסן האָט ער די קינדער מיט געוואַלט פון דער מו־טערס שירץ, געשלעפּט האָט ער די קינדער פריער, און די מוטערס זיינען שוין אַליין נאָכגעלאָפן. אַזוי האָט זיי דער פיינט אין גלות געפירט. געגרונען זיינען די טרערן אין גרוב אַריין און די מוטער נישט געלאָזט ליגן רואיק. אויפגעהויבן האָט זי זיך אין איר ווייסן געוואַנד, — אָנגעטאָן די שבת־קרוין אויף איר קאָפּ, איז זי פון איר קבר אַרויס און נאָך די קינדער נאָכגעגאַנגען און אויסגעשטרעקט צו זיי אירע הענט און גערופן זיי. אָבער קיינער האָט איר שטים נישט געהערט, קיינער איר געשטאַלט נישט געזען — טויט איז זי געוועזן און נישט געקאָנט געבן פון זיך קיין קול, נאָר געריידט צו זיך אַליין. אַזוי האָט זי אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצע נאַכט איבער די פעלדער אַליין, און ווען דער טאָג האָט געגרויט, איז זי צוריק אין איר רו אַריין. אַזוי שלייכט זי זיך יעדע נאַכט פון איר קבר אַרויס, קומט אין אידישן גלות אַריין, און ווער עס וואַנדלט ביינאַכט דורך אידישע שטעט, זעט ווי אַ ווייס געשטאַלט גייט אין געסל אויף אַליין, קוקט דורך פאַרמאַכטע לאָדנס אין אידישע שטיבער אַריין. דאָס איז די

מוטער רחל, וואָס קאָן אין קבר נישט ליגן רואיק איבער אירע קינ־דערס געוויין, אַזוי ביזן היינטיקן טאָג אַריין.

פאַרלאָזט האָבן די אידן דער מוטער רחלס קבר און זיינען אין גלות געגאַנגען. דער טאָג האָט אָנגעהויבן צו גרויען, און דערזען האָט דער נביא ביי דעם גרויען שיין די אַרויסגעטריבענע פון דער־ווייטנס. דערקענט האָט ער די אַרויסגעטריבענע נאָך דער מחנה שוואַרצע רויב־פויגלען, וואָס זיינען נאָך זיי נאָכגעפלויגן. די זון האָבן זיי פאַרשטעלט מיט זייערע שוואַרצע פליגלען און דערשראָקן די לופט מיט זייער געשריי. געזייט איז געווען דער גאַנצער וועג מיט מענטשלעכע גלידער, און אָפּגעשטעלט האָבן זיך די שוואַרצע פויגלען אויף די קערפּערס פון די טויטע, געפּיקט פון זיי און מיט אַ באַנגען „קרא־קרא" אַדורכגעלעכערט די לופט. אַנטלאָפן זיינען די פייגעלעך פון פעלד פאַר זייער געשריי. און די טויבן זיינען אין זייערע טויבן־שלעק אַריין, באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך, די קעפּ אונטער די פליגלען געשטעקט, די אויגן פאַרגלייסט און אין גאָט געגלויבט. אָוועקגעיאָגט האָט ירמיהו די שוואַרצע פויגלען פון די געפאַלענע קינדער, זיינע קליידער אויסגעטאָן און די מתים פאַרהילט מיט זיי פאַר די פייגלס שיין. אָפּגעטראָגן האָט ער די טויטע פון דעם וועג אָן אַ זייט, אַז זיי זאָלן אונטער די קעמל־טריט נישט צע־טראָטן ווערן. לאַנג פאַרבראַנגען ביי די טויטע האָט ער דאָך נישט געקענט — גערופן האָבן אים די קרעכצן פון די לעבעדיקע. איבער־געלאָזט האָט ער די טויטע מיט אַ פאַרוויסטאַקט האַרץ און צו די לעבעדיקע געאיילט. אדם־נאַקעט איז ער געווען — די קליידער אויסגעטאָן, לויפט ירמיהו אין דער שיין פון דער זון. פון זיינע פּיס רינט בלוט. די אויגן אויפגעריסן, מיט די דאַרע הענט קעגן הימל אויסגעשטרעקט און מיט אַ ווילדן געשריי לויפט ער די אַרויסגע־טריבענע נאָך. אָנגעטראָפן האָט ער די שוואַכע קינדער און די ווײַ־בער, וואָס נישט געקאָנט האָבן זיי נאָך דעם שטאַרקן מענער־טריט נאָכגיין. נאַקעט זיינען זיי געווען און זייערע לייבער פאַר דער זונס שטראַלן צום רויב איבערגעגעבן. נאָכגעטריבן האָבן זיי בבלס זעלנער מיט קופּערנע היט אויף די קעפּ, מיט רויטע בענדער אַרומ־געפּוצט — רויע, דורשטיקע אויגן פון די מעשענע געזיכטער אַרומ־געקוקט, מיט אויפגעדעקטע ברוסטן און געפלאָכטענע האָר און בערד — האָבן זיי מיט זייערע ריטער די שוואַכע קינדער נאָכגעשמיצט. געפאַלן זיינען די קינדער אין דער זונס שטראַלן, ווי די קליינע גע־שאָסענע טויבן פאַלן פון דער הויך, און זיינען אויפן וועג געבליבן ליגן, דער שוואַרצער מחנה פויגלען צום רויב. מיט געוואַלט האָבן

זיי די מוטערס פון די קינדער צעשיידט, וואָס האָבן זיך באַהאַפטן אין זיי מיט זייערע בליקן. אויפגעהויבן האָט דער נביא די קינדער פון וועג, אויף זיינע הענט געטראָגן. גוססע זיינען זיי אָבער אין זיינע אָרעמס געווען, און מיט אַ געשריי איז ער אַנטלאָפן פון זיי. אָנגעקומען איז ער צו די אַלטע לייט. געשמידט זיינען געווען די חשובי־ירושלים, הענט און פיס אין אייזערנע שטאַנגען אריינגעבראַכט, — דאָך האָט זיך דורך די פאַרקנעכטע קייטן אַרויסגעריסן זייער פרייער מענער־בליק. מיט שטילן ערנסט און כבוד האָבן זיי זייער לייד איבערגעטראָגן. צווישן זיי איז געגאַנגען צדקיהו, דער לעצטער קעניג פון דודס הויז. העכער פון אַלעמען איז ער געווען, און דערקענט האָט מען, אַז אויף זיין געקרייזלטן גרויען קאָפּ האָט גערוט דודס קרוין. אויסגעשטאָכן זיינע אויגן האָט אים דער פיינט, דאָך געזען האָט ער אין זיין פינצטערער נאַכט איין בילד — זיינע קינדערס טויט, געשטאָכן פאַר זיינע אויגן האָט דער פיינט די קינדער זיינע און אויסגעשטאָכן זיי — אַז זיי זאָלן קיין אַנדער ליכט נישט זען מער, נאָר זיינע קינדערס טויט. אָבער פון זיינע אויסגעלאָשענע אויגן איז שטענדיק אַ שטאָלצער בליק געפאַלן. און ווי ער וואָלט נאָך געטראָגן אויף זיין קאָפּ די קרוין, איז ער אין זיינע קייטן, אַ קעניג צווישן שקלאַפן, געגאַנגען. באַהאָפטן האָט זיך ירמיהו אין זיי, אַריינגעבראַכט זיינע הענט אין זייערע קייטן און געבעטן זיך ביים פיינט: „שמיד מיך, ווי זיי!“ דאָך דער פיינט האָט געהאַט דעם שטרענגן באַפעל פון זיין מוראדיקן האַר נבוזראדן, ירמיהון נישט צו רירן. געוואוסט האָבן זיי, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן, און נישט מיט זייער קראַפט האָבן זיי ירושלים באַזיגט, נאָר איבער ישראלס זינד, וואָס נביאות האָט ירמיהו געזאָגט איבער זיי. דערזעען די אַלטע לייט, אַז זיי האָבן ירמיהון, איז אַ שטילע האָפנונג אַדורכגעגאַנגען צווישן זיי: „גאָט האָט געזען אונזערע ליידן און ירמיהון געשיקט צו אונז“. און דערוואַרט האָבן זיי צו הערן פון אים גאָטס טרייסט. דאָך פאַרשטומט זיינען ירמיהוס ליפּן געווען, נישט קיין טרייסט און נישט קיין וואָרט האָט ער זיי פון גאָט געבראַכט. נישט דערמאָנען האָט ער זיי געוואָלט אָן ציונס פרייליכע טעג, נישט געדענקען זייערע זינד, נישט שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, נאָר געשוויגן האָט ער און מיט די טרערן זיין צער געטרונקען. אַראָפּגעלאָזט האָבן די אַלטע די קעפּ צו דער ערד, ערגעץ־וואו מיט די אויגן געקוקט, און אָן ירושלים געדענקט. אָ, נישט לענגער אויסהאַלטן האָט דער נביא געקאָנט זייער בליק, אַנטלאָפן איז ער פון זיי און צו די בחורים־יונגען אָנגעקומען. איינגעשפּאַנט זיינען זיי געווען נאַקעט אין

נבוזראדנס וועגן און קיין בבל ירושלימס פּראַכט און רייכטום גע־פירט. באַהאַנגען זיינען די וועגן געווען מיט דודים גאָלדענע פּאַנ־צערס, און אויסגעשפּרייט איבער זיי האָט דער פיינט די אוצרות פון בית־המקדש. געבלישטשעט האָט דאָס גאָלד אויף די וועגן און די טייערע שטיינער, ווי אַ ים אין זון אויסגעגאָסן. ישראלס פאָנען, די צייכן פון זיינע שטאַמען, אויפגעשטעלט האָט ער אויף די וועגן און אויסגעשפּרייט אין די קאָלירן. און יהודהס פאָן האָט געפלאַטערט פון אויבן אויף, מיט דעם לייב, וואָס איז אויף איר. שטאָלץ איז דער פיינט געווען אויף דער פאָן פון דעם שטאַרקסטן פון ישראל און הויך אויסגעשפּרייט האָט ער זי אין דער זון. גאָלד און זילבער טראָגן זיי דעם פיינט, אָן אַנדער אוצר איז באַהאַלטן צווישן זיי. אין אַ בינטל אויף דער פּלייצע טראָגט דאָרט ווער אין דער מחנה די תורה איינגעבונדן. ציטערט, געטער, ציטערט, פעל־קער! אייער טויט ווערט געטראָגן דאָרט, די שווערד פאַר דער אַל־טער וועלט. איינגעבונדן אין דעם בינטל טראָגן זיי גאָטס וואָרט, דאָס ליכט פאַר דער וועלט — אַרויסשיקן וועט עס פון בינטל זיינע שטראַלן, באַלויכטן וועט עס לאַנד און לאַנד. דערשראָקן און פאַר־געסן וועלן געטער און פעלקער אויף די אינזלען איינזאַם שטאַרבן. אַזוי טראָגן זיי דאָס בינטל פון פאָלק צו פאָלק, פון לאַנד צו לאַנד איבער דעם גאַנצן גלות אַרום. דאָס איז דער סוד, וואָס האַלט זיי אויף ביזן היינטיקן טאָג אַריין.

איינגעשפּאַנט אין רימענס, האָבן די בחורים פון ירושלים די וועגן געשלעפּט. די שטאַרקסטע צווישן זיי האָט ער אויסגעקליבן, און זייערע לייבער פון דעם געשפּאַן האָבן זיך ווי בראָנז אין דער זון געגאָסן. געזען האָט דער נביא די קופּערנע בית־המקדש־זיילן מיט די קרוינען אויף די קעפּ, מיט די בלומען אויסגעהאַקט, צור׳ס מייסטערשטיק, דורך שלמהס חכמה אויסגעטראַכט. געשלעפּט האָבן זיי די בחורים פון ירושלים. צען בחורים ביי יעדער זייט פון זייל האָבן אונטער דער שווערער לאַסט פון קופּער אָפּגעקרעכצט. גע־לויכטן האָט זיך אין דער זון יעדע בלום, יעדע פּרוכט, וואָס איז אין זייל מייסטערהאַפט געווען אויסגעהאַקט. אַזוי האָבן זיי אויף זייערע אַקסלען דעם בית־המקדש נאָך בבל געפירט. געריסן האָט זיך דער נביא צו זיי, געשריגן מיט אַ שרעקלעכן קול, אַז ער האָט דערזען דעם בית־המקדש צעשטערט און זיינע שטיקער געשלעפּט פון פיינט.

אָבער באַלד פאַרשוויגן איז ער געוואָרן. דערזען האָט ער די פּרחי־כהונה, די יונגע כהנימס קינדער, צאַרט און פון איידעלן

שטאָם, גייען פאָרויס פאַר זיי. קינדער זיינען זיי נאָך געווען, פון בית-המקדש-הויף אַרויסגענומען, וואו זיי האָבן זיך ביי די עלטערן די עבודה געלערנט. אין זייערע כהנים-העמדלעך אָנגעטאָן, האָבן זיי די קריגן מיט מנורות פון דעם הייליקן בית-המקדש-דינסט אויף זייערע אַקסלען אויסגעטראָגן. די קינדער אַזוי טייער און ליב, ווי די כלים פון בית-המקדש, האָבן איבער דעם וועג געוויינט, נאָס גע־מאַכט מיט טרערן דעם זאַמד און געזאָגט אַזוי: „די כלים, וואָס אין זיי האָבן מיר געזאָלט פאַר גאָט דעם הייליקן דינסט טאָן, טראָגן מיר צום פיינט". אַז דער נביא האָט זיי דערזען, האָט ער זיינע הענט צום הימל פאַרשפּרייט און מיט אַ גרויס געשריי אויסגעשריגן: „די קינדער, ווי די שעפעלעך, — וואָס האָסטו צו זיי? זיי זיינען נאָך ריין פון זינד".

געגאַנגען איז נבוזראדן פאָרויס פאַר דעם גאַנג. ברוין איז זיין שטאַרק געזיכט געווען. אָפּגעברענט פון דער זון, זיין ברוסט אויפ־געדעקט ביז אין וויטן לייב אַריין, געקאַרבט זיין באָרד, אין פלעכטן געבונדן, און זיינע האָר שוואַרץ, ווי שווערער בראָנז, אין לאָקן גע־גאָסן, געקאַרבט און געבונדן האָבן זיי זיך איבער זיין נאַקעטן קאַרק אַראָפּגעגאָסן. ווי די ליכטער אין דער שוואַרצער נאַכט, האָבן זיינע אויגן מיט צאָרן פון אונטער זיין שווערן מעשענעם געטורעמטן הוט אַרויסגעקוקט. שטאַרק האָבן זיינע געקנאָכלטע פיס אין דעם הייסן זאַמד געטראָטן און, מיט דער שפּיז פאָרויס געשיקט, האָט ער זיי דעם וועג געוויזן. קינדער און אַלטע פירט דער פיינט, ווייבלעך און מיידלעך, נאָר קיין מאַן איז צווישן די געפאַנגענע נישטאָ. עס איז נישט קיין מנהג אין ישראל געווען, אַז מענער זאָלן אין געפאַנגענ־שאַפט גיין, אויפן פעלד בלייבן זיי ביז צום לעצטן פון זיי. אַזוי גע־פירט האָט נבוזראדן ישראלן אין גלות אַריין. געטראָטן איז פאַר נבוזראדן דער נביא, אין די אויגן אים אַריינגעקוקט און געזאָגט אַזוי:

„נישט אַזוי גרויס, נבוזראדן, נישט אַזוי שטאַרק, נבוכדנצר. נישט אייער האַנט האָט ישראלם מאַכט צעבראָכן. געבונדן מיט גאָט אין אַ פעסטן באַנד, גייט ישראל, דער איינציקער זון, אַ האָר אין קנעכט־שאַפט אַרויס. די וועלט האָב איך צוליב אים באַשאַפן, זאָגט גאָט; איר לעבט נאָר אין זיין זכות. דו ביסט נאָר דער שטעקן, דו ביסט נאָר די רוט, וואָס מיט איר שטראָפט גאָט זיין זון. ווען ישראל וואָלט נאָר צו זיין פאָטער גערופן, ווי דער ווילדער הונט, ווי דער אָקס, ווי דער רינד, וואָלט ער דיר אַ רינג אין דיינע נאָזלעכער גע־שטעקט און מיט דעם שטאַנג דיך צוריקגעפירט אויף דעם וועג קיין

בבל צוריק — ווי צו אשורן ער האָט אַמאָל געטאָן! נישט בבלס קינדער איז דער הייליקער זאָמען פון ישראל, וואָס דו פאַרגיסט אַזוי לייכט זיין בלוט. אַ, ציטער פאַר יעדן טראָפּן, וואָס דו פאַר־גיסט. דו וועסט מיר רעכנונג אָפּגעבן, זאָגט גאָט, — דו ביסט דער הונט אין מיין הייליקער סטאַדע, דער שעפּער איז נאָר אַוועק אויף איין אויגנבליק. דו וועסט מיר מיט דיין אייגן בלוט באַצאָלן פאַר יעדן שעפעלע, וואָס דו האָסט פאַרצוקט".

צוריקגעטראָטן איז נבוזראדן, בלייך געוואָרן זיין געזיכט — זיין האַרץ ווי וואַסער צעגאָסן. אַזוי האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דעם נביאס וואָרט (דאָס איז געווען זיין זכות). געוואָרפן האָט ער זיך צו ירמיהוס פיס און געענטפערט אַזוי:

„אויסצופירן זיין שטראָף איבער ישראל האָט מיך גאָט געשיקט, וואָס אָנגעזאָגט דורך דיר האָט ער צו זיי. אַליין ביסטו איבער ירושלימס גאַסן אַרומגעגאַנגען און דיין אָבל-ליד געקלאָגט, די שטענג אויף דיין רוקן געטראָגן האָסטו, זיי געוויזן דעם סוף, וואָס ערוואַרט זיי, ווייל זיי האָבן אָן גאָט פאַרגעסן. אויסגעלאַכט האָבן זיי דיך, אין פינצטערן גרוב געוואָרפן, פון דעם שוואַרצן לאָך האָסטו נאָך אַרויסגערופן צו זיי און דיין קלאָג-ליד אויף זייער חתונה געוויינט — שטיינער האָבן זיי אויף דיר געוואָרפן, דיין מויל, וואָס דורך אים רעדט גאָט, האָבן זיי מיט ערד פאַרשטאָפּט. איצט קומסטו זיך אָננעמען פאַר זיי? — צי האָבן מיר דען נישט גאָטס שליחות אויס־געפירט, וואָס ער האָט געזאָגט דורך דיר?"

פאַרשוויגן איז באַלד ירמיהו געוואָרן פון נבוזראדנס רייד. גע־שלונגען האָט ער אין זיך זיין צער און אָן גאָט זיך דערמאָנט — יהוה איז געוואָרן פאַרשעמט איבער ישראלס זינד. פרעמדע נעמען זיך זיין נקמה אָן און פירן אויס איבער ישראל זיין שטראָף — זיין זון האָט ער איבערגעגעבן צו גויים אין די הענט, דעם בית-המקדש פאַרברענט, ירושלים — אַ פאַרשעמטע מוטער, צו שאַנד און שפּאָט צווישן די פעלקער פון דער וועלט. אָנגעצונדן האָט זיך אין אים די נקמה פאַר גאָט, נישט געהערט האָט ער מער זייער קרעכצן — אָפּגעגעווענדט האָט ער זיין בליק פון זיי. יהוה איז צו שפּאָט, אברהם, יצחק און יעקב — פאָטערס פון אַ קנעכטן-פאָלק, און גויים — די האַרן איבער דער וועלט, און אַלץ איבער ישראלס זינד. באַרעכ־טיקט האָט ער אויף זיי דעם דין.

אַוועק איז פון זיי דער נביא און קיין ירושלים צוריק. טיף באַ־גראָבן אין זיין האַרץ איז זיין ליד, און פאַרשטיינערט איז דער צער אויף זיינע ליפּן געוואָרן. געזען האָט ער דאָס לאַנד, יעדן באַרג, ווי ער שטייט פאַראיינזאַמט אַליין, קוקט די אַרויסגעטריבענע נאָך און וויינט און קלאָגט: „ווער וועט מיך זען, ווער וועט איבער מיי־נע פּירות אַ ברכה מאַכן?” — קלאָגט יעדער בלאַט, יעדער בוים. פאַרשטיינערט איז שוין געוואָרן זיין צער, און קיין וואָרט האָט ער נישט פאַר זיי צו זאָגן. אָנגעקומען איז ער מיט דער נאַכט צו די טויערן פון ירושלים. צעבראָכן זיינען זיי געווען. ירושלים איז הפקר: ווער עס וויל, קאָן דערין אריין. פאַר דעם צעבראָכענעם טויער האָט ער אַ פרוי געטראָפן. אַרויסגעקומען איז זי פון דעם פאַרנעפּלטן פאַרנאַכט און געגאַנגען אויף איר וועג אַליין. אין שוואַרץ איז זי געווען געהילט. איר שטאָלצער בליק האָט פון אונ־טער איר טונקעלן שלייער אַרויסגעקוקט. געאיידלט איז איר גע־זיכט געווען, ווי פון די אידישע קעניגס־טעכטער, און ווי ביי אַ נביא, האָבן אירע אויגן געשיינט. צעלאָזט זיינען אירע שוואַרצע האָר אי־בער איר טונקל געוואַנד געהאָנגען. דער חסד־חן פון אונזערע מאַ־מעס ביים ליכט־צינדן איז אויף איר געווען אויסגעגאָסן, און די שבת־קרוין, אין טרויער איינגעהילט, האָט אויף איר קאָפּ גערוט. אַזוי איז זי טרויעריק און שטאָלץ אַליין אויף איר וועג געגאַנגען. קיין טרער האָט זיך אין אירע אויגן נישט באַוויזן, קיין קרעכץ, קיין גע־וויין, נאָר ווי אַ אידישע קעניגן, אין טרויער געצירט, האָט זי זיך אויף אַ שטיין ביים וועג געזעצט. דעם קאָפּ אויף אירע הענט גע־שטיצט — האָט זי מיט בענקענדיקע בליקן נאָך דעם וועג קיין בבל אויסגעקוקט.

— ווער ביסטו, וואָס דו טרויערסט אַזוי שטיל? צו די מענטשן ביסטו גלייך און מענטשלעך איז דיין לייד, — דאָך ווי געטלעך דו ביסט, און ווי גאָט טראָגסטו צער.

שיין האָבן זיך אירע ליפּן געעפנט, ווי דאָס מויל פון אַ בלום אין אַ שיינער לבנה־נאַכט, און מיט ריח פון בית־המקדש איז די לופט געוואָרן אָנגעפילט, ווען זי האָט איר וואָרט געפירט אַזוי:

— איך בין די מוטער פון דעם קינד, און ווען אויך געטלעך איך בין, דאָך מענטשלעך פיל איך די לייד, יעדן קרעכץ, יעדן געוויין. קיינער פילט נישט דעם צער פון קינד, ווי די מוטער ציון אליין.

פאַרשעמט איז דער נביא געוואָרן פאַר דער מוטער ציון איבער זיינע פריערדיקע רייד. אוועקגעזעצט האָט ער זיך לעבן איר אויף דעם שטיין, און אַזוי ווי זי, מיט בענקענדיקע בליקן, אויף דעם וועג קיין בבל נאָכגעקוקט.

כשדים (קאַסדים) — באַבילאָנער. באַגינט — הויבט אָן. געווילד — ווילדע חיות (Game). נבוזראדן (נעוואוזאַראַדן) — דער קאָמאַנדיר פון דעם באַבילאָנישן קעניג נבוכדנצרס (נעוואוכאַדנעצער) אַרמיי. שירץ — פאַרטוך (Apron). באַנג — טרויעריק. גוסס — איינער וואָס האַלט ביים שטאַרבן. חשובי (כאַשואוויי) ירושלים — די אָנגעזעענסטע מענטשן פון ירושלים. פרחי כהונה (פּירכיי קעהונע) — די בלומען פון דער כהונה — די יונגע כהנים. עבודה (אַוואוידע) — אַרבעט; גאָטעס דינסט. אבל ליד (אָוועל) — טרויער ליד; ליד נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם. הפקר. (העפקער) — אומבאַשיצט, פאַרלאָזט, אָן קאָנטראָל. תנאים (טאַנאָאים) — די געלערנטע, וועלכע האָבן געשאַפן די משנה.

טרייסט

פיר גרויסע תנאים זיינען געגאנגען אין וועג קיין רוים: רבן גמליאל, ר' אליעזר בן עזריה, ר' יהושוע און ר' עקיבא. נאָך געווען וויט פון דער שטאָט אויף אַ שטרעקע פון הונדערט צוואַנציק מייל, דערהערן זיי שוין דעם פריילעכן זינדיקן גאַסן־רויש פון רוים. הויבן אָן די ערשטע דריי צו וויינען, נאָר איין ר' עקיבא לאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — פרעגן זיי אים.

— און איר, וואָס וויינט איר? — פרעגט ער זיי.

— ווי זאָלן מיר נישט וויינען, — זאָגן זיי — אַז מיר זעען ווי די היידן, וואָס בוקן זיך צו אָפּגעטער און רויכערן קטורת צו געצן, זיי זיצן זיך אַזוי רואיק און געזיכערט, און מיר — אונזער בית־המקדש, דאָס פוס־בענקעלע פון אונזער גרויסן גאָט, ליגט פאַרברענט אין אַש?

— דערפאַר טאָקע — זאָגט ר' עקיבא — לאַך איך. אויב זיי, די פאַרזינדיקטע פאַר גאָט, לעבט זיך אַזוי, ווי וועט שוין זיין מיט די, וואָס טוען זיין ווילן?

די זעלבע תנאים האָבן איינמאָל נאָכן חורבן זיך געלאָזט גיין קיין ירושלים. געקומען צום הר־הצופים, האָבן זיי אויף זיך קריעה געריסן. געקומען נענטער צום הר־הבית, דערזען זיי אַ שאַקאַל שפרינגט אַרויס פון דעם אָרט, וואו ס'איז געווען דער קדשי־קדשים, הויבן אָן יענע צו וויינען, און רבי עקיבא לאַכט. פרעגן זיי אים: וואָס לאַכסטו?

— און איר, פאַר וואָס וויינט איר?

— ווי זאָלן מיר נישט וויינען, אַז דאָס הייליקסטע אָרט אונזערס, וואו קיין בן־אדם, אויסער דעם כהן גדול, האָט קיינמאָל נישט גע־טאָרט אַהין אַריינטרעטן, — דאָרטן שפּאַצירן איצט פריי אָרום שאַקאַלן?

— דערפאַר טאָקע לאַך איך, — זאָגט ר' עקיבא — צוויי נבואות פאַרבונדענע צוזאַמען זיינען געזאָגט געוואָרן, איינע פון שטראָף: „ציון וועט אויף פעלד צעאַקערט ווערן, פון ירושלים וועלן וויסטע בערגלעך ווערן, און דער הר־הבית וועט מיט ווילדן וואַלד באַוואַקסן ווערן"; די צווייטע פון טרייסט: „עס וועלן נאָך

זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים, יעדער מיט זיין שטעקן אין האַנט, אָנגעלאָדענע מיט יאָרן; און יונגע קינדערלעך, אינגעלעך מיט מיידעלעך, וועלן אָקעגן זיי פריילעך זיך שפילן און אָנפילן מיט זייער פריילעכן געלעכטער די גאַסן.״ איידער די ערשטע נבואה איז מקוים געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט די צווייטע אויך נישט מקוים ווערן, איצט אַז די ערשטע איז שוין דער־פילט, מעג מען זיכער זיין, אַז די צווייטע וועט אויך דערפילט ווערן.

אויסגעהערט ר׳ עקיבאן, האָבן זיינע חברים אים געזאָגט מיט די ווערטער:

— עקיבא, דו האָסט אונז געטרייסט! עקיבא, דו האָסט אונז געטרייסט!

(פון „די אידישע אגדות״).

היידן — געצנדינער. קטורת (קטוירעס) — ווייררויך (Incense). קריעה רייסן — רייסן אויף זיך די קליידער אַלס צייכן פון טרויער. הר הבית — דער באַרג אויף וועלכן דער בית המקדש איז געשטאַנען. קדשי קדשים (קאָדשעי קאָדאָשים) — דער הייליקסטער פלאַץ אין בית המקדש. מקוים (מעקויעם) — פאַרווירקלעכט.

„מנחם״

אינ׳ם טאָג פונ׳ם חורבן איז געבוירן געוואָרן דער גואל.

ערגעץ ווייט פון ירושלים איז געשטאַנען איינער אַ דאָרפסמאַן אין פעלד און געאַקערט. גיט זיין קו אַ ברום. דערהערט עס אַ פאַר־בייגייענדער אַראַבער, שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט דעם דאָרפס־מאַן: ווער ביסטו?

— אַ איד בין איך, — ענטפערט יענער.

— היי, דו איד, שפּאַן אויס דיין קו, בינד אָפּ דיין אַקעראייזן.

— וואָס איז דען?

— דער אידישער בית־המקדש איז ערשט חרוב געוואָרן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט דער איד אַ דערשראָ־קענער?

— פון דיין קוס ברום ווייס איך עס.

דערווייל גיט די קו נאָך אַמאָל אַ ברום. רופט זיך אָן דער אַראַבער:

— היי, דו איד, שפּאַן־איין צוריק דיין קו, בינד צו ווידער דיין אַקעראייזן, ערשט איז דאָך געבוירן געוואָרן משיח, דער אידישער דערלייזער.

— ווי איז זיין נאָמען? פרעגט דער איד.

— מנחם הייסט ער.

— און זיין פאָטערס נאָמען?

— חזקיהו.

— און וואו געפינט ער זיך?

— אין דאָרף בירת־ערבא, נעבן בית־לחם יהודה.

גייט אַוועק דער איד, פאַרקויפט זיין קו, פאַרקויפט זיין אַקער־אייזן און ווערט אַ הענדלער פון געוואַנט פאַר קינדער. לאָזט ער זיך אין וועג, לאַנד־איין לאַנד־אויס, שטאָט־איין שטאָט־אויס, ביז ער קומט אַהין אין יענעם אָרט. קומען ווייבער פון אַלע אַרומיקע דערפלעך, איינקויפן ביי אים געוואַנט פאַר זייערע קינדער. נאָר איין פרוי, מנחמס מוטער, האָט גאָרנישט ניט געקויפט. הערט דער הענדלער ווי ווייבער שרייען אויף אַ קול: מנחמס מוטער, מנחמס מוטער! גיי קויף איין געוואַנט פאַר דיין זונדל.

— הלוואי וואָלט ער, שונאי־ציון, דערוואָרגן געוואָרן! — ענט־פערט יענע.

— וואָס האָסטו צו אים? — פרעגן די ווייבער.

— אינ'ם טאָג פון זיין געבוירען איז דאָך דער בית-המקדש חרוב געוואָרן.

רופט זיך אָן דער איד:

— גלויב מיר, טאָכטער, מיט אים איז ער חרוב געוואָרן און דורך אים וועט ער, אם ירצה השם, צוריק אויפגעבויט ווערן. נעם קויף פאַר אים.

— איך האָב אָבער קיין געלט נישט, — זאָגט די מוטער.

— עס מאַכט נישט אויס, נעם אויף באָרג; אָן אַנדערש מאָל, ווען איך וועל ווידער קומען, וועסטו מיר באַצאָלן.

אין אַ צייט אַרום קומט דער הענדלער ווידער אין יענעם אָרט. קלערט ער זיך: מען דאַרף גיין זען וואָס מאַכט יענעם קינד. קומט ער צו דער מוטער און פרעגט זי: וואָס מאַכט עפּעס דיין קינד?

— ניטאָ אים! — ענטפערט די מוטער — באַלד נאָך דיין אוועקגיין זיינען אָנגעקומען אַזעלכע ווינטן און שטורעמס, ביי מיר פון די הענט אים אַרויסגעכאַפּט, און מיט אים אינאיינעם פאַרשוואונדן געוואָרן — און ניטאָ אים!

(פון „די אידישע אגדות").

שונאי ציון (סאָנעי ציון) — די פיינט פון די אידן, — דער אויסדרוק ווערט גענוצט ווען מ'רעדט שלעכטס, וואָס קען טרעפן מיט אַ נאָנטן מענטשן. **אם ירצה השם** (אים יירצע האַשעם) — אויב גאָט וועט וועלן.

דער דין־תורה מיטן ווינט

י. ל. פרץ.

אין די צייטן פון מלך שלמה האָט געלעבט אַן אלמנה, אַן אָרעמע, מיטן נאָמען שונמית.

און געלעבט האָט די אלמנה שונמית אין אַ סוכה פון אַלטע ברעטער, באַדעקט מיט „סכך” פון צווייגן און בלעטער פון פּאַלמען־בוימער, אין אַ פישער־דאָרף, ביים ברעג פון ים־הגדול.

און געשפּייזט האָט זיך די אלמנה פון שטריקן און פאַרריכטן די נעצן, פאַר די פישער אין פישער־דאָרף.

ויהי היום — איז געקומען די צייט פון ווינטן און שטורמווינטן. קיין שיפל גייט נישט אים ים אַריין, קיין נעץ ווערט נישט פאַרשפּרייט, איז די אלמנה געבליבן אָן אַ ביסן ברויט.

וועט זי דאָך נישט גיין אין די אָרעמע פישער־הייזלעך אַריין בעטן ברויט; עס פעלט אומעטום. ווענדט זי זיך ווייטער פון דאָרף.

עטלעכע מייל פון דאָרף, אין אַ גרויס הויז מיט אַ גרויסן געהויף, האָט געוואוינט אַ רייכער איד, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען מיט פעטע פעלדער, פרוכטבאַרע גערטנער און גאַנצע וועלדלעך איילבירטן, און מיט הערטן שאָף און רינדער, און מויל־טירן, און קעמלען.

הייבט זיך איינמאָל אויף די אלמנה שונמית אינדערפרי, זעט, אַז דער הימל איז אַ בייזער, די לופט — ווינטיק, פאַרשטייט זי, אַז זי מוז שוין אָנקומען צו אַ מתנת בשר ודם. באַדעקט זי זיך מיט אַן אַלטער שאַל, וואָס זי טראָגט בייטאָג און דעקט זיך מיט איר צו ביי־נאַכט, און לאָזט זיך פון דאָרט אַרויס אין וועג אַריין, צום רייכן אידן.

קומט זי קעגן מיטאָג צום געהויף, טרעפט זי דעם רייכן אידן פאַר דער טיר. גייט זי צו, בוקט זיך דריי מאָל, רירט דריי מאָל אָן מיטן שטערן די ערד פאַר זיינע פיס.

פרעגט ער זי:

— וואָס בוקסטו זיך פאַר מיר, אשה? שטיי אויף און זאָג, ווער דו ביסט און וואָס איז דיין פאַרלאַנג.

זאָגט זי אים:

— איך בין די אלמנה שונמית פון פישער־דאָרף ביים ברעג פון ים. — און דערציילט אים וועגן איר נויט: שוין לאַנג קיין ביסן ברויט

ניזשט געהאַט, און בעט אַ לעבל ברויט — די נשמה צו דערהאַלטן!
וויזט ער איר, וואָס אין געהויף טוט זיך.

— זע, אשה, אַט שפּאַנט מען ערשט מיינע קעמלען און מויל־טירן אויס. פון ירושלים קום איך . . . מיין קאַמער איז ציגנד לער. די הונדערט זעק מיטן ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי האָב איך קיין ירו־שלים אָפּגעפירט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אַריין, און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק געבויגן, זיינען פריי, אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זיינען די ברעטער, באַדעקט מיטן שטויב, וואָס מיט אים האָבן די זעק געשוויצט. דער שטויב איז הפקר. גיי אין קאַמער אַריין, וויש דיר די ברעטער אָפּ. זאַמל דעם שטויב פון ווייסן ווייצן־מעל ווי שניי, נעם אַהיים, לייג אָן פייער, קלייב שפּענדלעך אויפן וועג — און באַק דיר דיינע קיכלעך אָפּ, זאָל זיין ליבער נאָמען אריינשיקן די ברכה אין דיין שטויב פון מעל, און עס, און דערקוויק דיך, און לויב גאָט . . .

האָט די אלמנה שונמית געטאָן, ווי דער רייכער מאַן האָט איר געראָטן. האָט זי אָפּגעשאַרט און אָפּגערייניקט דעם שטויב פון מעל פון די ברעטער אין עושרס קאַמער: צוריק־צו־וועגס האָט זי פון ווינט פאַריאָגטע צווייגלעך אויפגעזוכט; אַהיים געקומען, — שוין נאַכט געווען, — האָט זי פון די צווייגלעך פייער געמאַכט, די מעל מיט וואַסער געמישט און געקנאָטן; זיינען דריי קליינע ברייטלעך אַרויס. האָט זי די דריי ברייטלעך ביים פייער קוים אָפּגעבאַקן און גאָט פאַר זיינע חסדים געלויבט. וויל זי נעמען דאָס ערשטע ברייטל צום מויל, — עפנט זיך מיט אימפּעט פלוצלונג פון דרויסן די טיר, אין בײדל פאַלט אַריין אַ מענטש מיט אַ געשריי:

— ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט! שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל ניזשט געהאַט . . . — און ער דערציילט אין דראַנג און איילעניש:

אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין זיין דאָרף. אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. אַ פייער איז פון הימל געפאַלן . . . און דער שטורם האָט דעם פייער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט . . . אַלץ איז פאַרברענט, ער איינער איז פון די פלאַמען פייער און די זיילן רויך מיטן לעבן אַרויס. אַלץ איז געוואָרן אַ רויב פאַר דער בראַנד: מאַן, ווייב און קינד, און שאָף, און רינד, און האָב און גאָב. און דריי טעג און דריי נעכט לויפט ער אַרום, פון פייער געיאָגט, פון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט . . .
דערלאַנגט אים די אלמנה דאָס ברייטל און זאָגט אים:
— נאַ . . . עס . . . און דערהאַלט די נשמה . . .

גייט דער אָנגעקומענער אַרויס און פאַרשווינדט אין דער פינצ־טערניש פון דער צוגעפאַלענער נאַכט.

דאַנקט די אלמנה זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט איר ברויט גע־שענקט, און נאָך אַ מצווה, אַ מענטשן ביים לעבן צו דערהאַלטן, באַ־שערט. און וויל דאָס צווייטע ווייסע ברייטל נעמען צום מויל.

עפנט זיך נאָכאַמאָל מיט אימפּעט די טיר, און אַ צווייטער מאַן פאַלט אין דער אלמנהס ביידל אַריין, מיט דעם זעלבן געשריי:

— ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט . . .

ער איז אַ רייכער מאַן געווען, הערטן שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּאַשעט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינדער געוואוינט, און יונגען געזונטע ביים שאָף און רינד געהאַלטן . . . פּלוצלונג זיינען בעדואינען, ווי אויף די פליגלען פון ווינט, אָנגעפלויגן אויף זייערע פערד, מיט בויגן געשפּאַנטע אין די הענט, פון אַלע זייטן זיי אַרומ־גערינגלט, מיט אַ האָגל פיילן באַשיט, די יונגען מיט ווייב און קינד געטויט, די הערטן אָפּגעפירט און מיט זיי אין ווייטן ברייטן סטעפּ פאַרשוואונדן . . . און אַז דער סטעפּ האָט אויפגעהערט אָפּצוקלינגען זייערע טריט, האָט ער זיך איינער אַ לעבעדיקער פון צווישן די טוי־טע אויפגעהויבן, און בלאָנדזשעט שוין דריי טעג און דריי נעכט אַרום אָן אַ ביסן ברויט, איידער ער איז צו איר ביידל געקומען —

— דערלאַנג, האָב רחמנות, אַ ביסן צום מויל, אַנישט, פאַל איך אַ טויטער צו דיינע פיס . . .

דערלאַנגט אים די אלמנה שונמית דאָס צווייטע ברייטל, גאָט לויבנדיק און דאַנקנדיק פאַר דער צווייטער גרויסער מצווה, וואָס ער האָט איר באַשערט.

נעמט זיך די אלמנה שונמית צום דריטן ברייטל און וויל עס שוין נעמען צום מויל. רייסט זיך פּלוצלונג אויס מיט באַנייטע כוחות פון צפון דער ווינט און רייסט איר ביידל איין. צעפאַלן זיך רעכטס און לינקס די ווענט . . . פליט ערגעץ אַוועק דער סכך. און דער ווינט רייסט ביי דער אלמנה דאָס דריטע ברייטל פון דער האַנט אַרויס און שליידערט עס אין ים אַריין . . .

און ערשט דעמאָלט שטילט זיך דער ווינט.

שטייט די אלמנה און טראַכט . . .

דער ווינט האָט זיך געלייגט. שטיל — דער ים. איבער זיין וואַסער, ווי איבער אַ שפּיגל, גליטשן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. באַלד וועט זיך אויפכאַפּן דאָס דאָרף, אָפּבינדן מיט פרייד די שיפלעך ביים ברעג, פאַרשפּרייטן נעצן . . . קינד און קייט וועט ארויסלויפן באַגלייטן די פישער. און מיט פרייד־געשרייען

רופן: אוים הונגער, געלויבט זיין ליבער נאָמען! עס וועט זיין ברויט.
אָבער נישט וועגן דעם טראַכט די אלמנה.
אַן אַנדער געדאַנק עקבערט איר מוח.
— וואָס האָט גאָט פון איר געוואָלט? וואָס האָט גאָט מיט איר געטאָן?
— איין ברייטל האָט ער ביי איר צוגענומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם פון פייער, רעכט! זאָל זיין געלויבט זיין נאָמען!
— דאָס צווייטע — פאַר אַ געראַטעוועטן פון גזלנים. אויך — געלויבט זיין ליבער נאָמען! ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען, פאַר אַ בילכערן פון איר...
— אָבער דאָס דריטע ברייטל? אויסצורייסן ביי אַן אלמנה פון מויל און שליידערן אין ים אַריין?! — דאָס איז איר אוממעגלעך צו פאַרשטיין...
און עס פאַלט איר איין, אַז גאָט ווייס גאָרנישט דערפון... אַז דאָס האָט דער ווינט אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, אָן גאָטס וויסן און קעגן זיין רצון געטאָן; להכעיס זיין ליבן נאָמען, וואָס שפּייזט אלמנות און יתומים.
אַנדערש קען נישט זיין!
און זי וועט עס דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען; זי וועט דעם ווינט פאַרקלאָגן...
פאַר וועמען? — פאַר דעם מלך שלמה.
פאַר אים וועט זי האָבן אַ דין־תורה מיטן ווינט, קיין ירושלים וועט זי גיין.
קלערט זי נישט לאַנג, פאַרדעקט דעם פּנים מיט דער צערי־סענער שאַל און לאָזט זיך אין וועג אַריין.
פאַרהונגערט איז זי און פאַרשמאַכט, נאָר דער גערעכטער צאָרן טראָגט זי אויפן וויטן וועג, און זי איז געקומען — קיין ירושלים.
קומט זי, פרעגט זי נאָך, ווייזט מען איר, וואו דער מלך שלמה הויזט, לאָזן זי די שומרים אַריין. שלמה המלכּם טירן זיינען אָפן פאַר אַלעמען. בפרט פאַר אלמנות. קומט זי אין זאַל אַריין און פאַלט פאַרן מלך שלמה.
— אדוני מלך, — זאָגט זי — אַ דין־תורה האָב איך.
— מיט וועמען? איך זע, דו קומסט אַליין.
— מיטן ווינט. — ענטפערט די אלמנה; און הייבט צו אים דעם פּנים אויף און דערציילט אים איר טענה.
— גוט, — ענטפערט דער מלך שלמה — דיין פּנים איז דיין עדות:

ער איז מיד, און אין דיינע אויגן ברענט דער הונגער. וועסטו דיך קודם־כל דערפרישן. זעץ זיך דערוויל, אשה, אין אַ ווינקעלע, מע וועט דיר דערלאַנגען ברויט און ווין; עס, טרינק, דערהאַלט דיין נשמה. דערנאָך וועסטו הערן דעם פּסק.

גייט זי אַפּ אין אַ ווינקעלע. דערלאַנגט מען איר ברויט מיט ווין און דערוויל קומען דריי פרעמדע מענער אַריין. דריי פרעמדע מענער מיט זעקלעך אויף די אַקסלען. צום מלך שלמה דאַרפן זיי.

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, פרעמדע מענער? און וואָס טראָגט איר אין די זעקלעך אויף אייער אַקסל?

דערציילן די מענער אַזאַ געשיכטע:

ישמעאלים סוחרים זיינען זיי. האַנדלען מיט צירונג טייערע און כלים, און בשמים די טייערסטע. זיינען זיי זאַלבעדריט געפאָרן אין אַ שיפל איבערן ים . . . ווינטן זיינען געווען, אומרואיק איז געווען דער ים, זיינען זיי אָבער שטאַרקע און געניטע לייט, שרעקן זיך פאַר קיין ווינטן נישט, שווימען זיי וואַל־ארויף, וואַל־אַראָפּ . . .

האָט אָבער איינמאָל פאַרנאַכט אָנגעהויבן דאָס שיפל צו נעצן... געלעכערט איז ערגעץ געוואָרן, און מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן איז נישטאָ. שרייען זיי, אפשר וועט מען דערהערן פון ברעג און קומען צו הילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאַפּט זייערע געשרייען און צעוואַרפט איבערן ים, די וואַלן כאַפּן אויף די קולות און אַנטלויפן מיט זיי אין דער נאַכט אַריין . . .

און דאָס שיפל נעצט און הויבט אָן צו זינקען . . .

שרייען זיי צו גאָט, צו זייער גאָט, ער הערט נישט! רופן זיי צו אַנדערע געטער, צום גאָט פון מואב, צום גאָט פון פלשתים, צו אַנדערע געטער. קיינער ענטפערט נישט. האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָ נאָך אַ גאָט, אַ גאָט פון ישראל . . . פּרואוון זיי:

— גאָט פון ישראל, ענטפער אונז אין דער נויט!

און אַ נדר טוען זיי:

— דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס מיר האָבן געלייזט, גיבן מיר דיר אָוועק פאַר אונזערע נפשות, נאָר ראַטעווע אונז! ראַטעווע, גאָט פון ישראל . . .

און אין דער רגע האָט זיך אַ שטאַרק געטאָן דער ווינט, עפּעס פון ברעג אין שיפל אַריין, מיט אַ געוואַלטיקן כוח אַריינגעשליידערט: פונקט אין לאָך פון שיפל אַריין, און האָט עס פאַרשטאָפּט.

און באַלד האָט זיך געלייגט דער ווינט, און מיר זיינען בשלום צוגעשוואומען צום ברעג . . .

האָבן מיר ביי לייטן זיך נאָכגעפרעגט:

— וואו הויזט דער אידישער גאָט? מיר ווילן אונזער נדר מקיים זיין!

זיינען מיר מיט אונזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאַסן די מענטשן אויסגעפרעגט: וואו איז אייער גאָט? מיר ווילן אים זען. האָבן לייט אונז געענטפערט, אַז דעם גאָט פון ישראל זעט מען ניט . . .

— מיר דאַרפן אים דאַנקען, כבוד אָפּגעבן, און אַ מתנה דער־לאַנגען . . .

האָבן זיי מיט די אַקסלען געדריקט; אַנדערע האָבן אונז אויס־געלאַכט . . .

און עלטערע לייט, וואָס מיר האָבן באַגעגנט און זיי זיך פאַרטרויט און אַן עצה געפרעגט: וואָס טוט מען מיט אונזער נדר? — האָבן זיי קיין באַשייד נישט געוואוסט. נאָר איינער פון זיי, דער עלטסטער, האָט אונז געראַטן, מיר זאָלן זיך ווענדן, גרויסער האַר און מלך, מיט דער שאלה צו דיר: דו ביסט, האָבן זיי געזאָגט, דער קליגסטער אויף דער גאַנצער וועלט, און דו וועסט וויסן אונז צו ראָטן, ווי אַזוי אונזער נדר מקיים צו זיין, צו טאָן מיטן גאָלד און זילבער לויט דעם ווילן פון גאָט פון ישראל.

האָבן זיי געענדיקט און געבוקט זיך, און דער מלך שלמה פרעגט:

— האָט איר, פרעמדע לייט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט אייך פון ברעג אין שיפל אריינגעשליידערט, מיט וואָס ער האָט דאָס לעכל פאַרשטאָפּט, איר זאָלט נישט אונטערגיין?

— מיר האָבן געזען, גרויסער מלך! אַרויסגענומען און גוט באַ־טראַכט: אַ קליין ברייטל איז עס געווען, אַ ווייך, נישט דערבאַקן ברייטל. מיר האָבן עס געברענגט דיר צו ווייזן, מלך . . .

און דער עלטסטער נעמט דאָס ברייטל פון בוזעם אַרויס און ווייזט עס —

רופט צו דער מלך שלמה די אלמנה שונמית און פרעגט, צי זי דערקענט נישט, צי איז עס נישט איר ברייטל? — דערקענט זי: מיין ברייטל. —

פסקנט דער מלך שלמה, מע זאָל איר געבן די דריי זעקלעך גאָלד און זילבער. טוען אַזוי די לייט, דאַנקען און גייען.

און צו דער אלמנה ווענדט זיך דער מלך שלמה:

— נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער! עס איז דיין! דאָס האָט דיר גאָט פאַר דיין דריט ברייטל באַצאָלט, און זיי וויסן, אַז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס; אַז אַלץ געשעט לויט זיין ווילן, און אַז נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט.

מיגיע כפיה (מיגיאַ קאַפּעאָ) — פון דער מי פון אירע הענט, פון איר אייגענער האָרעוואַניע. **מתנת בשר ודם** (מאַטנאַס באָסאָר וואָדאָם) — די מתנה פון אַ מענטשן, צדקה. **ושונא מתנות יחיה** (וועסוינעי מאַטאָנעס ייכיע) — „און דער וואָס פאַרהאַסט מתנות דער וועט לעבן". **זוכה זיין פון הפקר** (זויכע, העפקער) — נעמען און געניסן פון דעם וואָס איז פאַרלאָזט, אָן אַ בעל הבית, פריי פאַר אַלעמען. **פאָרכטן** — מורא האָבן. **לער** — ליידיק. **שרפה** (סרייפע) — פייער. **באַשערט** — באַשטימט, צוגעשיקט. **בתשואת חן** (ביטשואַס כיין) — מיט דאַנקבאַרקייט, מיט צופרידנקייט. **עגבערט** — דרייט. **בילכערער** — וויכטיקערער, איינער וואָס דאַרף נויטיקער ווי.... **פאַרשמאַכט** — פאַרחלשט פון הונגער. **אדוני המלך** (אַדוינִי האַמיילעך) — מיין האַר קעניג. **פסק** — אורטייל (Judgment). **בשמים** (בסאָמים) — Spices. **זאָלבעדריט** — אין דרייען. **נדר** (ניידער)— צוזאָג. **מקיים זיין** (מעקייעם) — דערפילן. **באַשייד** — דערקלערונג.

אליהו הנביא

מאַני לייב.

פול זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און טרויער,
און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער,
און אין אַ פּעלצל פאַרשטעלט ווי אַ פּויער, —
גייט אליהו דורך אָרעמע שטיבער.

האָבן די בליצן געפלאַקערט ווי שלאַנגען,
דונערן האָבן געברומט ווי די לייבן,
איז צו דעם וואַלד אליהו געגאַנגען,
הויך זיינע הענט צו דעם הימל געהויבן.

— בוימער און חיות און תהומען,
מענטשן און ווערים, געאַכפּערט און הייליק! —
זינגט אַ געזאַנג צו זיין אייביקן נאָמען!
קדוש, — אַז הייליק, אַז הייליק, אַז הייליק!

גייט ער אין וואַלד ניט אויף מענטשישע שטעגן.
ברענט דאָרט אַ בוים פון אַ דונער געטראָפן.
ליגט דאָרט אַ וואָלף פון דעם דונער, — ווי רעגן
לעבעדיק בלוט פון זיין וואונד איז געלאָפן.

— ער האָט פאַר פייער באַשאַפן די בוימער,
וואַרעמקייט געבן דער וועלט מיט די קינדער;
ער האָט באַשאַפן דעם וואָלף מיט דעם שומר
פרואוון די שטילינקע שאָף מיט די רינדער!

— ! וועלפעלע, וויין ניט, דו בייזינקער פעטער
גלעט ער דעם קראַנקן און שטילט זיינע וואונדן,
און מיט אַ קרייטעך און הייליקע בלעטער
האָט ער די אָפענע וואונדן פאַרבונדן.

און פאַרן וואָלף שטייט ער לאַנג נאָך געבויגן,
בענטשט מיט אַ וואָרט, אַז געזונט זאָל ער ווערן.
און ביי דעם וואָלף — ניט קיין וועלפישע אויגן —
ווי ביי אַ קינד מיט געלייטערטע טרערן.

און אין אַ פעלצל פאַרשטעלט ווי אַ פויער,
און אויף די ליפּן אַ שמייכל אַ ליבער,
און זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און טרויער
גייט ער צוריק צו די אָרעמע שטיבער.

געאַכפּערט — געשעצט, פאַרהיוליקט. שומר — (שוימער) — היטער.

אויב נישט נאָך העכער

י. ל. פּרץ.

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתי-מדרשים, נישט ביי אַ מנין, און אין דער היים אוודאי און אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען, — געגנבעט ביים רבין האָט מען נישט, — אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קאָן זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימל! וויניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים-נוראים צו פאַרזאָרגן? אידעלעך, קיין עין-הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרוים, און דער שטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, און ער זעט און פאַרקלאָגט און מסרט... און — ווער זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר ספרים האַלטן זיי וויניק, דער־פאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש"ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק אַ בפירושע גמרא, — די אויגן שטעכט ער אוים: אפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבן נישט געקענט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפחים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— וואו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציט די אַקסל, און תוך־כדי-דבור (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מיישב צו דערגיין די זאַך.

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות-צייט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה; לערנט ער זיך אויסווייניק אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן אַ צייט. ער הערט אים שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן ווייס וויפל צער פאַר כל ישראל, וויפל יסורים ס'האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אייזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך; דער רבי, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הויבן אָן סקריפּען . . . ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן, ווי מע מורמלט אַ אידיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין אַ קליין ביסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז אים שוין אויפגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין, און סליחות־צייט, פאַרטאָג, אַליין אין אַ שטוב...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט.

ענדלעך שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף.

פריער טוט ער, וואָס אַ איד דאַרף טאָן. דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווייזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סער־מיענגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברייטן, לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סערמיענגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק... פון אַ פויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאָס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

אַ שטילער, ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענצטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטן פון די גאַסן, אין די שאָטנס פון די הייזער. פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס, און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט ווי זיין אייגן האַרצקלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון׳ם רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער און קומט צוזאַמען מיטן רבין אוים דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאַכט אַ דרייסיק־פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ בוימל; און דער ליטוואַק ווערט נבהל ונשתומם, זעענדיק ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאָס די האַק און שלאָגט אין בוימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט ווי דאָס בוימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס בוימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס, די ליפּעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינ׳ם פּאָס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַריין.

אין אַ הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ ביי אַן אָרעם, האַלב־איינגעבראָכן הייזל און קלאַפּט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ אידענע, פון אַ קראַנקער אידענע.

— יאָ! — ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאָ? — פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאלארוסיש לשון: וואסיל!

— וואס פאר א וואסיל, און וואס ווילסטו, וואסיל?

— האלץ — זאגט דער פארשטעלטער וואסיל — האב איך צו פארקויפן! זייער ביליק. בחצי חינם האלץ!

און נישט ווארטנדיק אויף א תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אריין.

דער ליטוואק גנבעט זיך אויך אריין און, ביים גרויען ליכט פון פריען מארגן, זעט ער אן ארעמע שטוב; צעבראכן, ארעם כלי-בית. אין בעט ליגט א קראנקע אידענע, פארוויקלט מיט שמא-טעס, און זי זאגט מיט א ביטער קול:

—קויפן? מיט וואס זאל איך קויפן? וואו האב איך, ארעמע אלמנה, געלט?

— איך וועל דיר בארגן! — ענטפערט דער פארשטעלטער וואס-סיל — איינגאנצן זעקס גראשן!

— פון וואנען וועל איך דיר באצאלן? — קרעכצט די ארעמע אידענע.

— נארישער מענטש, — מוסרט זי דער רבי — זע, דו ביסט אן ארעמע קראנקע אידענע, און איך געטרוי דיר דאס ביסל האלץ; איך בין בטוח, אז דו וועסט באצאלן; און דו האסט אזא שטארקן, גרויסן גאט און געטרויסט אים נישט... און האסט אויף אים אויף נארישע זעקס גראשן פארן בינטל האלץ קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? — קרעכצט די אלמנה — איך האב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער ארבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך, — זאגט דער רבי.

און, ארייגלייגנדיק דאס האלץ אין אויוון, האט דער רבי, קרעכצנדיק, געזאגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון...

און אז ער האט אונטערגעצונדן, און דאס האלץ האט פריילעך געברענט, האט ער געזאגט, שוין א ביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט, און ער האָט די בלעך פאַרמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הויבט זיך אויף, סליחות-צייט, יעדן פרימאָרגן, און פליט אַרויף אין הימל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

סליחות — תפילות, וואָס מ׳זאָגט די נעכט פאַר ראש-השנה און צווישן ראש-השנה און יום-כיפור. **ליטוואַק** — די ליטוואַקעס זיינען געווען באַקאַנט אַלס געגנער פון די חסידים — מתנגדים (מיסנאַגדים). **מוסר ספרים** — ספרים וועגן פרומקייט און מאָראַל, מיט וועלכע די חסידים פלעגן זיך פיל אָפּגעבן. **ש״ס** (שאַס) — ששה סדרים — די זעקס אָפּטיילונגען פון תלמוד. **ופוסקים** (אופּאָסקים) — די אויסטייטשונגען צו די געזעצן. **בפירושע** (בעפיירעשע) — קלאָרע. **טפחים** (טפאָכים) — טפח — אַ מאָס, די ברייט פון אַ האַנט. **דאגה** (דייגע) — זאָרג. **תוך כדי דבור** (טאָך קעדיי דיבער) — גלייך, אין סאַמע מיטן רעדן. **זיך מיישב** (מעיאַשעוו) — באַטראַכטן זיך. **מסכתא** (מעסיכטע) — אַ באַנד אָדער אַ בוך פון גמרא. **פלודערן** — הויזן. **סערמיענגע** — פּויערישער מלבוש פון פּראָסטן שטאָף. **נבהל ונשתומם** (ניוואַהל ווענישטוימעם) — שטאַרק איבערראַשט. **„יאָ״** — „איך״. **„קטאָ יאָ״?** — „ווער איז דער איך״? **בחצי חינם** (בעכאָצי בינאָם) — האַלב אומזיסט. **תשובה** (טשווע) —ענטפער. **בטוח** (באָטועך) — זיכער. **ביטחון** (ביטאָכן) — גלויבן, צוטרויען. **פיזמון** (פּיזמען) — רעליגיעז ליד.

דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג

ש. אַש.

איבער דעם געדרייטן, געשלענגלטן וועג, וואָס פירט בערגלעך־אַרויף און טאָלן־אַראָפּ, לענגאַס מיט דעם טייכל טאַבער, שלייכט זיך אַ איד, איינער אַליין, אַ הויכער און אַ שיינער, מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און אַ גרויס, גרוים געזיכט, אַן אויסגעשטערנטעס.

דאָס פּעקל אָנגעבונדן אויף דער פּלייצע און דעם שטעקן אין דער האַנט, גייט ער איינזאַם איבער דעם איינזאַם־פאַרווילדעוועטן, מיט דערנער און גראָזן פאַרוואַקסענעם, וועג; איז צופרידן, ווען קיינער באַווייזט זיך נישט אויפן וועג. דענסטמאָל איז ער מיט גאָט אַליין, קלערט ער וועגן אַ האַרבער שאלה, וואָס האָט אים אָנגעפרעגט דורך אַ שליח אַ רב פון וואָרמס, פון מיינץ אָדער פון אַן אַנדער דייטשישער שטאָט; אָדער גאָר פון די ווייטע, ווייטע מקומות פונ׳ם לאַנד פּוילן, וואו אידן האָבן געפונען לעצטנס אָפּרו, האָט מען אים אַ שאלה געפרעגט, און מע וואַרט דאָרט אויף אַ תשובה.

באַווייזט זיך אָבער ווער אויפן וועג: אַ רייטער קומט אָן צו רייטן, אָדער אַ לאַנדס־קנעכט, אָדער ווער אַנדער, קערט דער רב אָפּ אַן אַ זייט, באַהאַלט זיך אוים אין אַ נאָענט וועלדל, אָדער אין אַ קוסט, אָדער גאָר אין אַ גרוב, ביז דער פרעמדער איז דורכגעריטן. דאַן קריכט דער איד אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און גייט ווייטער פרייליך אויפן וועג, צוזינגנדיק זיך קאַפּיטלעך תהילים, אָדער לער־נענדיק אַ בלאַט גמרא, אָדער פאַרענטפערנדיק אַ האַרבע שאלה.

קיין ספרים באַדאַרף ער נישט. וואָס ער קען, האָט ער אויסגע־לערנט פון אויסנווייניק, און ווייס, וואו איטלעכעס אות און יעדעס וואָרט אויפן דף געפינט זיך.

פּלוצלונג, ווי עס גייט אַזוי דער איד, פאַרקלערט טיף אין אַ האַרבן ענין, קומט אים אַנטקעגן צו רייטן אַ ריטער, באַקליידט אין שטאָל און אייזן פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ הויכן לאַנגן שפּיז אין האַנט.

פון הינטן רייטן אים נאָך זיינע קנעכט.

דער איד וויל אַראָפּ פון וועג, אַריין אין וועלדל, נאָר עס איז שוין צו שפּעט. דער רייטער האָט אים שוין באַמערקט פון דערווייטנס.

— האַלט, איד!

און באַלד כאַפּן אים אָן צוויי קנעכט ביי ביידע הענט און פירן אים פאַרן ריטער.

— וואו אַהין גייט אַ איד?

— דאָס גיי איך אין דעם הייליקן לאַנד. איך האָב זיך פאַר־בענקט נאָך דער הייליקער שטאָט ירושלים, איידעלער ריטער! — ענטפערט אָפּ דער רב אונטערטעניק.

— די אידן פון בייערן־לאַנד זיינען דאָס אייגנטום פון זיין גנאדן, לודוויג דעם קעניג פון בייערן. ווי אַזוי האָסטו געוואגט דעם קעניגס לאַנד צו פאַרלאָזן?

און דער רייטער באַפעלט, און די קנעכט בינדן אָן דעם אידן ביים עק פון רייטערס פערד, און דער ריטער שלעפּט אים מיט זיך מיט אין דער באַפעסטיקטער שטאָט פון ראָטענבורג, אויף וועלכן וועג ער געפינט זיך, און גיט אים איבער צום בורג־הערצאָג פון ראָטענ־בורג.

באַלד ווערט דער איד געפירט אין איינער פון די פילע טורמעס פון דער ראָטענבורגער מויער, וואָס איז אַרום דער שטאָט, ווערט איינגעשלאָסן אין „שטראַפע־טורם" און וואַרט אויף זיין משפט.

* * *

עס ווערן די אידן פון ראָטענבורג געוואָר דורך דעם טורעם־וועכ־טער, אַז אין דער שטאָט־מויער געפינט זיך אַ איד. ברענגען זיי כשר עסן, און גנבענען זיך אונטער דעם טורעם אונטער, און דורך אַ גע־היימען שליח דערלאַנגען זיי אים דאָס עסן.

דער פרעמדער איד שיקט זיי אַ קוויטל אַרויס, אַז זיי זאָלן זיין ווייב מיט די קינדער אָנזאָגן, אַז דער מהר"ם איז אויפן וועג קיין ירושלים פון אַ ריטער געפאַנגען געוואָרן און געפינט זיך אין אַ טורעם.

ווי די אידן פון ראָטענבורג האָבן דערהערט, ווער עס איז דער געפאַנגענער איד אין טורעם, אַזוי האָבן זיי שליחים איבער דער וועלט געשיקט קיין וואָרמס, קיין מיינץ, קיין ספּייער און אַנדערע קהילות פון מדינת אשכנז. און נאָך ווייטער איז דער געהער דורכ־געגאַנגען — ביז די אידן פון איטאַליע און פראַנקרייך.

און צו די אידן פון מדינת פּוילן איז אויך דערגאַנגען, אַז דער גרויסער רב, דער גרעסטער גאון פון זיין צייט, דער מהר"ם, איז גע־פאַנגען אין שטאָט־טורעם פון ראָטענבורג.

און אידן פאַרקויפן פּערל און בריליאַנטן און טייערע שטיינער, און באָטן אָן אַ גרויס אויסלייז־געלט דעם קעניג פאַר דעם טייערן געפאַנגענעם.

עס הערט דער קיניג, ווען ער האָט אין זיין נעץ געפאַנגען, און יעדע סומע איז אים צו ווייניק, יעדער איידלשטיין, יעדעס גע־האַמערטע שטיק גאָלד צו קליין, יעדע יואוול צו ביליק פאַר דעם קאָפּ פון טייערן געפאַנגענעם.

— ברענגען זאָלן זיי אים פאַר דעם טייערן קאָפּ פון הייליקן רב יואוועלן אַזויפיל, — אויסצוהעפטן מיט זיי אַ קירכנקלייד; און פּערל אַזעלכע זעלטענע, אויסצוזעצן אין בלוט־קרייץ, וואָס געפינט זיך אין „יאַקאָבס קירכע" אין ראָטענבורג; און גאָלד אַזויפיל, אויפ־צובויען אַ „דאָם" אין זיין הויפּטשטאָט.

און פלייסיק זאַמלען די אידן פון איטאַליע, פון לאָטארינגען, פון מדינת אשכנז און מדינת פוילן שטיין און יואוול, גאָלד און זילבער.

* * *

אָבער עס הערט דער געפאַנגענער רב פון דעם טייערן פּרייז, וואָס דער קיניג האָט פאַר זיין גוף געשטעלט, און זיין האַרץ ווערט צעשניטן פאַר דעם אידנס אויסגעבלוטיקטן גראָשן.

אידן דאַרפן האָבן שטיין און יואוול פאַר אַ שלעכטער צייט, ווען מע וועט באַדאַרפן דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט נעמען און פון שטאָט אַרויסגיין. און וואָס איז ז י י ן זינדיקער גוף ווערט, אַז צוליב אים זאָל מען אַזויפיל געלט אויסגעבן?

און אַ חרם לאָזט ער אויסרופן פון די שמאָלע קליינע פענצטערלעך פון דעם שטראָף־טורעם, אין דער ראָטענבורגער מויער:

— קיינער זאָל ניט וואָגן אים אויסצולייזן! דאָ אין מויער וויל ער זיצן זיין לעבן לאַנג. און קיין קיניג זאָל קירכן בויען פון אידישע פאַרמעגנס!

עס דערגייט צו דער אידישער וועלט, ווי ווייט און ברייט זי איז נאָר פאַרשפּרייט, דאָס וואָרט פון הייליקן רבין.

און עס בלייבט איבער דער רב אַליין אין זיין איינזאַמקייט.

איינגעמויערט אין טורעם פון דער שטאָט־מויער פון ראָטענבורג, זיצט ער דאָרט ביים שמאָלן קליינעם פענצטערל און קוקט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס שטייט קעגנאיבער דער שטאָט, אויף דעם טיפן טאָל, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט און אויף דעם שטילן קוועלנדן טייכל, וואָס שלענגלט זיך אין דעם טאָל אַרום דער שטאָט — דעם טאַבער.

אין געהיים האָבן די אידן אין טורעם אַריינגעשיקט זיין כשר עסן. אין געהיים האָבן זיי אים ספרים אַריינגעשיקט, אין וועלכע

ער האָט געלערנט ביים ליכט פון די שטערן און לבנה, און פאַרמעט און פעדערן, זיינע ספרים צו שרייבן.

* * *

און די אידן פון דער גאַנצער וועלט, וואו זיי זיינען נאָר פאַרשפּרייט, האָבן צו דעם געפאַנגענעם אין דעם ראָטענבורגער טורעם געשיקט זייערע הארבע שאלות, אַז ער זאָל זיי פּסקענען, ער זאָל משפּטן.

און פון טורעם אַרויס האָט דער גרויסער רב געמשפּט די אידן פון דער גאַנצער וועלט. וואו אַ רב, וואָס ער האָט געהאַט אַ הארבע שאלה צו פרעגן, פון די ווייטסטע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון איטאַליע ביז פּוילן, פון לאַטוויע ביז צו די ווייטע שטעט פון אוקראַינע, — האָבן אַלע געשיקט זייערע שאלות צו דעם געפאַנגענעם רב אין טורעם.

ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין טורעם.

ער איז געשטאָרבן אין טורעם. זיין קערפּער איז דאָרט געלעגן אויפבאַוואַרט אין זיין געפענגעניש-צעל פערצן יאָר נאָך זיין טויט. ביז עס האָט זיך געפונען אַ פראַנקפורטער איד, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַ גרויסע מצוה פאַרדינען, און ער האָט פאַר זיין קערפּער געגעבן גרויס אויסלייז-געלט, און האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל אויפן וואָרמסער בית-עולם, וואו זיין מצבה שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

שלייכט זיך — גייט פּאַמעלעך, שלעפּט זיך. שאלה (שיילע) — פראַגע וועגן אַ דין. מקומות (מעקוימעס) — ערטער, פּלעצער. תשובה (טשוווע) — ענטפער. דף (דאַף) — זייטל. ענין (איניען) — פּראָבלעם. ריטער — Knight. מהר״ם (מאַהאַראַם) — מורנו הרב מאיר. קהילות (קעהילעס) — געמיינדעס (Communities). מדינת אשכנז (מדינאַס אַשקענאַז) — דייטשלאַנד. גאון (גאָען) — זייער גרויסער געלערנטער. יואוול — Jewel. חרם (כיירעם) — שטרענגער פאַרבאָט מיט דער קראַפט פון רעליגיעזער אויטאָריטעט. פּסקענען (פּאַסקענען) — באַשטימען, אַרויסגעבן אורטיילן. אויפבאַוואַרט—גאַנץ אויפגעהאַלטן Preserved.

משיח דער דערלייזער

פ. היילפּערין.

א

די גאָרע וועלט וואַרט, אַז עס זאָל קומען משיח און אויסלייזן די וועלט פון צרות. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועלן ניט זיין קיין אָרעמע און רייכע, קיין שוואַכע און שטאַרקע, קיין באַצווינגער און אונטערדריקטע. וועלן אַלע טויטע — לעבעדיק ווערן, אַלע טרערן — אָפּגעווישט ווערן, אַלע ווייטיקן — געגעזן ווערן. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועלן אַלע פּוסטע ביימער פרוכט געבן, אַלע וויסטע ערטער — מיט בלומען בליען, אַלע טאָג — די זון שיינען. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועט דער לייב ווי די קו עסן גראָז, און דער וואָלף וועט זיך פּיטערן צוזאַמען מיטן שעפּל, און אַ קליין אינגל וועט זיי אין פעלד אַרומפירן. משיח וועט ברענגען דאָס גליק אויף דער ערד.

וואַרט די גאָרע וועלט, אַז משיח זאָל קומען. קומט ער ניט היינט — וועט ער קומען מאָרגן. און אויב ער קומט מאָרגן אויך ניט, היט מען דאָך די גאָלדענע האָפנונג אין הארצן און מען וואַרט מיט געדולד, מיט געדולד.

ב

האָבן צוויי בחורים געלעבט אויף דער וועלט און זיי האָבן קיין געדולד ניט געהאַט. יונגע זיינען זיי געווען, הייסע הערצער האָבן זיי געהאַט. דאָס גליק פון דער וועלט האָט פאַר זיי אין חלום, ווען זיי זיינען געשלאָפן, און אין דמיון, ווען זיי האָבן געוואַכט, מיט אַזעלכע בלאַנקע פאַרבן געשיינט, מיט אַזאַ שטאַרקן כישוף די נשמות זייערע געפאַנגען, אַז זיי האָבן דעם אומגעדולד זייערן ניט געקענט גובר זיין. זיי האָבן ניט געוואָלט וואַרטן.

— זאָל שוין קומען דער שיינער, דער ליכטיקער משיח, און מיט אים צוזאַמען — דאָס גליק פון דער ערד! — האָבן זיי געוואָלט.

— סיידן ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז דאַ ליידט מען צרות אויף דער ערד, — זיינען זיי ברוגז געווען.

אויב ער אַליין קומט ניט, און מענטשן ווייסן דעם וועג ניט, ווי צו אים צוצוקומען, דאַרף מען זיך לאָזן זוכן! — האָבן זיי באַשלאָסן.

האָבן די בחורים פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און קרובים, רבי און חברים, היים און בית־מדרש, און זיינען אַוועק זוכן דעם וועג צו משיחן, ברענגען אים, ווייל ס'איז שוין צייט, די וועלט זאָל פון צרות דערלייזט ווערן.

ג

זיינען די בחורים אַוועק, זיינען זיי געגאַנגען איבער וועגן און שטעגן, און ניט מיד געוואָרן; פאַרביי שטעט און פאַרביי דערפער —און זיך ניט אָפּגעשטעלט; דורך פעלדער און דורך וועלדער — און זיך ניט אָפּגעשראָקן. וואו זיי האָבן געטאָגט — האָבן זיי ניט גענעכטיקט. און וואו זיי האָבן גענעכטיקט — האָבן זיי ניט געטאָגט. ביז זיי זיינען אַדורך אַלע וועגן און שטעגן, אַלע פעלדער און וועלדער, אַלע שטעט און דערפער, און געקומען צו דעם גרויסן ווילדן מדבר. און דאָ איז קיין וועג ניט געווען, דאָ האָט קיין מענטש ניט געלעבט, און ביי וועמען צו פרעגן, ווי ווייטער צו גיין, האָבן די בחורים ניט געהאַט. נאָר איין דאַרער בוים איז געשטאַנען, מיט צעבראָכענע צווייגן און מיט צעפּלאַצטער קאָרע.

האָט די ווידסטעניש דעם ווילן פון די בחורים ניט אָפּגעשראָקן, די היץ פון זייער האַרצן ניט אויסגעקילט. אומקערן זיך אַהיים אָן משיחן האָבן זיי ניט געוואָלט; זען טאַטע־מאַמע, איידער די וועלט איז דערלייזט, האָבן זיי ניט געטראַכט.

ד

האָבן די בחורים זיך צו דעם דאַרנבוים געווענדעט:

— בוים, דו בוים! ז'יך באַשווערן מיר, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן!

האָט דער בוים געטאָן אַ קנאַק מיט די דאַרע צווייגן, אַ ציטער — מיטן טרוקענעם שטאַם און אָנגעהויבן רעדן:

— די אומברחמנותדיקע זון האָט מיך געברענט, דער בייזער ווינט האָט אויף מיר זאַמד געשאָטן, דער וואָלקן האָט מיר קיין רעגן ניט געשיקט, דער פאַרנאַכט — קיין טוי ניט געבראַכט. בין איך פאַרדאַרט געוואָרן, צעטריקנט שטיין געבליבן. איך אַליין וואַרט אויף משיחן, ער זאָל קומען, אַלדאָס בייז פון דער וועלט אָפּרוימען, אַלדאָס גליק אויף דער וועלט ברענגען, אַלע קראַנקע היילן, אַלע טויטע לעבעדיק מאַכן. נאָר דעם וועג צו אים ווייס איך ניט. גייט רעכטס, נאָכדעם לינקס, וועט איר קומען צו אַ קוואַל. דאָרט פליצן פרישע וואַסערן פון דער ערד, וואַקסן גרינע גראָזן, בליען שיינע

בלומען, דאָרט איז לעבן. אפשר ווייס דער קוואַל עפּעס, וועט ער אייך זאָגן.

ה

זיינען די בחורים געגאַנגען — רעכטס, נאָכדעם לינקס, ווי דער בוים האָט זיי געזאָגט. זייערע פיס האָבן געזונקען אין טיפע זאַמדן, און זייערע לייבער האָבן זיי פאַרוואונדעט אָן שאַרפע דערנער, נאָר זייער ווילן איז ניט געמינערט געוואָרן, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ קוואַל, וואו ס׳האָבן געפּלייצט פרישע וואַסערן פון דער ערד, און בלומען האָבן געבליט, און פייגל האָבן געזונגען. האָבן די בחורים געזאָגט צו דעם קוואַל:

— קוואַל, דו קוואַל! מיר באַשווערן דיך, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן!

האָט דער קוואַל געטאָן אַ ציטער מיט זיין גלאַטקייט און אַ שעפּטשע — מיט זיינע כוואַליעס, און אָנגעהויבן רעדן:

— שלאַנגען און עקדישן האָבן זיך באַזעצט אויף מיין גרונט און צעבויטן מיר מיין ריין וואַסער פון אונטן, און די ווינטן פון דעם מדבר פאַרשיטן מיך מיט שטויב און מיט זאַמד, באַטריבן מיר מיין ריין וואַסער פון אויבן. און דער רויבער דער שפּאַרבער וואַשט זיין פאַרבלוטיקטן שנאָבל אין מיר ביי טאָג, און די רויבערן די סאָווע — איר פאַרבלוטיקטן שנאָבל ביי דער נאַכט. בין איך טונקל, בין איך טריב, בין איך אומריין. איך אַליין וואַרט אויף משיחן, ער זאָל קומען, אַלדאָס אומריינקייט פון דער וועלט אָפּרוימען, אַלדאָס שיינ־קייט אויף דער וועלט ברענגען, אַלע טריבע — לויטער מאַכן. נאָר דעם וועג צו אים ווייס איך ניט. גייט רעכטס, נאָכדעם לינקס, וועט איר קומען צו אַ באַרג, דאָרטן הויבן זיך פעלזן ביזן הימל, טיפן זיך טאָלן ביזן אָפּגרונט, ציען זיך היילן ביז דעם האַרצן פון דער ערד. דאָרט שוועבן אַלע סודות אין די שאָטנס — אפשר ווייס דער באַרג עפּעס, וועט ער אייך זאָגן.

ו

זיינען די בחורים געגאַנגען — רעכטס, נאָכדעם לינקס, ווי דער קוואַל האָט זיי געזאָגט. זייערע פיס האָבן געשטרויכלט אין גריבער און זיך צעשלאָגן אָן שטיינער, נאָר זייער ווילן איז ניט שוואַכער געוואָרן, און זייער גרייטקייט אַלץ איבערצוטראָגן איז געווען גאַנץ און פריש, ווי אין דעם ערשטן טאָג, וואָס זיי זיינען אַרויס פון דער היים. זיינען זיי געקומען צו אַ הויכן באַרג, וואָס איז געשטאַנען

אויפֿן גרענעץ פֿון דעם מדבר. ביזן הימל האָבן זיך געהויבן די שפּיצן פֿון דעם באַרג, און ביזן אָפּגרונט האָבן זיך געטיפֿט זיינע טאָלן. האָבן די בחורים צו אים געזאָגט:

— באַרג, דו באַרג! מיר באַשווערן דיך, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן.

האָט דער באַרג אויסגעגלייכט זיין שטאָלצן רוקן, אַראָפּגעשאַרט די וואָלקנס פֿון זיין פּנים און אָנגעהויבן רעדן:

— אויף דער ברוסט פֿון דער ערד שטיצן זיך מיינע קנעכלעך, אין האַרצן פֿון הימל איז איינגעשפּאַרט מיין קאָפּ. אַלע סודות פֿון הימל און פֿון ערד זיינען באַהאַלטן אין מיינע אינגעווייד. אַלע וואונדער הויערן אויף מיינע וועגן. איך עפֿן זיי פֿאַר אייך. גייט, זוכט, פֿאָרשט, נישטערט. ווער עס האָט מוט, יענער קאָן אין מיר געפֿינען אַלץ, וואָס ער דאַרף.

ז

זיינען די בחורים געגאַנגען, האָבן געקלעטערט, זיך געדראַפּעט באַרג אַרויף און טאָל אַראָפּ; איבער שטייפֿע פֿעלזן, איבער טיפֿע אָפּגרונטן, איבער גלייכע ווענט. האָבן זיך צעריסן די פּיאַטעס און די קני און די הענט אָן שאַרפֿע שטיינער. נאָר זייער מוט איז ניט געפֿאַלן, און זייער ווילן — ניט קלענער געוואָרן. זיי זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער, געקלעטערט אַלץ העכער, פֿאַרגאַנגען אַלץ טיפֿער און אַלץ ווייטער, און אַלע וועגן זיינען זיי דורכגעגאַנגען, און אויף איינעם פֿון די וועגן געפֿונען אליהו הנביא.

האָבן די בחורים זיך געבוקט פֿאַר אליהו הנביא און געזאָגט:
דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן!

האָט אליהוס פּנים אָנגעהויבן שיינען מער ווי די זון. ער האָט געזאָגט:

— דריי טויזנט יאָר זיץ איך איבער דעם שפּיץ פֿון דעם באַרג. איך קוק אַראָפּ אין דער נידער צו דער ערד, זע די צרות פֿון דער וועלט, הער די זיפֿצן פֿון די, וואָס וואַרטן אויף דערלייזונג, און קיינעמס האַרץ צעפֿלאַמט זיך ניט מיט אומגעדולד, און קיינעמס ווילן צינדט זיך ניט אָן מיט מוט, און קיינעמס מוט — מיט העזה און מיט וואָגן, צו לאָזן זיך אין די וועגן און אין די אומוועגן, וואָס פֿירן צו משיחן און צו דער דערלייזונג פֿון דער וועלט.

— דריי טויזנט יאָר זיץ איך איבער דעם שפּיץ פֿון דעם באַרג און וואַרט אויף אייך, איר יונגע, איר הייסע, איר אומגעדולדיקע; איר ערשטע, באַגייסטערטע, מוטיקע. ווען איך איז געוועזן מיין

חלום; נאָך אייך — מיין בענקשאַפט; צו אייך — מיין ליבשאַפט. איר די ערשטע, וואָס האָבן געוואָגט צו לאָזן זיך איבער די אומ־וועגן, וואָס פירן צו משיחן, דעם דערלייזער פון דער וועלט.

— אויף אייך — מיין ברכה, ליבע, טייערע, — זייט מיר גע־בענטשט!

ח

און אליהו האָט די בחורים באַוויזן דעם וועג און געלערנט, וואָס זיי זאָלן טאָן. און די בחורים זיינען אַוועק און געגאַנגען און געקומען צו דעם אָרט. דאָס איז געווען עק וועלט. דאָ איז געשטאַנען אַ מירמלנער פּאַלאַץ מיט קריסטאָלענע פענצטער, מיט גילדערנע טירן. און דאָ האָט נאָר די זון געשיינט, און דער טאָג געהעלט. קיין ווינט האָט ניט געבלאָזן צו שטערן די רו, קיין שטויבעלע האָט זיך ניט באַוועגט צו וועקן די שטילקייט, און קיין פליגעלע איז ניט געפלויגן איבערצוררייסן דעם טיפן שלאָף, וואָס משיח, דער אויסלייזער פון דער וועלט, איז געשלאָפן.

אויף אַ העלפאַנטביינערנעם בעט איז ער געלעגן. זיין קער־פּער איז געווען שטאַרק, זיין פנים יונג, און זיין שלאָף לייכט. און זיינע שיך — לעבן די פיס, און זיינע קליידער — ביי דער זייט, און זיין שטעקן — ביי דער האַנט, — גרייט צום רוף פון וואַכעדיקן לעבן אויפצוכאַפּן זיך, אַנצוטאָן זיך און אין וועג צו לאָזן זיך, די וועלט צו דערלייזן. נאָר מען זאָל אים וואַסער אויף די הענט גיסן, די אומ־ריינקייט פון פאַרכישופטן שלאָף פון זיינע אויגן אַראָפּצוואַשן.

ט

האָבן די בחורים אָפּגעעפנט די גילדערנע טירן און זיינען אַריין אין פּאַלאַץ. ווי נאָר די טיר האָט זיך אויף די האָקנס אַ קער גע־טאָן, און ווי נאָר די זוילן פון די בחורימס פיס האָבן די ערד פון דעם זאַל באַרירט — האָט זיך משיח אויף זיין געלעגער אויפגעזעצט. זיין פנים האָט אָנגעהויבן שטראַלן מיט דערוואַכונג, זיינע אויגן — ברענען מיט דערלייזונג. ער האָט זיינע שלאַנקע, ווי פון זילבער אויסגעגאָסענע, הענט אויסגעשטרעקט.

אַ קריסטאָלענער קרוג איז געשטאַנען לעבן בעט, אַ פולער מיט וואַסער. דריי טויזנט יאָר האָט זיך פון אים קיין טראָפּן ניט אויס־געדעמפט, און קיין שטויבעלע אין אים ניט געפאַלן. דריי טויזנט יאָר איז ער גרייט געשטאַנען אויף די הענט פון משיחן אויפצוגיסן. נאָר די בחורים האָבן אים ניט געזען.

דער גלאַנץ פון משיחן, דער שיין פון זיין דערהויבנקייט און די פּראַכט פון דער נאָענטער דערלייזונג, האָבן די בחורים די אויגן פאַרבלענדט. זיי זיינען געשטאַנען פאַרגאַפטע און זיך פון אָרט ניט גערירט.

און אַז די בחורים זיינען אַזוי געשטאַנען, האָט זיך משיח צוריק אַוועקגעלייגט און צוריק די אויגן פאַרמאַכט. און נאָר אַ זיפץ, אַ שווערער זיפץ, האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן....

אַלע פענצטער האָבן אַ ציטער געטאָן, די ערד ביי די בחורים אונטער די פיס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון דעם זיפץ, וואָס משיח האָט געטאָן, ווען ער איז צוריק איינגעשלאָפן. און אַ ווינט האָט זיך פון דעם זיפץ אויפגעהויבן און האָט די בחורים אין זיין געווירבל פאַרדרייט, ווייט, ווייט אַוועקגעטראָגן, און ביים ברעג פון דעם מדבר אַראָפּגעוואָרפן.

אַ גרויסע פאַרצווייפלונג האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דער פריערדיקער דרייסטקייט אין זייערע הערצער, דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען אַזוי נאָענט צו דער דערלייזונג, און האָבן דאָך זייער ציל פאַרפעלט. זייער געמיט איז אַזוי שווער געווען, אַז זיי האָבן שוין וויינען געוואָלט.

נאָר אליהו הנביא האָט זייער טרויער פון אויבן דערזען און זיך אויף אַ שטראַל פון דער זון צו זיי אַראָפּגעלאָזן און זיי געקושט און געגלעט און געטרייסט:

— דעם וועג צו משיח דעם דערלייזער האָט איר דאָך געפונען; אַ וועג צו משיח דעם דערלייזער האָט איר דאָך געעפנט. זייט געבענטשט, זייט געבענטשט, יונגע אומגעדולדיקע, דרייסטע!

גאָרע — גאַנצע. **גענעזן** — געזונט ווערן. **דמיון** (דימיען) — פאַנטאַזיע. **גובר זיין** (גוייווער) — בייקומען. **קאָרע** — Bark. **עקדיש** — Lizzard. **צעבויטן** — צעטרייסלען. **קנעכלעך** — Ankles. **איינגעווייד** — אינווייניק אין בויך. **הויערן** — ליגן. **העזה** (האָזע) — געוואַגטקייט(Daring). **געווירבל** — שטאַרקער ווינט (Whirlpool).

לעבן און קאַמף

דער קראַנקער פינגער

א. רייזען.

א

ביי זעליקן, אַ בלאַסער אַכצניעריקער פּועל, וועלכער אַרבעט
שוין ביי לייזער דעם שניידער צוויי יאָר און באַקומט שכירות פופ־
ציק רובל אַ יאָר מיט קעסט, האָט אָנגעריסן אַ פינגער, און אַקוראַט
יענער פינגער, אָן וועלכן די נאָדל קאָן ניט אויסקומען, מוז אים
נויטיק האָבן. ערב רייסן האָט זעליק קיין יום־טוב דערפון ניט גע־
מאַכט. ער האָט אפילו געוואוסט, אַז דעם יום־טוב פון פינגער־ריי־
סעניש וועט ער מוזן פייערן, עס העלפט ניט קיין חכמות. ער האָט
אָבער געמאַכט עטלעכע טעג „נדחה״, אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, אי־
בערמאָרגן און ווייטער אויף מאָרגן. דעם לעצטן פרימאָרגן איז ער
אָבער אויפגעשטאַנען מיט אַ פינגער, וואָס האָט געהאַט דעם אויס־
זען פון אַ גלאָז, און מיט אַ שטעכעניש, וואָס איז אַזש אין די שפּיץ
פינגער פון די פיס פאַרגאַנגען. אַז ער האָט געדאַרפט אָנטאָן דאָס
רעקל, און דער קראַנקער פינגער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם
צעריסענעם אונטערשלאַק פון אַרבל, האָט ער זיך שמערצלעך פאַר־
קרימט און געגעבן אַ קרעכץ ווי אין דער היים פאַר דער מאַמען:

— אָי!

דאָ אָבער, ביים שניידער, האָט עס קיינער נישט געהערט און זעליק האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי מעלדעט מען עס פאַרן באַלעבאָס און פאַר דער באַלעבאָסטע. מען דאַרף האָבן דערצו אַ כוח פון אַ.... ער ווייס אַליין נישט וואָס פאַר אַ כוח — ער ווייס נאָר, אַז ער וועט עס ניט קענען מעלדן.

און זעליק באַשליסט זיך שווייגן, זיצן אַן אַנגעטאָנענער און שווייגן אין געהאַקטע וואונדן; זאָל זיין וואָס עס וועט זיין; וועט אויסקומען צו דערציילן, וועט ער דערציילן.

די צוויי איבעריקע פּועלים האָבן זיך שוין אָנגעטאָן און האָבן זיך געזעצט צו דער אַרבעט. זעליק האָט אויף זיי געקוקט מיט קנאה. אָט זיינען זיי גליקלעכע מענטשן, זיי האָבן געזונטע מיטל־סטע פינגער און וועלן זיך זעצן ביז אָנבייסן און נייען, און נאָכדעם וועלן זיי זיך „איינרייבן" די גוטע קאַרטאָפל מיט די אוגערקעס, מיט דעם טייערן מילכיקן קרופּניק פאַרזופּן און זיך ווייטער זעצן נייען, ביז מיטאָג; שיין און פיין. וואָס וועט זיין מיט אים? . . .

— וואו איז דאָס זעליק ערגעץ? — קייקלט זיך אַ קול פון לייזערן, וועלכער שטייט ביים גרויסן טיש און צייכנט אַן אַ סורדוט מיט קרייד, וואו די קנעפּ איינצונייען.

— איך בין דאָ... — שטאַמלט זעליק, שטייענדיק אין ווינקל, ווייסט ניט וואָס צו ענדיקן און בלייבט אַנטשוויגן.

לייזער ווערט נשתומם פון ענטפער, גיט אַ קוק אין זעליקס ווינקל און וויצלט זיך:

— ביסט דאָ? יישר כוחך! ווילסט זיך דורכגיין אפשר אַביסל שפּאַצירן? אין דער פרי שאַדט עס נישט. עס וועט זיך עסן גע־שמאַקער...

— אַ פינגער רייסט... — מאַכט זעליק אַ טריט נעענטער צום טיש, און שטרעקט אויס דעם קראַנקן פינגער, מיט אַ מינע פון אַ גנב, ווען ער איז זיך מודה, אַז ער האָט געגנבעט.

— וואָס? — דערהערט ניט, אָדער מאַכט זיך לייזער ניט הערנ־דיק — וואָסער ציג?

— אַ פינגער אָנגעריסן, ווי אַ גלאָז! — ווערט שוין זעליק דרייסטער און האָט אַ העזה אונטערצורוקן דעם גלעזערנעם פינגער גלייך דעם באַלעבאָס אין די אויגן אַריין און שמייכלט, ווי געזעגט: נאַ, האָב פון מיר נחת!...

— ביסט אַ חכם! — שרייט אויס לייזער, קוקנדיק מיט אַ דאָק־טערשן בליק אויפן פינגער — האָסט געפונען אַ צייט ווען יום־טוב צו מאַכן.

— וואָס קאָן איך העלפן? — פאַרענטפערט זיך זעליק און שמייכלט, דאַכט זיך, מיט אַ טרער — דאָס איז דאָך ניט מיט אַ כיוון...

— ניט מיט אַ כיוון, יאָ מיט אַ כיוון, — חקרנט זיך לייזער בייז־לעך — די אַרבל, וואָס דו האָסט צו מאַכן, וועלן אָבער דערפון ניט ווערן פאַרטיק.

„גוט אָפּגעשפּילט! דאַנקען גאָט!" — טראַכט זעליק נאָך דעם באַלעבאָסעס ווערטער און וואָלט שוין זיין גאַר צופרידן, ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ ווינקל, וואו צו באַהאַלטן זיך, אַז קיינער זאָל אים ניט זען, ער זאָל זיך קענען זיצן שטילערהייט און צוהערן זיך צום ווייטיק און פּאַמעלעך קרעכצן: אי — אי...

אַזאַ אָרט איז אָבער ניטאָ, סיידן אין קיך; אין קיך קאָכט אָבער ציפּע אָנבייסן און זי איז ביים קאָכן זייער בייז און וועט אים געוויס ניט לאָזן זיצן רואיק.

ער שטייט אין מיטן שטוב און ווייס ניט צו וואָס זיך צו כאַפּן.

— אוי, עס נעמט! עס נעמט! — פּרואווט ער אַרויסרופן ביי לייזערן מיטלייד צו אים, אויסשטרעקנדיק אין דער הויך דעם פינגער.

די צוויי פּועלים גיבן אויף אים אַ קוק, ווי גערעדט: ברודער, וואָס קענען מיר דיר העלפן?... ווייסט דאָך...

נאָר זעליקן איז זייער בליק ניט וויכטיק: אים איז נויטיק פון דעם באַלעבאָס אַ וואָרט... לייזער אָבער שווייגט.

— ער מוז זיין אין כעס! שרעקט זיך זעליק און פּרואווט פאַרגרינגערן לייזערס כעס מיט אַ קרעכץ. עס טוט טאַקע ווי, עס שניידט ווי מיט מעסער.

— אַי, ווי עס רייסט!

— נו, ברודער! — ווענדעט זיך לייזער צו אים — קיין קימ־פּעטאָרן ביסטו דאָך ניט, קיין סכנות שטעקט ניט, סיידן פאַר מיין קעשענע. קרעכצן גיי אין בעט.

זייער ניט גוט, דער באַלעבאָס איז טאַקע אין כעס. קרעכצן דאַרף מען ניט. וואו דען טוט מען זיך אַהין?

זעליקן פאַלט גאַר איין צו זאָגן דעם באַלעבאָס, אַז מאָרגן וועט דער פינגער זיכער בעסער ווערן.

— מאָרגן וועל איך מסתמא קענען נייען... — שטאַמלט ער אַרויס.

— איך בין גליקלעך! — ענטפערט לייזער איראָניש.

— ע, דאָס איז שוין אַן עוולה, — טראַכט זעליק — איך קוק ניט, וואָס דער פינגער שטעכט מיר ווי מיט נאָדלען, און וויל זיך סטאַרען מאָרגן נייען, און דו — גאָרנישט. ביסט אַ שלעכטער.

און זעליק באַשליסט, אַז ער וועט גאָרניט באַשטיין אַן אים. וואָס שרעקט ער זיך אַזוי? אַ נײַס, אַז עס רײַסט אַן בײַ אַ שנײַדער־יונג אַ פינגער, מע נייט אַזוי פיל! אַ קלייניקייט! אַ פינגער איז דאָך ניט פון אײַזן, רײַסט ער אַן אַמאָל, איז וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק! עס איז אַ העזה צו זײַן אין כעס! זעליק ווערט שטאַרק ברוגז; לאַ די וואָס דער באַלעבאָס טרייסט אים ניט, קרימט ער זיך נאָך. וואָס קרימסטו זיך?

און זעליק פּראָטעסטירט שטאַרק אין האַרצן קעגן באַלעבאָס און רוקט זיך אָפּ מיט האַלב־זיכערע טריט צום בעט, וואו ער זעצט זיך אַוועק, קוקט אויפן פינגער, בלאָזט אויף אים און פאַרגינט זיך אַרויסלאָזן אַ קרעכצעלע און איז זיך גאָר מחיה... מורא האָבן וועל איך, וואָס? טראַכט ער בײַ זיך דרייסט און נעמט זיך קרעכצן אָפּ־טער און העכער, און ער פילט, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ ציטעריקער, ווי מע מיינט...

נישקשה, אַז ער דאַרף און ער וויל, קען ער קרעכצן... ער לאַכט זיך פון אים אויס!...

ב

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ציפּע אַרײַן פון קיך אין שטוב און אַ פאַרשוויצטע, מיט אונטערגעקאַשערטע עקן פון טיכל אויף די אויערן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט אַ שטרענגן פּנים, האָט זי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:

— דער אָנבײַסן איז שוין פאַרטיק! מען דאַרף גרייטן צום טיש.

זעליק, וועלכער פלעגט אַלע טאָג דעם ראַפּאָרט אָפּוואַרטן מיט גרויס אומגעדולד און אויסהערן ניט אָן פרייד, האָט איצט דער־פילט זיך ווי פאַרלוירן; ער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן צום פינגער, ווי ער וואָלט אים אַן עצה געפרעגט:

— קען איך גיין צום טיש עסן? געניייט האָב איך היינט ניט... ווי זאָגסטו? — עס פּאַסט?

דער פינגער האָט אָבער נאָך שטרענגער געקוקט, גלײַך אַ שטאַרקן שטאָך געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

זעליק האָט געזען, ווי ציפּע שפּרייט אויס איבערן האַלבן טיש אַ טישטעך, לייגט אַוועק אַ לאַבן ברויט מיט אַ מעסער און זי לאָזט

זיך גיין צוריק אין קיך. ווידער זעט ער, ווי די צוויי פּועלים, איידער זיי גייען זיך וואַשן, ברעכן אָפּ צו ביסן ברויט עד לחשבון און קייען מיט אַפּעטיט. דער פינגער שטעכט אים וואָס אַ רגע מער; ער איז אָן אַמתער חולה. דער קאָפּ אפילו טוט אים אויך ווי, און דאָך, ווי להכעיס, ווילט זיך אים היינט מער עסן ווי אַלע טאָג, און גאָט ווייסט, צי וועט ער האָבן כוח איינזיצן אַזוי אויפן בעט און ניט גיין עסן...

צוצוגיין אָבער צום טיש דאַרף מען האָבן אויך אַ כוח, וואו־זשע נעמט מען אים? מה דאָך, אַז ער נייט אויף אינדערפרי אַ פּאָר הויזן און פאַרדינט זיכערע 3-2 גילדן, זעצט ער זיך עסן ווי אַן אָרעם בחור און עסט אַלעמאָל ווייניקער וויפל ער וויל, ווייל אים דאַכט זיך אַלץ, אַז לייזער קוקט אים אין מויל אַריין און רעכנט זיך, צי לוינט אים צו האַלטן אַזאַ עסער, אַ פּשיטא שוין היינט, וואָס ער האָט גאָר־ניט ניט פאַרדינט...

און די פראַגע „עסן צי ניט" פילט אָן זעליקס מח און ער פאַר־געסט אויף אַ ווײַלע דעם ווייטיק.

אָט זיצט שוין לייזער ביים טיש, ביי די זייטן — די צוויי פּועלים. זיי קוקן צו דער קיך־טיר, פון וואַנען ציפּע דאַרף עפּעס אַריינטראָגן. עס געדויערט עפּעס צופיל. לייזער ווערט בייז און גיט אַ ברום:

— וואָס פאַרקעסטו זיך דאָרטן? דיינע שיינע מאכלים!

זעליק דערשרעקט זיך פאַרן באַלעבאָסעס שלעכטן הומאָר. צו־גיין צום טיש איז איצטער אַ סכנה. ער זעט ווי די פּועלים, וואָס האָבן געזונטע פינגער און האָבן ערלעך דעם גאַנצן פרימאָרגן גע־אַרבעט, ציטערן אויך ווי אַ פיש אין וואַסער, קייען די שטיקלעך ברויט און קענען, דאַכט זיך, ניט אַראָפּשלינגען... און זעליק בעט גאָט, אַז מע זאָל גאָר ביים טיש פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט דאָ ערגעץ אין שטוב, אויפן בעט ערגעץ, נאָך אַ פּועל, וואָס מען רופט אים זעליק... זאָל מען אים לאָזן זיצן רואיק, זאָל ער ניט דאַרפן באַגעגענען זיך מיט לייזערס בליקן...

נאָר עס געראָט ניט. אָט ציפּע טראָגט אַריין די גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און די טעלער מיט די זויערע אוגערקעס, ווערט לייזער ווי ווייכער, ער זאָגט מבינות אויף די קאַרטאָפל און עסט מיט גרויס אַפּעטיט. זעליק וואַרט אויף עפּעס, און דאָס האַרץ וואָרפט זיך, ווי ער וואָלט דערוואַרטן דעם באַשלוס וועגן זיין ווײַ־טערדיקן לעבן.

— וואו איז דאָס ערגעץ זעליק? — פרעגט פלוצים ציפּע, וועלכע זיצט שוין אויך ביים טיש.

זעליק רעכנט ניט פאַר איבעריק צו געבן אַן ענטפער דורך אַ קרעכץ, און זאָל מען שוין דאָרט ביים טיש דערקלערן, וואָס מיט אים איז... ער שטרענגט אָן די אויערן.

— זעליק איז אַ חולה! — הערט ער לייזערס איראָנישן טאָן.

— זעליק! — רופט ווידער לייזער.

— האַ! — רעדט זעליק שוואַך אַרויס און וואַרט אויף אַן איינלאַדונג צום טיש.

— פונדעסטוועגן גיי צום טיש! — רופט לייזער פון יוצא וועגן.

„פונדעסטוועגן" — וואָס עפּעס „פונדעסטוועגן"? — קריטיקירט ער אין געדאַנק דעם באַלעבאָסעס טאָן, און ער איז זיך נוקם און שווייגט, כאָטש ער ווייס, אַז די נקמה איז אַ געפערלעכע. יעדע מינוט, יעדע רגע ווערט אין שיסל ווייניקער.

— וואָס? אַ פינגער רייסט אים מסתמא? — פרעגט ציפּע קאַלט, ווי איר גייט די גאַנצע מעשה ניט אָן.

— וואָס דען? — ענטפערט נאָך קעלטער לייזער — ווען זאָל רייסן אַ פינגער, אַז ניט אים? זעליק, גיי צום טיש...

זעליק גיט אַ קלער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין, און ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין קיין דעה ניט האָבן, גייט ער צו צום טיש, זעצט זיך אויף דעם שפּיץ בענקל און ער הויבט ניט אויף די אויגן.

— לייג אים אַריין אין טעלערל אַ פּאָר קאַרטאָפל, — ווענדעט זיך לייזער צו ציפּען. ציפּע רוקט אים אונטער אַ טעלערל מיט עטלעכע קאַרטאָפלעס, און זעליק מאַכט זיך הארץ און עסט אויף איינע. ער וויל נעמען אַ שטיקל ברויט. נאָר קיין אָנגעשניטענע אויפן טיש איז ניטאָ. יעדער האַלט לעבן זיך אַ שטיקל, און ער אַליין זאָל נעמען צו זיך דאָס לאַבן און אָפּשניידן, האָט ער היינט ניט קיין העזה, און ער עסט אָן ברויט.

— ווייז, ווייז דעם פינגער! — רייסט איבער אין מיטן ציפּע. זעליק לאָזט דאָס עסן און כאַפּט זיך מיט אימפּעט ווייזן דעם קראַנקן פינגער. זאָל זי טאַקע זען, זאָל זי ניט מיינען...

— אַ פינגער ווי אַ באַרג! — זאָגט ציפּע און קערט גלייך־אָפּ דעם קאָפּ — ער וועט צערייבן אַ וואָך, אויב ניט מער.

לייזער גיט אַ קרומען בליק אין זעליקס ווינקל. זעליק ווערט צעטומלט, און פאַר צעטומלונג נעמט ער נאָך אַ קאַרטאָפל, נאָר אַראָפּשלינגען קען ער בשום אופן ניט, ער וואַרגט זיך מיט איר.

די אויגן ווערן אָנגעלאָפֿן מיט בלוט, אין די שלייפֿן האַקט, און דער פֿינגער קערט ממש וועלטן, ער שטעכט און רייסט און ברימ...

זעליק דערשלינגט ווי עס איז די קאַרטאָפֿל און אַ קרעכץ געבנדיק הויבט ער זיך אויף און גייט אַזועק צום בעט, און באַשליסט, אַז ביז וואַנען דער פֿינגער וועט זיך ניט אויסהיילן, וועט ער צום טיש עסן אפילו ניט צוגיין.

צוקומענדיק צום ווינקעל בעט, וואַרט ער דאָך, אַז מען וועט אים איינלאַדן צום קרופּניק, און עס קען זיין, אַז ער וואָלט אפשר געבראָכן דאָס וואָרט און געגאַנגען... ציפּע איז זייער אַ שלעכטע באַלעבאָסטע, קרופּניקעס אָבער, אַ מכה איר, קאָכט זי זייער גוטע. צום קרופּניק אָבער לאַדעט מען שוין אים ניט, און זעליק האָט חרטה; וואָס מיט די פּאָר קאַרטאָפֿל האָט ער זיך נאָר מיאוס געמאַכט, און ער זאָגט זיך אַליין מוסר:

— פּרעסער! אַז מען נייט ניט, עסט מען ניט, ליגט מען אין געהאַקטע וואונדן...

און דער פֿינגער שווייגט אויך ניט. ער הויבט אָן וואָס אַ מינוט שאַרפֿער און שאַרפֿער צו שניידן. אָבער זעליק שטאַרקט זיך: ער קרעכצט ניט. ער באַשליסט אפילו זיך זעצן צו דער אַרבעט און זאָל געשען מיטן פֿינגער, וואָס עס זאָל געשען: ער מעג אים אפילו פֿאַרלירן. צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיטן פֿינגער, מיט דער גאַנצער האַנט!...

א) פּועל (פּויעל) — אַרבעטער, לערן-אינגל (Apprentice). שכירות (סכירעס) — געהאַלט (Salary). קעסט — עסן (Board). ערב (ערעוו) — פֿאַר, פֿריער. נדחה (נידכע) — אַ יום-טוב וואָס ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. אונטערשלאַק — Lining. קנאה (קינע) — ניט-פֿאַרגינען (Jealousy). סורדוט — אויבער-ראָק. נשתומם (נישטוימעם) — פֿאַרוואונדערט. יישר כוחך (יאַשער קויכאַכאָ) — גאָט זאָל שטאַרקן דיין כוח; אַ דאַנק ווערט געזאָגט צו אַ מענטשן, וואָס האָט געטאָן אַ גוטע זאַך אָדער האָט שוין גערעדט. העזה (האָזע) — געוואַגטקייט (Daring). נחת (נאַכעס) — פֿאַרגניגן. כיוון (קיווען) (מיט אַ... — אומיסטן (Intentionally). חקרנט (כאַקרענט) — אַרגומענטירט (Argues). פֿילאָזאָפֿירט. קימפּעטאָרן — פֿרוי וואָס גייט צו קינד. עוולה (אַוולע) — אומרעכט. סטאַרען — זיך באַמיען. דרייסט — מיט מוט.

ב) עד לחשבון (אַד לעכעשבען) — ביז צום אָפּרעכענען זיך (On Account). להכעיס (לעהאַכעס) — In Spite. מה (מאַ) דאָך.... אַ פּשיטא (פּשיטע) — פֿאָרמע פֿון אַרגומענט פֿון אַ שווערן פֿאַל צו אַ לייכטערן. מבינות (מעווינעס) — מיינונג.

דער שניידער

ש. אַנסקי



די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדעם ווינקל מיסט און קויט,
ס'איז פינצטער, אומעטיק און קאַלט,
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נייט.

דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט:
ס'איז גרוים די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

דאָס פּנים געל, פאַרצאָנט, פאַרטראַכט,
די נאָדל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט אַ פּוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנט, רייסט אויף די ברוסט.

אין שטוב איז אומעטיק און פוסט,
פון בעט אַ זיפץ, פון וויג אַ הוסט,
אַ קליינער לעמפּל ברענט זיך שוואַך,
אַ דראָבנער רעגן קלאַפּט אין דאַך.

— „וואָס טוסטו, שניידער, אויף דער וועלט?״ —
— „איך לעב״... — אַ שוידערלעכע קעלט
נעמט אָן ביים האַרץ. פאַרפלוכטע נויט!
אַז דאָס הייסט לעבן, — וואָס איז טויט?!

דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט:
ס׳איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

קויט — מיסט. **פאַרצאָגט** — פאַרטרויערט. **דראָבנע** — דין, זייער קליין.
פאַרפלוכט — פאַרשאָלטן.

צום מלוה

א. רייזען.

(פון חומש)

ווען דיין ברודער, אַ נעדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן,
מיט אַ דאַרן, בלאַסן פּנים,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן —

קומט צו דיר אַן עפּעס לייען
פאַר זיין הויזגעזינט אויף ברויט:
זיי־זשע, מלוה, ניט קיין מערדער,
שינד פון אים ניט אָפּ די הויט.

ווען עס וועט די נויט אים צווינגען,
ווי עס טרעפט אין בייזן לעבן,
דיר, אָ, מלוה, אַלס אַ משכון
ס׳לעצטע בגד אָוועקגעבן, —

זאָלסטו נאָר דאָס בגד האַלטן
ביז די זון וועט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט זי צוגענומען.

אָ, זיין איינציק לעצטן בגד,
זאָלסטו אים, מלוה, ווידערקערן:
ביינאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ׳וועל ניט שווייגן זיינע טרערן...

מלוה (מאַלווע) — איינער וואָס לייט געלט אויף פּראָצענט. **הויזגעזינט** — פאַ-מיליע. **משכון** (מאַשקן) — אַ זאַך וואָס מ׳גיט אַלס גאַראַנטיע פאַר אַ הלוואה (Pawn)

צום ברודער

ש. ש. פרוג

מיין ברודער! שלעכט איז דיר, איך ווייס;
נאָר גיי און טראָג דעם יאָך דעם שווערן.
שטיי שטאָלץ און קרעפטיק אויף דיין אָרט:
עס מוז, עס וועט דאָך ליכטיק ווערן!

ניט שרעקלעך איז די פינצטערניש —
ס'וועט אָנהויבן צו טאָגן;
די שטראַלן וועלן פון דער וועלט
די שוואַרצע נאַכט פאַריאָגן.

עס וועלן אויפוואַכן פון שלאָף
נאָר נייע לייט מיט נייע מוחות;
זיי וועלן ברענגען אויף דער וועלט
פיל נייע, פרישע, שטאַרקע כוחות.

פיל העלע שטראַלן, גרויסע ליכט
וועט דאמאָלסט ווערן אָנגעצונדן;
דער שלאַפער וועט באַקומען קראַפט,
און ליכטיק ווערן וועט דעם בלינדן.

דאָס מוז זיין, ברודער!... אָבער איצט,
דערווייל — איז גאָט צו דאַנקען, כ'לעבן,
פאַר יעדן שטראַל, פאַר יעדן פונק,
וואָס צינדט זיך אָן אין אונזער לעבן!

דער גנב

י. ראָזנפעלד.

א.

— הונטס קאַפּ! קעצענער מ ו ח ! — שרייט מ א י ר דער סטאָליער אויף זיין לערנאינגל, וואָס שטייט אויף די קני און קלייעט אונטער אַן אַלטער עטאַזשערקע אַ ניי פּיסל! — ניט אַזוי!

יאָסל, דאָס לערנאינגל, בלייבט אַ מינוט שטיין מיטן פּענזל אין האַנט און קוקט זיך איין אויף דעם אָרט, וואו ער דאַרף קלייען. די אויערן זיינען ביי אים אָנגעשפּיצט צו הערן, וואָס דער באַלעבאָס וועט אים ווייטער זאָגן.

— וויסטער קאַליקע! — שרייט ווידער מ א י ר : — דו שמירסט אוים איינגאַנצן די עטאַזשערקע מיט קליי! נעם ניט אַזוי פיל! . . . ס׳וועט זיין לויז, אַ שמאַטקעלע נעם!

יאָסל וואַרפט אַריין דעם פּענזל אין קליי, געפינט אַ שטיקל שמאַטקע און וויקלט אַרום דעם צאַפּן.

שרייט שוין מ א י ר , עס איז צופיל. רייסט יאָסל אָפּ אַ שטיקל, שמירט קרעכצנדיק ווידער אָן מיט קליי און לאָזט אַריין אין לאָך. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און קלאַפּט אויבן צו מיט אַ האַמער.

— וויש אָפּ גיכער! — שרייט מ א י ר , אָנווייזנדיק אַראָפּ מיטן פינגער, וואו עס האָט אַרויסגעשפּריצט קליי.

יאָסל פאַלט כ ו ר ע י ם אוןווישט אָפּ דאָס פּיסל מיט דער פּאָלע פון׳ם רעקל.

— אַזוי, זאָגט מ א י ר , מאָלאָדיעץ! — און גיט אים אַ פּאַטש איבער דער פּלייצע.

די צוויי ווייכע ווערטער און דער פּאַטש איבער דער פּלייצע האָבן אויף יאָסלען אַ שטאַרקן ר ו ש ם געמאַכט. זייער זעלטן הערט ער פון דעם באַלעבאָס אַ ווייך וואָרט, און דעמאָלט, ווען ער הערט עס, וואָלט ער פאַר אים ער ווייס אַליין ניט וואָס געטאָן, אין פייער אַריין געלאָפן. אים פייניקט דאָס געוויסן, פאַרוואָס ער קען ניט אַרבעטן, פאַרוואָס ער קען דעם באַלעבאָס ניט צופרידן שטעלן. ער ווערט אויף זיך שטאַרק בייז: פאַרוואָס דאַרף זיך דער באַלעבאָס מיט אים אָפּעסן דאָס האַרץ און אים דאַכט זיך, אַז ער האָט טאָקע אַ

פארשטאָפּטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט, אַז ער וועט קיינמאָל־קיינמאָל זיך ניט אויסלערנען די אַרבעט; ער וועט בלייבן אַ קאַליקע, אַ ווייסטער קאַליקע . . .

— נו, וואָס שטייסטו, וואָס? — דערהערט ער דעם באַלעבאָס׳ קול.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַרשטאַט און געכאַפּט הובלען אַ ברעטל. הובלענדיק כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קוק צו די אַרבעטער; קענטיק איז, אַז ער איז זיי מקנא, וואָס זיי זיינען שוין „אַרבע־טער״; יענע מאַטערן זיך גאָר ניט אַזוי ווי ער — טראַכט ער . . . ס׳אַר אַ לאַנגע סטרוזשקעס ביי זיי פאַלט אַרויס! איז ער זיי מקנא... ביי אים וויל גאָר דער הובל ניט נעמען... ער באַטראַכט דעם הובל פון אַלע זייטן, שלעפּט פון אינווייניק די פאַרעקשנטע סטרוזש־קעס, דערנאָך טאַפּט ער די שאַרף פונ׳ם הובל און פאַרקלערט זיך טיף: טעמפּ? . . . שאַרף . . . שאַרף . . . טעמפּ . . . ער פירט מיטן פינגער הין און צוריק. ער ווייס ניט, אָן וואָס דערקענט מען, צי איז דער הובל שאַרף אָדער טעמפּ, און דאָס טאַפּן געפעלט אים שטאַרק, — דאָס איז שוין מעשה אַרבעטער. און אים פאַרגלוסט זיך צוגיין צום שאַרפשטיין און אים אויסשאַרפן . . . וואָס, ער קען נישט? . . . אַ מציאה . . . מיט איין האַנט דרייט מען און מיט דער צווייטער שאַרפט מען . . .

— אויף וואָס האָסטו זיך דאָרטן פאַרטראַכט? — דערהערט ער ווידער דעם באַלעבאָס׳ קול.

ער דערשרעקט זיך, הייבט אָן גיך צו אַרבעטן און פאַרגעסט שוין גאָר צו טראַכטן, צי איז שאַרף דער הובל אָדער ניט. ער פילט דעם באַלעבאָס׳ אויגן אויף דער פּלייצע, וויל ער, אַז יענער זאָל זיין צופרידן פון אים.

— רב מאיר! — רופט זיך פּלוצלונג אָן אַן אַרבעטער. — ביי אונז איז קיין פּימס ניטאָ, און איך וועל זיך באַלד שטעלן פּאָ־ליטורן.

— ניטאָ קיין פּימס? נו, דאַרף מען שיקן. גיב אַ שפּרונג! — זאָגט ער צו יאָסלען, אַרויסנעמענדיק דאָס ביימעלע פון קעשענע. יאָסל איז אָן אַ היטל, מיט באָרוועסע פּיס אויף די הייסע שטיינער, ווי אַ פייל פון בויגן, געלאָפן, האַלטנדיק די מטבע אין מויל און אונטערפייפנדיק. אַ פּאָר מאָל האָט ער געכאַפּט אַ שטויס אין ברוסט אַריין פון די פאַרבייגייער, נאָר ער האָט זיך אפילו ניט אומ־געקוקט און איז ווייטער אָן אָן אָטעם געלאָפן, וואַרפנדיק מיט די

הענט און אונטערשפרינגענדיק ווי אַ יונג לאַשיקל; און לויפנדיק האָט ער דאָך ניט פאַרגעסן וואַרפן אַ שטיינדל אויף אַ הונט, וואָס איז אים אָנגעלאָפן אַנטקעגן. צוריקוועגס האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויפן שטיקל פּימס און אים האָט זיך דאַסמאָל געדאַכט, אַז דער קרעמער האָט אים ווינציק געגעבן. אים האָט דאָס שטאַרק געאַרט. ער וואָלט געוואָלט ברענגען וואָס מער. ווען ער זאָל האָבן ביי זיך אַ קאָפּיקע אָדער צוויי, וואָלט ער דערלייגט און וואָלט געבראַכט אַ ס ך, אַ גרויס שטיק פּימס; דער באַלעבאָס וואָלט אים געזאָגט „מאַלאַדיעץ” און א פ ש ר נאָך אַ גלעט געטאָן אין באַק...

— וואָס האָסטו פאַרגעסן? — האָט אים דער באַלעבאָס געפרעגט, ווען ער איז אַריינגעקומען; אים איז גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען, יאָסל זאָל שוין זיין צוריק. נאָר דערזעענדיק דעם פּימס ביי אים אין די הענט, האָט ער שמייכלענדיק אויסגעשריען: „טפו זאָלסטו ווערן! ס'איז אַ ש ד, ניט קיין אינגל!”

יאָסלען האָט אַזש אַ קיצל געגעבן אינווייניק; אים זיינען די ווערטער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און עטלעכע מאָל האָט זיך ביי אים איבערגעחזרט: — „אַ ש ד, ניט קיין אינגל!” און יעדעם מאָל, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, האָט דאָס גאַנצע קלייענדיקע פּ נ י ם זיינס אויפגעלעבט און אַ שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זיינע ליפּן.

ב.

ווען ער לייגט אַוועק די אַרבעט, שפּילט ער זיך מיטן באַלעבאָס' דריי־יאָריקן אינגל; ח ו ץ וואָס מען צווינגט דאָס אים צו טאָן, האָט ער דערצו שטאַרק אַליין ח ש ק. דאָ האָט ער די מעגלעכקייט צו שפּילן; ער האַווקעט ווי אַ הינטל, מיאַוקעט ווי אַ קאַץ, מעקעט ווי אַ קעלבעלע, מרוקעט ווי אַ קו און קוואַקעט ווי אַ הון, אַז זי וויל זיך לייגן. און ווען דעם קינד ווערט דאָס צוגעגעסן, שפּרינגט ער אַרום און הייבט אָן טאַנצן אויף אַלע פיר, פאַרשפּרינגט ערגעץ און באַהאַלט זיך און לאָזט פון דאָרטן אַרויס משונהדיקע ק ו ל ו ת. דאָס קינד זוכט אים; און מיט אַמאָל שפּרינגט ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ געשריי פון שרעק מיט פרייד צוזאַמען. ער כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, זעצט דאָס ביי זיך אַנידער אויף די קני, און דאָ הייבט זיך ביי אים אָן אַ נייס: „זאָג, ווי אַזוי הייסט דער טאַטע?” — און איידער נאָך דאָס קינד ענטפערט אים, פאַרכאַפּט ער אַפריער: „זאָג מ א י ר!” ער האָט זייער ליב זאָגן דעם באַלעבאָס' נאָמען: דער נאָמען איז ביי אים ווי אַ מין היי־

ליקויט, דערפאר וואס ער רופט אים קיינמאל ביים נאמען ניט, נאר „באלעבאס".

— און ווי אזוי הייסט די מאמע? — פרעגט ער ווייטער.

— די מאמע? — פרעגט דאס קינד פארקלערט.

דא כאפט ער זיך שוין ניט אזוי גיך און לאזט א ביסל דעם קינד קלערן, כאטש די באלעבאסטע רופט ער אויך קיינמאל ניט ביים נאמען, שטייט זי אבער ביי אים א ס ך נידעריקער פונ׳ם באלע-באס.

— זאג ר ח ל! דער טאטע — מ א י ר, די מאמע ר ח ל, דער טאטע מ א י ר...

אט אזוי קען ער אפזיצן א שטיק צייט, ביז דאס קינד ווערט מיד אים נאכצואגן. דאן ווערט אויף עטלעכע מינוט שטיל. ביידע, יאסל מיטן קינד, פארטראכטן זיך טרויעריק. דאס קינד הייבט אן ציען אין שטוב אריין, יאסלען גיט א קלאפ דאס הארץ: ער האט מ ו ר א בלייבן אליין אין דעם האלב-פינצטערן ווארשטאט.

— יאנקעלע, ווילסט, איך וועל דיר מאכן א פערדעלע?

— א פערדעלע?

— יא, א פערדעלע, איך מאכן א שיין פערדעלע!

— נו, מאך שוין. — זאגט דאס קינד טרויעריק און נעמט דאך ניט אראפ די אייגעלעך פון דער טיר, וואס פירט אין שטוב אריין.

— איך מאכן א שיין פערדעלע, — שרייט אוים יאסל נאכאמאל און הייבט אן זוכן א ברעטל, — א שיינס, ס׳וועט האבן א ווידעלע.

— פיסעלעך?

— פיסעלעך אויך, וואס דען?

ער כאפט א שטיקל ברעטל און הייבט אן שניצן. דאס קינד קוקט אים אין די הענט אריין.

— נו, גיב מיר שוין פערדעלע!

— א, דו, אזוי גיך?

דאס קינד הייבט אן מאכן פיסקעס און לאזט זיך אין שטוב.

— יאנקעלע, וואוהין זשע גייסטו?

דאס קינד ענטפערט ניט און קייקלט זיך אריין אין שטוב, פא-לנדיק איבער שטיקלעך האלץ.

— איך האב דיך שוין פיינט! — מורמלט פאר זיך יאסל, אים בייז נאכקוקנדיק. — א פייג האסטו ביי מיר, ניט קיין פערדעלע — אוים!...

ג.

יאָסל איז אַן עלנטער. זיין נ ש מ ה דאַרשט נאָך אַ ווייך וואָרט. ער איז אַזוי גליקלעך, ווען דער באַלעבאָס וואַרפט אויף אים אַ פריינד־לעכן קוק, ווען ער זאָגט אים: „מאַלאַדיעץ!" דעמאָלט ווערט יאָסלען וואַרימער און ליכטיקער אויף דער נ ש מ ה.

כ ד י צו פאַרדינען פון דעם באַלעבאָס אַ גוט וואָרט, האָט ער איינמאָל באַשלאָסן אויפצושטיין גאַנץ פרי, פריער נאָך ווי דער באַ־לעבאָס אַליין, און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק צום פענצטער געוואָרפן... פינצטער... דערפריט ער זיך שטאַרק. ער טוט זיך אויף גיך אַן און לאָזט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט גיין אין קיך נאָכן לעמפּל. אָט טאַפּט ער אַן עפּעס שטעכעדיקס... אַ זעג... און דאָס?... עס פאַלט עפּעס, עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ, און פּלוצים, ווי פון דער נאַכט אַרויס, דערהערט ער אַ בייז ק ו ל: „וואָס טוסטו דאָרט!?"

ער בלייבט פאַרגליווערט, ענטפערט אין אַ מינוט אַרום: „איך... איך..."

— וואָס „איך", „איך"? הונטס קאָפּ דו! וואָס דרייסטו זיך אַרום!!!?

— איך האָב געוואָלט... איך וויל!...

— אין דער ערד מיטן קאָפּ! פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?!

ער וויל זאָגן, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. נאָר עפּעס שעמט ער זיך... ער שטייט, האָט שוין מ ו ר א אַ טריט צו טאָן... דער קאָפּ זיינער איז אויסגעדרייט אַהין, פון וואַנען דער ק ו ל גייט. ער וואַרט, דער באַלעבאָס זאָל אים ווידער פרעגן; איצט וואָלט ער שוין געזאָגט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. ער הערט שוין אָבער גאָרניט, און די שטילקייט ווערט נאָך געדיכטער און דריקנדיקער ווי פריער, און דאָס האַרץ זיינס ווערט אויך באַדריקט, ווי פאַר וויינען... ער דערפילט זיך אַזוי עלנט... דאָס האַרץ קלאַפּט... ער האָט מ ו ר א... די שאָפע אַן טירלעך איז אָנגע־שטאָפּט מיט נאַכט אינעווייניק...

ער מאַכט זיך אָבער האַרץ און לאָזט זיך ווייטער גיין.

— וואָס פאַר אַ ר ו ח ו ת טראָגן אים דאָרטן אַרום?

— גיי נאָר, טו אַ קוק. — הערט ער דעם באַלעבאָס' ק ו ל.

עס עפנט זיך איין טיר, די צווייטע, און אַט באַווייזט זיך אין דער פינצטערניש עפּעס אַ ווייס שטיק . . .

— ווער איז דאָרט?

יאָסל האָט מ ו ר א צו ענטפערן.

— יאָסל?

— איך . . . — רעדט ער קוים אַרויס.

— וואו ביסטו דאָרט ערגעץ?

— אַט בין איך. — ענטפערט ער שטיל.

— וואָס טוסטו דאָרט?

כאָטש ער האָט שוין אָנגעוואָרן אינגאַנצן דעם ח ש ק צו דער אַרבעט, דאָך ענטפערט ער:

— איך בין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

— וואָס, צו דער אַרבעט? — האָט מ א י ר אויסגעשריען. — צו דער אַרבעט איצט? . . . דריי אַ זייגער צו דער אַרבעט? דו ג נ ב דו! אַהערצו גיי!!

— וואָס, צו דער אַרבעט אויפגעשטאַנען? — פרעגט אויך די באַלעבאָסטע פאַרוואונדערט.

— אַזאַ ג נ ב! צו דער אַרבעט, זאָגט ער, איז ער אויפגעשטאַנען! אַזאַ מין הונטס קאָפּ! וואָס זאָגסטו! ער וויל פאַרדרייען... אַהערצו גיי!

— דער הובל, וואָס פעלט, — רעדט ווידער די באַלעבאָסטע פון שלאָפצימער אַרויס — מוז אויך זיין זיין אַרבעט.

— צי ער איז אַ ג נ ב? נו, נו! איך ווייס שוין פון לאַנג!... אַזאַ מין . . . נו, גיי האַלט אַזעלכעס אין שטוב, לאָז אַזעלכעס איבער אַ ווערקשטוב! ער קאָן אַרויסטראָגן וואָס ס'איז דאָ. מען דאַרף אַ ס ך? ער לייגט אַריין אַ שטיקל געצייג אין קעשענע און טראָגט דאָס אַרויס . . . מ'דאַרף זיך אומקוקן, כ'ווייס? — א פ ש ר פעלט שוין עפּעס . . . ער שטייט נאָך, ער וואַרט, איך זאָל צו אים צוגיין! וואָס שטייסטו דאָרט? אַהערצו גיי!

— ער וועט איבער נאַכט ניט אַנטלויפן!

— ניין, אַז ער איז אַן ע ק ש ן, בין איך נאָך אַ גרעסערער!

אַ פּאָר מינוט שטיל. עס הערט זיך נאָך יאָסלס איינגעהאַלטן געוויין.

— מ א י ר , פאָלג מיך, גיי שלאָפן!
ווידער שטיל.

מ א י ר באַרעכנט ענדלעך, אַז ביינאַכט, איז טאַקע ניט כ ד א י צו מאַכן געשעפטן און לאָזט זיך מיט כ ע ס צוריק אין שלאָפצי־מער, וואַרפט זיך אַריין אין בעט מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט ער זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען...

יאָסל איז געבליבן זיצן ביים קאָמאָד און געוואַרט אויף זיין פ ס ק ־ ד י ן...

א) עטאַזשערקע — .Set of Shelves קאַליקע — Cripple, שלימזל. מאַלאַדיעץ — בראַווער יונג! רושם (ראַשעם) — איינדרוק. וואַרשטאַט — אַרבעטס צימער, אַרבעטס טיש. הובלען — .To Plane סטרוזשקע — .Chip
ב) מציאה — (אין שפּאַט) גאָר לייכט! פּימס — .Pumice פּאַליטורן — To polish. שד (שעד) — טייוול.
ג) פּסק (פּסאַק) — שטראָף. רוחות (רוכעס) — טייוואָלים. קאָמאָד — .Chest of Drawers

די ווינטער נויט

מאַני לייב.

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט.
דער ווינט, וואָס האָט קיין היים ניט, — אים נאָר שלאָפט זיך ניט.
און ווי די גאַנצע נאַכט, טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און וויט מיט שניי און שטויב און פייפט זיך בייז און שטום.

און אין די מויערן — די מענטשן ווערן וואַך,
און קליינע פייערלעך אין פענצטער פינקלען שוואַך,
און אויף די מויערן — צעציט זיך ווי אַ שטריק
דער ערשטער הייזעריקער פייף פון אַ פאַבריק.

ווער איז דאָס יענער ערשטער אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין אַ רגע אויפן ראָג,
און קוקט זיך אום אַרום מיט אויגן — סם און האַס
און שפּאַנט אַוועק אַ מידער אין דער לענג פון גאַס ?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע, גרויע ווינטער נויט ;
זי כאַפּט זיך אויף די ערשטע שעלטנדיקערהייט,
זי קומט אין גאַס די ערשטע — שעלט אַזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אַן עמער קוילן אין איר דאַרער האַנט.

די וויכטיקייט פון ליטעראַטור

בעל־מחשבות.



מיר ווילן דאָ אין קורצע ווערטער אָנווייזן, ווי נויטיק און וויכטיק עס איז די שיינע ליטעראַטור, די פּאָעזיע פאַר יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

נאָך ביז היינטיקן טאָג קוקן אַ סך לעזער אויף אַ פּאָעטיש ווערק, אויף אַ גוט ליד, אַ גוטע דערציילונג, — ווי אויף אַ פוסטער זאַך, מיט וואָס מען צעשלאָגט זיך נאָר די צייט.

דאָס איז אַ שרעקלעכער טעות! מען דאַרף וויסן, דאָס דער אמתער פּאָעט האָט אין זיין דערציילונג אָדער אין זיין ליד אויסגעגאָסן אַ טייל פון זיין נשמה. גוטע ראָמאַנען, גוטע פּאָעזיע שרייבט מען נאָר מיט בלוט און מיט נערוון. דער גוטער קינסטלער, וואָס שילדערט און צעגלידערט דאָס מענטשלעכע לעבן, זעט קלאָרער און פילט טיפער, ווי דער געוויינלעכער לעזער. אין דער שיינער ליטעראַטור איז ניט דאָס מעשהלע, ניט דער אינהאַלט וויכטיק, נאָר די געשטאַלטן, אָדער די סיבות אַרום, וואָס האָבן געבראַכט דערצו. יאָרנלאַנג קוקט זיך צו דער פּאָעט צו די פאַרבאָרגענע ליידן און פריידן, צו די באַהאַלטענע סיבות פון מענטשלעכן מזל, און דאָס, וואָס ער זעט, שילדערט ער אָפּ אין קלינגענדיקע, אָפּגעטאָקטע ווערטער. דאָך צווישן די שורות פילט מען, ווי עס קלאַפּט און עס קאָכט אַ לעבעדיק

הארץ, דאָס הארץ פון פּאָעט. און די אייגענע געפילן, מיט וועלכע עס ווערט געשריבן אַ גוט ווערק, ווערן אויך דערוועקט ביים מיטפילנדן לעזער.

די ווירקונג פון פּאָעט אויף די, וועלכע לייענען אים מיט כוונה, איז ניט אָפּצושאַצן: די פארשלאָפענע פאַנטאַזיע הויבט אָן צו ארבעטן; זאכן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל אין לעבן ניט באַמערקט, כאָטש זיי ליגן ביי דער האַנט, ווערן מיט אמאָל פאר זיי קלאָר און לעבעדיק; פארשיידענע געפילן הויבן אָן אין זיי זיך צו רירן, און ניט וויסנדיק ווי אזוי, הויבן זיי אָן צו זען, צו פילן און צו דענקען מיט די אויגן, מיט דעם הארצן און מיט דעם מוח פון דעם פּאָעט.

דער בליק פון אַ פּאָעט איז שאַרפער, ווי דער בליק פון׳ם געוויינלעכן לעזער, זיין הארץ איז ציטעריקער און פילט ריינער, איידעלער און הייליקער. דורך זיין קונסט מאַכט ער דעם לעזער זעענדיקער, ריינער און איידעלער. דער פּאָעט האָט ליב אַלצדינג, וואָס לעבט און שטרעבט צו פרייער לופט און צו ליכטיקייט. ער האָט פיינט אַלץ, וואָס איז טויט, מאַט און פארפוילט. עס פארנעמט אים דאָס הארץ, ווען ער זעט ווי אַלטע פארפוילטע בוימער לאָזן ניט אויפקומען דורך זייערע שאָטנס יונגע נייע פלאַנצן, און ער וועקט אויף ביים לעזער די אייגענע ליבשאַפט צום לעבן, די אייגענע שנאה צו די שלעכטע סיבות און מונטערט אויף ביי אים אַ לוסט אַרויסצוגיין אויף אַ מלחמה אנטקעגן די בייזע קרעפטן, וואָס שטיקן און דריקן דאָס מענטשלעכע לעבן.

דערפון זעט מען, דאָס צוליב דעם פּאָעט וועקן זיך אויף ביים פאָלק אַ סך איידעלע און טיפע געפילן, די קרעפטן צו ארבעטן פאר אַ בעסערער צוקונפט שפּאַנען זיך אָן, ער שפּרייזט צו די וויכטיקע צילן מיט מער מוט און מיט מער כוח. און דעריבער שעצן די געבילדעטע פון פאָלק אזוי הויך דעם פּאָעט, האַלטן גרויס זיין נאָמען ביי זיך אינדערהיים און שטאָלצירן מיט אים אין דער פרעמד.

(אויסצוג פון עסיי איבער פרצן).

סיבות — אורזאַכן, אומשטענדן.

דער פּאָעט

מאַני לייב.

פּאָעט, דו ביסט אַ קעניג,
די גאַנצע וועלט — דיין לאַנד.
און אַלץ איז אונטערטעניק
צום צייכן פון דיין האַנט.

אַ צייכן — ווים נעמט פאַלן
אַ שניי אין מיטן יון,
מיט העלן גאָלד נעמט שטראַלן
אין מיטן נאַכט די זון.

אַ צייכן — שווייגן ימען,
און רעדן רעדט דער שטיין,
אוןביימער פון די שטאַמען
ווי מענטשן נעמען גיין.

נאָר אָפט איז שווער צו טראָגן
דעם קעניג אויך די קרוין. —
און שטילע טרערן שלאָגן
דורך דיין געמיט אוןביין;

אַ צייכן — און די טרערן
געצווינגן אויף די שניר,
זיי וועלן פּערל ווערן
פאַר דיר און אויך פאַר מיר.

מיר ווען קיין קאָרן...

י. אַדלער.

מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן ניט האָבן,
די פעלדער די ברייטע — זיי שטייען אין גריבער צעגראָבן.

מיר וועלן קיין שאָף און קיין רינדער אויפן פעלד מער ניט האָבן,
די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים און ראָבן...

די בוימער — זיי שטייען באַלאָדן מיט עפּל און באַרן —
זיי וועלן אַזוי אויף די צווייגן פאַרפוילן, פאַרדאַרן...

די אינגסטע, די קרעפטיקסטע מענטשן — זיי שטייען אין פלאַקער —
ניטאָ, ווער ס'זאָל זייען און פלאַנצן און פירן דעם אַקער.

די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים און ראָבן —
מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן ניט האָבן...

מלחמה

ש. אַש.

א

די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן ביים עק הימל. די לאַנדשאַפט איז געווען אַ גלייכע, אַ ברייטע, און דער הימל איבער דער לאַנדשאַפט איז געלאָפן רונדיק אַרום, און דער גאַנצער זוים פון הימל איז געווען באַגאָסן מיט אַ רויטן ליכט, וואָס האָט זיך רויטלעך אָפּגעשפּיגלט אומעטום.

דאָס לאַנד האָט זיך ביים עק הימל געבלייכט. עס האָט זיך עפּעס וואָס געוויזן, וואָס מען האָט נישט געקענט פון דערווייטנס אונטערשיידן, צי דאָס זיינען הייזער, בערג אָדער ווייטער וואַלד. וואָס נענטער מען איז געקומען, האָט זיך דייטלעכער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען וואָלקנס רויך, וואָס גייען אויף פון דער ערד אין הימל אַריין. די סאָלדאַטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן איז עס. ביי אַ טייל האָבן די הערצער אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, אַ טייל זיינען שוין גלייכגילטיק געוואָרן. דער וועג איז יעצט גראָדע געווען אַ בעסערער, די גריבער האָבן זיך שוין מער ניט געוויזן, אויך די לאַנגע שורות אויפגעגראָבענע ערד האָבן זיך געזען זעלטענער, נאָר פון צייט צו צייט איז אויסגעקומען איבערצושפּרינגען אַ טויטן זעלנער, וואָס איז געלעגן אַ פאַרלאָזענער אין פעלד. דער טויטער זעלנער, מיט דער ביקס אין דער האַנט און דאָס, וואָס מען האָט אים אָנגעטראָפן אַזוי פלוצלונג, אומדערוואַרטעט — דאָס האָט נאָך מער אָפּגעשראָקן, ווי די שוואַרצע גריבער. די פאַנטאַזיע ביי יעדן סאָלדאַט האָט געאַרבעט: איך קען אויך אַזוי זיין ווי ער...

דער וועג איז שווערער געוואָרן, די ערד שרעקלעך צעטראָטן און צעוואָרפן. די זעלנער זיינען געגאַנגען אין טיפער זאַמדיקער ערד דורכגעפלאָכטן מיט אַזאַ מין גראָז, ווי קאָנישינע, וואָס האָט זיך געבונדן אָן די פיס. עס איז אויך טונקעלער געוואָרן. עס איז אָבער געווען פיל היימישער און פריילעכער. מען האָט אָנגעטראָפן פיל, פיל וועגן, פערד, אויטאָמאָבילן. הויכע „נאַטשאַלסטווע" איז געשטאַנען אויף אַ בערגל און גערעדט. מען האָט זיך מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז מען איז זייער, זייער פיל, און נישט זיי אַליין גייען, נאָר פון אַלע זייטן קומען אָן פאָלקן, סאָלדאַטן און סאָלדאַטן: אינ-

פאַנטעריע, רייטערס, אַרטילעריע. זיי האָבן ניט געוואוסט, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען מיט אַמאָל אַזוי פיל סאָלדאַטן, נאָר זיי האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט און די גאַנצע ערד איז פול מיט זיי, וואָרום וואו דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן, האָט מען געזען און געהערט אונזעריקע. פאַקלען האָבן געברענט. ליכט־וואָרפער האָבן געשיינט, באַלויכטן אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן, און וואו זיי האָבן געוואָרפן זייער ליכט, זיינען באַלויכטן געוואָרן סאָלדאַטן. פון דערווייטנס האָט זיך געהערט אַ באַשטענדיקעס שיסן: קראַך, קראַך, קראַך, נאָר עס האָט שוין קיינער דאָס ערשט נישט באַמערקט און נישט געהערט. דאָס שיסן איז פאַרטויבט געוואָרן אין דעם רעש פון די סאָלדאַטן. פון די וועגן און פערד, פון די אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען פאַרביי־געפלויגן ווי די טייוואָלים, איז פריילעך געווען, און מען האָט זיך שוין גאָרנישט נישט געשראָקן און מורא געהאַט. אַזוי פיל אַנדערע!

נאָר זיי האָט מען נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. זיי זיינען דורך אין דעם רעש, צווישן דעם געיעג פון די סאָלדאַטן, איבערגע־גאַנגען אַ דאָרף, וואו די הייזער זיינען געווען צוגעשלאָסן, די לאָדן פאַרהאַקט, קיין מענטש האָט זיך נישט געזען, נאָר אין עק האָט זיך דער שפּיץ פון דער קירכע געברענט און קיינער האָט נישט געלאָשן.

זיי זיינען אָנגעקומען הינטער דעם דאָרף — האָבן זיי פלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ שוואַרץ פעלד, באַוואַקסן מיט עפּעס: עפּעס שטייט פאַר זיי, ווי בוימער אָדער ווי מענטשן. נאָר עס איז אַזוי טונקל, אַז מען זעט נישט.

פלוצלונג פאַלט איבערן קאָפּ דער שיין פון אַ ליכט־וואָרפער. עס באַלייכט זיך אַ וואַלד אין גרינעם; מען זעט אינ׳ם ליכט, ווי די בלעטער רוישן; איינצלנע סאָלדאַטן שטייען איבער דער לאָנקע. באַלד ווערט ווידער פינצטער, און פלוצלונג פליט עפּעס פאַרביי אין דער לופטן איבער די קעפּ.

עס רוישט און קאָכט אויף די לופט און וויל דעם קאָפּ אַרונטער־רייסן. מען הערט, ווי עס פאַלט און גיט אַ טעמפּן קלאַפּ אָן דער ערד. בוימער פאַלן...

מען גייט ווייטער. אַן אויטאָמאָביל פליט פאַרביי, ווי אַ שד וואָלט געריטן... טריט פון פערד הערן זיך נאָענט, מען זעט נישט ווער, מען ווייס נישט וואָס... עס איז פינצטער. די פיס קלאַפּן זיך אָן עפּעס אָן, מען ווייס נישט אָן וואָס. אָן אַ שטיין? ניין, עס איז ווייך, עפּעס אַן אומבאַקאַנטע זאַך...

עס איז פינצטער. מען גייט ווייטער. פלוצלונג פאַלט אַ ליכט איבערן קאָפּ. מען זעט די חברים ווי בייטאָג. די אויגן ווערן פאַר־בלענדט. מיט אַמאָל אַ ווינט איבערן קאָפּ. און עפּעס פאַלט...

עס ווערט אַ קליינער רעש. זעלנער פאַלן אין אַ גרוב אַריין. חברים לעבן דיר פאַלן, די פיס גליטשן זיך, נאָר מען גייט ווייטער. ווידער גיט עס אַ בליץ אין די אויגן און אַ ווינט איבערן קאָפּ. דער קאָפּ וויל פון קערפּער אַראָפּפליען און עפּעס פאַלט אַריין. חברים ווערן אַריינגעזויגן, מען הערט רופן: גאָט, ראַטעווע... נאָר מען גייט ווייטער, ווייטער, — ביז מען קומט אָן צו גריבער. דאָרט געפינען זיך שוין אונזערע. מען הייסט זיך לייגן אין די גריבער, גראָבן נייע, און אַלע סאָלדאַטן וואַרפן זיך אויף דער ערד.

אַרום איז שטיל. מען הערט יעצט שאַרף אין דער שוואַרצער נאַכט דאָס קראַכן פון שיסן, און איבער די קעפּ פליט ליכט פאַריבער, און נאָך דעם — אַ רוישן, ווי מען וואָלט די לופט אויפגעוואַכט.

לאַנג זיינען די זעלנער אין די גריבער געלעגן, באַשיצנדיק זיך די קעפּ מיט זאַמד. פונדערווייטנס האָבן זיך געזען קליינע, קליינע פייערלעך — דאָרט איז דער פיינט. נאָר מען האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט שיסן, ביז מען וועט נישט הייסן, וואָרום עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסנאַרן דעם שונא פון זיין פאַרפעסטיקטער פּאָזיציע. מען האָט געדאַרפט, דער שונא זאָל גלויבן, אַז אונזערע, אויף וועלכע ער האָט בייטאָג אָנגעשטעלט זיין שווערע אַרטילעריע, האָבן אָפּגעטראָטן. דערווייל האָבן אונזערע ביינאַכט שטילערהייט פאַרמערט זייערע קרעפטן, כדי אַזוי ווי דער שונא וועט נאָר וואָגן אַרויסצוטרעטן פון זיין פּאָזיציע צו מאַכן אַ טריט נענטער, זאָלן זיי אים נעמען אויף די באַיאָנעטן, וואָרום אין אַזאַ קאַמף האָבן זיך אונזערע געפילט אַ סך שטאַרקער. אָבער די סאָלדאַטן האָבן זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטן און איבערגעטוישט זיך מיטן פיינד מיט איינצלנע שאָסן, וואָס האָבן ווי טויטע עכאָס אָפּגעקלונגען אין דער פינצטערער נאַכט.

ב

אַז אָסנת האָט זיך געפונען אין זיין גרוב, האָט ער דערפילט עפּעס ווייכעס אונטער זיך. ער איז אין דער ערשטער מינוט אויפ־געשפּרונגען פאַר שרעק, דערנאָך האָט ער דערהערט אונטער זיך אַ קול: „האָב רחמנות, ברודער!" ער האָט זיך צוגעבויגן און דער־זען אַ סאָלדאַט אונטער זיך:

— גיב צו טרינקען, ברודער, — האָט יענער געקרעכצט — איך שטאַרב פאַר דורשט.

ער האָט אים דערלאַנגט זיין פלאַש, פון וועלכער דער קראַנקער זעלנער האָט געטרונקען.

— וואָס איז דיר, ביסט פאַרוואונדעט? — האָט אים אָסנת געפרעגט — פאַרוואָס האָבן זיי דיך פון דאַנען ניט אוועקגענומען?

— נישטאָ קיין צייט, קיינער איז נישט געקומען פרעגן. אַלע אונזערע דאָ אין גרוב זיינען טויט אָדער פאַרוואונדעט — אַ גאַנצן טאָג זיינען די באָמבעס געפאַלן, ווי די דונערס פון הימל. גאָטס קללה, ברודער, גאָטס קללה איז אויף דער וועלט אויסגעגאָסן געוואָרן.

— און ווי אַזוי האָט מען אונז אַריינגעלאָזט טרעטן אויף מענטשן, אויף לעבעדיקע מענטשן? — האָט אָסנת אויסגעשריען.

— מיר האָבן אויך געטראָטן אויף מענטשן. נאָ זע, אונטער מיר ליגט אויך ווער. אַ גאַנצן טאָג איז ער נאָך וואַרעם געווען, דאָס וואַסער מיינס האָט ער אויסגעטרונקען. דאָס גאַנצע העמד האָב איך אים אין דער וואונד פאַרשטעקט. יעצט איז ער שוין קאַלט, דאָס בלוט איז אים אויסגערונען. פון פאַרנאַכט אָן איז ער קאַלט, גאָט האָט אויף אים רחמנות געהאַט. אַ קאַטאָליק געווען, וואַלענטין סטעכאָוויטש האָט ער געהייסן, פון 87טן שיסער פאָלק, געדענק עס גוט. ער האָט מיך געבעטן פאַרן טויט, אַז איך זאָל זיין נאָמען געדענקען און איבערגעבן אין פאָלק, אַז מען זאָל זיין מוטער שרייבן. יעצט וועל איך דיר דעם נאָמען איבערגעבן: געדענק אים, איך האָב אים געחזרט אַ גאַנצן טאָג. און מיינעם געדענק: איוואַן מאָ־לאָדעץ, פון פערצנטן שיסער פאָלק, זעקסטע ראָטע. געדענק אים גוט, געדענק אים...

— דו וועסט נאָך לעבן, ברודער! אונזערע זיינען געקומען, פיל, זייער פיל; מיר וועלן פאַר אייך אַלע נקמה נעמען!

— ניין, ליבער ברודער, ניין. איך וועל עס שוין ניט דורכלעבן,

— קרעכצט דער קראַנקער סאָלדאַט — דו אפשר יאָ, איך שוין ניט! דאָס גאַנצע בלוט רינט אַרויס. אָט לויפט עס פון דער זייט איבער דער האַנט, ווי אַ וואַרעם טייכל. און קיין וואַסער איז שוין נישטאָ. דיינס איז אויסגעטרונקען, און עס דורשט שוין ווידער.

— לאָז, וועל איך אים אַרויסטראָגן פון גרוב, וועט דיר באַקווע־מער זיין צו ליגן, — זאָגט אָסנת.

— ניין, ברודער, טו דאָס ניט, דאָ איז ער זיכערער! אין דרויסן וועלן אים די גראַנאַטן צעהאַקן, אַז גאָט וועט אים ניט דערקענען.

גאָטס געזיכט וועלן זיי צעשטערן. אין הימל וועט ער נישט קענען אַרויפקומען. לאָז אים ליגן. עס איז אַ רחמנות.

— וואו האָסטו די וואונד? גיב אַהער, איך וועל זי דיר פאַר־בינדן, — זאָגט אָסנת.

— שוין ניטאָ מיט וואָס: אַלעס וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך צוגעלייגט. נאָס, דאָס בלוט לויפט. אַלעס איז שוין פאַרנעצט.

— איך האָב ביי מיר אַ האַנטוך, — זאָגט אָסנת און ציט אַרויס דאָס היימישע האַנטוך, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך די ברוסט צו פאַרבינדן — גיב אַהער.

דאָס האַנטוך האָט אָבער ניט געהאָלפן. דאָרט, וואו די וואונד איז געווען, איז אַרום און אַרום, אויף דער ערד, אויף די קליידער און אויפן קערפּער געוואָרן אַ פאַרגליווערטע מאַסע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם קערפּער מיט דער ערד. אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דאָס האַנטוך געהערט צו דער פאַרגליווערטער מאַסע.

אָסנת האָט זיך דערפילט מיט דעם פרעמדן סאָלדאַט פאַרבונדן דורך דעם, וואָס ער האָט אים אָפּגעגעבן זיין האַנטוך. און דאָס געפיל האָט אים גוט געטאָן.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ האַלבע נאַכט אין גרוב, פאַרטאָן אין די געדאַנקען און געקוקט אין דער שוואַרצער נאַכט און די פייערלעך קעגנאיבער. דער קראַנקער סאָלדאַט האָט ניט אויפ־געהערט צו קרעכצן און צו בעטן וואַסער. אָסנת האָט שוין איבער־גענומען די פלעשער וואַסער פון זיינע שכנים, נאָר דאָרטן האָבן זיי אויך געהאַט קראַנקע חברים, וועלכע זיינען געשטאָרבן פון דאָרשט. אַ געוויסע צייט איז דער קראַנקער גאָר פאַרשטילט געוואָרן: עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן. אָסנת האָט אים ניט געוואָלט וועקן. פּלוצלונג, אין אַ צייט אַרום, רופט ער זיך אָפּ:

— ברודער, איך פיל, עס איז שלעכט; צלם מיך פאַרן טויט.

אָסנת האָט געקלערט אַ מינוט, געצלמט דעם קראַנקן און זיך אָנגערופן:

— איך בין ניט קיין קריסט, נאָר דאָך...

אַ מינוט האָט דער סאָלדאַט געשוויגן.

— וואָס, אַ מוסולמאַן? — פרעגט פּלוצים דער קראַנקער סאָל־דאַט.

— ניין, אַ איד — האָט אָסנת אָפּגעענטפערט.

— אַ איד, — האָט דער קראַנקער סאָלדאַט געזאָגט ווי פאַר זיך — נו, אַלץ איינס. איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט. קוש דיך מיט מיר. עס טוט באַנג אַליין צו שטאַרבן.

אָסנת האָט זיך צעקושט מיט אים.

— און פאַרגעס ניט, וואַלענטין סטעכאָוויטש אַ קאַטאָליק, און איוואַן מאָלאָדעץ אַ פּראַוואָסלאַווגער; חזר איבער, וועסט פאַרגעסן.

— און אָסנת מאיר אַ איד — האָט אָסנת געזאָגט פאַר זיך.

דערויף איז דער סאָלדאַט שטיל געוואָרן.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָט אָסנת דערפילט אַ קעלט. ער האָט זיך איבערגעדרייט און אָנגעשטויסן אויפן קראַנקן סאָלדאַט, נאָר דער לעצטער האָט זיך שוין גאָרניט אָפּגערופן. אָסנת האָט אים געשטופּט מיט דער האַנט און געפרעגט: „וואָס איז דיר? דו הערסט?" ער האָט ניט געענטפערט. אָסנתן האָט אַ שרעק אַרומגענומען. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט פון דעם טויטן, אָבער ליגן רואיק האָט ער שוין ניט געקענט. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט זען דאָס געזיכט פונ'ם סאָלדאַט. דורך דער גאַנצער צייט, וואָס יענער האָט גערעדט מיט אים, האָט ער געהאַלטן זיין פּנים איינגעגראָבן אין דער ערד, אָבער אָסנת האָט מורא געהאַט צוצוקוקן זיך צו אים, כאָטש ער איז געווען זייער נייגעריק. אַ צינד־העלצל אָנצינדן האָט ער נישט געטאָרט: מען האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך ניט דערוועגן אָנצוצינדן קיין ליכט, כדי דער שונא זאָל ניט וויסן, וואו זיי געפינען זיך. צום סוף האָט ער דאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טויטן חבר און געקוקט אים טיף אין פּנים אַריין ביים שוואַכן ליכט פון די שטערן. ביינאַכט, אינ'ם אומקלאָרן ליכט, האָט ער אויסגעזען ווי אַרבוזאָוו פון זייער ראָטע, און עס האָט זיך אָסנתן געדאַכט, אַז דאָס ליגט אַרבוזאָוו לעבן אים...

די רעשט נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין קעלט און אין געפיל פון פאַרלאָזנקייט...

(פון „דער אידישער סאָלדאַט")

קאָנישינע — Clover. „נאַטשאַלסטווע" — באַאַמטע (Officers).

ליד פון אַרבעט

ש. ש. פרוג.

פאַר אייך, מיינע אָרעמע ברידער און שוועסטער,
וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט,
וואָס קריכן און בלאָנדזשען אויף טויזנטער וועגן,
אין רעגן, אין שטורעם, אין היץ און אין קעלט.

פאַר דיר, אוי, דו אייביקער קרעכצער און זיפצער,
פאַרשוואַרצטער, פאַרקלאָגטער, פאַריאָמערטער איד,
טוט שאַלן און זינגען און הילכן און קלינגען
מיין פרישעם, מיין לעבעדיק־פרייל עכעם ליד.

אין טויזנטער שטראָמען גיסט זיך דאָס לעבן
און קומט פאָרט צום אַלטן, צום אייביקן ברעג....
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

אָ, לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זי פון האַרצן ליבנד און היים!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

געבענטשט זאָלן זיין דער וואַרשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער און זומפּיקער וועג.

נעשמאַק זיינען, ברידער, דעם שררהס מאַכלים!
גנעשמאַקער פון אַלעם — דאָס שטיקעלע ברויט,
וואָס ציט זיך פון איינענער, ערלעכער אַרבעט,
מיט שוויס און מיט מי, אַבי נאָר אָן נויט.

נעשמאַק איז דעם שררהס שלאָף אין זיין צימער,
אויף ווייכינקע קישעלעך, ווייסע ווי שניי;
נעשמאַקער — אַ שלומער פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט
אין פעלד אויף אַ קאָפּיצע פרישינקע היי.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע — פון אייזן:
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט —
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין איינציקער טריט.

טאָ לויבט-זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן ליבנד און היים!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויס!

וואַרשטאַט—אַרבעטס-טיש. שפּינדל—Spindle. סאָכע — אַקער (Hook-Plough). סערפּ — Sickle. שררה (סראָרע) — פּריץ, גוטבאַזיצער. קאָפּיצע — סטערטע (Heap).

אין מינוטן וויסטע...

א. רייזען.

אין מינוטן וויסטע,
ווען אַרום איז שוואַרץ,
גאָט, מיט ליבע־קוואַלן
פיל מיר אָן מיין האַרץ...

אַלץ איז אַזוי עלנט,
ווייסט ניט וואָס צו טאָן:
גאָט, מיט ליבע־קוואַלן
פיל מיין האַרץ מיר אָן!

און די אָרעמס מיינע
ברייט און שטאַרק מאַך זיי,
אַז די וועלט אומאַרמען
זאָל איך מיט איר ווײַ!

אָ, גיכער משיח!

א. רייזען.

אָ, גיכער משיח, אָ גיכער שוין, קום!
עס רינגלט די גאַנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיקע שלאַנגען, דער הונגער און נויט,
און הפקר און פּחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזן די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן פערד.

אָ, קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן פערד.
די קייטן פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום, —
עס האָט שוין קיין ווערט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענטשלעכן בלוט שוין די שווערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן פערד!...

הפקר (העפקער) — אומבאַשיצט, אָן קאָנטראָל. **אויפן ווייסינקן פערד** — לויט דער אידישער לעגענדע וועט משיח דער דערלייזער קומען צו רייטן אויף אַ ווייסן פערד.

דער אָדלער

פ. דאָסטאָיעווסקי.

ביי אונז אין קאַטאָרגע-תפיסה האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אַן אָדלער פון דעם מין סטעפּ-אָדלערס, ניט קיין גרויסער. עמיץ האָט אים צו אונז געבראַכט אַ פאַרוואונדעטן און אויסגעמאַטערטן. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן אים אַרומגערינגלט. ער האָט נישט געקענט פליען. דער רעכטער פליגל איז ביי אים אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ערד, איין פוס איז געווען אויסגעלינקט.

איך געדענק, ווי ער האָט שאַרף זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אַרומגעקוקט דעם נייגעריקן עולם, צעשפּרייט זיין הויקערדיקן שנאָבל, גרייטנדיק זיך טייער צו פאַרקויפן זיין לעבן.

ווען מען האָט זיך שוין גענוג אָנגעקוקט און אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצוגיין, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן הינקענדיק אויף איין פוס, פאָכנדיק מיט זיין איינציקן געזונטן פליגל.

ער האָט זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן.

ער האָט דאָרטן אין ווינקל אָפּגעלעבט אַ דריי חדשים, און די גאַנצע צייט קיין איין מאָל פון ווינקל נישט אַרויס. אָפטער איז מען געקומען געוואָר ווערן, וואָס ער מאַכט. מע פלעגט אָנרייצן אויף אים אַ הונט. דער הונט פלעגט זיך וואַרפן מיט אַ געבייזער, נאָר ער האָט דאָך מורא געהאַט נענטער צוצוקומען צום אָדלער. דאָס האָט זייער געווילט די אַרעסטאַנטן.

— אַ חיה — האָבן זיי געזאָגט — גיט זיך נישט אונטער.

נאָכדעם האָט דער הונט אָנגעהויבן מער צו באַליידיקן דעם אָדלער. די מורא פון הונט פאַרן אָדלער איז קנאַפּער געוואָרן. ער האָט אים איינמאָל אפילו אָנגעכאַפּט פאַרן קראַנקן פליגל. דער אָדלער האָט זיך פאַרטיידיקט מיט אַלע כוחות, מיט די נעגל און שנאָבל.

און שטאָלץ און ווילד, ווי אַ פאַרוואונדעטער קעניג, האָט ער באַקוקט דעם נייגעריקן עולם.

מען האָט זיך צו אים צוגעוואוינט. ער פלעגט שוין אפילו נעמען עסן פון האַנט פון אַן אַרעסטאַנט.

אַז קיינער פלעגט נישט זען און ער פלעגט מיינען, אַז ער איז

אַליין, פֿלעגט ער וואַגן אַרויסצוגיין אַ ביסל ווייטער, מאַכן אַ צען־צוועלף טריט, אָבער באַלד פֿלעגט ער זיך אומקערן צו זיך אין ווינקל.

ווי ער פֿלעגט מיך דערזען, פֿלעגט ער גלייך זיך גרייטן צו אַן אָנפֿאַל. קיינע צערטלעכקייטן האָבן אים נישט געקענט ווייכער מאַכן. ער האָט זיך געביסן, געשלאָגן, אַפֿילו נישט געוואָלט נעמען פֿלייש פֿון מיין האַנט. ער פֿלעגט שאַרף און בייז קוקן. איינזאַם און פֿאַרביטערט האָט ער דערוואַרט דעם טויט. ער האָט קיינעם נישט געטרויט און מיט קיינעם קיין שלום נישט געמאַכט.

צום סוף האָט עפּעס אַלע אַרעסטאַנטן אָנגענומען אַ רחמנות אויף אים. מען האָט גערעדט, אַז מען דאַרף אים אַרויסטראָגן אויף דער פֿריי.

— זאָל ער אַפֿילו אומקומען, אָבער נישט אין תּפֿיסה, — האָבן איניקע געזאָגט.

— פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿויגל אַ פֿרייער, אַ שטרענגער, ער וועט זיך נישט צוגעוואוינען צו דער תּפֿיסה, — האָבן געזאָגט אַנדערע.

— זעט אויס, אַז ער איז נישט אין אונז געראָטן, — האָט עמיצער באַמערקט.

— יאָ, דאָס איז אַ פֿויגל, און מיר זיינען מענטשן.

— דער אָדלער, ברודער, איז דער קעניג פֿון די וועלדער... — האָט געזאָגט אַן אַנדער אַרעסטאַנט.

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען די פּויק האָט געקלאַפּט און גערופֿן אַלע אַרעסטאַנטן צו דער אַרבעט, האָט עמיץ גענומען דעם אָדלער, צוגעמאַכט אים דעם שנאָבל מיט דער האַנט, ווײַלכע ער האָט אָנגעהויבן ביטער צו שלאָגן, און אַרויסגעטראָגן אים פֿון תּפֿיסה.

עס זיינען געווען אַ מאַן צוואַנציק, וועלכע האָבן געוואָלט זען, וואוהין דער אָדלער וועט אַוועק. מען איז דערגאַנגען ביזן וואַלד.

אַ מאָדנע זאַך: אַלע זיינען געווען מיט עפּעס צופֿרידן, ווי זיי וואָלטן אַליין באַקומען אַ ביסל פֿרייהייט.

— זעסט, אַ הינטישקייט!... — האָט עמיצער געזאָגט וועגן אָדלער — דו טוסט אים גוטס, און ער בייסט זיך.

— לאָז אים גיין, גיב אים די פֿרייהייט, גיב אים די פֿרייהייט פֿון סטעפּ...

מען האָט דעם אָדלער אַ לאָז געטאָן אין סטעפּ. דאָס איז געווען אין טיפֿן האַרבסט, אין אַ קאַלטן טונקעלן טאָג. דער ווינט האָט געפֿייפֿט אין נאַקעטן, ליידיקן סטעפּ און געזשומעט איבער די פֿאַרגעלטע און אויסגעטריקנטע גרעזער.

דער אַדלער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, מאַכנדיק מיט זיין גרויסן פליגל, ווי ער וואָלט זיך איילן אַוועקצוגיין פון אונז, וואוהין די אויגן טראָגן.

די אַרעסטאַנטן האָבן געקוקט מיט נייגעריקייט, ווי אַזוי ס׳האָט זיך באַוועגט זיין קאָפּ אין סטעפּ.

— קוקסט אים אָן... — האָט פאַרטראַכטערהייט געזאָגט איינער פון די אַרעסטאַנטן.

— און ער קוקט זיך גאָרניט אַרום, — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער.

— ער האָט זיך, ברידערלעך, קיין איין מאָל נישט אַרומגעקוקט, ער פליט!...

— און דו האָסט געמיינט, ער וועט זיך אומקערן דאַנקען, — האָט געזאָגט אַ דריטער.

— אַ באַקאַנטע זאַך, פרייהייט... ער האָט פרייהייט דערשמעקט...

— יאָ, פרייהייט... אַ.... אַ... — האָט אַן אַנדערער געזאָגט.

— און מיר וועלן שוין די פרייהייט נישט אָנזען, ברידער... נישט אָנזען...

— וואָס שטייט איר דאָרטן!... מאַרש!... האָט אַ געשריי געטאָן דער טורמע-וועכטער — מאַרש צו דער אַרבעט!

און אַלע האָבן זיך אַוועקגעשלעפּט צו דער קאַטאָרגע-אַרבעט...

קאַטאָרגע — תפיסה (טפּיסע) — געפענגעניש אין וועלכער די אַרעסטאַנטן זענען זייער שווערע אַרבעט.

דער חלף און די זעג

א. שטיינבארג.

ס'טרעפט אַמאָל זיך אויכעט,
אַז אַ שייטל האָלץ צעזעגן מוז אַ שוחט.
איז געשען,
ס'האָט דער חלף גראָד די זעג דערזען,
און צעלאָזט האָט ער די שאַרפע צונג:
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג!
קוקט נאָר, ווי ער שטייט זיך דאָרט בנעימות!
כאַ, כאַ, כאַ! מ'שטיינס געזאָגט, אַ צורה!
גאָלע פּגימות!
קריצן, שפּיצן גאָר אַ גאַנצע שורה!
לויבן וועל איך זיך אליין:
איך בין ריין און איך בין שיין!
ניט קיין פּיצל קריצל אויף מיין בלאַנקנדיקער קלינג!
איז אַ חידוש, וואָס דער פרומער ר' אלקנה
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקייט, כוונה,
טוט צו גאָט אַ ווינק,
און ער מאַכט דערביי אַ שטילע ברכה!

נו, יאָ, — זאָגט די זעג בתמימות (צי גאָר מיט אַ מיין?)
כ'זאָג אַליין:
וואָס בין איך? אַ זעג, אַ בעל-מלאכה.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
כ'שטיי מיר אין אַ טונקל ווינקל,

אוּן בײַ ר׳ אלקנהן
כּבֿוד װעל, חלילה, איך ניט מאָנען.
ר׳ אלקנה איבער מיר אַ ברכה ? ! גאָט גערעכטער !
פֿאַר געלעכטער
אויף דער ערד געקײַקלט װאָלט זיך אַלצדינג, אַלץ !
װאָס ? איך קען דען מער װי זעגן האָלץ ?
אָבער דו, אַ קלײניקײט ! שנײדסט איבער דאָך אַ האַלז !...
זינג זשע, שטומער !
טאַנץ זשע, קרומער !
אוּן קלאַפּ צו דיר מיטן שטאָלץ ! —
נאָך עד היום איז אַ זעג אַ בעל־מלאכה
גאָר אַ פלעק אין דער משפחה,
אוּן אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה :
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה !

חלף (כאַלעף) — דעם שוחטס מעסער. בנעימות (בינאימעס) — ליכט, אַנגענעם, זאָרגלאָז. מ׳שטײנם געזאָגט — אויסדרוק פון באַדויערן אָדער פון מילדער פאַר־אַכטונג װען מ׳רעדט װעגן ניט װיכטיקער זאַך. גאָלע פגימות — פול מיט פע־לערן. חידוש — װאונדער. בתמימות (ביטמימעס) — נאַאיװ, אומשולדיקײַ־הײט. הצלחה (האַצלאָכע) — גליק.

דער סוועט שאַפּ

מ. ראָזענפעלד.

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
אַז אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש דאָס איך בין; —
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין:
איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן חשבון,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל;
פאַר וואָס? און פאַר וועמען? איך וויים ניט, איך פרעג ניט, —
ווי קומט אַ מאַשינע צו דענקען אַמאָל?

נישטאָ קיין געפיל, קיין געדאנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר; —
די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע וואָס לעבן פאַרמאָגט.
עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל־שנעל פליען די נעכט מיט די טעג; —
איך טרייב די מאַשין גלייך איך וויל זיי דעריאָגן, —
איך יאָג אָן אַ שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

דער זייגער אין וואָרקשאָפּ, ער רוט ניט אפילו,
ער ווייזט אַלץ און קלאַפּט אַלץ און וועקט נאָכאַנאַנד; —
געזאָגט האָט אַ מענטש מיר אַמאָל די באַדייטונג:
זיין ווייזן און וועקן, דאָרט ליגט אַ פאַרשטאַנד;
נאָר עטוואָס געדענקט זיך מיר, פונקט ווי פון חלום; —
דער זייגער, ער וועקט אין מיר לעבן און זין,
און נאָך עפּעס, — איך האָב פאַרגעסן, — ניט פרעגט עס!
איך וויים ניט, איך וויים ניט, איך בין אַ מאַשין!...

און צייטנווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פאַרשטיי איך גאַנץ אַנדערש זיין וויזן, זיין שפּראַך; —
מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיך דאָרטן דער אומרו,
כ'זאָל אַרבעטן, אַרבעטן, מערער, אַ סך!
איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם באָס'ס ווילדן בייזער,
זיין פינצטערן קוק אין די ווייזער די צוויי; —
דער זייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבט מיך
און רופט מיך „מאַשינע!" און שרייט צו מיר: „גיי!"

נאָר דאַן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומל,
אַוועק איז דער מייסטער, אין מיטאָגצייט שטונד,
דאַן פאַנגט אָן אין קאָפּ ביי מיר לאַנגזאַם צו טאָגן,
אין האַרצן צו ציען, — איך פיל דאַן מיין וואונד; —
און ביטערע טרערן, און זודיקע טרערן
צעווייקן מיין מאָגערן מיטאָג, מיין ברויט, —
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מער עסן, איך קען ניט!
אָ, שרעקלעכע פּראַצע, אָ, ביטערע נויט!

ס'ערשיינט מיר דער שאַפּ אין דער מיטאָגצייט שטונדע
אַ בלוטיקער שלאַכטפעלד, ווען דאָרט ווערט געררוט:
אַרום און אַרום זע איך ליגן הרוגים,
עס ליאַרמט פון דר'ערד דאָס פאַרגאָסענע בלוט . . .
איין ווײַלע, און באַלד ווערט געפויקט אַ טריוואָגע,
די טויטע ערוואַכן, עס לעבט אויף די שלאַכט,
עס קעמפן די טרופּעס פאַר פרעמדע, פאַר פרעמדע,
און שטרייטן און פאַלן, און זינקען אין נאַכט.

איך קוק אויף דעם קאַמף־פּלאַץ מיט ביטערן צאָרן,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישער פּיין; —
דער זייגער, יעצט הער איך אים ריכטיק, ער וועקט עס:
„אַ סוף צו דער קנעכטשאַפט, אַ סוף זאָל דאָס זיין!"
ער מינטערט אין מיר מיין פאַרשטאַנד, די געפילן,
און ווייזט ווי עס לויפן די שטונדן אַהין:
אַן עלנדער בלייב איך, ווי לאַנג איך וועל שווייגן,
פאַרלאָרן ווי לאַנג איך פאַרבלייב וואָס איך בין . . .

דער מענטש, וועלכער שלאָפט אין מיר, הויבט אָן ערוואַכן,
דער קנעכט, וועלכער וואַכט אין מיר, שלאָפט, דאַכט זיך, איין ; —
אַצינד איז די ריכטיקע שטונדע געקומען !
אַ סוף צו דעם עלנד, אַ סוף זאָל עס זיין ! . . .
נאָר פלוצלונג — דער „וויסל," דער באָס — אַ טרעוואָגע !
איך ווער אָן דעם שכל, פאַרגעס, וואו איך בין, —
עס טומלט, מען קעמפט ; אָ, מיין איך איז פאַרלאָרן, —
איך ווייס ניט, מיך אַרט ניט, איך בין אַ מאַשין . . .

סוועט שאָפ — „שוויץ-פאַבריק", — אַזוי פלעגט מען רופן די פאַבריקן, וואו די אַרבעטער פלעגן אַרבעטן זייער לאַנגע שעהן אונטער זייער שלעכטע באַדינגונגען, אײדער זיי זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין יוניאָנס. בטל (באָטל) ווערן — פאַרשווינדן, אויפהערן זיין. נוקען — שטופן, יאָגן. אומרו — Pendulum. סקרוכעט — אַ ציטער גייט דורך איבערן לייב. טאָגן — ליכטיק ווערן. פראַצע — שווערע אַרבעט. הרוגים — געהרגעטע. פויקן אַ טרעוואָגע — Beat the Alarm. טרופעס — מחנות.

אויף באַריקאַדן

י. י. זינגער.



אויף די ווענט פון די לאָדזשער מויערן, צווישן די געדיכטע פאַרביקע שילדלעך פון געשעפטן און קראָמען, פון אויסגעמאָלטע שטיקלעך סחורה, געלע לייבן, וואָס זיינען ענלעך צו קאַטערס, שטייפע אויסגעפרעסטע עלעגאַנטן מיט רויטע און געלע פּנימער און מיט שמאָלע שטעקעלעך אין די הענט, צווישן דיקע כלה'ס אין ווייסן מיט בוקעטן אין די געשוואָלענע רויטע הענט, צוזאַמען מיט אַלערליי אידישע, פּוילישע, רוסישע און דייטשע נעמען פון אַלערליי סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס, פאַבריקאַנטלעך, אין דעם גאַנצן געדיכטעניש פון נעמען, אַרטיקלען, מסחרים, אַלץ אין געלע פאַרבן, באַצירט מיט שילדן-מאַלערישע בילדלעך און פאַרפּוצט מיט געדרייטע עקן — זייַנען גרויסע מעלדונגען געהאַנגען: מעלדונגען וועגן באַלאַגערונגס-צושטאַנד וואָס איז אין שטאָט געוואָרן איינגעפירט. די מעלדונגען, אונטערגעשריבן פון בריגאַדע-גענעראַל קאַניצין, האָבן מיט קורצע ווערטער גערופן די שטאָטישע איינוואוינער נישט צו זאַמלען זיך אויף די גאַסן, נישט צונויפצוקומען זיך אין די שטובן, נישט צו פאַרשפּרייטן שלעכטע קלאַנגען, נישט קעגנצושטעלן זיך די באַפעלן פון דער פּאָליציי און סאָלדאַטן אין די גאַסן. ווער עס וועט עובר זיין אויף די

באַפעלן וועט געשטעלט ווערן אונטער קריגס געריכט און געמשפּט ווערן לויט די קריגס-געזעצן פון מיליטערישן פעלד-געריכט, ביז טויט.
נעבן אָט די מעלדונגען, אָפטמאָל אויף זיי אַרויפגעקלעפּט, זיינען געהאנגען פּראָקלאַמאַציעס וואָס האָבן גערופן די איינוואוינער צו זאַמלען זיך אויף די גאַסן, צו דעמאָנסטראַציעס, צו שטרייקן און צו פּראָטעסטן. די באַוואָפנטע סאָלדאַטן, געפירט פון פּריסטאַווס און זייערע געהילפן, זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געשטאַנען אין אַלע ראָגעס און געטריבן, געשלאָגן, געיאָגט און אַרעסטירט יעדן, ווער נאָר עס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן אין זייערע אויגן. אין די פּאָליציי-צירקלען זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט קאָזאַקן מיט נאָ־הייקעס אין די הענט. יעדע פּאַרטיע אַרעסטירטע, וואָס מען האָט גע־בראַכט פון גאַס, האָט געמוזט דורכגיין דעם בראַנד-מאַרש פון די קאָזאַקן. נאַהייקעס האָבן געהאָגלט איבער זייערע קערפּערס, איינ־געשניטן אין די לייבער, צעפּאַסעט די הויט. דער ביטערסטער פון אַלע פּריסטאַווס איז געווען דער געהילפס-פּריסטאַוו יורגאַוו, אַ דאַרער שפּיציקער פּאַרשוין, וואָס איז געגאַנגען תמיד פּאַררוקט דאָס היטל איבער די אויגן, אַרומגערינגלט מיט זעלנער און אַגענטן.

פון אונטער דעם פּאַררוקטן דאַשעק האָט ער דערטאַפּט די רע־וואָלוציאָנערן, דערשמעקט זיי ווי אַ שפּיר-הונט. מען האָט די אַרעס־טירטע מער נישט געהאַלטן אין דער טורמע אויף דלוגע גאַס. צו ענג איז דאָרט געווען. האָט מען זיי איבערגעפירט אין מאַניעזש, אין דער מיליטערישער קירכע וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ טורמע. אָבער ביז דער געהילפס פּריסטאַוו יורגאַוו האָט זיי געבראַכט צום אָרט, האָט ער זיי אויפן וועג געממיתט, געשלאָגן, די זייטן אונטערגעהאַקט, די ציין אויסגעשלאָגן. מען האָט געציטערט די גאַס דורכצוגיין וואו יורגאַוו מיט זיינע קאָזאַקן זיינען אַרומגעגאַנגען. דער אחדותניק שמשון דער מאָלער, וואָס מען האָט אים גערופן שמשון פּרינץ, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו טראָגן שיינע קליידער און קרויזן די שוואַרצע וואָנסן, האָט געלאָזט וויסן זיין פּאַרשטייער, אַז ער וויל יורגאַוון אָפּ־רוימען און ער בעט דעם קאָמיטעט צו קריגן פאַר אים אַ באָמבע. דער פּאַרשטייער האָט זיך געזען מיט אַ מענטש פון קאָמיטעט. אָבער דער קאָמיטעט האָט זיך נישט געאײַלט קיין באַשלוס וועגן דעם אָנ־צונעמען. איז דעם אחדותניק שמשון פּרינץ מיאוס געוואָרן צו וואַרטן און ער האָט די זאַך געגומען דורכפירן אַליין, אָן קאָמיטעט. ביי אַ באַקאַנטן סטודענט, אַ כעמיקער, האָט ער אַ באָמבע געקריגן. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין די שיינע קליידער זיינע, אינגאַנצן ווי אַ לאָדזשער

פאַבריקאַנטישער זון, ער האָט זיינע שוואַרצע וואָנסן גוט אויסגע־
קרייזלט, די באָמבע אין אַ שיין פעקל פאַרפאַקט, ווי שאָקאָלאַד, מיט
אַ רויט זיידן בענדל פאַרבונדן. ער האָט דאָס פעקעלע צוזאַמען מיט
אַ בוקעט רויזן געגומען אין האַנט, ווי ער וואָלט צו אַ געליבטער אויף
אַ וויזיט געגאַנגען, און מיט אַ שטאָלצער מינע און מיט אַ פאַררי־
סענעם קאָפּ געגאַנגען איבער די גאַסן. ווייבער האָבן אים נאָכגעקוקט
מיט קנאה צו דער, צו וועמען ער גייט. פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן
האָבן אים פרייגעלאָזט גיין זיין וועג.

ווען ער איז אַרויסגעקומען צו אַן עק גאַס, וואו דער פּריסטאַוו
יורגאַוו איז געשטאַנען מיט זיינע באַוואָפנטע לייט, האָט ער זיך אָפּ־
גערוקט אויף אַ היבשן שטח. ער האָט מיט די שוואַרצע ברענענדיקע
אויגן אויסגעמאָסטן אַ שטיקל גאַס, אויף אַזוי פיל אויף וויפיל זיין
האַנט וועט קאָנען שליידערן, און ער האָט געוואָרפן דאָס פאַרפאַקטע
פעקעלע צום פּריסטאַוו.

ער איז צעריסן געוואָרן דער פּריסטאַוו יורגאַוו. אויף די דעכער
פון די הייזער האָט מען געפונען זיינע אָפּגעריסענע פיס, וואָס זיינען
געפלויגן שטאָקן הויך צוזאַמען מיט די לאַקירענע שטיוול און שפּאָרן.
די אָנגעלאָפענע זעלנער האָבן באַשאָסן די גאַס, געשאָסן לאַנג און
גלייך ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד. ווען די גאַסן זיינען פּוסט געוואָרן
האָבן זיי אויפגעהויבן די ביקסן צו די פענצטער פון די הייזער און
באַשאָטן זיי מיט קוילן. די שפּיטעלער זיינען געווען פול מיט פאַר־
וואונדעטע. מען האָט זיי געמוזט לייגן אויף דער ערד, אין די קאָרי־
דאָרן, ווייל עס האָבן אויסגעפעלט בעטן. אין פּראָסעקטאַריום זיינען
די טויטע געלעגן אויסגעלייגט אין אַ ריי איינער נאָכן אַנדערן. פּאָ־
ליציי האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט צו דערקענען זיי און צו טאָן
מיט זיי זייער רעכט. מען האָט זיי געוואָלט באַגראָבן אין מיטן דער
נאַכט שטילערהייט. אין די קאַזאַרמעס האָבן די סאָלדאַטן גערייניקט
די ביקסן און געפּוצט די שטיוול, כדי שיין אויסצוזען אויף דער גרוי־
סער לויה פון פּריסטאַוו יורגאַוו. די מיליטערישע קאַפּעליע האָט
געפּוצט די טראָמייטן און איינשטודירט טרויער־מאַרשן. אין אָוונט
האָט מען שוין די מענטשן אויף די גאַסן געטריבן אַהיים שלאָפן גיין.
אָבער לאָדזש איז נישט געשלאָפן.

אין די אָרעמע גאַסן אַרום די פאַבריקן, אויפן באַלאַט, זיינען די
אַרבעטער געווען וואַך. די ווייבער און די קינדער האָבן אַרויסגע־
שלעפּט אויף די הויפן די מאָגערע און צעשאָטענע שטרוי־זעק, אַנט־
לאָפן פון די וואַנצן, פּרייסן, פליגן און זשוקעס וואָס האָבן געקרויעט

אין די אָפּגעשיילטע ווענט פון די שטובן, און אויסגעלייגט זיך אויף די הויפלעך, אויף אַלע באַלעגאָלישע וועגענער און פּלאַטפאָרמעס, אויף דער ערד, אויף די טרעפּ, אין יעדער ווינקל. די מענער זיינען געוועזן אויף. די רעוואָלוציאָנערן האָבן זייער גיך פּראָקלאַמאַציעס אַרויסגעלאָזט, געררופן צום פּראָסעקטאַריום, אַרויסצוקריגן די געפאַלענע, כדי זיי באַערדיקן מיט כבוד און פּאַראַד. אומעטום זיינען אַרומגעגאַנגען אַגיטאַטאָרן, רעדנער, און געררופן נישט צו גיין צו דער אַרבעט, נאָר צו שטעלן זיך אין די רייען. אומזיסט האָבן פאַרטאָג די סירענעס פון די פאַבריקן געריסן זיך מיט באַנומענע קולות. קיינער האָט זייער רוף נישט געהערט. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען, קינדער אפילו, האָבן געשטראָמט אין די גאַסן, געזאַמלט זיך, געגאַנגען, מאַרשירט. אַלע געשעפטן האָבן זיי געשלאָסן, אַלע ווערקשטאַטן אָפּגעשטעלט, די באַוועגונג אין די גאַסן פאַרהאַלטן. ריי נאָך ריי, טריט נאָך טריט, שורה נאָך שורה זיינען זיי געגאַנגען, אָנגעפילט גאַסן און געסלעך, מערק און פּלעצער ווי אַ טייך צו פרילינג וואָס ווערט איבערגעגאָסן איבער די ברעגעס און פאַרפלייצט אַלץ אַרום זיך, רייסט איבער אַלע פאַרצוימונגען און וואַלן, וואָס שווענקט אָפּ אַלץ אַרום זיך, שפּרייט זיך אויס אויף מיילן ווייט אַזוי, אַז עס איז גאָרנישט צו באַגרייפן פון וואַנען עס נעמט זיך גאָר צו אים אַזאַ קראַפט, אַזוי האָט די אָרעמע באַפעלקערונג געשטראָמט אין שטאָט, אַרויסגעקראָכן פון קעלערס און בוידעם-שטיבלעך, פון געסלעך און ווינקלעך, פון לעכער און נעסטן.

לאַנגזאַם זיינען די מענטשן געגאַנגען, פאַמעלעך אָבער זיכער, מיט פאַרריסענע קעפּ מיט געזאַנג אין די מיילער.

דאָס בלוט פון פאָלק פאַרגיסן הענקער,
דאָס פאָלק לעבט איבער שווערע פּיין —
האָבן געזונגען די ווייבער מיט די רויטע פענער.
נאָר די באַלוינונג וועט נאָך קומען,
די ריכטער וועלן מיר דאַן זיין.

האָבן די מענער מיט פעסטע ברוסט שטימען איבערגעריסן די ווייבערישע געזאַנגען.

פענער אידישע, פּוילישע, דייטשע, אַלע רויטע, פלאַטערנדיקע האָבן געשוועבט איבער די אָפּגעדעקטע קעפּ, איבער שוואַרץ-געקרויזלטע אידישע, איבער גלאַט-פלאַקסענע גויאישע. דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון די טריט, דאָס געזאַנג פון די מיילער, דאָס ווייען פון די פענער האָט אָנגעצונדן, געררופן. פון אַלע טויערן, פון אַלע ווינקלען

האָבן אַלץ נייע שטראָמען אַרויסגעפּלייצט, אַריינגעשטראָמט אַלץ ווייטער און ווייטער ביז צו דער רייכער פּיעטראָקאָווער גאַס, צו דער גאַס פון געלט, הערשאַפט און גליק.

— שליסן די געשעפטן! אַראָפּנעמען די היטלען! — האָבן די מאַרשירנדיקע געדופן. די מענטשן האָבן געפאָלגט.

ביים ערשטן ראָג האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַן אָפיציר אויף אַ פערד מיט אַ הוילער שווערד אין דער האַנט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ מויער מיט סאָלדאַטן. זייערע באַיאָנעטן האָבן גע־גלאַנצט אין דער הייסער זון, געשפּילט זיך מיט דער ליכט.

— צוריקגיין! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

— איך וועל שיסן! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

אַ זאַלפּ האָט דורכגעריסן די הייסע שטויביקע לופט.

אַ ווײַלע האָט זיך די כוואַליע אַ בויג געטאָן, ווי אַ קאָרן־פעלד אונטער דעם פייערישן שנייד־מעסער. באַלד האָט זי אַ כוואַליע גע־טאָן און גערוקט זיך פאָרויס אויף די באַיאָנעטן. שטיינער און קוילן האָבן גענומען האָגלען אויף די סאָלדאַטן.

דער אָפיציר האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער שווערד, אָבער ער האָט געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ און אַראָפּגעקייקלט זיך פון פערד. די סאָלדאַטן האָבן זיך גערוקט הינטער זיך. די כוואַליע האָט זיך גערוקט פאָרויס.

— באַריקאַדן בויען! באַריקאַדן! — האָבן קולות געדופן.

באַריקאַדן! באַריקאַדן! — האָבן טויזנטער קולות נאָכגעש־שריגן. די שטראָמענדיקע כוואַליע האָט אויסגעריסן גאַז־לאָמפּן, שטיי־נער פון דער ערד, אַראָפּגעצויגן שילדן פון די געשעפטן, אַראָפּגעהאַקט טירן, און באַריקאַדן געבויט. מען האָט אָפּגעשטעלט פורן, קאַרעטעס, אויסגעשפּאַנט די פערד, די וועגענער איבערגעקערט און אין די באַ־ריקאַדן איינגעמויערט. באַלעגאָלעס מיט די בלויזע פערד און בייטשן האָבן געוויינט, נאָר מען האָט זיי נישט געהערט. פון הויפן האָט מען אַרויסגעשלעפּט ברעטער, אייזנס, טישן, בענקלעך. אַ וואָגן מיט מעל איז דורכגעפאָרן. מען האָט די זעק מעל אַראָפּגעוואָרפן און מיט זיי פאַרשטעלט די שפּאַלטן אין דער באַריקאַדע. אַזוי ווי די מוראַש־קעס אַרום זייער נעסט, זיינען די מענטשן אַרומגעלאָפן, געשלעפּט שטיקער, געמויערט, באַפעסטיקט. מען האָט לייכט איבערגעקערט

שווערע טראַמווייען, אויסגעשרויפטע רעלסן. דאָס פאַלן פון שווערע אייזנס און לאַמטערנעס האָט פאַרהילכט די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע וואָס מען האָט אריינגעטראָגן אין די טויערן, די געוויינען פון די לעבעדיקע וואָס האָבן געיאָמערט איבער די געפאַלענע.

די שטאָט איז פאַרגליווערט געוואָרן. אַלע טירן און טויערן האָבן זיך געשלאָסן. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן. בלויז די אָרעמע און אָרבעטנדיקע האָבן געהערשט אין שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט, באַשיצט. קינדער האָבן געבראַכט צו טאַטעס טעפּלעך עסן פון דער היים, שטיקער ברויט. אינגלעך האָבן געבערענגט צו שלעפּן שטיינער, ברעטער. אין שטאָט איז געווען שטיל. זעלטן אַז אַ קנאַל פון אַ שאָס האָט דורכגעלעכערט די שטילקייט. די נאַכט איז געווען טויב און פינצטער. קיינער האָט קיין פייער נישט אָנגעצונדן. הינטער אַ וואַנט פון אייזנס, ברעטער, זעק און פעסער זיינען געזעסן ניסן, טוביה און זיין טאָכטער באַשקע און געוואַכט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע. די יוני-נאַכט האָט, ווי אַ דאָרפישע, אויסגעשפּרייט זיך איבער דער רויכעדיקער, באַלויכטענער און טומלדיקער שטאָט אין איר גאַנצער האַלב-חודשדיקער פּראַכט, נישט פאַרשטעלט פון רויך, נישט פאַרגעלט פון פייערן, נישט פאַרטומלט פון גערויש. די לבנה, אַ העלע און פולע, האָט אַ מילכיקע ליכט געגאָסן, די שטערן האָבן געפינקלט, געוואונקען, געשפּילט זיך אין באַהעלטעניש, אין יאָגערלעך. אַלע מאָל איז אַן אַנדערער אַראָפּגעפאַלן. אַ לייכט נאַכטיק ווינטל האָט זיך געבראַכט צו טראָגן פון הינטער דער שטאָט און מיטגעבראַכט מיט זיך ריחות פון געשניטן גראָז, פון פעלד-בלימעלעך, פון בליענדיקער אַקאַציע און פון סאָסנע זאַפט, דאָס ווינטל האָט אַ שפּיל געטאָן מיט האָר פון קעפּ, מיט צעשפּיליעטע מענערישע העמדער, מיט ווייבערישע פאַלדן פון קליידלעך.

באַשקע האָט פאַרריסן די אויגן צום הימל, וואָס זי האָט אים זעלטן געזען אין דער רויכערנדיקער שטאָט אַזאַ ריינעם און לויכטנדיקן, זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך די אָנגעטראָגענע ריחות, וואָס דער ווינט האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך, און איר מיידלשע ברוסט האָט זיך געהויבן פון גליק און געהויבנקייט. די נאַכטיקע שטילקייט, די מילכיקע ליכט פון דער לבנה, דאָס שטערן שפּיל, די פרעמדע ריחות, די סודותדיקע נאַכט אונטער באַריקאַדן, דאָס דערוואַרטן יעדע ווײַלע עפּעס אַ געשעעניש, אַ גרויס, אַ מוראדיקס און צוציענדיקס, האָט אויפגעקאָכט איר יונג בלוט, פאַרשיכורט עס.

— אזוי צו שטאַרבן — האָט זי געזאָגט שטיל צו ניסנען, און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— פאַרוואָס? מיר דאַרפן לעבן, — האָט ניסן געענטפערט און איר אָנגענומען ביי דער האַנט.

זי האָט זיך אין דער וואַרעמער האַנט איינגעקלאַמערט. זי האָט געפילט ווי שטראָמען פייער גייען אַריבער פון דער מענערישער האַנט אין אירער און צעגיסן זיך איר איבער אַלע גלידער, פון די שפּיץ נעגל אין די פיס ביז די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ.

— חבר ניסן, — האָט זי געמורמלט, — פאַרוואָס אַנטלויפן מיר אַזוי פון גליק? איז עס דען נישט אויך פאַר אונז, קעמפער?

— יאָ, באַשקע, — האָט ניסן געזאָגט, — אָבער מיר וועלן ערשט קאָנען געניסן דערפון נאָך אונזער קאַמף, ווען מיר וועלן האָבן אויסגעקעמפט פרייהייט.

— און מיר וועלן עס נאָך דערלעבן?

— מיר דאַרפן גלויבן, באַשקע, — האָט ניסן געזאָגט מיט בטחון.

מיטן מאָרגנשטערן צוגלייך האָבן זיך קאָזאַקן דערנענטערט צו די באַריקאַדן.

— מיט די באַיאָנעטן, פאָרויס! — האָט דער אָפיציר באַפוילן. די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען מיט די בליצנדיקע באַיאָנעטן אויסגעשטרעקט צו דער אַטאַקע.

— חברים, מיט שטיינער זיי באַגעגענען! — האָבן די מענטשן פון דער אַנדערער זייט באַריקאַדע גערופן.

אַ האָגל שטיינער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די אַטאַקירנדיקע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך צוריקגערוקט.

— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

די סאָלדאַטן האָבן באַשאָסן די באַריקאַדע.

אַ גאַנצן טאָג צייט איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן די פאַרבאַריקאַדירטע מענטשן און די באַוואָפנטע סאָלדאַטן. די באַריקאַדע איז געווען פעסט, די קוילן זיינען צוריקגעשפּרונגען פון איר. נאָכמיטאָג זיינען די סאָלדאַטן אַרויפגעקראָכן אויף די דעכער פון די הייזער, אויף די באַלקאָנען, און אַראָפּגעשאָסן גלייך צו די מענטשן פון דער הויך. צווישן די מענטשן איז געוואָרן אַ בהלה. קרעכצן פון פאַרוואונדעטע האָבן געריסן די לופט. אַ סך האָבן גענומען לויפן, צוריקציען זיך.

— חברים, האַלט זיך, נישט לויפן! — האָבן די פירער גערופן. די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אָבער די קוילן פון דער הויך האָבן ווידער געהאַגלט — און די מאַסע האָט זיך געבראָכן. זעענדיק, אַז באַלד וועלן אַלע זיך צעלויפן, האָט באַשקע אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אַ פּאַס.

זינגט־זשע הויך, זינגט־זשע הויך אונזער ליד,

די פאָן, זי פלאַטערט איבער טראָגנדן!

זי האָט געזונגען און געפאָכעט מיט דער פאָן אין דער הויך.

די מענער האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זייער שוואַכקייט נעבן דער זינגענדיקער פרוי, געקריגן מוט, און מיט פעסטע שטימען אונטער־געהאַלטן דאָס געזאַנג.

צוויי סאָלדאַטן, אַ הויכער און אַ קליינער, זיינען געשטאַנען אויף אַ דאַך און צוגעקוקט צום מיידל געהילט אין דער רויטער פאָן.

— וועסט זי נעמען אויפן ציל? — האָט דער הויכער געפרעגט ביים קליינעם.

— איך וועל זי נעמען, — האָט דער קליינער געענטפערט.

— וועסט זי נישט נעמען.

— וועטן מיר זיך, אַז יאָ.

— אין אַ פּאַפּיראָס?

— אין אַ פּאַפּיראָס!

דער קליינער סאָלדאַט האָט אָנגעשטעלט די ביקס, פאַרמאַכט דאָס לינקע אויג, גוט איינגעקוקט זיך אין רויטקייט און אַ צי געטאָן ביים צינגל.

דאָס מיידל איז אַראָפּגעפאַלן פון פּאַס צוזאַמען מיט דער פאָן.

— געוואונען, — האָט דער קליינער סאָלדאַט געזאָגט אַ צופרי־דענער.

— ריכטיק, געוואונען, — האָט דער הויכער נאָכגעזאָגט, אַרויס־געצויגן אַ פּאַפּיראָס פון היטל און דערלאַנגט דעם גוטן צילער.

די מענטשן זיינען געלאָפן פון דער באַריקאַדע.

צוזאַמען מיט אַנדערע האָבן געאיילט ניסן און טוביה און גע־טראָגן אויף די אַקסלען די פאַרוואונדעטע באַשקע. איר בלוט איז גערונען אויף דער רויטקייט פון דער פאָן.

(פון „ברידער אשכנזי")

דאָס קאַפּיטל גענומען פון זינגערס ראָמאַן „די ברידער אשכנזי" שילדערט אַן אינצידענט פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער אינדוסטריעלער שטאָט לאָדזש, און דער עיקר אויפן **באַלוט**, דער אָרעמסטער אידישער אַרבעטער טייל פון שטאָט.

די הויפּט פּערזאָנען אין דעם אויסצוג זיינען **ניסן**, אַ יונגער אַרבעטער און מוטיקער רעוואָלוציאָנערער פירער, **טוביה**, אַן עלטערער אַרבעטער, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן העלפן ניסנען אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און **באַשקע**, טוביהס גאָר יונגע טאָכטער, אַ באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערקע, וועלכע פאַלט אין קאַמף פאַר דעם אידעאַל פון דער רעוואָלוציע.

עובר זיין — ניט אויספאָלגן. **פּריסטאַוו** — עלטערער פּאָליציי באַאַמטער. **ראָג** — Corner. **נאַהייקע** — קאַנטשיק, לעדערנע בייטש. **אחדותניק** (אַכדוסניק) — מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער גרופּע, „בונד". **שטח** (שעטאַך) — שטרעקע. **שפּאָרן** — Spurs. **פּריים** — Cockroach. **זשיק** — Beetle. **הענקער** — Executioner. **זאַלפּ** — שטאַרקע שיסעריי פון אַ סך ביקסן מיטאַמאָל. **רעלסן** — Rails. **בהלה** (בעהאָלע) — צעטומלעניש.

הירש לעקערט

א. ליעסין.

זיי האָבן רוישלאָז, אין די שעה'ן אין די שפּעטע,
פון טורמע, ווי גנבים, אים אַרויסגענומען,
און אונטער שטאַרקער וואַך, פאַרהאַקט אין אַ קאָרעטע,
געפירט, באַגלייט פון רייטער, אין פאַראַד אין שטומען —
געפירט אים פאָרזיכטיק, אין טויטקייט פון באַגינען,
אַז קיינער זאָל זיך אויף די גאַסן ניט געפינען.

און ביזן „מיליטער־פעלד", ערגעץ הינטער שטאָט,
וואו פינצטער האָט דערוואַרט אים שוין דער עשאַפאָט.

און אויפן פעלד איז אַן אַרמיי געווען פאַרבאָרגן,
געשטאַנען אונטער ביקסן מיטן בליק צום תליון,
צו זען דעם שוסטער־יונג דעם אידישן דערוואָרגן,
צום רום צום הערלעכן פון קייזער און פאָן־וואַליען;
פיר באַטאַליאָנען האָט מען שטיל צונויפגעטריבן,
ווי שטורמען גאַנץ ווילנע וואָלט מען זיך געקליבן.

אָט קומט שוין די קאַרעטע און ער גייט אַרויס,
ווען הויך אין מזרח־הימל ברעכט די רויטקייט אויס.

דערזעט ער דייטלעך שוין פֿאַר זיך דעם עשאַפֿאָט
און האַרט דערבײַ די גרוב, פֿאַר אים געגראָבן פֿריש;
צעיאָמערט זיך זיין האַרץ, ער מאַכט צוריק אַ טראָט,
און פֿאַר די אויגן גיט זיך אַלעס ווילד אַ מיש —
ווי ליב דאָס לעבן שמייכלט, ווי די וועלט איז שיין,
ווי ווייניק גוטס געזען, און מוז אין גרוב שוין גיין!

נאָר איין מינוט פֿון שוואַכקייט, ווייטיקדיק און שווער,
און ווידער שוין דער שטאָלצער רעוואָלוציאָנער.

ער גייט צום עשאַפֿאָט, צום גורל זיינעם, מונטער,
און הערט דעם פּסק אין מוט אין ווירדיקן, אין פֿעסטן,
און לאַכט דעם אָנבאָט פֿון פֿאַרראַט מיט האָס אַרונטער,
און נעמט מיט בליקן שפּאָטישע פֿאַרעכטלעך מעסטן
דעם שטייפֿן, אָפֿיציעלן, פֿרום־צעגלאָצטן פּנים
פֿון טויט צעשראָקענעם ראַבינער, דעם קאַזיאָנעם.

אָט בינדט מען אים די הענט, אָט זעט ער שוין די שטריק,
אָט קומט שוין, קומט שוין אָן דער גרויסער אויגנבליק.

ווי טוט ער זיי פֿאַראַכטן — זיי און זייער שטראָף!
ווי קוקן זיי אויף אים פֿאַרחידושטע, די קנעכט!
און אָט שוין פֿאַלט די פּעטליע אויף זיין נאַז צום סוף,
געוואָרפֿן פֿון דעם תּליון אומגעלומפּערט שלעכט;
טאָ כאַפּט ער, הענט געבונדן, פֿלינק זי מיטן קאָפּ
און טרייסלט זי אַליין שוין אויפֿן האַלז אַראָפּ.

און באַלד אין מאָרגן־גרינקייט, הויך אין תּליה־קנופּ,
צעווויגט זיך עלנדיק אַ בלויער, קאַלטער טרופּ.

אָט ליגט ער שוין אַ בר־מינן אין גרוב פֿאַרשאָטן,
און איבער אים דער חייל לויפֿט אין מאַרש אין גיכן;
עס האָבן טויזנדער סאָלדאַטסקע פֿיס געטראָטן

און מיט דער פלאַכער ערד דעם קבר אויסגעגליכן ;
און זיכער אַז זיין זכר וועט שוין זיין פאַרגעסן,
צעפּאָרן זיך די הענקער פרישטיק אָפּצועסן.

דאָך שפּעטער שוין אַ ווײַלע, מיט דער זון צוזאַמען,
איז לעקערט אויפגעגאַנגען אין די רויטע פלאַמען.

עס איז אין קבר אין צעטראָטענעם געבליבן
פאַרהוילן נאָר דער מת, וואָס וועט דאָך באַלד צעפוילן,
ווען הויך אַריבער קבר, מיט אַ שיין אַ ליבן,
האָט אויפגעשיינט דער העלד, וואָס ווערט שוין ניט פאַרהוילן ;
ער איז פון „מיליטער־פעלד" ליכטיק אויפגעשטאַנען
אין קדושה־אָרעאָל, וואָס קען שוין ניט פאַרוויאַנען.

ער האָט זיך איבער די מיליאָנען קנעכט פון צאַר דערהויבן,
און אויפגעוועקט דעם שטאָלץ און אויפגעוועקט דעם גלויבן.

אַן אָרעם געטאָ־קינד פון נידעריקסטן נידער,
אַ לעבן אַזוי קורץ, אַ לעבן אַזוי ביטער,
וואָס האָט אין אונזער גרויקייט אויפגעבישופט ווידער
דעם איידלסטן ראָמאַנס פון וואונדערלעכן ריטער,
אַ ראַכע־נעמער פאַרן כבוד דעם פאַרשוועכטן
פון קלאַס, וואָס איז געווען דער שפּלסטער נאָך נעכטן.

אָ פאָרגייער, וואָס האָט, אין ביישפּיל אין דערהויכטן,
אַ גרויסן קעמפער־דור מיט זיין געשטאַלט באַלויכטן.

קאָרעטע — Coach. באַגינען — גאַנץ פרי. עשאַפאָט — תליה (Scaffold). תליון (טאַליען) — הענקער (Executioner). רום — גלאָריע. פּסק (פּסאַק) — אורטייל. קאַזיאָנע ראַבינער — אידישער באַאַמטער, גוטגעהייסן פון דער רו־סישער צאַריסטישער רעגירונג, וואָס פלעגט אַכטונג געבן אויף אידישע קהילה אַנ־געלעגנהייטן. פאַרחידושט — פאַרוואונדערט. פעטליע — Noose. טרופּ — טויטער קערפּער. בר מינן (באַרמינען) — טויטער. חייל — מיליטער גרופּע. זכר (זייכער) — אָנדענק. קדושה — הייליקייט. פאַרוויאַנען — פאַרוועלקן (To wither). ריטער — Knight. ראַכע — נקמה. שפל (שאָפל) — ני־דעריק.

ביים נייעם ברעג

קיין אַמריקע

מ. סטאַווסקי.

א

פריער האָט מען דאָס געהאַלטן בסוד־סודות; טאַטע־מאַמע האָבן זיך צווישן זיך געשושקעט אויג אויף אויג, פאַרמאַכנדיק זיך אין אַלקער, פון וואַנען מ׳פלעגט אַרויסגיין אומעטיק, מיט זייער פאַרזאָרגטע פּנימער. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן רעדן דערפון שבת ביים טיש אַביסל פאַרשטעלט, און די קינדער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז קינדער דאַרפן פון שטוב נישט אַרויסטראָגן, אַז קינדער דאַרפן האָבן אַ טבע זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס עלטערן רעדן, און אַז עמיצער פרעגט עפּעס, דאַרף מען ענטפערן: „איך ווייס פון גאָרנישט"...

נאָר גאָר גיך — ווער ווייס ווי אַזוי — האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט און אַ סך גערעדט דערפון און געוואונדערט זיך און ניט געקענט גלויבן, אַז אַזאַ איד ווי מיין טאַטע, וואָס אויסער זיין דאַווענען און „חק לישראל" און זיין פּרק משניות האָט ער גאָרנישט ניט געוואוסט און קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט אין קראָם און נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט גויאיש — זאָל זיך אונטערנעמען פאָרן אין אַמעריקע. און כדי דאָס צו וויסן אויף ריכטיק, איז מען נישט פויל

געוועז צו פאַרנעמען מיך אויף אַלץ וואָס טוט זיך אין שטוב — וועגן וואָס רעדט מען אין שטוב, און וואָס שרייבט דער פעטער יואל פון אַמעריקע, און צי איז שוין אָנגעקומען די שיפסקאַרטע, און ווען איז געווען ביי אונז די מומע דאָבריש, און פאַרוואָס איז די מאַמע דעם שבת געגאַנגען דאַווגען אָן די פּערל און נאָך און נאָך...

מיר האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אַזוי פיל פראַגן און עס האָט מיר מאָדנע הנאה געטאָן, וואָס דווקא מיין טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע, און מיט קיין אינגל רעדן נישט דערוואַקסענע מענטשן אַזוי ווי מיט מיר.

און שפּעטער, אַז משה בריוטרעגער האָט געבראַכט צו אונז אין קראָם אַריין אַ גרויסן פּאַקעט, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע — און די מאַמע האָט אויף דער העלפט צוגעמאַכט די קראָם און איז געלאָפן אין אַפּטייק זיך פאַנאַנדערנעמען, וואָס אין פּאַקעט איז אַזעלכעס, און ווען זי איז צוריק פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ פאַר־ווייַנטע, האַלטנדיק אין האַנט דעם פעטערס בריוו, די שיפסקאַרטע און די אָנווייזונג אויף פופצן דאָלער, — האָבן שוין אַלע געוואוסט אויף ריכטיק, אַז דער טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע. און דאָס פאָרן איז גאָר גיך, אָט נאָר דעם יום־טוב אַריבערקומען...

ב

פון דעם טאָג, וואָס די שיפסקאַרטע איז אָנגעקומען, האָט אַלץ אין שטוב געקראָגן אַן אַנדער אויסזען — אין אַלץ האָט זיך געפילט אַמעריקע. און וואָס מ'האָט נישט געטאָן, צו וואָס מ'האָט זיך נישט גענומען, פון וואָס מ'האָט נישט גערעדט, האָט אַלץ אָפּגעקלונגען אין די אויערן דאָס וואָרט: אַמעריקע. דער טאַטע איז געוואָרן נאָך שטילער און אומעטיקער, איז דעם גאַנצן דאַווגען אויף די פּיס אויס־געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, און צו זיין „חק" איז צוגע־קומען נאָך אַ צען קאַפּיטלעך תהילים, וואָס ער פלעגט טאָג־טעגלעך נאָכן דאַווגען אָפּזאָגן מיט הארץ. און די מאַמע האָט אויף אַלץ גע־וויינט — געקושט די קינדער און געוויינט, געלייגט בוריקעס אויף יום־טוב און געוויינט, באַשמירט פאַר די קינדער ברויט מיט סיראָפּ און געוויינט, האָט דעם סידור מיט טרערן באַוואַשן. און אחרון־של־פּסח, צו הזכרת־נשמות, האָט זיך פון דער ווייבערשער שול אַ גרויס געוויין געהערט — און פון אַלע האָט מיין מאַמעס קול איי־בערגעשטיגן; — דאָס האָט זי איר שווער הארץ אָפּגערעדט: פאַר־וואָס האָט דער, „וואָס זי איז נישט ווערט זיין נאָמען אָנצורופן",

אויף אונז זיין צאָרן אויסגעגאָסן, אַז מ׳זאָל ווערן נע־ונד, צעזייט איבער אַלע שבעה ימים, און פאַרוואָס זאָל זיין זיסער קול פון לערנען זיך מער נישט דאָ הערן. און געבעטן האָט זי, אַז מ׳זאָל זיך אָנ־נעמען איר קריוודע פון שלעכטע מענטשן, וואָס רייסן ביי אירע קינדער דעם ביסן פון מויל — און שונאים זאָלן אָן איר קיין נקמה נישט דערלעבן...

און ביז דעם שבת, וואָס דער טאַטע האָט געדאַרפט אוועקפאָרן, איז שוין אַלץ געווען פאַרפאַקט און אָפּגעשיקט, און אויף דער סאָפּ־קע אין שטוב איז גרייט געלעגן אַ ווייס זאַלצזעקל, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרפאַקט אַביסל ביר־סוכאַרקעס, קיכלעך, האָניק־לעקעך, אַ פּאָר העמדער, אַ טלית־קטן, אַ פּעקל ציצית, אַביסל מיענ־טע און יום־כיפור־טראָפּנס און אַ פּאָר ספרים, אין וועלכע עס איז גוט אַריינצוקוקן.

ג

דעם לעצטן שבת איז דער טאַטע פריער ווי שטענדיק אויפגע־שטאַנען, האָט מיך אויפגעוועקט און אוועקגענומען צו דער הרעבליע. ער איז געווען צערודערט און זייער בלייך. דער טאַטע האָט מיט מיר געשמועסט ווי מיט זיינס אַ גלייכן; ער האָט מיר דערציילט, אַז די צייטן זיינען ביטער, און עס איז אין קראָם קיין פּרנסה נישטאָ, און דעריבער מוז ער אוועקפאָרן פון דער היים און זיך אוועקלאָזן אויף יענער זייט ים. איך זאָל זען צו זיין אַ מענטש און וועלן לערנען און שטיין אויף זיין אָרט ביים דאַוונען, ווייל עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל אויף מיר השגחה געבן, און אַז איך בין זיין גאַנץ שטיקל האָפנונג, און פאַר וועמען איז זיין גאַנצע האָרעוואַניע, און צוליב וועמען לאָזט ער זיך ערשט אויף דער וועלט, אויב נישט צוליב מיר?... און איך זאָל השגחה געבן אויף די קלענערע קינדער און די מיידלעך און איך זאָל אוועקוואַרפן די קינדערשע שטיק — איך בין שוין נישט קיין קליין אינגעלע — שבת־נחמו ווערט מיר שוין צען יאָר — און איך זאָל פאָלגן די מאַמע: אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין דער־היים, איז די מאַמע דער טאַטע.

איך בין געגאַנגען ביי דער זייט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און צוגע־הערט יעדעס וואָרט, און דער טאַטע איז מיר עפּעס אַזוי מאָדנע טייער געוואָרן אין דער מינוט און אַזוי פיל רחמנות האָב איך געפילט צו אים — נאָך קיינמאָל האָט דער טאַטע מיט מיר אַזוי נישט גערעדט ווי יענעם פרימאָרגן.

דערנאָך האָבן מיר געטרונקען די שבתדיקע ציקאָריע, זיך אָנ־געטאָן און צוזאַמען אַוועק דאַוונען. שטיל זיינען מיר אין גאַנס הויז אריינגעקומען, דער טאַטע האָט זיך גלייך צו דער וואַנט געשטעלט און איז אַזוי די גאַנצע צייט אָפּגעשטאַנען מיטן טלית איבערן קאָפּ, און פון אונטערן טלית האָט זיך געהערט אַ שטיל דאַוונען מיט אַ שלוכצן. און ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה עולה לתורה זיין, האָט זיין קול געציטערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער אַ טעות האָבן מיט דער ברכה, און איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזאַ איד ווי מיין טאַטע, וואָס קען אַזוי פיל לערנען און איז שוין אַזוי פיל מאָל עולה לתורה געווען, זאָל זיך שרעקן און אַ סך מאָל איבערחזרן דעם „אתה".

אין בית־המדרש איז מאָדנע שטיל געוואָרן; אַלע האָבן זיך צו די ברכות צוגעהערט און דעם „אמן" געענטפערט, און געדאַכט האָט זיך, אַז איבערן גאַנצן מקום־קדוש שוועבט אַרום אַן אומעט און אַ פאַרדראָס פון אַ גאַנצער עדה אידן, וואָס זיינען געקומען צום כביכול מיט תרעומות, פאַרוואָס ער האָט גאָר גורם געווען אויף אַ אידן אַ למדן נע־ונד צו זיין פון ווייב און קינד, פון אָרט און שטענדער אין שול — אין אַ פרעמד לאַנד...

ד

אין אָוונט, באַלד נאָך הבדלה, האָבן אָנגעהויבן צו קומען מענטשן געזעגענען זיך, און באַלד איז אַ פולע שטוב געוואָרן, און אַלע האָבן גערעדט און געטומלט און געפרעגט און געענטפערט און געגעבן עצות. דער טאַטע איז אויף זיין אָרט אויבנאָן ביים טיש געזעסן, בלייך ווי די וואַנט, האָט נישט געוואוסט, וואָס מ'רעדט צו אים און וואָס ער האָט ערשט צו טאָן. די קינדער האָבן זיך אַרום שטוב אַרומגעבלאָנקעט מיד און שלעפעריק. נישט מיר זיינען וועמען אָנ־געגאַנגען, און נישט עמיצער האָט זיך אויף אונז אומגעקוקט. נאָר ווען מיר האָבן ערגעץ אויף דער סאָפקע אָפּגעזוכט אַן אָרט, זיך צו־נויפגעקאָרטשעט און געוומען איינשלאָפן, איז פלוצים אויסגעוואַקסן פאַר אונזערע אויגן די שכנה אסתר־חיה, לייבע דעם שוסטערס ווייב, אין דער געשטאַלט פון אַ פאַרזאָרגערן, און האָט אונז גענומען מאַ־טערן און דרייען און וועקן: אפשר ווילן מיר עסן, אפשר חלה מיט פוטער, אפשר מיט סיראָפּ, אפשר אַ שטיקל קיכל. מיר האָט זיך שוין אַלץ געמישט פאַר די אויגן, און איך האָב בשום אופן נישט גע־קענט פאַרשטיין, וואָס ביי אונז טוט זיך ערשט. פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל מענטשן אין שטוב? וואָס וויל אָט די אידענע און וואָס באַלעבאַטעוועט זי דאָ? דער סוף איז געווען, אַז מיר

זיינען אַזוי איינגעשלאָפן אין די זאַכן — זיך נישט געזעגנט און נישט געהערט דעם טאַטן אַוועקפאָרן. נאָר ווי אין חלום געדענקט זיך מיר, אַז מ'האָט מיך אויפגעוועצט אַ שלעפעריקן. איך האָב געוויינט, און אַלע קינדער האָבן געוויינט. דער טאַטע האָט מיך אויף דער באַנק אַוועקגעשטעלט, דאָס היטל אָנגעטאָן און עפּעס גערעדט צו מיר, און מיך צו זיך געדריקט און געקושט — איך האָב זיין באָרד געפילט, און דאָס פּנים איז מיר נאַס געוואָרן. איך האָב אין שלאָף געוואוסט, אַז דאָס איז מיין טאַטע, און אַז מיין טאַטע פאָרט אַוועק, און דאָס וויל זיך מיין טאַטע מיט מיר געזעגענען. איך האָב אָבער דאָס מויל נישט געקענט עפענען צו זאָגן „פאָר געזונט" און די אויגן — אַ קוק צו טאָן אויף אים. און ווען ער האָט מיך אַפּגעלאָזן און צוריק אויף דער באַנק אַוועקגעלייגט, האָב איך מיטן אַרבל דאָס פּנים פון די קושן אָפּגעווישט, זיך איינגענורעט און ווידער איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן איז שוין גאָרנישט געווען — נישט דער טאַטע, נישט דאָס ווייסע זאַלצזעקל, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אויף דער באַנק געלעגן. אין שטוב איז מאָדנע שטיל און שווער געווען און אין דער שטילקייט האָט נאָר איין-איינציק וואָרט אָפּגעקלונגען: אַמעריקע... אַמעריקע...

א) **בסוד סודות** (בעסאָד-סוידעס) — שטאַרק געהיים. **אַלקער** — צימער. **פּרק-משניות** — אַ קאַפּיטל פון משניות, זאַמלונג פון געזעצן, צוזאַמענגעשטעלט פון די תנאים אין 2טן י. ה. **הנאה** (האַנאָע) — פאַרגעניגן. **אַפּטייק** — Drugstore. (דער אַפּטייקער איז אָפט געווען דער איינציקער מענטש אין שטעטל, וואָס האָט געקענט פרעמדע שפּראַכן.)

ב) **אחרון של פסח** (אַכרען) — דער לעצטער (אַכטער) טאָג פּסח. **הזכרת נשמות** (האַזקאָרעס נעשאָמעס) — דאָס דערמאָנען די פאַרשטאָרבענע, אַ תפילה, וואָס מען זאָגט אין געוויסע ימים טובים. **נע ונד זיין** (נאַ ווענאַד) — אומוואַנדערן; זיין פאַרוואָרפן פון דער היים. **סוכאַרעס** — געטריקנטע ברויט. **טלית-קטן** — אַ וואָלן מלבוש מיט ציצית (וואָלענע פעדים) אין די פיר ברעגן (אַרבע כנפות). **מיענטע** — Mint. **יום כיפור טראָפּן** — שטאַרקע טראָפּן, וועלכע מען שמעקט אום זיך צו דערקוויקן ביים פאַסטן.

ג) **הרעבליע** — דאַמבע (Dam). **השגחה געבן** (האַשגאָכע) — אַכטונג געבן. **האָרעוואַניע** — שווערע אַרבעט. **שבת נחמו** (נאַכמו) — דער ערשטער שבת נאָך תשעה באָב, ווען מ'לייענט די הפטורה ישעיהום נבואה פון טרייסט. **ציקאָריע** Chicory. **שלוכצן** — שטאַרקער וויינען. **בימה** — פלאַטפאָרמע, פון וואַנען מ'לייענט די תורה. **עולה לתורה זיין** — אויפגערופן ווערן צו דער תורה. **מקום קדוש** — הייליק אָרט — אַ שול. **עדה** (אֵיידע) — פאַרזאַמלונג, געמיינדע. **כביכול** (קעוויאַכל) — „גלייך ווי מען וואָלט געקאָנט אַזוי זאָגן" — רעדנדיק וועגן גאָט ווי וועגן אַ פּערזאָן. **תרעומות** (טאַרומעס) — טענות, קלאָגן. **גורם זיין** — פאַראורזאַכן, ברענגען דערצו. **למדן** (לאַמדן) — געלערנטער.

ד) **הבדלה** (האַוודאָלע) — די תפילה וואָס מען זאָגט שבת צו נאַכט צו אונטערשיידן צווישן שבת און וואָך. **בשום אופן** — פאַר קיין פאַל.

צום אַמעריקאַנער ברעג

ש. אַש.

עס איז געווען אַ שיינער טאָג אויף דער שיף. די זון האָט ברייט געשיינט איבערן ים, און אַזוי ווי דאָ וואָלט מען זי געלאָזט איין מאָל אין איר לעבן אויסציען זיך אין איר גאַנצער גרויסקייט, אַז עס זאָלן איר נישט שטיין אין וועג קיין שפּיצן פון דעכער און קלויסטערס — האָט זי איבערן ים געוויזן איר פּראַכט און שיין. וויפל זי האָט נאָר געסטייעט, האָט זי זיך פאַרשפּרייט איבער דעם ברייטן, אומענדלעכן וואַסער, און האָט מיט איר גלענצנדן ליכט, וואָס זי האָט געגאָסן פון זיך, אויפגעקאָכט די קאַלטע גיסנדע וועלן פון ים. דער ים האָט גע־ברויזט קעגנאיבער איר שיין, און דאָס וואַסער האָט געשימערט. איבער דער לענג פון ים, וואו דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערזען, האָט זיך געוואָרפן איין גרויסע, לאַנגע שימערנדע וועל, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגן דער זון, און האָט אַזוי געלויכטן, אַז דאָס אויג האָט נישט געקאָנט אריינקוקן אין איר ליכט, און איבער דער וועל האָט אַלץ די שיף געשטאַרקט זיך דורכצושווימען און האָט נישט געקאָנט: די לויכטנדע וועל איז איר פאַרויסגעלאָפן דעם גאַנצן וועג און האָט אויפגעברויזט אירע וואַסערן אונטער די רעדער פון שיף.

אויף דער שיף איז היינט געווען יום־טוב. מען האָט זיך דער־נענטערט צום ברעג פון אַמעריקע; כאָטש מען האָט דעם ברעג נישט געזען — דאָך האָט מען געפילט זיין נאָענטקייט און מען האָט דערוואַרט יעדן אויגנבליק אים צו דערזען.

נאָך אַ טאָג פריער האָבן די מאַטראָסן די גאַנצע גרויסע שיף געוואַשן; נאָך אַ טאָג פריער האָבן זיך די מעווען פון דער אַמערי־קאַנער זייט געוויזן און האָבן מיט זייער שרעקנדיק געשריי באַגלייט די שיף אַ גאַנצע נאַכט; נאָך אַ טאָג פריער האָבן זיך אומענדלעך פיל קליינע שיפלעך געוויזן איבערן ים; נאָך אַ טאָג פריער האָט מען אין די קאַיוטעס איבער דער גאַנצער שיף אויסגערופן: „מאַכט זיך גרייט!"

די אַמעריקאַנער פאָן אויפן מאַסט־בוים פלאַטערט שטאָלץ אי־בער דעם ברייטן ים. און די פעלקער זיינען אַרויס פון זייערע גע־צעלטן אויף דער אויבערדעק מקבל פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדן. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פון דעם באָדן

פון קאַסטן און דערמיט זיך אויסגעצייכנט. אויסגעפּוצט אין יום־טוב קליידער שטייען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אויי־בערדעק פון שיף. זייערע בליקן זיינען געווענדט מיט בענקשאַפט און זיי דערוואַרטן מיט קלאַפּנדע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעט מען אַ קליינרוסישן פּויער מיט זיין רויטן העמדל און שוואַרצן הוט, שטייט און קוקט תמעוואַטע אויף דעם וואַסער; לעבן אים זיין ווייב, דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַ־לענעם צלם פון איר האַרץ צו אירע ליפּן; אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איר רויטן נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך; אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטן האַלזטוך און צו־קנייטשטן קאַפּעליוש האַלט זיין מאַנדאָלינע אין דער האַנט; ער האָט גאָרניט ניט צו ברענגען פון זיין רייך לאַנד, נאָר זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע, צום אַמעריקאַנער באָדן; עס וואַרפט זיך דאָס קאָ־לירטע טוך אויף אַ שפּאַנישן שוואַרץ־מיידלשן קאָפּ אין דעם ים פון פאַרבן; עס בלייכט זיך אַרויס צווישן דעם ים מענטשן־קעפּ אַ בלייך קריסטוס פּנים, אַרומגערינגלט אין אַ שוואַרצער באָרד פון אַ פּוי־לישן אידן. דאָ און דאָרט נעמען זיך צונויף די רומענישע פּויערים אַרום אַ צלם, וואָס ווייזט זיך איבער זייערע קעפּ, קניען צו דער ערד און לאָזן שאַלן איבער דעם ברייטן ים אַ רעליגיעז לויב־ליד. די קאַטוילישע באַפעלקערונג טוט זיי שוין נאָך: אין אַ צווייטן ווינקל האָבן זיך די פּוילישע פּאַרטיעס און פּויערים צוזאַמענגעקליבן אַרום אַ צלם און אַ קירך־פאָן, און עס דערהערט זיך דאָס מוראדיקע קאַטוילישע קירכן־ליד, וואָס איז מער ענלעך צו האַרצרייסנדע גע־שרייען, ווי צו אַ ליד. און די זון באַשימערט דאָס וואַסער, באַגיסט מיט ליכט די שיף, ברענגט צונויף די פאַרבן פון די פאַרשיידענע פעלקער אין איין גרויסן קאָלירטן פאָן; די געזאַנגען ווערן אויס־געמישט, די לידער ברומען איבערן ים, די וועלן קלאַפּן אונטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויס, גרויס לויב־ליד צו דעם ברעג, וועלכן אַלע דערוואַרטן מיט בענקענדיקע בליקן און קלאַפּנדיקע הערצער.

(פון „קיין אַמעריקע")

מעווע Sea-Gull. קאַיוטע — Cabin. תמעוואַטע — נאַריש.

דער סוף פון פּאַק

י. י. שוואַרץ.

אַז ס'האָט דער טאָג דערנענטערט זיך צום סוף,
און שטראַלן זיינען ראָז און קרום געפאַלן —
דאַן זיינען זיך צונויפגעקומען שכנים.
עס זיינען אָנגעקומען שווערע בעלי־בתים
מיט די פאַרגרעבט־מגושמדיקע הענט,
מיט רויט־פאַרפלאַמטע פנימער און קאַרקן.
און אַלע אין די ברייטע ווייסע פלודערן,
מיט העמדער ברייט־צעקנעפּלטע ביים האַרצן,
מיט ברייטע הויכע שטרוי־היט אויף די קעפּ.
דער איינציקער, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט,
געווען איז דער גרויסער דינער פּאַסטאָר,
געקליידט אין שוואַרצן, פאַרשפּיליעט ביז צום האַלז
אויף אַלע קנעפּ. און נאָך די מענער, זיינען
די פרומע, שטילע ווייבער נאָכגעקומען
מיט דינע און פאַרשנירטע ליפּן,
צוריקגעצויגענע און שטילע, נאָר די אויגן
זיי האָבן נייגעריק און פלינק געהערט,
געגליטשט זיך פון איין פנים אויפן צווייטן.
האָט מען זיך אויפן גאַניק אויסגעזעצט,
די מאַנסלייט פאַר זיך, און די ווייבער פאַר זיך,
און באַלד האָט אָנגעהויבן גיין אַ רויך,
פון וויפל מענער פונקט אַזויפיל רויכלעך,
(ס'האָט נאָר פון דינעם פּאַסטאָר נישט גערויכט).
די בעל־הביתטע האָט געבראַכט פון קעלער
דעם שווערן קרוג מיט קאַלטן עפּלטרונק,
וואָס האָט געבלעזלט ביז די שוואַרצע ראַנדן,

איז אומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן
באַדינענדיק די רויכנדיקע געסט.
דער איד, דער פרעמדער וואָס ער איז, איז שטיל
און פרעמד געזעסן צווישן פרעמדן עולם,
האָט שעמעוודיק, פון ווינקל־אויג, באַטראַכט
די דעמבענע און איינגעוואָרצלטע אין גרונט,
די שווערע בעלי־גופים מיט די קאַרקן —
האָט ער זיך אומבאַהאָלפן, שוואַך, דערשפּירט,
האָט אים שוין באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק.
איז ער געזעסן אומעטיק, פאַרקלערט,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, דעם קאַרק געבויגן,
און ניט געוואַגט די אויגן אויפצוהויבן.
האָט אָנגעהויבן שטיל דער בעל־הבית
צו רעדן: שכנים, — האָט ער אָנגעהויבן —
איך האָב אייך אַלעמען דערציילט פון אידן,
אָט זיצט ער דאָ אַ פרעמדער צווישן אונז, —
וואָס קאָן מען פאַר אים טאָן? — דאָ האָט דער פאַסטאַר,
אַ שטילער, אַ געלאַסענער, זיך אָנגערופן:
צווערשט לאָמיר דעם אידן אויסהערן,
און נאָכדעם וועט מען זען. — איז דאָס געפעלן
און אַלע האָבן צוגעברומט: גערעכט, גערעכט.
האָט זיי דער איד דערציילט זיין מעשה פון דאָס ניי.
גערעדט אויף זיין געבראָכן, אויסגעמאַטערט קול,
נאָר מער פון אַלץ האָט זיי גערירט דער צער,
וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון זיינע אויגן,
דער שטומער אָפּטער זיפץ, וואָס האָט באַגלייט
די נאָנטע ווערטער מיט דער פרעמדער אויסשפּראַך
און מיט דעם פרעמדן ניגון. נאָר דער צער
פון עלנדן און היימלאָזן האָט זיך געשפּירט
אין יעדן טאָן, אין איטלעך אומפאַרשטענדלעך וואָרט.
און אַז דער איד האָט אויפגעהערט צו רעדן
איז מען אַ ווייל געזעסן שטיל: די קעפּ

געבויגן אין דעם רויטן אָוונטשיין,
און האַרץ האָט שטום גערעדט צו האַרץ; פאַרהאַרטעוועט,
פאַראייזנט ווי זיי האָבן אויסגעקוקט,
האָט דאָך געענטפערט זייער האַרץ אויף לייד,
ווייל זיי אַליין האָבן אין פריער קינדהייט
געוואוסט דעם טעם פון עלנד און פון לייד,
געהערט פון פאָטערס און פון אַלטע זיידעס,
די ערשטע פיאָנערן פון דעם קאַמף
אויף טויט און לעבן מיט דעם רויטן מאַן,
פון שלאָפן מיט דער ביקס אין האַנט, אין מורא
פאַר פלוצימדיקע פייערן און טאָמאַהאָק.
און ס׳האָט דער צער פון עלנדן און פרעמדן
דאָ אָנגערירט די בראַווע שטומע הערצער.
האָט אויפגעשטעלט זיך דער דינער פאַסטאָר,
אַ גלעט געטאָן דעם הויכן בלאַסן שטערן,
און קלאָר, געלאַסן, זיך גענומען רעדן.
האָט אָנגעהויבן פון די פאַטריאַרכן:
פון אייבראַהאַם, פון אייזיק און פון דזשייקאָב,
דערציילט פון דזשאָזעפן אין פרעמדן לאַנד,
פון פראָפעט מאָזעס מיט די צען געבאָט,
פון אַלטן קעניג דייוויד מיט די פּסאַלמען —
ביז ער איז צוגעקומען צו דעם זון פון גאָט,
דעם האַרן דזשיזוס קרייסט. דעריבער —
האָט ער פאַרענדיקט — זאָלסטו עפענען
דיין טויער פאַרן פרעמדן וועלכער קלאַפּט.

האָט אָנגעהויבן איינער פון די שכנים,
דער אַלטער טאָמפּקינס מיטן פנים פון אַ לייב,
מיט גרויע האָר און גרויע ברעם און באָרד:
„מיין אַלטער שייער און דאָס הויז ביים וואַסער
שטייט ליידיק, אָפּגעלאָזט — זאָל זיך דער איד
אַריינציען אַהין און טאָן געשעפט.

וועל אים דערפֿאַר ניט רעכענען קיין געלט —
אויב ער וועט שפּעטער קענען, זאָל ער אָפּקויפֿן,
איך וועל פֿאַרקויפֿן ביליק".
„וואויל, ס'איז וואויל", —
האָט זיך דער בעל־הבית באַדאַנקט מיט האַרץ —
„וואָס טוט מען אָבער וואָס דער פּלאַץ איז אַלט
און שטייט אין איין סכנה איינצופֿאַלן?
מיר וועלן דאָך דערהרגענען אונזער איד," —
האָט ער געוויצלט.
„איך וועל געבן האָלץ,
וויפֿל נאָר מען באַדאַרף צו אויפֿריכטן דאָס הויז", —
האָט אָנגערופֿן זיך דער סוחר פֿון געהילץ.
„און מיר וועלן דאָס הויז און שטאַל פֿאַרריכטן", —
האָט אָפּגערופֿן זיך פֿון יעדער זייט.
„מען דאַרף דאָך אָבער געלט צו פֿירן האַנדל", —
האָט אַלץ דער בעל־הבית ניט נאָכגעלאָזט.
„וועל אויספֿאַרקויפֿן סחורה פֿונ'ם פּאַק,
וועט זיין געניגט," — האָט איינגעשטעלט דער איד.
„פֿיין, פֿיין, אַ גוטער פּלאַן, מען דאַרף ניט בעסער.
העי, מוטער, גיב אָקאַרשט אַהער דעם פּאַק."
און באַלד דערויף האָט זיך דער פּאַק באַוויזן
און זיך גענומען אויספּעקלען. עס זיינען
אַרויסגעקראָכן אויף דער ווייסער וועלט
געשטריקטע זאָקן וואָלענע פֿאַר ווייבער,
פֿון בלויען, רויטן, ראָזן, גרינעם וואָל;
מיט קליידער פֿון דעם פֿלאַמעדיקסטן זייד;
און טישטעכער מיט בלויע, רויטע קאַסטנס,
מיט שווערע גאָלדענע געדיכטע פֿראַנזן;
קאָלירט־געשטרייפֿטע העמדער פֿאַר די מענער;
מיט ליולקעס פֿונ'ם גאָלדענעם בורשטין;
און שווערע זילבער־זייגערס ווי די ציבעלעס;
מיט לאַנגע בייטשן גלעזערנע קאַרעלן,

מיט בונטע פאַרבן ווי פון רעגנבויגן ;
מיט ווייסע זילבערנע טאַשנמעסער,
מיט שטאָלענע, מיט גריך־באַהויכטע קלינגען ;
מיט מייער־קעפּלעך, מוטערפּערל, ביין ;
מיט גרינע, ראָזע שפּילצייג פאַר די קינדער,
מיט כל המינים פאַטשערקעס און ברילן.
און איבער דעם האָט צונטערדיק געברענט
אַ גרויסע, רויטע, פלאַמענדיקע זון,
אַז ס'האָבן זיך די מענטשן אַזש פאַרזשמורעט,
זיך צוגעדעקט די אויגן פון די פלאַמען.
דער עולם האָט עס אָנגעקוקט פאַרגאַפט,
פאַרבלענדט אַזש פון געשריי פון די קאָלירן, —
ערשט שפּעטער זיך צעשמייכלט אין די וואָנסן.
די ווייבער זיינען אַלץ געזעסן שטיל,
ווי גענצ געדרייט די העלזער פון דער ווייט,
און ס'האָבן זיך די אויגן זיי געצונדן.
„העי, ווייבער, איצט איז אייער צייט, אַהער —
באַווייזט נאָר וואָס איר קענט". — זיינען די ווייבער
געלאָסענע און שטילע צוגעקומען,
צוערשט מיט איינגעהאלטענע באַוועגונגען —
נאָר באַלד האָט זיך צעפלאַקערט דער יאַריד ;
געוואָרן מערער אויפגעלייגט און היימיש,
די אויגן האָבן זיך צעברענט מיט פייער,
די שטימען האָבן אויפגעלעבט געקלונגען,
די הענט האָבן געשיקט און שנעל געאַרבעט,
און איטלעכע געמאַכט פאַר זיך איר פּעקל.
די בעל־הביתטע איז געווען פאַרדרייטלט,
פאַרהאַוועט אומגעלאָפן צווישן קונים,
איז יעדע וויל צום אידן צוגעקומען
צו אויספרעגן דעם מקח פון אַ חפץ :
„דו זאָג נאָר וואָס די זאַך קאָסט דיר אַליין,
דעם פּרייז וועל איך אליין שוין שטעלן".

און ס'איז דער איד געזעסן אַ פאַרשעמטער
צווישן רויכנדיקע ווילדע מענער.

ס'איז טונקעלער געוואָרן. מיט דער זון
האָט אויך דער ברען און פריילעכקייט געזעגנט זיך.
די ווייבער זיינען אָפּגעקילט געוואָרן,
צוריק זיך אָפּגעטיילט אין זייער ווינקל.
די פּנימער זיינען געוואָרן ערנסט,
מען האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צעגעניצט,
און שווייגנדיק גענומען זיך צעקריכן.
די מאַנסלייט פּאָרווייס מיט די ליולקעס רויך
און הינטער זיי די ווייבער מיטן וויסצייג.
מען האָט געקלאַפּט דעם אידן אויף דער פּלייצע:
„ווי רופט מען דיך ?"
„דזשאָשוא".
„פיינער נאָמען,
מיר וועלן פון היינט אָן דיך רופן: דזשאָש".
און מען איז זיך צעקראָכן אין דער נאַכט.

(פון „קענטאָקי")

מגושמדיק — גראָב. קאַרק — Neck. פלודערן — הויזן. בעל גוף — שטאַרקער, דיקער מענטש; גוט באַזיצער. רויטער מאַן — אינדיאַנער. טאַ-מאַהאָק — געווער פון צפון-אַמעריקאַנער אינדיאַנער. פּטריאַרכן — די אָבות פונ'ם אידישן פאָלק. פּסאַלמען — תהילים (Psalm). געהילץ — Lumber. פראַנזן — Fringes. בורשטין — Amber. קאָרעלן — Corals.

מייער קעפּל — Ear-Shell. פּאַטשערקעס — קאָרעלן (Beads). צונטערדיק — שטאַרק רויט. מקח (מעקאָך) — פּרייז. חפץ (כייפעץ) — זאַך, אַרטיקל.

וויסע הענט

א. ראַבאָי.

פֿונקט דאָס אייגענע, וואָס שבע האָט געפֿילט ביי זיך אין דער היים, האָט מאַנים געפֿילט אַ גאַנצן טאָג אין דעם אָרט, וואו אייבערעם האָט אים געבראַכט.

זיי זיינען געגאַנגען איבער אַ גאַס אַ שמאָלער, און ווי מאַניסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַן אויסגעשניטענער ערגעץ אונטער דער ערד, אַן אַ שיער אַ לאַנגע; און די שטיבער איינגעוואָרפֿענע, און ביי די שטיבער וועגענער מיט פֿערד און פֿעסער מיט הערינג און פֿעסער מיט ציבעלעס און פֿעסער מיט עפּל און געשטעלן מיט אַלערליי סחורות און אַלטוואַרג, און ארויסגעוואָרפֿענע, צעבראָכענע שטיקער מעבל און פֿלעשער ליידיקע און איינגעבונדענע בינטלעך זיינען געלעגן, איינס אויף דאָס אַנדערע, אויף קופּקעלעך אַש, און קעץ האָבן זיך געראָיעט אין דעם אָפּפֿאַל, און הינט פֿאַרלייזיקטע און אָפּגעשונדענע זיינען נאָכגעלאָפֿן די קעץ. און קינדער זיינען געשטאַנען אָדער געגאַנגען אין גאַנצע בונטן. אַזעלכע טרויעריקע קינדער, ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין מאַמעס. און בעקער-יונגען, ווייס-באַמעליקטע, האָבן געטראָגן גרויסע קוישן פֿריש-געבאַקענע בייגל און היים-געבאַקן ברויט, און אידן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט זעגן און מיט העמערלעך, און אַנדערע אידן האָבן געטראָגן בערג מיט הויזן און רעקלעך און היט צו פֿאַרקויפֿן. אָט צווישן אַזעלכע גאַסן האָט אייבערעם געפֿירט מאַניסן. און מאַנים האָט זיך געפּרוּווט אַלע מאָל אָפּשטעלן און באַטראַכטן דאָס דאָזיקע בייז-וואונדער, אָבער אייבערעם האָט אים אַלע מאָל דערמאָנט, אַז מען דאַרף גיין. ביז ער האָט אים צוגעבראַכט צו דער מיט פֿון גאַס. ערשט דאָ האָט זיך מאַנים אַרומגעקוקט, אַז פֿון אויבן איז די גאַס געווען אין גאַנצן פֿאַרשטעלט מיט אַ דאַך, ווי, למשל, דער דאַך פֿון אַ היימישער קאַמער — טאַקע אַ דאַך, און פּאָרט נישט קיין דאַך. וואָרום עס האָבן זיך דורך דעם דאַך פּאָרט דורכגעזעען שטיקלעך פֿון דעם הימל. עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז מאַנים זאָל זיך דערשרעקן. וואָרום אָן שרעק איז ביי אים דאָס לעבן זיינס קיינמאָל נישט אָפּגעקומען. נו, האָט ער זיך איצט אויך אַביסל דערשראָקן. עס האָט אויף דעם דאָזיקן דאַך פּלוצלונג אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. און די אייזערנע באַלקנס פֿון דעם דאַך האָבן געקרעכצט פֿון דעם שווערן געוויכט פֿון דעם, וואָס האָט אַזוי

פאַרטויבט צו ווערן געקלאַפּט. עס איז אָנגעקומען דאָס פאַרטויבט־צו־ווערעניש אַזוי ווי מיט אַ ווינט, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ גליק, וואָס אייבערעם האָט מאַניסן אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַזאַ באַן, וואָס לויפט אין דער הייך. וואָלט דאָך, דאַכט זיך, מאַניס באַדאַרפט זיין צופרידן, און שוין. איז אָבער מאַניס ערשט איצטער אַריין אין אַלערליי סברות און נישט אָפּגעלאָזט אייבערעמען, ביז יענער האָט זיך אויף אים נישט אויסגעבייזערט און מיט גוואַלד אים אַריינגעשלעפּט אין אַ פינצטערן לאָך און אים געפירט אין דער פינצטער אַ שטיק וועג און אים ווידער אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקייט און דאָרט ערגעץ געעפנט אַ טיר. אייבערעם מיט מאַניסן זיינען געבליבן שטיין אין אַ שטוב אַ טונקעלער, וועלכע איז געווען באַלויכטן, אין מיטן העלן טאָג, מיט גאַז־לעמפּלעך.

דער געפּילדער פון ניי־מאַשינען און דאָס שווערע, דערהרגענדיקע קלאַפּן פון די אייזערנע פּרעסלעך, מיט וועלכע עטלעכע אידן האָבן געוואָרפן אויף טישן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך מיט די דאָזיקע טישן אָפּגערעכנט און צו זיי אויסגעלאָזט זייער כעס, — באַזונדערס, דאָס געפּילדעריי פון די מאַשינען האָט גאָרנישט צוגעלאָזט, אַז עמיצער אַנדערש, דאָ אין דער דאָזיקער שטוב, זאָל וואַגן צו עפענען אַ מויל און עפּעס זאָגן. טאָמער האָט עמיצער יאָ עפּעס געזאָגט, האָט מען טאַקע נישט געהערט, וואָס ער זאָגט.

אייבערעם איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו איינעם אַ אידן, וועלכער האָט געטראָגן אָן אַרשין איבער זיין האַלז און אַ שרייבפּענדל איבערן אויער פאַרלייגט, און אָט צו דעם אידן האָט אייבערעם געזאָגט עפּעס אין אויער אַריין. מעגלעך, אַז אייבערעם האָט אַריינגעשריען יענעם אין אויער אַריין, וואָרום יענער האָט זיך אומגעקוקט אַזוי ווי אַ דערשראָקענער און איז גיך צוגעלאָפן צו מאַניסן און אים באַטראַכט פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס.

מאַניסעס פיס האָבן זיך ביי דער דאָזיקער באַטראַכטעניש אָביסל אַ בויג געטאָן, און אים איז עפּעס באַלד דער דאָזיקער איד נישט געפעלן געוואָרן.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער דאָזיקער שמועס צווישן דעם אידן און מאַניסן. אָבער ביידע האָבן געמוזט שרייען איינער דעם אַנדערן אין די אויערן אַריין. מאַניס האָט נישט געוואַגט אפילו צו שרייען אַזוי הויך ווי דער איד האָט געשריען:

— אַ איד וויל זיך לערנען?

— פאַרוואָס נישט?

— עס איז נישט קיין רבנות!

— כ'ווים...
— ווי אַלט איז אַ איד?
— כ'ווים... קרוב צו פופציק... — האָט מאַנים געזאָגט און האָט זיך אַביסל פאַרשעמט.
— האָסט ניט געקאָנט זיין אינגער?
מאַנים האָט געפילט ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגעבריט. אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט, — אפילו געפּרואווט אַ שמייכל טאָן.
— ווילסטו זיין אַ פרעסער?
— כ'ווים?... — ענטפערט מאַנים און כאַפּט דערוויל אַ קוק אַהין, וואו עס שטייען אידן און הרגענען די טישן מיט די אייזערנע פּרעסלעך. ער דערשרעקט זיך פאַר איינעם פון יענע אידנס גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע שרייען צו מאַניסן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פרעסער, נישט זיין קיין פרעסער!
— ווייז דיינע הענט! — גיט דער, וואָס מיטן שרייבפּענדל הינטערן אויער, פלוצלונג אַ זאָג צו מאַניסן.
מאַנים ווייזט אים זיינע הענט, די ווייכע, אויסגערוטע און ריינע הענט, פון דורות אויסגעאַיידלטע און געוואַשענע, און אָפּגעהיטענע. די דאָזיקע הענט האָבן מיט זייער ווייסקייט געטאָן אַ בליץ אין דער טונקלקייט פון שטוב, און זיי האָבן זיך געבעטן, דרייענדיק זיך און בויגנדיק מיט זייערע פינגער, אַז מען זאָל זיי נישט מאַכן אַ תל; מען זאָל זיי נישט אויסשמירן און נישט אָפּבריען מיט דעם הייסן פּרעסל.
— מיט אַזעלכע הענט! מיט אַזעלכע הענט קומט „עס" קיין אַמעריקע!...
— אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע... — האָט זיך מאַנים געבעטן.
— איך וועל דיר געבן אַ גרינגע אַרבעט... וויין נישט...
— ווער וויינט? — האָט זיך מאַנים געטאָן פונדעסטוועגן אַ טאַפּ ביי זיינע אויגן, צי ער וויינט טאַקע נישט.
— ווערסט פּאַקן העמדער?
— פאַרוואָס נישט?
— זעקס וואָכן אומזיסט.
— און דערנאָך?
— און דערנאָך... אַז עס שמעקט נאָך פון דיר די שיף, — האָט אים דער פרעמדער איד אָנגעקלאַפּט אין אַן אַקסל.
בשעת דעם דאָזיקן געשפּרעך, איז אייבערעם געשטאַנען און געהאַלטן די פּיפּקע אין זיין מויל, און עס האָט אים הנאה געטאָן.

וואָרום פון איין ווינקל פון זיין מויל איז גערונען אַ שמאָל ריטש־קעלע שפּייעכץ.

אייבערעם איז אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט מאַניסן אַליין צווישן די פרעמדע מענטשן. מאַנים האָט אַ גאַנצן טאָג געבענקט נאָך זיין ווייב שבען, און אַז עס איז געקומען צוועלף דער זייגער און אַלע האָבן געגעסן אָנבייסן, האָט מאַנים זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און געטראַכט פון שבען און זי באַדויערט. און כאָטש עס האָט אין אים געברענט אַ באַגער אַהיימצוגיין, פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך געשטאַרקט און געמאַכט, ווי ער וויל פאַר־געסן אָן דער היים.

ביז צוועלף איז ער געשטאַנען און געקוקט, ווי אַזוי מען באַ־דאַרף פאַקן אַ העמד. דער, וואָס מיט דעם שרייבפעגדל הינטערן אויער, האָט אים געוויזן, ווי אַזוי מען פאַקט העמדער.

נאָך דעם מאָלצייט, און די מאַשינען האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פילדערן, איז שוין מאַנים געשטאַנען איבער אַ טיש, וואָס האָט מיט זיין הייך דערגרייכט ביז מאַניסעס באָרד, און אויף דעם טיש איז געלעגן אַ העמד, מיט רויטע און בלויע פּאַסן, און מאַנים האָט געפּרואווט דאָס דאָזיקע העמד צונויפלייגן. פריער האָט ער פון דעם דאָזיקן העמד באַדאַרפט אַרויסשלעפּן שטיקלעך איבעריקע פּעדים, וועלכע זיינען געהאנגען דאָ און דאָרט. פאַרטיק געוואָרן מיט די פעדים, האָט מאַנים געפּרואווט צונויפלייגן דאָס העמד. פאַר־שטענדלעך, אַז ער האָט נישט געקאָנט. די צוויי אַרבל זיינען גע־שטאַנען אין וועג. ער האָט באַדאַרפט די צוויי אַרבל אַזוי באַהאַלטן אין העמד אינווייניק, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען, און זיי זאָלן, חוץ דעם, ליגן אַזוי באַקוועם באַהאַלטן אין העמד, אַז זיי זאָלן חלילה נישט צעקנייטשט ווערן. פון דעם העמד האָט געשמעקט מיט פרישע לייוונט און מיט דעם ריח פון הייסן פּרעסל, און די בלויע און רויטע פּאַסן האָבן געלאָקערט דאָס אויג, און ווייסע קליינע קנעפּלעך האָבן געוואונקען, אַזוי ווי קליינע שטערן איבער דער גאַנצער לענג פון אַ בלויען פּאַס. זאָלן אָבער פאַרשאָלטן ווערן די אַרבל, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. און אָט איז שוין מאַנים פאַרטיק מיט דעם העמד און טוט עס אַ הויב אויף אין דער הויך, און די צוויי אַרבל פאַלן אַרויס, און פון די נייַ־מאַשינען הייבן זיך אויסגעבויגענע פלייצעס, און עס הערט זיך אַ געלעכטער.

און דער באַרג מיט העמדער וואַקסט. און מאַנים דערשרעקט זיך פאַר דעם באַרג מיט העמדער, און דער איד מיט דעם שרייב־פּענדל קומט צולויפן און ווייזט אים נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

— זעסט, ווי גיך עס גייט.

— כ׳האָב עס ביי מיין טאַטן נישט געטאָן, — בעט זיך מאַנים.

— מען ווייסט, מען ווייסט, — שרייט אַזוי ווי מיט כעס דער, וואָס מיט דעם שרייבפּענדל, און בשעת־מעשה פליען אים די געפּאַקטע העמדער פון די הענט.

ערשט ביים סוף פון טאָג איז מאַנים געוואויר געוואָרן פון דעם סוד, ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן אַ העמד, און עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. יאָ. עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָבער דעמאָלט האָבן זיך שוין אַלע געקליבן גיין אַהיים. מילא, גיין אַהיים איז אַן ענין; אָבער מאַניסן איז געוואָרן אַ שאָד, וואָרום ערשט איצט זיך אויסגעלערנט, און מען באַדאַרף שוין גיין אַהיים.

(פון „איז געקומען אַ איד קיין אַמעריקע.")

(מאַניס און שבע — אַ פּרום, קליינשטעטלדיק פּאָר פאָלק, וואָס זיינען ערשט נים לאַנג אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד קיין ניו יאָרק (ענדע 19טן י. ה.) איבראַם — דער ניו יאָרקער אידישער הויז־אויפזעער, וואָס באַפריינדעט מאַניסן)

סברות (סוואָרעס) — טעאָריעס, געדאַנקען. מאכן אַ תל (טעל) — קאַליע מאַכן. בשעת (בישאַס) — אין דער צייט פון. ענין (איניען) — זאַך, אויסרעכנונג.

דער גרוס

ש. אַש.

שבת אויף דער נאַכט, ווען מאיר האָט געהאַט הבדלה אָפּגע־מאַכט אין זיין ווינקל צווישן דעם קאַסטן און בעט, האָט ער זיך אָנ־געטאָן דעם ראָק און איז געגאַנגען, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, צו די לאַנדסלייט אויף דער דריטער סטריט. ער איז געווען זייער טרויעריק, וואָרום אַכט חדשים איז ער שוין פֿון דער היים, אָן דער ווייב און אָן די קינדער, — און איז דען פֿאַר אַ אידן אַ תכלית צו זיין אַליין? — ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע שבתים, זיין פּסח אַליין, און די קינדער אין דער היים אָן אַ פֿאָטער, — ווער קוקט זיך אויף זיי אום? ער האָט טאַקע פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער איז אַהער געקומען, אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אַ תכלית, און כאָטש ער האָט חנה־לאהן אַהיימגעשיקט געלט, דאָך האָט ער שוין אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן יעדע וואָך פֿון זיינע פֿאַרדינסטן אַ קליינ־קייט אויף אַ תכלית. אָבער וואָס וועט זיין דער סוף: ער וועט אַהיימפֿאָרן אָדער זיי אַהער ברענגען? נאָר, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאָרט איז געווען זייער ווייניק אי אויף אַהיימצופֿאָרן, אי זיי אַהער צו ברענגען. און דאָ רעדט מען עפּעס וועגן אַ „סלעק", ווען ס'מאַכט זיך אַ שלעכטע צייט. אַנדערע געהערן עפּעס צו אַזעלכע חברות, וועלכע צאָלן אין אַ שלעכטער צייט. דער קרוב פֿון דער דריטער סטריט האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אויך אַריינטרעטן אין עפּעס אַ חברה „אחדות", וואו אַלע אַרבעטער האַלטן זיך צוזאַמען. נאָר אים האָט בעת מעשה פֿאַרדראָסן, וואָס דער קרוב האָט אים גענומען בבחינת אַרבעטער. — וואָס פֿאַר אַן אַרבעטער איז ער? ער איז אַ איד, אַ יודע ספר.

נאָר נישט וועגן דעם האָט ער איצט געקלערט, גייענדיק צו דער דריטער סטריט. אַהיימפֿאָרן צוריק — וואָס וועט זיין דער תכלית? דער זעלבער אָרעמאַן וואָס פֿריער. און מיט וואָס וועט ער זיך מפרנס זיין? ווען ער איז דאָ, פֿאַרדינט ער דאָך און פֿירט צוויי הייזער (מאיר האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ הויז) און שפּאָרט נאָך אַביסל. און רחלע, די עלטסטע טאָכטער, זאָגט מען, וואָלט דאָ

אויך באַלד געקאָנט פאַרדינען. און אַז מען קומט אַהער מיט קינ־דער, ווערן דאָ עלטערן גאָר גליקלעך; והא ראיה, ר׳ חיימס אלמנה פון דער דריטער סטריט. נאָר גלאַט, ווי נעמט מען אַהער חנה־לאַהן מיט די קינדער, און וואָס וועט זיין מכח אידישקייט, מכח לערנען? מילא, די קאָמאַנדע — וועלן זיי נישט זיין קיין גרויסע לומדים, זיי וועלן סיי ווי סיי נישט לערנען. אָבער יאָסעלע? און קלערנדיק וועגן יאָסעלען, האָט אים אַזאַ פּאָטערלעך רחמנות געפּיל אַרומגע־נומען, אַז ער האָט אליין אויף זיך אָנגעהויבן רחמנות צו קריגן. ער האָט שטענדיק געזען יאָסעלען, ווי ער שטייט אין שטיבל אויף זיין אָרט און האַלט דעם סידור אין האַנט און דאַוונט פרום. אָדער ער האָט אים געזען, ווי שבת נאָכמיטאָג (יאָסעלע האָט אָנגעהויבן חומש צו לערנען און קאָן שוין די ערשטע פרשה) נעמט ער דעם חומש און מישט זיך אויף, און וויל, אַז עס זאָל אים ווער פאַרהערן. ער גייט צו צו דער מוטער, זי זאָל אים פאַרהערן די פרשה חומש. נאָר די מוטער קוקט אַריין און ווייס נישט, וואָס יאָסעלע זאָגט.

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז מאיר אָנגעקומען צו די לאַנדסלייט. ביי די לאַנדסלייט אין הויז האָט ער שוין געטראָפן די קינדער־וועג־לעך, אין וועלכע די ווייבער פון די אנשי לענשנע האָבן געבראַכט צו פירן זייערע קינדער, און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן חנה־לאַהן. די שטוב איז געווען פול מיט מענער, ווייבער, עלטערע און זויגנדיקע קינדער — אַלע זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די בעטן, אויף די בענקלעך, אויף דער ערד. די ווייבער האָבן די זויגנדיקע קינדער געהאַלטן ביי זיך, און די עלטערע קינדער האָבן זיך אין מיטן שטוב געשפּילט. די שטוב איז פול געווען מיט רויך פון פּאַפּי־ראָסן. אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן יואל וואַטנמאַכער פון דער היים, אַרום אים — די אנשי לענשנע, און ער האָט דערציילט וועגן לענשנע.

יואל וואַטנמאַכער איז ערשט געהאַט אָנגעקומען פון לענשנע, און באַלד האָבן זיך די לענשנער פון גאַנץ ניו יאָרק דערוואוסט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער לענשנער, און זיי זיינען זיך צוזאַמענגע־קומען צו דער אלמנה חיה, אויספרעגן ביי יואלן אויף די זייעריקע.

מאיר האָט אויך געוואָלט פרעגן אויף זיינע, נאָר דער עולם האָט געהאַט אַזוי אַרומגערינגלט דעם וואַטנמאַכער, אַז ער האָט זיך נישט געקענט צוקריגן צו אים. יעדער איינער האָט אויסגעפרעגט נישט בלויז אויף די זייניקע, נאָר אויך אויף באַקאַנטע, און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע זיינען נייגעריק געווען צו וויסן, וואָס עס

איז געוואָרן דער סוף פון געוויסע גאַסן, הייזער, בהמות און חיות פון לענשנע; איינער, אַן עלטערער מענטש, מיט אַ דיק בייכל און אַ סך גאָלד אויף זיך, אויך אַ לענשנער, און וואָס מאיר האָט אים געדענקט ווי אוים אַ חלום — דער עולם האָט אים גערופן: דער „אָלרייטניק" — האָט עפּעס גערעדט וועגן יאָרצייט און וועגן אַהיימפאָרן אויף אַ יאָרצייט. פאַר אים, דעם „אָלרייטניק", האָט דער וואַטנמאַכער געזען, האָבן אַלע דרך־ארץ. דערפאַר האָט ער אים אַלערשטנס אָפּגעענטפערט. דערנאָך האָט ער דערציילט, דער „אָלרייטניק", פאַרשיידענע מעשיות, פון וועלכע דער עולם האָט זיך צעלאַכט, און מאיר האָט זיך פאַרשעמט און פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל.

דער עולם איז אָבער אַריינגעקומען אין אַ ליכטיקער שטימונג פון דעם „אָלרייטניקס" מעשיות, און דער „אָלרייטניק" האָט אַראָפּ־געשיקט נאָך ביר פאַר דעם גאַנצן עולם. דענסטמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אָן אַלע זאַכן, וואָס זיינען אין שטעטל פאַר־לאָפן אין די קינדער־יאָרן און מ'האָט אָנגערופן נעמען פון מענטשן, וועלכע זיינען שוין לאַנג אויפן „גוטן אָרט" געווען און נעמען פון הייזער און גאַסן, וואָס עס איז שוין פון זיי קיין זכר נישט געווען. דענסטמאָל האָט זיך אויפגעהויבן משהלע דער קאָזאַק, וואָס איז נאָך אין דער היים געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן לץ און קונצנ־מאַכער, און האָט אין דער היים עפּעס אין אַ טעאַטער געזאָלט האָבן געשפּילט און דאָ איז ער אַ גאַנצער פריזירער און אַ מאַכער אויך אין די טעאַטערס — און האָט אָנגעהויבן נאָכצומאַכן ווי שלמה סוקניק דאַוונט אין דער חברה פאַרן עמוד מיט זיין קוויטשנדיקן קולכל, און ווי חיה־ראַשע טאַנצט אויף די חתונות, און ווי גענענדל־ברײנע פּאַלט שבת אַוועק נאָך דעם קוגל אויף דער „כאַלערע" און איצעלע דער פעלדשער קומט צו לויפן מיטן „שמעק־פּלעשעלע". דאָס זיינען אַלץ געווען נעמען פון מענטשן, וועלכע האָבן שוין לאַנג גע־רוט אין דר'ערד ערגעץ־וואו אויף אַ בערגל, אויף יענער זייט ים, און וואָס קיינער פון די לעבעדיקע האָט שוין נישט געוואוסט פון זיי און נישט געהערט פון זיי — אויסער דאָס ביסל „אנשי לענשנע", וועלכע זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף יענער זייט ים און האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דעם קליינעם שטיבל און דערמאָנען זיך פון לענשנע, זייער אַלטע היים.

ווען דער „אַלריימניק" האָט געקוויקט דעם עולם מיט די לענג־נער זעלטנהייטן, האָט זיך מאיר אין דער שטיל צוגערוקט צו יואל וואַטנמאַכער און האָט געפרעגט אויף זיינע. יואל האָט זיך אומגע־קוקט און האָט דערזען מאירן.

— אַ, איר זייט עס! שלום עליכם! אייער קליינער יונג, ווי רופט מען דאָס, יאָסעלע, דאַכט זיך, ער שמט דאָך אין דער גאַנצער שמאָט, איז מיר נאָכגעלאָפן נאָך דער פור און האָט זיך געבעטן, אַז איך זאָל אייך איבערגעבן אַ גרוס, אַז ער לערנט זיך, און וואַרט ביז איר וועט אים פאַרהערן. שאַ, ער האָט מיר עפּעס מיטגעגעבן אַ בריוול.

יואל האָט געזוכט אין די קעשענעס.

— יאָ, ער האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, — האָט ער ווייטער גערעדט — אַז דער רבי לערנט אים שרייבן, און ער שיקט אייך אַ בלאַט, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן.

יואל האָט עפּעס געפונען און אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ צע־קנייטשט שטיקל פּאַפּיר.

— דער קליינער יונג האָט מיך אַזוי געבעטן, איך האָב עס אים ניט געקענט אָפּזאָגן.

מאיר האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און אויפגעעפנט דאָס צעקנייטשטע פּאַפּיר. עס איז געווען אַ בלאַט פון אַ שרייב־בוך, אויף וועלכן עס איז אין שורות, איין שורה נאָך דער אַנדערער, געווען אויפגעשריבן אין זילבן מיט אַ קינדערשן כתב:

„איך וויל דעם טאַ־טע־שי זע־ען. איך וויל דעם טאַ־טע־שי זע־ען". אַזוי איין שורה נאָך דער צווייטער.

מאיר האָט לאַנג באַטראַכט זיין זונס האַנטשריפט. אַ מינוט האָט ער עפּעס געקלערט, צעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר אין האַנט, און איז מיט אָפּגעלייגטע טריט און געדאַנקען צוגעגאַנגען צו חיהס עלטערן זון, משה־דוד, וועלכער איז שוין געווען אַ גאַנצער אמעריי־קאַנער און גערעדט ענגליש און — האָט שטענדיק געלערנט די נייע אָנגעקומענע, ווי זיי זאָלן זיך האַלטן — און האָט אים געפרעגט מיט פאַרזיכט:

— מען זאָגט, אַז מען קריגט שיפסקאַרטן הי אויף אויסצאָלן, — איז עס וואָר?

— וואָס, איר ווילט אייערע אַראָפּברענגען? — האָט אים דער קרוב געפרעגט.

— איך ווים? — איז ער זיך מיישב — און וואָס זאָגט איר?

(פון „קיין אַמעריקע")

הבדלה (האַוודאָלע) — די תפילה וואָס מען מאַכט שבת צו נאַכטס צו אונטערשיידן צווישן שבת און וואָך. **תכלית** (טאַכלעס) — ציל, צוועק, פּראַקטיש. — „סלעק" — צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט. **חברה** (כעווורע) — אָרגאַניזאַציע, געזעלשאַפט. „**אחדות**" „אייניקייט"; אַ יוניאָן. **בבחינת** (ביווכינאָס) — אַזוי ווי, אין דער קאַטעגאָריע פון. **יודע ספר** — אַ לערנער, אַ קענער. **מפרנס זיין** (מעפּאַרנעס) — שפּייזן, אויפהאַלטן. **והא ראיה** (וועהאָ ראַיע) — אָט איז אַ באַווייז, אַ ביי־שפּיל. „**די קאָמאַנדע**" — מאירס עלטערע אינגלעך. **פרשה** (פּאַרשע) — קאַ־פּיטל. „**אַנשי לענשנע**" — „די מענטשן פון לענשנע" — אָרגאַניזאַציע פון מאירס לענשנער לאַנדסלייט. **דרך ארץ** (דערעך ערעץ) — רעספּעקט. **אויפן „גוטן אָרט"** — אויפן בית עולם (Cemetery). **זכר** (זייכער) — אָנדענק, סימן. **פריזירער** — Barber. **שמט** (שעמט) — איז באַרימט; זיין נאָמען קלינגט. **וואָר** — אמת. **זיך מיישב זיין** (מעיאַשעוו) — באַטראַכטן זיך.

אויף ערד

א. ראַבאָי.

צוריק מיט צוואנציק יאָר איז הער גאָלדנבאַרג אַ יונגער און מיט ליידיקע הענט געקומען אין דער ווייטער וועסט.

זיין יונג ווייבל, רחל, האָט ער געלאָזן אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך „נעמען צייט", און ווען ער וועט שרייבן, אַז ער האָט געפונען דאָס, וואָס איז גוט, וועט זי אויך אַרויסקומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטאַס און האָט זיך אויסגעקליבן אַ „האָמסטעד", וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד, אויף וועלכן קיין מענטש האָט נאָך ניט פון אוראַלטע יאָרן זיין פוס געשטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבן דאָס שטיק לאַנד מחמת פיל טעמים.

ערשטנס האָט זיך עס געצויגן איבער אַ ברייטער פלאַכע, און צו צפון זייט איז געשטאַנען אַ הויך, ברייט בערגל.

צווייטנס איז אין דער מיט פון דעם לאַנד אַ טייכל געפלאָסן.

און דריטנס איז טאַקע דאָס לאַנד אַ פעטס און מיט טיפע גראָזן... און נאָך און נאָך טעמים אָן אַ שיער. און ער האָט עס ליב באַקומען.

און איינער אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע שטחים און געטראַכט און געמאַכט זיינע פּלענער. אָט איז ביי אים געבליבן צו בויען דאָס הויז ביים טייכל, איז אָבער געקומען אַן אַנ־דער פּלאַן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אָוועקצושטעלן דאָס הויז ביים פוס פון בערגל. וואַסער וועט שוין זיין. און דערפאַר וועט עס וואַרי־מער זיין אין ווינטער: פאַרשטעלט פון די ווינטן.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט אים די פּאַפּירן אין רעגי־רונגס-שטיבל געגעבן צום אונטערשרייבן און אים אָנגעזאָגט פון די פאָדערונגען: אַז ערשטנס זאָל ער בויען אַ הויז, און צווייטנס — גראָבן אַ ברונעם, און דריטנס: צעאַקערן פינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפּעס פאַרזייען, און פערטנס, וואָס דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: ער זאָל זיך אויף דער ערד אַליין באַזעצן און עס מאַכן פאַר זיין אייגענער היים, — האָט גאָלדנבאַרג צו אַלעם געשאָקלט מיט זיין קאָפּ און געשוויגן.

ער האָט ניט געקענט זאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים גע־וואָלט זאָגן פון זיין טיפן האַרץ אַרויס, נאָר שטום האָט ער די פּאַפּירן געחתמעט.

ער האָט באַלד זיין רחלען געשריבן קורץ און פריילעך:

„טייערע רחלע, אַ גוט שטיק לאַנד גענומען... גרייט זיך אין וועג, איך נעם זיך שוין בויען"...

און אַזוי ווי ער האָט עס נאָר אַוועקגעשריבן זיין ליבער פרוי, האָט ער זיך שוין דערפילט אויף דער נאַקעטער פּריירי ווי אין דער היים.

ער איז אַוועק צו דעם נאָענטסטן שכן, הער עלקינס, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט צוויי פערד און אַ גוטע ווירטשאַפט, און זיך מיט אים באַקענט.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך ? — האָט יענער היימלעך גע־פרעגט.

— איך וויל אַפּריער טאָן פאַר אייך אַן אַרבעט, און דאַן זאָלט איר מיר צוריק אָפּהעלפן, — האָט גאָלדנבאַרג געענטפערט.

עלקינס האָט זיך באַליידיקט :

— ביי אונז גייט עס אַנדערש... מען רעכנט זיך ניט. נאָר וואָס איר דאַרפט, וועל איך מיט פאַרגעניגן טאָן פאַר אייך, און אַז איכ'ל דאַרפן, וועט איר, גלויב איך, אויך טאָן עפּעס.

— איך וועל, איך וועל, — האָט גאָלדנבאַרג געמורמעלט און ניט פאַרשטאַנען דעם חילוק.

און צוערשט איז עלקינס מיט אים געפאָרן אין שטעטל אַריין און זיי האָבן געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט ברעטער און שינדלען און אַנדערע נויטיקע מאַטעריאַלן.

און גאָלדנבאַרג האָט שוין געמוזט נעכטיקן און קעסט עסן ביי עלקינסן. פרוי עלקינס האָט נאָך דאַן געלעבט און זי האָט צוליב דעם נייעם שכן אַן עוף געהרגעט און פאַר אים געבראָטן פלייש מיט בולבעס.

— זייט איר דאָך אַ „דזשו" און איר טאָרט ניט עסן קיין חזיר... — האָט זי פילבאַדייטנדיק געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג איז הער עלקינס אַרויסגעפאָרן מיט זיין אַקער און פערד און פאַר גאָלדנבאַרגן צעאַקערט אַ שטח לאַנד. ער האָט עס געטאָן אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער האָט צעאַקערט אַן ערך פון פינף אַקער לאַנד.

דערווייל האָט דער איד גאָלדנבאַרג מיט זיין איינגעקויפטער האַק ערגעץ אין אַ טיפן טאָל וועדבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צו טראָגן אויף זיינע אַקסלען און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ שטוים נאָענט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז. און אַז ער האָט געהאַט אַ סך קלעצלעך, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און זיי צעהאַקט אין קליינע שפּענדלעך.

און עלקינס איז מיט אים ווייטער אַוועק אין שטעטל. און זיי האָבן געבראַכט אַ וואָגן מיט בולבעס-זריעה. עס איז נאָך ניט געווען שפּעט צו פאַרזעצן קאַרטאָפל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבן גיין זיין נאָמען פון איין מויל צו אַ צווייטן.

פלעגט אַ שכן אַדורכפאָרן און זען די קופּקע מיט די שפּענער, וועלכע האָט זיך געוויזט פון ווייטנס, און דאָס צעאַקערטע שטיק לאַנד, פלעגט ער עס דערציילן אין שטעטל.

און אַז מען האָט די בולבעס פאַרזעצט, האָט עס גאָלדנבאַרג געטאָן מיט גרוים כוונה און פליסיק די צעשנימענע שטיקער זריעה געלייגט מיט דער שאָלעכץ אַרויף.

דאָס, און דער אופן, ווי ער האָט עס געטאָן, איז עלקינסן שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט עס דערציילט פאַר שכנים און אין שטעטל.

און שפּעטער מיט אַ וואָך, נאָך איידער די בולבעס האָבן באַוויזן אָנצוהויבן אַרויסקומען פון דער ערד, האָט אים עלקינס געהאָלפן אויפשטעלן די ערשטע פאָרמען פון דעם הויז.

גאָלדנבאַרג איז דעמאָלט צוגעפאַלן צו עלקינסעס הענט און זיי גענומען קושן און אליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן דעם „גוי", וועלכער האָט אים אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפן.

און עס איז אַוועק זיין אַרבעט מיט אַ סדר.

מיט זונען-אויפגאַנג פלעגט ער אָנהויבן בויען דאָס הויז. איי-נער אליין האָט ער עס געבויט. און מיט זונען-אונטערגאַנג האָט ער די אַרבעט פון הויז אַוועקגעלייגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די בול-בעס, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון דער ערד אַרויס, מיט צוויי און מיט פיר בלעטלעך, און זיי גערייניקט קעגן דער לבנה-שיין פון די יונגע קרייטעכער.

האָט מען עס דערציילט אין שטעטל, און דער איד האָט באַקומען אַ נאָמען אַ גוטן, און מען האָט אים שוין געשאַצט אין גרויסע געלטן און מיט אַ גוטער היים.

און העט שפּעטער, ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פירעקעכיקן צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן אויוון פון שטיינער, און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבן דעם ברונעם און אים קיילעכיק אויסגעלייגט מיט שטיינער, אַז די שכנים זיינען געקומען קוקן אויפן וואונדער, האָט גאָלדנבאַרג געשיקט נאָך זיין פרוי.

(פון „הער גאָלדנבאַרג")

„האָמסטעד" — שטיק לאַנד פאַר ווירטשאַפט. **מחמת פיל טעמים** (מאַכמעס פיל טײמים) — איבער אַ סך אורזאַכן. **שטחים** (שטאָכים) — שטרעקעס. **געחתמעט** (געכאַסמעט) — אונטערגעשריבן. **ווירטשאַפט** — פאַרם. **חילוק** — אונטערשייד. **שטוים** — הויפן. **זריעה** (זריע) — Seed. **סדר** — אָרדנונג, סיסטעם.

מיר סטרייקן!

שלום-עליכם.

א

מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מען סטרייקט. דאָס האָט אַזאַ פּנים, ווי אַז איר לערנט ביי אַ רבין, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ ביי אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מלמד. דערוויילע הערט איר אויף צו גיין אין חדר. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיניע האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים, זינט זיי זיינען אין דער היים. אַזוי האָבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטיק. וואָרום אַז מען אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אויפשטיין כאַור, כדי מע זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטאַים". דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זיינען געגאַנגען אַהיים, זיינען אונזערע לייט נאָך געזעסן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט, — ניט דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געגנבעט פון קהל; זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטאַים", בכדי זיי זאָלן מער פאַרדינען. אַי, אַז ס'איז געקומען צו צאָלן, האָט מען ביי זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זיינען זיי שולדיק? — „עלעהיי, גזלנים זיינען אונז באַפאַלן..." — אַזוי האָט געזאָגט מיין ברודער אליהו.

— עלעהיי, דו ביסט אַ לעקיש! — זאָגט צו אים מיין שוועגערן ברכה. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אַז אַלע „פּאַרלייט" מיט אַלע „באָסעס" וואָלטן ביי איר געקייט די ערד. און איר מעגט איר גלויבן. ברכה קאָן!

ב

דערפאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, ווען אַלע שעפּער האָבן דערקלערט אַ סטרייק. דאָס הייסט, אַלע שניידערס, וויפל ס'איז פאַראַן אין ניו-יאָרק, האָבן אָוועקגעלייגט שער און אייזן און — „גוד-באַי". ווייזווי, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן! אין דער היים, און אויף דער סטריט, און אין די האָלס! — אַ „האָל" — איז אַ זאַל,

אָדער אַ טעאַטער. ס׳קלייבן זיך צונויף אַהינצוצו אַלע שניידערס פון גאַנץ ניו־יאָרק אויף אַ מיטינג, און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט. איר הערט זיך דאָרט אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק״... „יוניאָן״... „אָרגאַניזירט״... „אַכט און פערציק שטונדן״... „העכערע ווייזשעס״... „בעסערע באַהאַנדלונג״... „סקעבס״... „סטרייק־ברעכערס״.... פּיקעטס״... און נאָך כדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מיין חבר מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „ווען וועסט עלטער ווערן״, זאָגט ער מיר, „וועסטו אַליין פאַרשטיין״. עס קאָן זיין. דערוויילע קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און עס בייסן זיך מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אַלע אָראָפּכאַפּן אויף פּאַפּיר. אויסמאָלן איטלעכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, ווי אַזוי ער שטייט און ווי אַזוי ער רעדט.

ג

למשל, נעמט מיין ברודער אליהו. ער אליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל און שטעקט אריין די נאָז, אָדער ער לייגט צו אַן אויער. בעת מעשה בייסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפגערעגט. אַ פאַרגעניגן צו זען מיין ברודער, ווי ער שאָקלט־צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אַלעמען מרוצה, וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אָט איז צוגעקומען צו אים אַ שניידער מיט אַ גולקע אויף איין זייט קאָפּ — פון דער לינקער זייט. דער שניידער האָט אים אָנגענומען ביי אַ לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַריין, אַז ס׳איז ארויסגעוואָרפן דער גאַנצער טאַראַראַם: די שניידערס וועלן מיט זייער סטרייק גאָרנישט ניט אויספירן, מחמת די „אַסאָסיאיישאָן״ פון די „מאַנופעקטשורערס״ איז צו שטאַרק פאַר אונז! שאָקלט אים מיין ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מורא, אַז מיין ברודער אליהו ווייס אַזוי, וואָס באַדייט „אַסאָסיאיישאָן״ און „מאַנופעקטשורערס״, ווי איך... וואָרום אָט איז צוגעגאַנגען צו אליהון אַן אַנדער שניידער מיט אַ פּנים פון אַ קאַטשקע, — אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שניידער האָט אָנגענומען מיין ברודער פאַר אַ קנעפּל און האָט לאַנג איבער אים גערעדט, געפּאַטשט מיט די ליפּן. ער האָט אַלע מינוט אויסגערופן: ניין! מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביזן סוף! האָט אים מיין ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן עבירה, וואָס מיין שוועגערן איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אריינגעזאָגט.

ד

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען אונזער חבר פיניע. ווער עס האָט אים ניט געזען, און ווער עס האָט אים ניט געהערט רעדן אויף אַ מיטינג, דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזען אויף זיין לעבן. אונזער פיניעס פיגור דאַרף אייך זיין באַקאַנט נאָך פון מיינע פריער־דיקע מעשיות. זיינע קורצזיכטיקע אויגן מיט זיין לאַנגער שפּיציקער נאָז, וואָס קוקט אַראָפּ אין מויל אַריין, געדענקט איר מסתמא. זיינע לאַנגע, שמאָלע הויזן, איין הויז אַראָפּ, איין הויז אַרויף, און זיין שניפּס אויף דער צעשפּילעטער מאַנישקע — האָט איר אָוודאי אויך ניט פאַרגעסן. היינט זיין רעדן, זיין פּינען מיט דער נשמה און זיין שיטן פונ׳ם אַרבל מיט הויכע שיינע ווערטער און מיט קלינגענדיקע נעמען פון גרויסע לייט. אַצינד שטעלט אייך פאָר, אַז פיניע צעהיצט זיך און רעדט פאַר אַן עולם פון טויזנטער מענטשן, וואָס ווילן אים דווקא ניט הערן. אָנגעהויבן האָט ער אַזש פון קאָ־לאָמבוסן, ווי אַזוי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, און איז באַלד אַרויף אויף די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט זיך פאַרמאָסטן צו רעדן און צו רעדן. האָט מען אים ניט געלאָזט.

— ווער איז דער „ספּיקער״? — פרעגט איין שניידער ביים אַנדערן.

— אַ „גרינהאָרן״! — ענטפערט אים יענער.

— וואָס וויל ער?

— וואָס „באַדערט״ ער?

— וואָס האַקט ער אַ טשייניק?

— ״שאַראַפּ״! — שרייט אוים איינער, און אַ סך אַנדערע כאַפּן אים אונטער:

— „שאַראַפּ״!...

ה

„שאַראַפּ״ איז אפילו אַ מיאוס וואָרט. די טייטש פונ׳ם וואָרט איז „אַראָפּ פון מאַרק!״ נאָר אונזער חבר פיניע שרעקט זיך ניט פאַר קיין ווערטער. אַז ער צערעדט זיך, איז ווי אַ פאַס וואַסער, וואָס מען האָט אָפּגעשטעקט און פאַרוואָרפן דעם צאַפּן. איר קאָנט צוהאַלטן מיט דער האַנט, פאַרשטאָפּן מיט אַ שמאַטע — עס וועט אייך קיין זאַך ניט העלפן; ביז דאָס וואַסער וועט ניט אַרויסגיין ביזן לעצטן טראָפּן, איז אַן עבירה אייער טרחה. פיניע מוז אָפּרעדן זיינס. סיידן מע זאָל אים אַראָפּשלעפּן פון דער בינע. דאָ הייסט עס ניט בינע.

דאַ הייסט עס „סטיידזש״. איצטיקס מאָל האָט מען אים טאַקע גע־מוזט אַזוי טאָן. צוויי שניידער־יונגען, פּרעסערס, האָבן אים גענומען פאַר ביידע הענט און מען האָט אים מיט כבוד אַראָפּגעפירט פונ׳ם „סטיידזש״. דאָס האָט אים אָבער גאָרנישט געשטערט אויסצופירן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירן. ער האָט דאָס איבעריקע דעררעדט, שוין גייענדיק מיט אונז אַהיים. און אַז מיר זיינען געקומען אַהיים, האָט ער נאָך לאַנג גערעדט פאַר מיין מאַמען און פאַר מיין שוועגערן ברכה און פאַר זיין ווייב טייבל. איך און מיין חבר מענדל זיינען אויך געווען צווישן די צוהערער. און מיר דאַכט, אַז וועדליק פיניע האָט געטענהט, איז ער גערעכט. נאָר גייט רעדט מיט ווייבער. אַז פיניע האָט זיך גוט אָנגערעדט, רופט זיך אָן מיין שוועגערן ברכה מיט אַ משל, ווי איר שטייגער איז:

— וואָס איז דעם אינדיק פאַר אַ חילוק, צי מען קוילעט אים פורים צו דער סעודה, צי פּסח צום סדר?...

טאָמער ווייסט איר, וואָס מיינט דערמיט ברכה?

ו

דערווייל גייט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער סטרייק איז אַ סטרייק. די אַרבעטער זיינען שטאָל און אייזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג, און אַלע מאָל אויף אַ נייעם פּלאַץ. די באַלעבאַטים, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק. זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אַזוי זאָגן אַלע. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבע־טער זאָלן ניט אויספירן. ס׳איז אַמעריקע! עס האַלט שוין ביים לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אַזוי זאָגן אונזערע לייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל? מיר וועלן זיך צונויפ־זאַמלען אַלע סטרייקער פון גאַנץ ניו־יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די גאַסן מיט אַ מאַרש. דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שניידערס וועלן זיך דורכשפּאַצירן מיט די פאָנען איבער דער שטאָט. מיר און מיין חבר מענדל איז דאָס דווקא געפעלן. מיר וועלן זיין די ערשטע. רעדט־זשע אָבער מיט אַזאַ אידענע, ווי מיין שוועגערן ברכה, זאָגט זי, אַז ביי איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָל־דאַטלעך... זי זאָגט: „אַן עבירה אייערע שיך״... האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן אונזער פיניען און הערן, וואָס ער האָט איר געזאָגט דאַרויף!

ז

מיר האָבן שוין געהאַלטן מיטן סטרייק גאַנץ ווייט. איך און מיין חבר מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מען גרייט זיך צו דעם פערטן יולי.

איך און מענדל זיינען שוין געווען יום-טובדיק. איז אונז פאַר־שטערט געוואָרן די שמחה. אויף קאַנאַל סטריט האָט מען געהרגעט אַ מענטשן. די ידיעה האָט אונז געבראַכט פיניע. ער זאָגט, אַז דער מענטש האָט פאַרדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַ „גענגסטער". פרעגט אים די מאַמע: „וואָס הייסט אַ גענגסטער? אַ גנב?" זאָגט פיניע: „ערגער פון אַ גנב!" פרעגט אים די מאַמע: „אַ גזלן?" זאָגט פיניע: „ערגער פון אַ גזלן!" פרעגט אים די מאַמע: „וואָס קאָן זיין ערגער פון אַ גזלן?" זאָגט פיניע: „אַ גענגסטער איז ערגער פון אַ גזלן. וואָרום אַ גזלן איז אַ גזלן, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער גזלן. דעם מענטשן האָט מען געדונגען, ער זאָל שלאָגן די סטרייקערס. איז ער באַפאַלן אַ מיידל אַ סטרייקערן און האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן, און ס'איז אַרויס אַ געשלעג..." מער האָט מען פון פיניען ניט געקענט אַרויסבאַקומען גאָרניט. ער האָט אָרום־געשפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער האָט געפינעט מיט דער נשמה. ער האָט געשפריצט מיט פייער. ער האָט זיך גע־ריסן ביי די האָר און געשאָטן מיט ווערטער און מיט נעמען:

אַי, אַי, קאָלאָמבוס! אַי, אַי, וואַשינגטאָן! אַי, אַי, לינקאָלן!

דער סוף איז געווען, — פיניע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן!

ח

ביז עפּעס וואָס, דערוויל האָט דאָס אונז געטראָפן, — מיך און מיין חבר מענדל. די מאַמע האָט זיך געשוואָוירן ביי איר געזונט און ביי איר לעבן, אַז זי וועט אונז ניט אַרויסלאָזן אויף דער גאַס פאַר קיין געלט אין דער וועלט! ניט מיך, ניט מענדלען, ניט אליהון, ניט ברכהן און ניט טייבלען. וואָרום ווייבאַלד, אַז עס האַלט שוין, זאָגט זי, אַזוי ווייט, אַז מען הרגעט מענטשן אין גאַס, איז שוין עק וועלט! זי האָט אָנגעוואָרפן אויף אונז אַלעמען אַזאַ פּחד, אַז טייבל האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. גאָט ווייסט, וואו איר פיניע איז אַצינד!... האָט די מאַמע שוין פאַרגעסן אָן אונז און האָט גענו־מען אויסרעדן דאָס האַרץ ניבעך טייבלען: אַז מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט, אַז עס וועט איר פיניען גאָר נישט געשען, אַז ער וועט מיט גאָטס הילף קומען בשלום אהיים, און אַז ער וועט זיין אַ מאַן צו זיין ווייב און אַ טאַטע צו זיינע קינדערלעך.

ט

געלויבט איז גאָט, געקומען פּיניע! און געקומען איז ער מיט אַ שמחה, אַ גדולה: דער מענטש, דער גענגסטער, וואָס מען האָט אים געהרגעט, לעבט און וועט לעבן. נאָר אַ קאַליקע וועט ער שוין בלייבן אויף אייביק. מען האָט אים ניט דערהרגעט אויף טויט. מען האָט אים נאָר אַזוי אָנגעהרגעט. מען האָט אים אויסגעזעצט אַן אויג און איבערגעבראָכן אַ האַנט. „אַ מצווה, לאָז ער ניט זיין קיין גענגסטער!" האָט אָבער די מאַמע אויף אים רחמנות: "לאָז ער זיך זיין", זאָגט זי, „וואָס ער איז. פאַראַן אַ גאָט אין הימל, לאָז ער זיך," זאָגט זי, „מיט אים רעכענען. פאַר וואָס," זאָגט זי, „קומט אים, מען זאָל אים איבערברעכן אַ האַנט און אויסזעצן אַן אויג? וואָס זיינען שולדיק זיין ווייב און קינדער, נעבעך, זיי זאָלן האָבן אַ טאַטן אַ קאַליקע?"

י

דער סטרייק האָט זיך פאַרצויגן, און מיר גייען אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. מיין ברודער אליהו איז אויס מענטש. די מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט, אַז דער גאָט, וואָס האָט אונז געבראַכט קיין אַמעריקע, וועט אונז מסתמא ניט פאַרלאָזן. אונזער מחותן יונה דער בעקער און אונזערע גוטע פריינד פּעסיע די גראָבע און איר מאַן משה דער איינבינדער און די איבעריקע פריינד און גוטע פריינד קומען אַלע טאָג און טרייסטן אונז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגן, אַז דער הימל איז צו דער ערד ניט געפאַלן. וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז מען מוז לעבן אין אַמעריקע נאָר פון שניידעריי? מען קאָן מאַכן אַ לעבן אָן שניידעריי אויך.

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע")

א) כאור (קאַיאָר) — גאַנץ פרי. „אָווערטיים" — איבער דער צייט, אַרבעט נאָך די געוויינלעכע אַרבעטס שעהן. עלעהיי — גלייך ווי. לעקיש — נאַר. זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע — זיך לאָזן קריוודע, אָפּגענאַרט ווערן. „פאָר-לייט" — Foremen.

ג) מרוצה (מערוצע) — איינשטימיק, צופרידן. גולקע — געוויקס אויפן שטערן. אַן עבירה (אַווירע) — אַ שאָד, אַ פאַרדרוס; אַ זינד.

ה) צאַפּן — Stopper. טרחה (טירכע) — שווערע אַרבעט. ווערדליג — לויט (According). חילוק — אונטערשייד. ז) דער פערטער יולי — גרויסער יום טוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אומאָפּהענגיקייט טאָג. ח) בשלום (בעשאָלעם) — געזונטערהייט. ט) גדולה — אַ פרייד.

דער אַמעריקאַנער

ש. אַש.

אַמאָל האָט זיך אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן פּלוצלונג באַוויזן אַ פּרעמדער, אַנגעטאָן אַנדערש ווי אַלע איינוואוינער פון שטעטל, — קורץ געקליידט, דייטש, אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן, געמאַכט אויס אַ ווייבערשער סחורה מיט אַ ברייט שטייף קאַפּעליושל און אַ ווייסן, ווייט-אויסגעשניטענעם קראַגן; גרויסע, גאָלדענע רינגען אויף די הענט און אַ גאָלדענע קייט אויף דער סאַמעט-געקעסטלטער וועסט; אַ מענטש אָן וואָנצעס, נאָר מיט אַ בערדל. דער פּרעמדער האָט אַרויסגערופן אַזאַ דערשטוינונג, אַז ווען ער וואָלט ניט געגאַנגען אין גאַס מיט אַ גוט-באַקאַנטן איינוואוינער, מיט יוספשע קאַשנמאַכער, וואָלט מען זיך פאַר אים דערשראָקן. נאָר אַלטע איינוואוינער האָבן באַלד אין דעם פּרעמדן דערקענט יוספשע קאַשנמאַכערס עלטסטן זון, וועלכער איז אַוועק מיט יאָרן צוריק אין די ווייטע מקומות. יונגע מענטשן האָבן גאָר ניט געוואוסט, אַז יוסף קאַשנמאַכער האָט אַן עלטסטן זון, און די, וועלכע האָבן יאָ געדענקט, האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. זיין באַווייזן זיך פּלוצלונג אין די געסלעך פון שטעטל האָט ביי פילע אַרויסגערופן זכרונות פון דער יוגנט. זיי האָבן דערקענט אין דעם פּרעמדן זייער יוגנט-פריינט, זייער חדר-חבר, זיינען צוגעגאַנגען צו אים און האָבן אים אָפּגעגעבן דעם ברייטן שלום-עליכם. באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געוואָר געוואָרן פון דעם „אַמעריקאַנער", וואָס איז צוריק אַהיימגעקומען פון די ווייטע, ווייטע מקומות. און אין אָוונט איז יוסף קאַשנמאַכערס שטיבל באַלאַגערט געוואָרן פון קרובים, נאָענטע און ווייטע, פון שכנים און גלאַט איינוואוינער פון'ם שטעטל, וועלכע זיינען געקומען נאָכפרעגן זיך נאָך זייערע, וואָס זיי האָבן אין אַמעריקע. האָט איינער געהאַט אַ זון אין אַפריקע, אין בראַזיליען אָדער אפילו אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, איז מען געקומען זיך נאָכפרעגן אויף אים ביים אַמעריקאַנער. ווייל וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַמעריקע האָט מען דאָך נאָך ניט גאַנץ גוט געוואוסט אין שטעטל: אַלץ האָט געהייסן דאַמאָלסט אַמעריקע. פון יענער זייט גרעניץ אָן, האָט זיך אויסגעוויזן, איז איין, איין גרויסע שטאָט, און די שטאָט הייסט אַמעריקע.

באַלד האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו קלינגען פון דעם „אַמעריקאַנערס" רייכטום. מען האָט דערציילט פון אַ שטעקן מיט אַ

גאָלדענעם קאָפּ, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פאָטער זיינעם, און פון מתנות — גאָלדענע זייגערס און קייטן, וואָס ער האָט געבראַכט די ברידער און דער גאַנצער משפחה; און האָט ער זיך נאָר שבת אין גאַס אַרויסגעוויזן אין אַ נייעם געקעסטלטן אַנצוג, אַן אויבער־ראָק מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַק, און ביי דער שיינער עליה, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט ער פאַרן פאָטער געלאָזט מאַכן אַ מי שברך און געשאָנקען אַ גאַנצן רובל — האָט דאָס אַרויסגערופן אַזאַ רושם, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געטראָגן אין וואָלקנס פאַנטאַזיע פון דער לעגענדע פון „אַמעריקאַנערס רייכטום. יוספשע קאשנמאַכער, וועלכער איז געווען אין שטעטל ניט קיין זייער אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ איד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געמאָלן קאַשע אין אַ קליין געוועלבל און איז תמיד אַרומגעגאַנגען בייטאָג אַ פאַרשלאָפענער, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ.אַ אָנגעזעענער בעל־הבית, ווי ער וואָלט דאָס גרויסע געווינס געוואונען. און אַ גאַנצן שבת האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן קוגל און טשאָלנט פון שיינע, אָרנטלעכע בעלי־בתימס טישן צו יוסף קאַשנמאַכערס שטוב, מכבד צו זיין דעם גרויסן גאַסט, דעם „אַמעריקאַנער״.

גערעדט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין גרויסע געשעפטן מאַכן, אַז באַלד נאָך שבת שטעלט ער זיך מאַכן אַ גרויסע קאַשע־מיל, און ער האָט שוין אָפּגעקויפט ביים שררה פון שטעטל די פעלדער הינטער דער שטאָט. אידן האָבן זיך געמאַכט חשבונות, אַז זיי וועלן גליקלעך ווערן דורך אים. און נאָך שבת זיינען אַריינגעקומען צו יוספשע קאַשנמאַכער פאַרשיידענע בעלי־בתים, אידן מעקלער און אידן סוחרים, און האָבן אָנגעהויבן אָנצושלאָגן פאַרשיידענע געשעפטן. איינער — אָקסן, דער צווייטער — וואָל און אַ דריטער — אַ הלואה דעם שררה פון שטאָט אויף גוטע פּראָצענטער. אַנדערע זיינען ווייטער און טיפער געגאַנגען און אָנגעהויבן זיך איידל צו אינטערעסירן מיט האַרץ־אַנגעלעגנהייטן, וואָרום געהערט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז נאָך אַ בחור. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ אויסגעהערט זייער ערנסט, מיט אַלעם זיך אינטערעסירט, אויף אַלעם זיך נאָכגעפרעגט און די איינצלהייטן פון אַלעם געוואָלט וויסן, און האָט אַלעמען האָפנונגען געגעבן, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט שוין, שוין וועט ער טאָן דאָס געשעפט. נאָר קיין געשעפטן אין שטעטל האָט ער ניט געטאָן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַז דער אַמעריקאַנער האָט זיך אַרומ־געדרייט אין שטעטל פּוסט־און־פּאַס, געוואוינט אַלץ ביים פּאַטער דעם קאַשנמאַכער, קיין מילן האָט ער ניט אויפגעמויערט און קיינע געשעפטן האָט ער ניט געמאַכט, און קיין גראָשן האָט מען ביי אים ניט פאַרדינט — האָט ער זיין גאַנצן רייץ פאַרלאָרן. קיינער האָט זיך שוין מיט אים ניט אינטערעסירט. די אַמעריקאַנער געקעסטלטע הויזן האָבן קיין באַוואונדערונג מער ניט אַרויסגערופן, אויך אַפילו ניט זיינע גאָלדענע רינגען מיט די גאָלדענע מתנות. יוסף קאַשנ־מאַכער איז געוואָרן אוים מחותן. מען האָט ווייטער געהערט אַ גאַנצע נאַכט די שטיין־מילן אַרויסוויינען פון געוועלבל אַרויס און ביי־טאָג געזען אַ שלאָפעדיקן, פאַרמעלטן אידן. יעדער האָט געהאַט צו טאָן זיינע אייגענע געשעפטן; אָן „אַמעריקאַנער" האָט מען מער ניט געדענקט.

נאָר ווען קיינער האָט זיך שוין מער ניט אינטערעסירט מיט דעם „אַמעריקאַנער", האָט זיך דער אַמעריקאַנער אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט די איינוואוינער פון שטעטל — אויסגעפרעגט יעדן באַקאַנטן, פון וואָס ער מאַכט אַ לעבן, וויפל ער פאַרדינט אַ וואָך, און וויפל ער באַדאַרף אַ וואָך; אַריינגעקומען אין פרעמדע שטובן און געזען, ווי מען וואוינט און ווי מען לעבט, וואָס מען עסט און אויף וואָס מען שלאָפט, און אַז מען האָט אים געפרעגט, צו וואָס באַדאַרף ער דאָס וויסן, אויב ער וויל געבן פרנסה, האָט ער גע־שמייכלט:

— אַ מענטש דאַרף אַלצדינג וויסן. עס איז גוט צו וויסן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער אַמעריקאַנער פאַרשוואונדן פון שטעטל, מיטגענומען אַ אינגערן ברודער מיט זיך, איבערגעלאָזט דעם פּאַטער, זאָגט מען, אַ פּאָר הונדערט רובל דאָס מילעכל צו פאַר־גרעסערן, און אַזוי ווי ער איז געקומען פון דער „אַמעריקע", אַזוי איז ער פאַרשוואונדן. צווערשט האָט מען עס אַפילו ניט באַמערקט, נאָר דערנאָך, אַז מען איז געוואָר געוואָרן, אַז דער „אַמעריקאַנער" איז אַוועק, האָט מען גערעדט אין שטעטל, אַז עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זיין. ווייל דאָס אַמעריקע איז אַ כישוף, וואָס לאָזט ניט רוען, און דער, וואָס האָט נאָר די שוועל איבער אַמעריקע אַרי־בערגעטראָטן, וועט שוין ניט קענען איינזיצן אויף אַנדערער ערד, מעג עס זיין אייגענע געבוירענע, ווייל עס ציט אים צוריק — אַזוי ווי דעם גנב צו דער תליה...

נאָר נאָך דעם „אַמעריקאַנער״ האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו לאָזן קיין אַמעריקע. קיינער האָט אין אָנפאַנג ניט באַמערקט, ווי דאָס שטעטל ווערט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז שיטערער און שי־טערער. די אַלטע גייען אויפן בית־עולם, און די יונגע ווערן פאַר־שוואונדן אין „אַמעריקע״... צוערשט האָט דער אַמעריקאַנער אַרי־בערגענומען זיינע אייגענע: די ברידער, דערנאָך די משפחה, די ברידערס קינדער, די פעטערס, די איידעמס און די זין פון די פע־טערס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אים קינדער פון מחותן, באַקאַנטע און גלאַט אַזוי „לאַנדסלייט״ נאָך שיפסקאַרטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יחסנען צום „אַמעריקאַנער״ גלאַט פרעמ־דע אידן, געזוכט אַבי נאָר אויסצוגעפינען אַ שטיקל מחותנשאַפט און דערוויזן עס אין אַ בריוו און געבעטן אַ שיפסקאַרטע. דער אַמע־ריקאַנער זאָגט ניט אָפּ, און דאָס שטעטל ווערט איינציקווייז אויס־גערונען. די „שטעט״ אין דער קאַלטער שול ווערן שיטערער, גאַנצע משפחות ווערן פאַרשוואונדן. שבת נאָכן דאַווענען, ביים דיינס חומש לערנען, ווערט דער עולם וואָס אַמאָל ווינציקער. אין שטעטל זעט מען מער ווייבער ווי מענער, מער עלטערן ווי קינדער, מער קליינע און אַלטע ווי דערוואַקסענע: אַלע זיינען זיי נאָך נאָכן „אַמעריקאַנער״. אַפילו דער אַלטער קאַשנמאַכער האָט אויף דער עלטער פאַרשלאָסן זיין בודקעלע, און דאָס וויינען פון די מיל־שטיינער האָט אויפגעהערט ביינאַכט אין אַלטן מאַרק. ער איז אַראָפּגעפאָרן נאָך דער „אַמערי־קע״, צו זען זיך מיט זיינע קינדער איידער ער שטאַרבט. אַזוי פאָרן זיי נאָך דעם „אַמעריקאַנער״, ווי ער וואָלט זיי מיט אַ כישוף אַהין געצויגן, ביזן היינטיקן טאָג...

אין „אַמעריקע״ האָבן זיך די איינוואוינער פון שטעטל צוריק געפונען. אויף דער „בויערי״ איז געשטאַנען אַ דריי־שטאָקיק הויז, פאַרשטויבט און שמוציק, וואָס די עלעווייטאָרס האָבן אָנגעטראָגן דערויף דעם שטויב פון די גאַסן. און אין די אויבערשטע שטאָקן איז געזעסן דאָס גאַנצע שטעטל קוזמין און עס האָט גענייט מלבושים ביים אַמעריקאַנער. און ווער איז אויף דער בויערי דען ניט געזעסן! די למדנים פון שטעטל, די יחסנים צוזאַמען מיט די בעלי־מלאכות אין גלאַט גראָבע יונגען פון דער היים — אַלע זיינען זיי געזעסן אויפן הויכן עטאַזש אויף דער בויערי און האָבן גענייט און גענייט. און די וועלכע זיינען דאָרט אַריינגעפאַלן — זיינען געבליבן אויפן לעבן לאַנג. זיי האָבן מער ניט געוואוסט ווי נאָר איין וועג: אינדערפרי

צו דער בויערי, אין אָוונט פון דער בויערי אַהיים. און ביים אַריינגאַנג פון דעם הויז אויף דער בויערי איז געשטאַנען אַ קליין פאַרשטויבט שילדל, וואָס האָט געטראָגן דעם אַמעריקאַנערס נאָמען: „מאָזעס מעלניק".

(פון „אָנקל מאָזעס")

דייטש — הויכטמאָדיש, גרויסשטעטיק, ניט אידישלעך. זכרונות (זיכרוינעס) — Memories. אונטערשלאַק — Lining. עליה (אַליע) — דאָס אויפגערופן ווערן צו דער תורה. מי שברך (שעביירא‌ך) — אַ ברכה וואָס מען מאַכט איינעם, וואָס קריגט אַן עליה. רושם (רוישעם) — איינדרוק. שררה (שראָרע) — פּריץ, גוטבאַזיצער. הלוואה (האַלוואָע) Loan. תליה (טליע) — טויט שטראָף
דורך הענגען; דאָס געשטעל, אויף וועלכן מ'הענגט אַ פאַרברעכער
בית עולם — "דאָס הויז פון אייביקייט". Cemetery. יחסנען (יאַכסענען) — זיך דערנענטערן, זיך פאָרשטעלן אַלס יענעמס אַ קרוב. „שטאָט" — זיץ-אָרט אין אַ שול. בודקעלע — Stand. למדנים — געלערנטע לייט. יחסנים (יאַכסאָנים) — מענטשן פון בכבודיקע פאַמיליעס.

דעם פיאָנערס טויט

י. באָיער.

אַנדערס איז מיט אַן אימפּעט אַריינגעפאַלן אין מאַרטענס שטיבל און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— דו מוזט מיט מיר מיטגיין צו עריקן — אָבער שנעל!

— וואָס, וואָס ז׳געשען?

— ער האַלט שטאַל.

אויף דעם שווערן וועג איבער דעם אַנגעהורדעטן שניי, האָט ער פונ׳ם בחור געהערט, אַז עריק האָט זיך אָפּגעפרוירן ביידע פיס. ער האָט איין טאָג לויז געלאָזט זיינע אָקסן, זיינען זיי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אינ׳ם שניי-שטורם, און ער האָט זיך געמוזט אַרויסלאָזן זיי אויפזוכן. ער האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעבראָדיעט אין שניי, און ווען ער האָט לסוף, צו נאַכט צו, אַהיימגעבראַכט די בהמות מיט זיך, איז ער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט און אָנגעפרוירן, אַז ער האָט זיך אָנגעטאָנערהייט אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין. ער איז אָפּגעשלאָפן אייניקע שעה ניט שפירנדיק קיין קעלט, אָבער ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין געזען, אַז ער קאָן אויף די פיס ניט שטיין. ער איז אַרויסגעקראָכן אין דרויסן און האָט זיך אַריינגעבראַכט אַביסל שניי איינצורייבן די פיס. ער האָט לאַנג געריבן, נאָר אומזיסט, ער האָט זיי שוין נישט געקאָנט דעררייבן. ווען ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן און האָט שוין מער גאָרניט ניט געקאָנט טאָן, האָט ער זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין און איז ווידער איינגעשלאָפן.

אין דריי טעג אַרום איז קאָל צופעליק אַריינגעקומען עריקן עפּעס פרעגן. עריק איז שוין דאַן געווען אין דעלירייום. ער האָט נאָר באַוויזן צו זאָגן, אַז מען האָט די בהמות שוין אייניקע טעג ניט געהאָדעוועט און ניט געמאָלקן.

ווען מארטען איז אַריינגעקומען אין עריקס שטיבל, האָט ער דאָרט געטראָפן דזשאָען, קאָלן און פערן, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן און געהיט דעם חולה. זיי האָבן שווייגנדיק זיך אומגעקוקט. עריק איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ שטאַרק-צעהיצטן פּנים; דער קאָפּ איז אים געלעגן פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, אויך זיין אָטעמען איז געווען אַ שנעלער און אַן אָנגעשטרענגטער.

וואָס האָבן זיי דאָ, ווייט אַרוים אין דער ווילדערניש, געזאָלט טאָן מיט אַ קראַנקן? די ווייבער, קאַרען און עלזע, זיינען אַריינגעקומען, באַטראַכט זיינע פּים און זיי אים געוואַשן מיט ווייכער זייף; אָבער קיין עסיק איז ביי קיינעם ניטאָ, און דאָ ווערן אים די פּיס שוין בלוי־געשוואָלן. ברענגען אַ דאָקטער? דער נעענטסטער ישוב איז גאַנצע הונדערט מייל ווייט.

קענען זיי אים דען דאָ לאָזן ליגן און אויסגיין? זיי זיינען געווען פאַרצווייפלט. זיי האָבן ביז איצט נאָך קיינמאָל אַזוי קלאָר ניט באַגריפן, וויפל ער האָט פאַר זיי געטאָן, און ווי הילפלאָז זיי וועלן זיך פילן אָן אים. מוזן זיי אים יעצט אָנווערן?

עריק האָט האַלב אויפגעעפנט זיינע אויגן און האָט אָנגעהויבן רעדן געאיילט און אומקלאָר. ס'איז געווען בולט, אַז ער איז ווידער אין דעליריום און זעט פאַנטאַסטישע זעאונגען. ער האָט גערעדט וועגן נידאַראָס קאונטי, וועגן דער אייזנבאַן און וועגן אַ ניי שטעטל. „כ'מיין, איר זאָלט דאָס שטעטל רופן נידאַראָס", האָט ער געמורמלט. דאַן האָט ער גערעדט וועגן אַ קירכע, אַ קאַטעדראַלע, „אַ נידאַראָס קאַטעדראַלע אין דער גרויסער פּריירי־שטאָט", — וועגן אַן אוניווערזיטעט, אַ טעאַטער, ביבליאָטעקן און שפּיטאָלן. חלומות, וואָס האָבן ביז איצט געדרעמלט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, האָבן זיך איצט איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעריסן אין דער פריי — דערהויבענע, לעבנסלוסטיקע, פאַנטאַסטישע זעאונגען. ס'איז אים ניט איינגעפאַלן, אַז ער איז קראַנק, אַז ווער ס'ניט איז זיצט דאָ לעבן אים.

ער האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן. די דריי מענער האָבן זיך אָנגעקוקט. — אַ דאָקטער, — האָט געזאָגט קאָל. — יע, אַ דאָקטער, — האָבן די אַנדערע געמורמלט. מען האָט אָבער אפילו ניט געקאָנט טראַכטן פון נעמען עריקן אין שטאָט אַריין אין דעם טיפן שניי. ס'האָט אויך קיין פראַגע ניט געקאָנט זיין פון אַהער אַרויסברענגען אַ דאָקטער אין אַזאַ וועטער.

— סיי ווי, אַ דאָקטער וואָלט אונז געגעבן אַן עצה וואָס צו טאָן, — האָט קאָל באַמערקט.

זיי זיינען געזעסן אַ ווײַלע און געקוקט צום בעט צו.

— ווען כ'וואָלט געהאַט אַ פּאָר סקים... — האָט פּער געזאָגט און זיך אויפגעהויבן.

אַן איינפאַל! גיין איינער אַליין איבערן שניי אַ הונדערט מייל און ניט אָנטרעפן גאַנצע דריי טעג קיין איינציק הויז, וואו זיך אָנצוּוואַרעמען? ער מיינט עס ערנסט? זיין אויסגעשטעלט צו דער מעגלעכקייט פון פאַרלירן דעם וועג אינ'ם שניי־שטורם, פון

פארפרוירן ווערן ביינאכט, פון פארצוקט ווערן פון איינער פון דער טשאטע אויסגעהונגערטע פריירי־וועלף, וואס וואיען אזוי בלוט־דורשטיק אין דער צייט פון יאר? ער מיינט עס טאקע אויף אן אמת?

עריק האט אויפגעעפנט זיינע אויגן און האט שארף באטראכט די מענטשן ארום אים.

— איך בין א פארלארענער, — האט ער געזאגט — מ׳קאן גארניט ניט טאן.

— מ׳טאר זיך ניט אונטערגעבן, — האט געזאגט קאל — וועסט זיכער איבערקומען, עריק. מיר׳ן גיין נאכן דאקטער.

— אוממעגלעך. — עריק האט א שוואכן שמייכל געטאן — באגייט ניט קיין נארישקייטן.

קאל האט זיך א קרים געטאן און האט א קראץ געטאן זיין קליין בערדל אונטער דער מארדע. ער האט זיך אויפגעהויבן און א קוק געטאן אויף מארטען.

— וועסט מיר לייען דיינע סקים, בחור?

קאל האט געהאט א פרוי און קינדער, דאך איז ער גרייט זיך לאזן אין וועג אריין און איינשטעלן זיין לעבן פאר א חבר. און פער איז אויך גרייט. האט מארטען געענטפערט: איך דארף אליין האבן די סקים.

אין א שעה ארום האט ער זיי אנגעטאן, ארייגעלייגט א פאר פון קארענס ברויטלעך אין זיין רוקזאק, צוגעבונדן א קאווע־טעפל צום גארטל, אריבערגעווארפן די ביקס איבער די פלייצעס — און פארטיק אין וועג אריין.

ער האט געוואוסט, אז ער וועט דארפן שלאפן צוויי־דריי נעכט אינדרויסן — נאר ער קאן דאך זיך אויסגראבן א גרוב אין שניי. ס׳איז אים פלוצים ארויף אויפן זינען דער קליינער קאמפאס, וואס הענגט ביי זיין זייגער־קייטעלע. דאס האט אים דערמאנט יענעם יום־טוב אוונט, ווען ער האט אהיימגעשפאצירט קיין קווידאל, און זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינען אים אנטקעגנגעלאפן בארג ארפ הענדום־פענדום. מיט וויפל נייגעריקייט זיי האבן דאס געקוקט אויף דעם קליינעם קאמפאס. „וואס האסטו דערפאר באצאלט, מארטען? וואו האסטו עס באקומען, מארטען?" דאס איז געווען שוין מי יודע ווי לאנג צוריק. איצט איז ער דא! אז ס׳זאל ווערן א זאווערוכע, וועט ער שוין קיינמאל צו קיין מענטש־לעכן ישוב זיך ניט דערשלאגן. אז א פוס וועט אים ביינאכט אפ־פרירן, וועט אים שוין דער קאמפאס גאר ווייניק העלפן. אז . . .

אַז . . . ! ווען ער זאָל זיך ניט געווען אַרויסלאָזן, וואָלט קאָל סקאַרעט געווען געגאַנגען. אַט דער מוטיקער אַלטער לאַפּאָטען מאַטראָס וואָלט ניט געהאַלטן אין איין זאָגן: „אַז, אַז, אַז".

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט אַ זיכערן טראָט, אָבער ניט געאײַלט. זײַנע פריערדיקע דערפאַרונגען פון סקי־וועטלויפן האָבן אים געלערנט, אַז דער איינציקער אופן צו געווינען איז פון סאַמע אָנהויב אָן שפּאָרעוודיק צו באַהאַלטן די כוחות; מען מוז אָנהאַלטן אַ באַשטענדיקן גאַנג, די גאַנצע צייט אָן אָפּשטעל. די זון איז אויפגעגאַנגען, דער הימל איז געווען זייער בלוי, און די פרייערי האָט זיך צוועקגעקייקלט אין דער ווייטקייט אַריין ווי אַ ריזיק־גרויסער טעפּיך פון ווייסן זייד. די שטאַרקע זון האָט אים די אויגן געבלענדט, נאָר וואָס מאַכט עס? דער טאָג איז דאָך אַזוי גלאַררייך־שיין! ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אָנזען ניט די שטיבלעך, ניט דעם רויך פון די דעכער — קיין זאַך ניט. ס'איז מער גאָרניט ניט געווען ווי נאָר דער בלענדנדיקער ים פון שניי, דער הימל און ער אַליין. ער מוז איצט געפינען דעם ריכטיקן וועג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן זייגער, אויף דער זון, אויף זײַן קאָמפּאַס. מאַרטען איז שוין געווען אַ געניטער מאַטראָס; ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שטעטל ליגט צו דרום־מזרח זײַט און ער האָט זיך לויט דעם געהאַלטן.

ווען אַן אָדלער, וואָס שוועבט אין דער הויך, אין די בלויע הימלען, וואָלט געווען אַראָפּקוקן אויף דעם ריזיק־גרויסן ווײַס־אויסגעשפּרייטן לײַלעך פון אונטן, וואָלט ער געווען זען אַ קליין פּינטעלע, וואָס האַלט אין איין באַוועגן זיך, פּאַמעלעך אָבער זיכער, באַשטענדיק און אַלץ אין דערזעלבער ריכטונג. ווען די צייט וועט קומען, וועט ער זיכער גרייכן דעם ציל...

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום שנייאיקן מדבר. דער טאָג האָט געהאַלטן בײַם אָפּשטאַרבן, אָבער מאַרטען האָט זיך געגליטשט אַלץ ווייטער און ווייטער. ווייט בײַם האָריזאָנט איז פון דער זון געוואָרן אַ פלאַם פייער, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם מעריבדיקן הימל. דער פרייערי־ים האָט זיך איצט איבערגעוואָרפן מיט זײַנע ווען — די ווײַטע, די בלויע און די גאָלדענע. ער האָט זיך געגליטשט ווײַט צום פאַרכישופטן לאַנד; זײַן שאָטן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיגאַנטישער בלויער לאַנדשאַפט, אין דער געשטאַלט פון אַ מאַן, וואָס האָט אָן אויפהער זיך געגליטשט לעבן אים. באַלד איז די זון פאַרגאַנגען. די פרייערי איז אינגאַנצן געוואָרן בלוי; ס'איז אָנגעקומען די נאַכט מיט אירע שטערן און מיטן בײַסנדיקן פראָסט. דער מענטש האָט זיך ווייטער געגליטשט. ער האָט גוט געשפּירט די סכנה, וואָס

לויערט אויף אַ מענטשן, ווען ער פאַרגייט צו ווייט לינקס אין דער פינצטער אָדער אין אַ טומאַן; זיין געזונטער אינסטינקט האָט אים געהייסן זיך האַלטן רק רעכטס. אַלץ ווייטער און ווייטער. ניטאָ קיין לבנה — נאָר ער, איינער אַליין אין דער נאַכט. ער טאָר אפילו ניט טראַכטן פון שלאָפן: ער איז אויף אַ שליחות, און אַ מענטשנס לעבן שטייט אין קאָן.

ער האָט זיך דערוויל אָפּגעשטעלט אויף אַ קליין בערגל, פון וואַנען דער ווינט האָט דעם שניי אַוועקגעקערט. ער האָט דאָ געקענט צוזאַמענגעמען אַביסל פאַרטריקנט פריירי־גראָז. ער האָט געהאַלטן זיין קאַווע־קעסל אויף זיין סקי־שטעקן ביז די קאַווע האָט אויפגעזאָטן. ער איז דאַן געזעסן, זיך געוואַרעמט זיינע אייז־קאַלטע פיס ביים פייער און פאַמעלעך געטרונקען די הייסע קאַווע פון אַן אַלט בלעכל. קאַרענס ברויט איז שוין גאָר באַטעמט געוואָרן!

ניט גאָר לייכט איז געווען דאָס אויסגראָבן זיך אַ נאָרע אין שניי מיט די הוילע הענט און פיס, מיט דער בלויזער הילף פון'ם סקי־שטעקן. אָבער נאָך לאַנגער מי איז דער לאָך געווען גרויס גענוג, ער זאָל דאָרט קאָנען אַריינקריכן. ער האָט מיט זיך אַריינגענומען זיין ביקס און האָט איבער זיינע שטיוול אַריבערגעצויגן אַ פּאָר גראָבע שניי־זאָקן, וועלכע זיין מאַמע האָט אים אויסגעשטריקט אויף זיין לעצטער נסיעה צו די לאָפּאַטען — גאָר ניטאָ קיין מער זיכער'ער שוץ־מיטל געגן דעם פראָסט. ער האָט אַריבערגעשלעפּט אַ וואָלן העמדל איבער זיין מלבוש, אַראָפּגעצויגן דאָס היטל איבער די אויערן, אַרויסגענומען אַ קאָלדרע פון זיין רוקזאַק און האָט זיך דעם ליידיקן רוקזאַק געלייגט אונטערן קאָפּ. שוין גאָרניט קיין שלעכט געלעגער! ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז באַלד געשמאַק איינגעשלאָפן.
אויף מאָרגן איז געווען גאָר אַ וואָלקנדיקער דרויסן. ער האָט זיך שווערלעך געצויגן אויפן וועג, זיך האַלטנדיק לויטן קאָמפּאַס צו דרום־מזרח צו. ער האָט זיך אין אמתן מער פאַרלאָזט אויף זיין מאַטראָסן־אינסטינקט איידער אויפן קאָמפּאַס. ער האָט זיך געגליטשט אַלץ ווייטער און ווייטער... גאָרניט שנעל, נאָר באַשטענדיק. ווער וואָיעט עס? אַ וואָלף? ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען, אַז עפּעס אַ באַשעפעניש גייט אים נאָך. ע, ס'איז גאָר אַ פריירי־וואָלף! מיטאָגצייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו כאַפּן אַ געאיילטן ביים, און ווייטער — מאַרש געגאַנגען. ווייט, ווייט אַוועק, אין דעם שנייאיקן מדבר הינטער אים, ליגט אַ קאַמעראַד און וואַרט.

אַ שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן, לכתחילה לייכט, באַזאַכט, — דערנאָך זיינען די שניי־פליטערלעך געפאַלן אַלץ שנעלער. ס'האָט זיך

געמאַכט אַ ווינט, און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ זאַווערוכע. ער האָט שוין גאַרנישט ניט געקאָנט זען, אויסער אַ זידנדיקן זיך־דרייענדיקן שניי־געווירבל. ס'האָט זיך אים מינוטנווייז אויסגע־דאַכט, אַז דער ווינט הויבט אים אויף און פאַרטראָגט אים אַט ווי ער גייט עס דאָ אין אַן אַנדער לאַנד אַריין. דאָך האָט ער זיך ווייטער געריסן. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אומגעדרייט מיטן רוקן צום שטורעם, אַ קוק געטאָן אויף זיין קאָמפּאַס, זיך אויסגעדרייט אין פאָרויס און זיך ווייטער געצויגן אויף זיין וועג. וואוהין? דער אינסטינקט וועט שוין פירן. ער זעגלט אין אַ פאַרנעפּלטן ים. ער זאָל נאָר פאַר־זיכטיק זיין און ניט גיין צו ווייט לינקס! היינט וועט ער שוין קיין פייער ניט קאָנען אָנצינדן. ער וועט זיך מוזן באַגניגענען מיט כראָמ־זשען זיין טרוקן ברויט און פלייש און ניט קענען מיט עפּעס אָנוואַ־רעמען זיין פאַרפרוירענעם גוף.

ווידער אַמאָל אין אַ שניי־נאַרע. דאָס מאָל אָבער טאָר ער ניט איינשטעלן און איינשלאָפן. ער איז געלעגן און אַ גאַנצע נאַכט גע־דרייט די פינגער פון די פיס אין די שטיוול, אום זיי זאָלן ניט פאַר־פרוירן ווערן. אויף מאָרגן איז די לופט שוין געווען אויסגעלייטערט. שפּעטער אין טאָג איז געוואָרן גאָר שיין. די זון איז אויפגעקומען. מאַרש, מאַרש פאָרויס. זיין רעכטע פּיאַטע איז געווען עפּעס ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, נאָר דאָס וועט שוין מוזן געדולד האָבן. ער האָט זיך דערפילט מיד. ס'האָט אים אַביסל געקלונגען אין די אויערן, און דער שניי האָט אים מאָדנע געטאַנצט פאַר די אויגן. נאָר ער קאָן זיך ניט אָפּשטעלן. העלענאַ, די מוטער, קווידאַל, — אַלץ איז יעצט אים פאַרשוואומען, ווי אין נעפּל; זיין גאַנצער וועזן איז גע־ווען קאָנצענטרירט אין איין שווערער אָנשטרענגונג — צו גרייכן זיין ציל, צו ציען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

אין עריקס שטיבל האָבן די מענער זיך פון צייט צו צייט אי־בערגעביטן און זיינען געזעסן לעבן דעם חולה. צומאָל האָט איינע פון די פרויען אַריינגעבראַכט עפּעס אַ לאַקאָטקע אים דערמיט מחיה צו זיין. אפילו דורך די נעכט איז איינער פון די מענער געזעסן ביי זיין בעט און אַכטונג געגעבן, אַז דאָס פייער אין אייוועלע זאָל ניט אויסגיין.

די אָנצינדונג האָט שוין דערגרייכט זיינע דיכן. זיי זיינען גע־ווען מוראדיק רויט און אָנגעשוואָלן. דער ווייטיק איז צייטנווייז געווען אַזוי געפערלעך, אַז ער האָט משונהדיק געשריען און געוויינט ווי אַ קליין קינד.

ס׳זיינען געווען צייטן, ווען ער איז געלעגן באַוואוסטלאָז גאַנצע לאַנגע שעה׳ן; צומאָל אָבער פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, באַטראַכטן זיינע פריינט און פרוואון שמייכלען.

איינמאָל, ווען קאַל און פּער זיינען געזעסן ביי זיין בעט, האָט ער גאָר פלוצים געעפנט די אויגן און האָט זיי באַטראַכט. — איך האָב מיר שוין אָפּגעאַקערט מיין שטיק פעלד, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — נו, מילא. לאָזט גריסן דער מאַמען. זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך אַהער אַרויסגעבראַכט.

— נאַרישקייטן, — האָט געזאָגט קאַל — גאָר באַלד וועט מאָר־טען צוריקקומען מיטן דאָקטער.

— פאַראַן אַ ביכעלע ערגעץ דאָרט אין שופלאָד, — האָט עריק וויטער גערעדט — דערלאַנגט עס אַהער.

פּער איז געגאַנגען און האָט אויסגעזוכט דאָס קליינע נאָטיץ־ביכעלע. עס איז אים אויסגעקומען גאָר גוט באַקאַנט. דאָס איז געווען דאָס ביכל, וואָס עריק פלעגט דאָרט פאַרשרייבן אַלץ, וואָס זיי זיינען אים שולדיק געווען.

— וואַרף עס אַריין אין אויוון, — האָט עריק געזאָגט.

פּער און קאַל האָבן אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג. איז ער ווידער געווען אין דעליריום? נאָר עריק האָט ווידערהאָלט: טוט געטרוי, ווי איך הייס אייך. וואַרפט עס אַריין אין פייער. כ׳וועל עס ניט באַדאַרפן דאָרט, וואוהין איך גיי.

פּער האָט אַריינגעוואָרפן דאָס ביכעלע אין אויוון, בכדי צו־פרידנצושטעלן דעם קראַנקן. ווען דאָס ביכל האָט גענומען ברענען, האָבן זיינע אויגן באַגעגנט קאַלס בליק. ערשט איצט האָבן זיי דער־פילט, אַז עריק געזעגנט זיך מיט זיי אויף אַ רעכטן אמת.

עריק האָט וויטער גערעדט: דו דאַרפסט אַ באַראַנע און אַ וואָגן, פּער. קענסט נעמען מיינע. און דו, קאַל, מעגסט נעמען מיינע קי און אָקסן. דיר, מיט דיין גרויסן הויזגעזינט, וועלן זיי פיין צונוץ קומען. פאַראַן נאָך אַ קליין ביכעלע גאָר אונטן אין שופלאָד. שיקט דאָס אָפּ דער מאַמען.

זיי האָבן אים געדריקט די האַנט און אים געדאַנקט פאַר זיינע מתנות. ס׳האָט אָבער סיי ווי ניט קיין זינען, האָבן זיי געזאָגט, ווייל ער וועט דאָס אַלץ אַליין באַדאַרפן אַזוי שנעל, ווי ער וועט גע־זונט ווערן. וועגן זיין מאַמען — אַוודאי, ער מעג זיך אויף זיי פאַר־לאָזן, גאַנץ זיכער.

זיי זיינען ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ הילפלאָזן שטילשווייגן. אין אַ ווײלע אַרום האָט עריק צוגעגעבן: „איר מוזט זען באַהיל־

פיק זיין דעם בחורל אַנטאָן. ער איז, דאַכט מיר, אַ רעכטע כלי". און באַלד דערנאָך: „נו, כ'האָב אַוודאי ווייניק אויפגעטאָן... און איך האָב אַזויפיל געוואָלט טאָן..."

מאָרטען איז געווען אין וועג זעקס טעג. ווען ער איז לסוף אַריינגעפאַלן אַ בלאַסער מיט פאַרזונקענע אויגן אין עריקס שטיבל, האָט ער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן אויסער דזשאָען.

— צו שפּעט, — האָט דזשאָ געזאָגט — ער האָט אונז נעכטן איבערגעלאָזט.

עריק פאָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט ווי אַן איינגע־שלאָפענער.

מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער האָט די קליינע קאָלאָניע גע־האַט איר ערשטע לויה. זיי האָבן אויסגעקליבן אַ שטיקל באָדן ביים ברעג פון עריקס לאַנד; זיי האָבן דאָן גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז אויב זיי וועלן אַמאָל זוכה זיין צו האָבן אַן אייגענע קירכע און אַ בית־עולם, זאָל דאָרט טאַקע זיין דאָס אָרט דערפאַר.

(פון בוך: „די עמיגראַנטן").

(„דעם פיאָנערס טויט" איז אַ קאַפּיטל פון אַ נאָרוועגישן ראָמאַן „די עמי־גראַנטן" פון יאָהאַן באָיער, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון נאָרוועגישע עמיגראַנטן אין די דאַן נאָך ניט־באַזעצטע פּריירי שטאַטן אין אַמעריקע.

עריק פאָס איז געווען דער ערשטער פיאָנער צו קומען פון אַ נאָרוועגיש שטעטל זיך באַזעצן אין נידאַראָס קאַונטי. ער האָט שפּעטער אַריבערגעבראַכט אַ סך פון זיינע לאַנדסלייט און האָט זיי זייער פיל געהאָלפן זיך איינצואָרדנען אינ'ם פרעמדן לאַנד.)

דעליריום—צעטומלעניש וואָס קומט פון זייער הויכער היץ. ישוב— Settlement. בולט (בוילעט) — זייער קלאָר. טשאַטע — מחנה, קאָמפּאַניע. זאַווערוכע — שניי שטורעם. לאַפּאָטען — פישער אינזלען אין נאָרוועגיען. באַטעמט (באַ־טאַמט) — געשמאַק. לכתחילה (לעכאַטכילע) — צוערשט. כראָמזשען — Crunch. — לאַקאָטקע — געשמאַקער מאכל. באָראָנע — Harrow.
„אַ רעכטע כלי" — אַ מענטש מיט טאַלאַנט.

ארץ ישראל

דער טאָל פון ביינער

(פון יחזקאל)

(יהואשס איבערזעצונג)

די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר,
און ער האָט מיך אַרויסגעטראָגן מיט דעם גייסט פון גאָט,
און האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פון דעם טאָל,
און ער איז געווען פול מיט ביינער.
און ער האָט מיך פאַרבייגעפירט פאַרביי זיי, רונד אַרום,
ערשט זיי זיינען געווען זייער פיל איבערן טאָל,
און פאַרוואָר, זיי זיינען געווען זייער פאַרטריקנט.
און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, קענען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?
האָב איך געזאָגט: גאָט דו האַר, דו ווייסט דאָך.
האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער,
און זאָלסט זאָגן צו זיי:
איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו דידאָזיקע ביינער:
זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
אָ, איך וועל געבן אויף אייך אָדערן,
און וועל אַרויפטאָן אויף אייך פלייש,
און אַרויפציען אויף אייך אַ הויט,
און אַריינגעבן אין אייך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן; און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.
און איך האָב נביאות געזאָגט
אַזוי ווי איך בין באַפוילן געוואָרן;
און עס איז געוואָרן אַ גערויש,
ווי איך האָב נביאות געזאָגט;
ערשט אַ גערודער,
און די ביינער האָבן גענענט ביין צו זיין ביין.
און איך האָב געזען, ערשט אָדערן זיינען אויף זיי,
און פלייש איז אַרויפגעוואָקסן,
און אַ הויט האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף זיי פון אויבן,
נאָר קיין אָטעם איז אין זיי ניט געווען.

האָט ער צו מיר געזאָגט:
זאָג נביאות צו דעם אָטעם,
זאָג נביאות, דו מענטשנקינד,
און זאָלסט זאָגן צו דעם אָטעם:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
פון די פיר ווינטן קום, דו אָטעם,
און הויך אַריין אין דידאָזיקע הרוגים,
אַז זיי זאָלן לעבעדיק ווערן.
און איך האָב נביאות געזאָגט
אַזוי ווי ער האָט מיר באַפוילן,
און דער אָטעם איז אין זיי אַריין,
און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן;
און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס,
אַ זייער גרויסע מחנה.
און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, די דאָזיקע ביינער, זיי זיינען
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל;
זע, זיי זאָגן:
פאַרטריקנט זיינען אונזערע ביינער,
און פאַרלאָרן איז אונזער האָפנונג;
פאַרשניטן זיינען מיר.
דרום זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן צו זיי:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:
זע, איך עפן אייערע קברים,
און וועל אייך, מיין פאָלק, אויפברענגען פון אייערע קברים.
און אייך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל.
און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה,
ווען איך עפן אייערע קברים,
און ווען איך ברענג אייך אויף, מיין פאָלק, פון אייערע קברים,
און איך וועל אַריינגעבן מיין גייסט אין אייך,
און איר וועט לעבעדיק ווערן;
און איך וועל אייך באַרוען אויף אייער ערד;
און איר וועט וויסן אַז איך יהוה
האָב גערעדט און געטאָן, זאָגט יהוה.

(יחזקאל ל״ז, א—י״ד)

פאַרוואָר — באמת. געגעגט — זיך דערנענטערט. אַריינהויכן — אַריינבלאָזן.
הרוגים (האַרוגים) — געהרגעטע.

נחמיה

(יהואש איבערזעצונג)

און עס איז געווען אין חודש ניסן, אין צוואַנציקסטן יאָר פון מלך ארתחשסתא; און איך האָב גענומען דעם ווײַן און האָב דערלאַנגט דעם מלך. און איך בין קײנמאָל פריער ניט געווען טרויעריק פאַר אים. האָט דער מלך צו מיר געזאָגט: פאַרוואָס איז דײַן פּנים טרויעריק, אַז קראַנק ביסטו ניט? דאָס איז ניט אַנדערש סײַדן אַ טרויעריקײט פון הארצן. האָב איך זײער שטאַרק מורא געהאַט. און איך האָב געזאָגט צום מלך: אײביק לעבן זאָל דער מלך! פאַרוואָס זאָל מײַן פּנים ניט זײַן טרויעריק, אַז די שטאָט, דאָס אָרט פון מײַנע עלטערנס קברים, איז חרב, און אירע טויערן זײַנען פאַרצערט פון פײַער? האָט דער מלך צו מיר געזאָגט: וואָס פאַרלאַנגסטו דען? האָב איך מתפּלל געווען צום גאָט פון הימל. און איך האָב געזאָגט צום מלך: אויב דעם מלך איז וואוילגעפעלן, און אויב זײַן קנעכט איז וואוילגעפעלן פאַר דיר, אַז דו זאָלסט מיך לאָזן גײן קײן יהודה צו דער שטאָט פון מײַנע עלטערנס קברים, אַז איך זאָל זי אָפּבויען. האָט דער מלך צו מיר געזאָגט: אויף ביז וואַנען וועט זײַן דײַן גײן? און ווען וועסטו זיך אומקערן? און עס איז וואוילגעפעלן פאַר דעם מלך און ער האָט מיך געלאָזט גײן, אַז איך האָב אים געגעבן אַ צײַט.

* * *

און איך בין געקומען קײן ירושלים און בין דאָרטן געווען דרײַ טעג. און איך בין אויפגעשטאַנען בײַ נאַכט, איך און עטלעכע מענער מיט מיר; און איך האָב ניט דערצײלט קײן מענטשן וואָס מײַן גאָט האָט אַרײַנגעגעבן אין מײַן האַרצן צו טאָן אין ירושלים: און קײן בהמה האָב איך מיט מיר ניט געהאַט, אַחוץ די בהמה וואָס איך בין אויף איר געריטן. און איך בין אַרויס דורך דעם טויער פון טאָל בײַ נאַכט, און אַקעגן דעם שלאַנגענקוואַל, און צו דעם מיסטטויער, און איך האָב באַטראַכט די מויערן פון ירושלים, וואָס זײַנען געווען אײַנגעבראָכן, און אירע טויערן, וואָס זײַנען געווען פאַרצערט פון פײַער. און איך בין אַריבערגעגאַנגען צום קוואַלטויער און צום מלכס באַך; אָבער עס איז ניט געווען אָרט פאַר דער בהמה אונטער מיר דורכצוגײן. און איך בין אַרויפגעגאַנגען דורכן טאָל אין דער נאַכט און האָב באַטראַכט די מויער; און איך האָב זיך אומגעקערט און בין געקומען צום טויער פון טאָל און האָב זיך צוריקגעקערט. און די

פאַרשטייער האָבן ניט געוואוסט וואוהין איך בין געגאַנגען און וואָס איך טו, ווארום די אידן, און די כהנים, און די אדלליים, און די פאַר־שטייער, און די איבעריקע וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט, האָב איך ביז אַהער גאָרנישט ניט דערציילט.

און איך האָב צו זיי געזאָגט: איר זעט אין וואָס פאַר אַן אומ־גליק מיר זיינען, אַז ירושלים איז חרוב, און אירע טויערן זיינען פאַר־ברענט פון פייער; קומט און לאָמיר אָפּבויען די מויער פון ירושלים, אַז מיר זאָלן מער ניט זיין צו שאַנד.

* * *

און עס איז געווען ווי סנבלט האָט געהערט אַז מיר בויען די מויער, אַזוי האָט אים געברענט, און ער האָט שטאַרק געצערנט; און ער האָט געשפּעט פון די אידן. און ער האָט גערעדט פאַר זיינע ברי־דער און דעם חיל פון שומרון און האָט געזאָגט: וואָס טוען די דאָזיקע צעקראַכענע אידן? וועט מען זיי דען לאָזן? וועלן זיי דען קרבנות שלאַכטן? וועלן זיי עס ענדיקן אין אַ טאָג? וועלן זיי אויפלעבן די שטיינער פון די הויפנס ערד, אַז זיי זיינען פאַרברענט? און טוביה דער עמוני איז געווען לעבן אים און האָט געזאָגט: אפילו אַז זיי בויען שוין יאָ, ווען אַ פוקס זאָל ארויפגיין, וועט ער צעברעכן זייער שטיינערנע מויער.

הער, גאָט אונזערער, ווי מיר זיינען געוואָרן צו שפּאָט, און קער אום זייער לעסטערונג אויף זייער קאָפּ!

אַזוי האָבן מיר געבויט די מויער; און די גאַנצע מויער איז פאַר־בונדן געוואָרן ביז איר העלפט; ווארום דאָס פאָלק האָט געהאַט האַרץ צו טאָן.

(נחמיה ב׳, ג׳)

* * *

און עס איז געווען ווי סנבלט און טוביה און די אַראַבער און די עמונים און די אשדודים האָבן געהערט, אַז די מויערן פון ירושלים ווערן פאַרריכט, אַז די בראָכן האָבן אָנגעהויבן פאַרשטאָפּט צו ווערן, האָט זיי זייער געברענט. און זיי האָבן געמאַכט אַ בונט אַלע אין איינעם, צו קומען מלחמה האַלטן אויף ירושלים און אָנמאַכן דרינען אַ מהומה. — — —

און גאָט האָט פאַרשטערט זייער עצה, אַזוי האָבן מיר זיך אַלע אומגעקערט צו דער מויער, איטלעכער צו זיין אַרבעט. און עס איז געווען פון יענעם טאָג אָן, האָבן העלפט פון מיינע יונגען געטאָן די אַרבעט, און העלפט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן, די שילדן און

די בויגנס און די פּאַנצערס; און די האַרן זיינען געווען הינטער דעם גאַנצן הויז פון יהודה, וואָס האָבן געבויט די מויער. און די לאַסט־טרעגער לאַדנדיק האָבן מיט איין האַנט זייערער געטאָן די אַרבעט, און איינע האָט געהאַלטן די וואָפן. און די בויער זיינען געווען אָנ־געגורט איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן, און אַזוי האָבן זיי געבויט; און אַ שופר־בלאָזער איז געווען לעבן מיר. און איך האָב געזאָגט צו די אַדלליט, און צו די פֿאַרשטייער, און צו דעם איבעריקן פֿאָלק: די אַרבעט איז גרויס און אויסגעברייט, און מיר זיינען אָפּגעזונדערט אויף דער מויער, ווייט איינער פון אַנדערן. איז, אין דעם אָרט, וואָס איר וועט הערן דעם קול פון שופר, אַהין זאָלט איר זיך איינזאַמלען צו אונז; אונזער גאָט וועט מלחמה האַלטן פֿאַר אונז.

אַזוי האָבן מיר געטאָן די אַרבעט; און אַ העלפֿט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן פון אויפֿגאַנג פון פֿרימאָרגן ביז די שטערן זיינען אַרויס. איך האָב אויך געזאָגט אין יענער צייט צום פֿאָלק: זאָל איט־לעכער מיט זיין יונג נעכטיקן אין ירושלים, כדי זיי זאָלן אונז זיין ביי־נאַכט פֿאַר אַ וואַך, און ביי טאָג פֿאַר אַרבעט. און ניט איך, אָדער מיינע ברידער און מיינע יונגען און די וואַכלייט וואָס הינטער מיר, קיינער האָבן מיר ניט אויסגעטאָן אונזערע קליידער. — — — —

און די מויער איז פֿאַרטיק געוואָרן אין פֿינף און צוואַנציקסטן טאָג פון אלול, אין צוויי און פֿופֿציק טעג. און עס איז געווען, ווי אַלע אונזערע פֿיינט האָבן דערהערט, האָבן אַלע פֿעלקער וואָס אַרום אונז מורא געקראָגן, און זיי זיינען זייער אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך אין די אויגן, ווארום זיי האָבן געזען, אַז פון אונזער גאָט איז געטאָן גע־וואָרן דידאָזיקע אַרבעט.

(נחמיה ד׳ ו׳)

פֿאַרצערן — אויפֿעסן, פֿאַרברענען. באַך — Brook. לעסטערונג—זידלעריי, באַליידיקונג (צו גאָט). מהומה (מעהומע) — איבערקעריניש, צעטומלונג.

דער ברונעם אין ראשון לציון

ח. כישין.

(פון טאָגבוך פון אַ בילוער)

זינט אונזער קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן זיך ביי אונז אָפט געביטן מאָמענטן פון פרייד און פון צער. אָבער די גאַנצע צייט האָט געהאנגען איבער אונזערע קעפּ אַ שווערער וואָלקן: דער ברונעם האָלט שוין דרייסיק מעטער די טיף, און קיין וואַסער זעט מען נאָך אַלץ ניט.

די שווערע וואַסער-פראַגע האָט אונז ניט געלאָזט רוען: די סאַמע עקזיסטענץ פון אונזער קאָלאָניע הענגט דאָך אָפּ אָן דעם. טאָג ווי נאַכט האָט אונז געעקבערט אין מוח די פראַגע: וועלן מיר טאַקע מוזן זיך פאַנאַנדערגיין און ווידער לאָזן וויסטעווען אָט די פעלדער, וואָס מיר האָבן מיט אונזער שווערער מי צו תחית-המתים אויפגעוועקט? אָט די נייע הייזער אונזערע, פול מיט לעבן — זאָלן זיי ווערן וויסטע חורבות, וואָס זאָלן יעדן פאַרבייגייער דערציילן די טרויעריקע געשיכטע פון אונזער זיין דאָ?

טאָג נאָך טאָג איז זיך דער עולם צונויפגעקומען ביים ברונעם, איז געשטאַנען, געוואַרט אויף דער פריילעכער בשורה און האָט זיך אַהיימגעקערט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. וואָס טיפער מען גראָבט, אַלץ פּאַמעלעכער ווערט די אַרבעט.

די אַרבעט איז דערווייל איבערגעריסן געוואָרן ביז ס'איז אָנגעקומען דער עקבער פון פּאַריז. האָט מען זיך ווידער געדאַרפט נעמען צו דער אַרבעט. אַ פּאָר קאָלאָניסטן האָבן זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן, נאָר ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען איבערן טיף-אָפענעם גרוב, האָט זיך זיי פאַרדרייט דער קאָפּ. מען האָט געדאַרפט דריי מענטשן אין דער נידער: צוויי צו דרייען דעם עקבער און איינעם זיי צו פאַרבייטן. איך און נאָך צוויי האָבן זיך פרייגעוויליקט.

די אַרבעט אין ברונעם איז געווען זייער אַ שווערע. מען פלעגט אונז אַראָפּדערלאַנגען אונזער עסן אין גרוב אַריין, און מיר זיינען דאָרט געבליבן דעם גאַנצן טאָג. ווען מיר פלעגן אָוונט-צייט ארויפקומען, פלעגן די קאָלאָניסטן אונז אַרומרינגלען און אונז פאַרוואַרפן מיט נייגעריקע פראַגן. מען פלעגט אויפמערקזאַם באַטראַכטן יעדעס ביסל ערד, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אינ'ם עקבער. אומזיסט האָבן

מיר געזוכט וועלכע ס'ניט איז סימנים אָן דער ערד. מיר האָבן שוין אויפגעגראָבן נייע צען מעטער די טיף, און ס'קומט נאָך אַלץ אַרויף דאָס זעלבע זאַמד, וואָס זאָגט נאָך אַלץ גאָרניט ניט צו...

איינמאָל, ווען מיר האָבן שוין געהאַט אויפגעגראָבן אַ דרייצן מעטער, האָבן מיר פּלוצלונג דערפילט ווי דער עקבער לאָזט זיך לייכט אַראָפּ אַלץ טיפער און איז מיט אַמאָל אַריין אַ נייעם האַלבן מעטער, אָן דער געוויינלעכער אָנשטרענגונג פון אונזער זייט. האָבן מיר אים געוואָלט אַרויפציען, לאָזט ער זיך ניט. ס'האָט זיך איבערגעריסן דער שטריק. האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ נייעם שטריק, און דער עקבער איז קוים, קוים אַרויף. ס'איז געווען אויף אים נאָר אַ צוויי-דריי סענטימעטער זאַמד. האָבן מיר אים ווידער אַרונטערגעלאָזט, און ער האָט זיך יעצט אָפּגעשטעלט ביי די ערשטע דרייצן מעטער, גלייך ווי דער האַלבער מעטער, וואָס ער האָט ערשט געהאַט אויפגעגראָבן, איז ווידער פאַרשטאָפּט געוואָרן. מיר זיינען שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן און האָבן ווייטער געגראָבן. דער עקבער איז לייכט אַריינגעזונקען, און ווען ער איז שוין געווען אַ נייע אַנדער-האַלבן מעטער אין דער טיף, האָבן מיר אים ווידער אַרויסגעשלעפּט. צו אונזער גרויסער פאַרוואונדערונג איז ער ווידער געווען ליידיק. בלויז אַ קליין ביסל זאַמד האָט זיך אויף אים געוויזן! ס'האָט ביי מיר אויפגעבליצט אַ געדאַנק: „רבותי, — האָב איך אויסגעשריען — דאָ איז פאַראַן וואַסער!"

— וואו? ווען? וואָס פעלט דיר איין?

— די ערדשיכט, וואו דאָס וואַסער געפינט זיך שוין, איז דאָך געווים זייער ווייך, דערפאַר איז דער עקבער אין איר אַזוי לייכט אַריין. ווען מיר האָבן אים אַרויפגענומען, האָט די פייכטקייט פון אים אָפּגערונען, און דער זאַמד האָט זיך אין אים אריינבאַקומען פון רייבן זיך אָן די זייטן. נאָך עפּעס: צוויי מאָל איז דער עקבער שווערלעך ארויפגעקומען; דאָס איז זיכער צוליב דער בלאָטע, וואָס האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט ביי די זייטן.

מיינע חברים האָבן זיך קוים געקענט גלויבן אַזאַ גרויס גליק.

— פאַרוואָס-זשע איז דער עקבער גאָרניט ניט פייכט? ניין, מיר מוזן זיין פאַרזיכטיק. פאַרוואָס זאָלן מיר פאַרפירן די מענטשן מיט פוסטע האָפנונגען?

דערווייל האָט זיך אויבן צוזאַמענגעקליבן אַ געדיכטער עולם, וואָס האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך באַמיט אויפצוכאַפּן כאָטש אַ פּאָר ווערטער פון אונזערע רייד. איך האָב שוין ניט געקענט צוריקהאַלטן די בשורה, וואָס איך בין מיט איר אַזוי זיכער געווען,

האָב איך מיטן גאַנצן כוח אויסגעשריען: „וואַ—אַ—ס—ער!"

מיינע חברים זיינען אויך געוואָרן פעסטער אין זייער איבערצייגונג און האָבן נאָכגעשריען: „ וואַ—ס—ער! וואַ—ס—ער! לאַנג לעבן זאָל ראשון לציון!"

משוגענע פרייד-געשרייען האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופטן.

— וואַסער! וואַסער! — האָט אָפּגעקלונגען איבערן ברונעם.

ווי אַ בליץ איז דורכגעפלויגן די פריילעכע בשורה איבער דער גאַנצער קאָלאָניע. אַלע זיינען זיך שנעל צוזאַמענגעלאָפן פון די פעלדער. ס'איז ניט געבליבן אפילו קיין קינד אין וויג. אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן זיך געריסן און געצויגן צום ברונעם, צום לעבעדיקן קוואַל. אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן די טויב-מאַכנדיקע שיסערייען און די אויסגעשרייען: הידד! וואַסער! מען איז געשפרונגען; מען האָט געטאַנצט און געדאַנקט גאָט; מען האָט זיך אַרומגענומען און געוויינט פאַר פרייד ווי קליינע קינדער. ס'איז ניט געווען איינצושטילן די צעהוליעטע מענטשן. מען האָט אונז אַרונטערגעוואָרפן אַ צעטעלע, מען האָט זיך געבעטן רחמים: „נאָר איין טראָפּן וואַסער!" מיר האָבן אַריינגעדרייט דעם עקבער און האָבן ארויפגעבראַכט נאָך אַביסל פייכטן זאַמד. — גרויסער גאָט! וואָס טוען זיי דאָרט אויבן מיט דער בלאָטע? מען צעכאַפּט זי איינער ביים אַנדערן, מיט אַן אומבאַשרייבלעכן גליק...

דער עולם האָט געפּאָדערט אַז מיר, די העלדן פון טאָג, זאָלן אַרויפקומען, און ווען איינער פון אונז האָט זיך געוויזן איבערן ברונעם, האָט מען אים אַרומגענומען, געקושט, אים געוואָרפן אין דער לופטן משוגענערוויַיז.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיך צוזאַמענגעקומען געסט און אונז וואָרעם באַגריסט.

מיר האָבן דאַן פאַרבראַכט אַ זעלטענעם טאָג.

(פון „יומן אחד הבילויים")

ראשון לציון — איינע פון די ערשטע קאָלאָניעס, געגרינדעט פון די חובבי ציון און פון די בילו'ער אין ארץ ישראל, אין יאָר 1882 בילו — ראשי תבות פון דער אָרגאַניזאַציע „בית יעקב לכו ונלכה" — גרופּע פון רוסיש-אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף ערד אין א"י אין די אַכציקער יאָרן. תחית המתים (טכיאַס האַמייסים) — דאָס ווידעראויפלעבן פון די טויטע. חורבות (כורוועס) — וויסטע פלעצער (Ruins). רבותי (ראַבויסיי) — מיינע הערן! הידד! (הײדאַד) — הוראַ!

דאָס ערשטע אַקערן

מ. כּאַריזמאַן.

שלמה שפּי, אַ ניי־צוגעקומענער חבר אין דער אַרבעטער קבוצה אין עין־זוהר, איז איין הערבסט־פרימאָרגן געשיקט געוואָרן מיט אַ פּאָרל מוילאייזלען און אַן אַקער אין פעלד אַריין צו פאַרענדיקן אויפ־אַקערן אַ קליין שטיקל פעלד.

ניטאָ קיין לייכטערע און ליבערע אַרבעט ווי אַקערן — ווען דער באָדן איז ווייך און פלאַך, די בהמות זיינען רואיק, און דער פויער איז געניט אין דער אַרבעט. דו בינדסט דיר צו די עקן פון די לייצעס צום הענטל פון אַקער פון איין זייט, די בייטש שטעקסטו דיר אַריין אין דעם לעכל פון׳ם הענטל פון דער אַנדערער זייט, דו פאַרלייגסט זיך די הענט אויפן האַרצן און דו גייסט דיר געמיטלעך נאָכן אַקער, אָט ווי מען גייט שפּאַצירן. ביסטו מיד געוואָרן גייענ־דיק, גיסטו די בהמות אַ צייכן, בלייבן זיי שטיין, זעצסטו זיך צו און רוסט דיר אָפּ. אַז דו ווערסט דורשטיק, וואַרט שוין אויף דיר ערגעץ אין מיטן פעלד, אין שאָטן פון אַ געדיכטן סיקאָמאָר, אַ קריגל קאַלט וואַסער, איבערגעדעקט מיט אַ לימאָן אָדער גאָר מיט אַ פרישן בלאַט פון אַ נוסבוים. דו קענסט זיך אַפילו אַביסל צו־זעצן אין שאָטן און פאַררויכערן, אָדער סתם אַזוי זיך זיצן און זיך פאַרקוקן — אויפן הימל, אויף די בערג, אויף די פייגעלעך, ווי זיי פליען און שוועבן איבער גאָטס לופט, און זיך פאַרטראַכטן... דו דאַרפסט זיך גאָר ניט איילן: דער טאָג איז לאַנג, די זון באַקט, און סיי דער מענטש, סיי די בהמה דאַרפן זיך אַביסל אָפּרוען. אַמאָל דערטראָגט זיך צו דיר פלוצלונג, דורך דער שטילער לופט, דער אָפּ־קלאַנג פון אַ גלעקלגעקלאַנג. קוקסטו זיך אום, דערזעסטו פון וויטן אַ קאַראַוואַן קעמלען ציט זיך פּאַמעלעך ווי פאַרחלומט, ווי אַ וואָלקן־קייט, וואָס בלאָנדזשעט אום אויפן הימל־ברעג; זיי גייען און פאַרשווינדן שטילערהייט אין די בלויע בערג־קייטן.

דער שטיק באָדן, וואָס איז שלמהן אויסגעקומען אויפצואַקערן, איז אָבער געווען אַ שטיינערדיקער, באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף. ווי איינצואָרדנען דעם אַקער האָט ער נאָך אויך ניט געוואוסט, און ווי צו־להכעים האָט ער געקראָגן אַ פּאָר פּרדות, וועלכע זיינען פונקט אַזוי וויניק געוואוינט צו אַקערן ווי זייער אָנטרייבער, און דערצו

זיינען זיי אויך, לויט זייער נאַטור, געווען פאַרעקשנטע און האָבן געהאַט זייער אַ מאָדנעם גאַנג...

איין אייזל, מיטן נאָמען זרקה, איז געווען כיטרע ווי אַ שלאַנג און גאָרניט קיין פריינדלעכע. די צווייטע, תבורה, פאַרקערט, האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און איז דערצו געווען מוראַדיק פאַר־עקשנט; האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט, איז ניט געווען זי צו רירן פון אָרט, אָבער אַז זי האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן, האָט זי זיך גע־טאָן פלוצים אַ צעפּלאָשע מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס'איז גאָרניט ניט געווען דער כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל זי קענען איינהאַלטן.

שוין באַלד אַ שעה, אַז שלמה קעמפט מיט זיינע בהמות אין פעלד, שרייט אויף זיי, זידלט זיי, שמייסט זיי מיט דער בייטש — נאָר גאַנץ אומזיסט. זרקה דרייט זיך אָפּיר פון הינטער די לייצעס, דריגעט אין דער לופטן מיט אירע הינטערשטע פיס און לאָזט אַרויס פון מויל אַזעלכע משונהדיק־גרילצנדיקע צוויטשערייען, ווי אַ רויב־פויגל. תבורה אָבער בויגט אַן איר שווערן קאָפּ, טוט אַ פּאָר קלעפּ מיט אירע קאָפּיטעס אַן דער ערד און גיט עפּעס אַ פאַרדעכטיקן צי מיט די ברייטע נאָזלעכער. לאַנג געדויערט אַט דער מאָדנער קאַמף מיט די אייזלען. שלמה ווערט שוין גאָר פאַרצווייפלט, און באַ־שליסט באין־ברירה זיך אָפּשטעלן, וואַרטן און זען, וואָס דאָ וועט ווערן. פלוצלונג, פלי, פלי! די אייזלען שלעפּן שלמהן ווי דער ווי־בער, זיין קאָפּ־צודעק פליט אום אין דער לופטן, און זיין אַקער שפרינגט אַרום אויף דער האַרטער ערד, ווי ס'שפרינגט דער בויגן איבערן פידל ביי אַ ניט־געניטן שפּילער.

מיט גרויס מי איז דעם אָרעמען שלמהן קוים געלונגען צו באַ־רואיקן די פּרדות, און זיי האָבן כלומרשט אָנגעהויבן גיין גלייך. אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום — נאַ דיר אַ נייע צרה! דער פּלאָקן, וואָס האַלט דעם אַקער אין פּלאַץ, איז פונ'ם שטאַרקן לויפן לויז גע־וואָרן, און די מעסערס האָבן גענומען צו טיף זיך איינגראָבן אין דער ערד. קריכט שוין שלמה אַראָפּ און נעמט זיך צורעכט מאַכן דעם אַקער און צוטרעפן צו דער געניויער מאָס טיפקייט, נויטיק פאַרן אַקערן — אָבער אַנשטאָט אַביסל אויפצוהויבן די מעסערס, האָט ער זיי נאָך טיפער אַרונטערגעלאָזט.

שלמה פּאָרעט זיך נאָך דאָ און דאָרט, באַמיט זיך צו טרעפן וואָס ער דאַרף דאָ טאָן. און דאָ, מעשה שטן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן וואָלקנס איבערן הימל. זיי הורדען זיך צונויף און פאַר־שפרייטן זיך מיט אַ פחדימדיקער שנעלקייט איבער דעם גאַנצן הימל.

ס'ווערט גוט טונקל, און ס'הויבט פלוצלונג אָן גיסן אַ שטאַרקער רעגן און דערביי הויבט זיך אָן צו קייקלען אַ לאַנג אויסגעצויגענער דונער, ווי דאָס ברומען פון אַ ריזיקער חיה.

ס'איז שלמהן יעצט אויסגעקומען, אַז גאָט, די נאַטור — אַלע האָבן זיך אויף אים פלוצלונג פאַרלייגט. ער האָט אָראָפּגעקניט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטערן בויך פון איינער פון די פרדות, זיך ווי ס'איז אַביסל צו באַשיצן פונ'ם רעגן. די ערד אונטער אים האָט אָפּגעציטערט פונ'ם אָפּקלאַנג פון די ווייטע, שטאַרקע דונערן, און די גאַנצע לופט איז געוואָרן איין גרויס שטיק מאוימדיק פינצטער־ניש. אין מיטן פון דער חשכות האָט ער געקענט זען נאָר איין תבורהן, וועלכע האָט אים באַשיצט מיט איר ווייסן בויך. דאָס נאָענט זיין לעבן דער בהמה, אין מיטן פון דער גרויסער איינזאַמקייט אויף דער שטורמדיקער נאַטור, האָט אים אַביסל אונטערגעגעבן מוט. ער האָט זיך אַלץ נענטער צוגעדריקט צום וואַרעמען בויך פונ'ם אייזל, וואָס איז געשטאַנען איבער אים. ס'האָט זיך אים דאַן אויסגעדאַכט, אַז די בהמה איז זייער נייגעריק אים גוטס צו טאָן. זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרטיפט אין שטילן צער. ווען ער איז געלעגן און באַטראַכט די בהמה, האָט זיך אין אים דערוועקט אַזאַ שטאַרקע, גרענעצלאָזע ליבשאַפט און רחמנות, וואָס ער האָט שוין ניט געפילט צו אַ בעל־חי זייט יענער צייט, ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען.

דער ווייטער אָפּקלאַנג פון בהמישע טריט האָט אים אויפגע־וועקט. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און האָט זיך אַרומגעקוקט. וואו איז ער? האָט ער ווירקלעך איינגעדרימלט? די דונערן זיינען איינגעשטילט געוואָרן; דער רעגן גייט שוין מער ניט. די שטראַלן פון דער זון קוקן שוין דורך ערטערווייז דורך אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקן. אַ לייכטינקע נעץ פון וואַסער־טראָפּן, לויטערע ווי פרי־מאָרגן־טוי, איז נאָך קרומלעך געהאַנגען אין דער ריינער לופט; די לופט איז פאַרקלונגען געווען פונ'ם צוויטשערן פון ווייטע פייגעלעך. דאַן האָט שלמה דערזען זיין פּאָר פרדות. זיי זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון אים און האָבן לייכט געגריזשעט דאָס פרישע גראָז. זיי זיינען ביידע געווען ריין אָפּגעוואַשן און האָבן יעצט אויסגעזען לייכט און צאַרט, ווי אַ שיין פּאָרל פייגעלעך. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען,

האָט זיי געגלעט ליבלעך און האָט זיי גוט באַטראַכט. אויך זיי האָבן זיך צו אים צוגעלאָזט מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, האָבן אים אָנגעקוקט, און האָבן אים געשמעקט מיט זייערע נאָזלעכער.

אַ וואַרעמער, ליכטיקער שטראָם האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן גוף, און אַלעס, וואָס איז געשען ביז איצט, האָט זיך אויסגעמעקט פון זיין האַרץ און איז צונישט געוואָרן.

יענעם טאָג איז שלמה שפּי שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו דער נאַטור, צו די בעלי־חיים און איז געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער אויף די גליל־בערג.

קבוצה — אַ גרופּע אַרבעטער אין ארץ ישראל, וועלכע לעבן צווישן זיך געמיינשאַפטלעך. צו להכעיס (צעלאָכעס) — Spitefully. פרדות (פּריידעס) — Mules. פאַרעקשנט (פאַראַקשענט) — איינגעשפּאַרט (Stubborn). כיטרע — Sly. אַ צעפלאָשע — אַ צעלאָז; שטאַרק שנעלער לויפן. באין ברירה (בעאיין ברייִרע) — ניט האָבנדיק קיין אַנדערע מעגלעכקייט. כלומרשט (קלאָמערשט) — אויף אַן אָפּנאַרנדיקן אופן; גלייך ווי. מעשה־שטן (מייסע־סאָטן) — די אַרבעט פון׳ם ניט־גוטן; צום אומגליק; ווי אוממיסטן. פחדימדיקער (פּכאָדימדיקער) — שרעקלעכער. מאויםדיק (מעאוייעמדיק) — שרעקלעך. חשכות (כאַשכעס) — פינצטערניש.

אין אַ באַיאַרע

יהואָש.

שושקען וואָרצלען צו דעם שטאַם:
טרינקען וועלן מיר אַ ים,
פרי און שפעט, און נאַכט און מאָרגן,
וואַסער־שפע צו באַזאָרגן...
וואו אַ שפריץ און וואו אַ טריף,
זופן וועלן מיר און נאַשן,
און דערמיט דעם בוים באַוואַשן,
וועט אַ ברכה זיין דערפון,
און דעם רעשט וועט טאָן די זון...

שושקעט צו דעם שטאַם אַראָפ
אין דער הויך דער בוים: מיין קאָפ
איז פון שטראַלן אויסגעצוואָגן,
וועל איך שיינע פרות טראָגן —
גרויס און רונד און פריש באַטויט,
וויין דאָס האַרץ, און גאָלד די הויט,
וועט מען זיי מיט שמחה פליקן,
וועט מען זיי אויף ימים שיקן,
איינס און איינס געפאַקט געדיכט,
רויטע שטיקער זונענליכט...

באיארע — אָראַנזשען גאָרטן.

די כנרת

מ. סמילאַנסקי.

איין שיינעםווינטער טאָג בין איך צום ערשטן מאָל געפאָרן פון נצרת קיין טבריה אין אַ דיליזשאַנס. דער וואָגן איז געווען פול מיט קריסטן, און איך בין געווען דער איינציקער איד. כ'בין דעמאָלט געווען עפּעס ניט אויפגעלייגט. בין איך געזעסן איינגעהילט אין אַ שטילן טרויער. טרויעריק שטיל האָבן מיר דאַן אויסגעזען אויך די בערג אַרום.

ס'איז מיר געווען לאַנגווייליק, און כ'האָב זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן: וואו איז שוין טבריה?

פּלוצלונג האָב איך עפּעס דערשפּירט אויף דער לינקער זייט אין פאָרויס. כ'האָב אַ קוק געטאָן און כ'האָב פון דערשטוינונג אַזש אויסגעשריען. ווייט, ווייט אין פאָרויס, צו צפון-צו, האָט זיך אַרויס-געהויבן פון מיטן פון דער טיפער בלויקייט עפּעס אַ ריזיקע זאַך. כ'האָב ביז דאַן נאָך אַזעלכעס ניט געזען. ס'איז מיר אויסגעקומען, אַז מיין גאַנצע נשמה און דער גאַנצער אַרום איז אָנגעפילט געוואָרן מיט איין געפיל: באַרג. דער באַרג-שפּיץ איז אינגאַנצן באַדעקט מיט ווייסן, קלאָרן שניי, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן דער זון, ווי זילבער געפּאַסט מיט סאַפּירן. איז מיר איינגעפאַלן: דאָס איז דער חרמון! האָט מיך אַ טיפער יראת-הכבוד באַהערשט.

דאַן האָב איך דערזען עפּעס, וואָס כ'האָב פאַר קיין פאַל ניט דערוואַרט צו זען אויף דעם אָרט, צווישן די בערג.

האָט איר ווען אַמאָל געזען אַ גלאַטן, גלאַנציקן שפּיגל, גלאַט און גלאַנציק ווי זילבער, צוואַנציג טויזנט מעטער די לענג און ניין טויזנט מעטער די ברייט?

אין מזרח זייט, צופוסנס פון דעם הויכן טבריה באַרג, וואָס מיר זיינען געשטאַנען אויף זיין שפּיץ, איז אָט דער גלאַנציקער שפּיגל געלעגן צעשפּרייט איבער דעם לאַנד, צווישן די בערג-קייטן.

דאָס איז געווען די כנרת.

פאַרנאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען אויסער דער שטאָט און האָב זיך געלאָזט גיין צו דער כנרת. כ'האָב זי ניט דערקענט: נאָך אַלץ גלאַט ווי מיטאָגצייט און אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך איבער דער ריזיקער פליין צווישן די בערג-קייטן; זי האָט שוין אָבער ניט גע-

האָט יענעם גלאַנציקן שיין, וואָס האָט געבלענדט די אויגן. די אָזערע איז געווען בלוי, טיף־בלוי, און שטאַרק פאַרענדערט. מיטאָגצייט האָט זי מיר אויסגעזען ווי אַ פאַרנעמע, שטאָלצע פרינצעסן און יעצט — ווי אַ שוואַרצע, באַשיידן־שטילע יתומה. אירע רואיקע וואַסערן, וואָס האָבן לייכט באַרירט דעם זאַמדיקן ברעג, האָבן זיך באַוואויגן פאַמעלעך. מען האָט קוים געקענט אָנזען זייערע באַוועגונגען. מיין אויער האָט מיט גרוים מי אויפגעכאַפּט איר שטילן פּליסטער, ווי פון אַ תּפילה, גלייך ווי די כנרת וואָלט פאַר זיך תּפילה געטאָן.

ביים כנרת־ברעג זיינען געזעסן צוויי אַלטע פישערלייט, איינער אַ איד און דער צווייטער אַן אַראַבער. זיי זיינען געווען פאַרטאָן מיטן אויספאַרריכטן אַ גרויסע נעץ. כ׳האָב זיי באַגריסט און כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי, אויף איינעם פון די שוואַרצע שטיינער, וואָס זיינען דאָרט געלעגן.

— האָט די כנרת אַ סך פיש?

דער אַראַבער האָט אויף מיר אַ ברוגזן קוק געטאָן און האָט גע־ווענדעט זיין בליק צו דער כנרת. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער וויל זי איבערבעטן. ער האָט זיך ווייטער פאַרטיפט אין דער נעץ. כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז מיין פראַגע האָט הפּנים דערצאָרנט אָדער באַליידיקט דעם אַלטן פישער, כאָטש ווי אַזוי האָב איך ניט געוווּסט.

— ס׳איז אַלץ אַ גאָט זאַך... — האָט מיר דער איד געענטפערט — די כנרת איז ממלא גאָטס ווילן. אַז זי איז גוט אויפגעלייגט, גיט זי גאָר אַ סך פיש; אַז מען דערצערנט זי, גיט זי גאָרניט. גאַנץ אומזיסט איז דאָן דעם מענטשנס מי.

— אָט די רואיקע, ווערט זי דען ווען אויפגערעגט?

— זי? האַ־האַ!...

דער אַלטינקער האָט געוואָרפן אַ בליק, פול מיט צערטלעכער ליבשאַפט און דרך־ארץ, אויף דער כנרת. דאָס פּנים ביים אַלטן אַראַ־בער איז נאָך אַלץ געווען אָנגעכמורעט, און ער האָט ניט אויפגעהויבן זיינע אויגן פונ׳ם לאָך אין דער נעץ.

— שטורמט אַמאָל אויף די כנרת? — האָב איך געפרעגט מיין בעל־אכסניה, אַ טבריהער איד, ביי ווען די געקרייזלטע פּאות קו־מען זיך צונויף אין איין שטיק מיט דער באָרד.

— די כנרת?... נו, נו, ווען זי צעטאַנצט זיך, זיינען אירע כוואַ־ליעס ווי די בערג.

— ס׳גלויבט זיך עפּעס גאָר ניט. ווערן דאָ שיפלעך ווען דער־טרונקען?

דער בעל־אכסניה האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שווערן אומעט, ווי עפּעס אַ סכנה וואָלט געהאַנגען איבער זיין קאָפּ. ס׳האָט אויס־געזען, ווי מיין פראַגע וואָלט אים איבערגעשראָקן.

— ווי איז די פישערלייט, וואָס דער שטורם פאַקט זיי אין מיטן דער כנרת. נאָר גאָטס גרויס רחמנות קאָן זיי ראַטעווען. צומאָל, ווען זיי בעטן גאָט זייער שטאַרק, שטילט זיך איין דער שטורם אין זיין סאַמע ברומען. טאָמער חלילה ווערט זייער תפילה ניט אָנגענו־מען, ווערן זיי פאַרשלונגען צוזאַמען מיט זייערע שיפלעך, און מען ווייסט אפילו ניט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען... זי איז מורא־דיק טיף.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן: „געבענטשט זאָל זי זיין סיי־ווי. אירע וואַסערן און אירע פיש דערנערן אונז...״

אין מיטן פון דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין איין שרעק. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שטורם. די אכסניה האָט זיך ווי געטרייסלט. כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און כ׳האָב זיך אָנגעטאָן. דורך די טיר־שפּאַלטן פון צווייטן צימער האָט מיר אַ שיין געטאָן אַ שוואַך ליכט, און כ׳האָב דערהערט אַ פאַרשטיקט געוויין. כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און כ׳האָב זי אַביסל אויפ־געעפנט. אין צימער־ווינקל איז געזעסן דער בעל־אכסניה אָנגע־שפּאַרט ביי אַ טיש, אויף וועלכן ס׳האָט געברענט אַ קליינער לאָמפּ, און האָט זיך שטאַרק געשאָקלט מיטן גאַנצן גוף, ווי ס׳שאָקלט זיך אַ בוים פונ׳ם ווינט. זיינע פאות האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער באָרד און האָבן זיך געוואָרפן אין דער לופט. פון זיין מויל האָבן זיך אַרויס־געריסן אָפּטע תפילות, געוויינען און געבעטן... ער האָט דערפילט, אַז די טיר איז אָפן, און ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט שרעק. ער האָט מיך דערקענט, האָט אַן אומצופרידענער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך ווידער גענומען דאַווענען.

וואָס איז דאָס פאַר אַ מין דאַווענען? עבודה זרה! דאָס בעט ער זיך ביים שטורם, ביי דער כנרת? כ׳האָב זיך אָבער דערמאָנט: ער ריכט אָפּ חצות! האָב איך זיך אָפּגעקערט. כ׳האָב געטאַפּט אין דער פינצטער און כ׳האָב קוים געפונען דעם וועג צום קאָרידאָר און צו דער דרויסנדיקער טיר. כ׳האָב זי אַ קליין ביסל געעפנט, האָט זי דער ווינט באַלד אַ שמיץ געטאָן און זי מיר פאַרקלאַפּט הינ־טער דער נאָז. נאָכן ווינט איז געקומען אַ גוס רעגן, וואָס האָט גע־

שמיסן אויף דער טיר, אויף די פענצטער, אויף די ווענט, ווי אַ מבול וואָלט פלוצלונג גענומען פאַרפלייצן די ערד. אַ מאָדנע שווער גע־פיל האָט מיין האַרץ געפּרעסט: עפּעס אַ ריזיקע אורקראַפט איז געקומען די וועלט אומברענגען. כ'האָב זיך געשטעלט לעבן דער טיר און כ'האָב אָנגעשטרענגט מיינע אויערן. אין מיטן פון דעם גע־וויין פון שטורם און פון דעם גיסן פון רעגן, האָט מיין אויער געכאַפּט עפּעס אַן אַנדער מין ברומען, וואָס איז געוואָרן אַלץ העפטיקער און העפטיקער און האָט אָנגעפילט מיין נשמה מיט אַן אומבאַוואוסטן שרעק. אָט דאַכט זיך מיר, אַז איך הער שיסן, שאָס נאָך שאָס, און אָט הער איך אַ קרעכצן, אַ פאַרשטיקטן שלוכצן, ווי אַ שטיל געוויין... אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערהערט אַ קרעפטיקן שטורם־אויס־ברוך, זיגרייך, טריאומפירנד, גרייט אַלץ איינצושלינגען, אָן אָפּשטעל.

— פּ — — וו — — וואָ — — וו — — יאָ — — יאָ — — —

דער ווינט נעמט זיך אָן מיט נייע כוחות. אַ שטאַרקער שלאַקס־רעגן גיסט. דער ווינט איז שוין הפּנים בייגעקומען יעדע שטרויכ־לונג. ער איז ווילד, פול מיט צאָרן, און טראָגט זיך אָן אויפהער ווי אַ שרעקלעכער, גרויסער וואַסערפאַל.

אינדערפרי האָב איך אָנגעטאָן מיין רעגן־מאַנטל און די שטיוול, כ'האָב גוט איינגעהילט דעם קאָפּ און דעם פּנים, און, צו דער גרוי־סער דערשטוינונג פון מיין בעל אכסניה, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. איך בין געגאַנגען באַרג אַרויף.

דער שטורם האָט זיך שוין איינגעשטילט. ס'האָט נאָך גערעגנט, נאָר ניט באַשטענדיק. שוואַרצע, שווערע וואָלקן האָבן נאָך גע־שוועבט איבער מיין קאָפּ און האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן באַרג. די גאַנצע וויטלעכע אומגעבונג, אפילו דער חרמון, זיינען געווען פאַר־הוילן פון אויג. אין טאָל, צופוסנס פונ'ם טבריה־באַרג, צווישן די באַרג־קייטן, דאָרט וואו נעכטן האָט די כנרת אַזוי שטיל גערוט, האָבן יעצט אַרומגעוואַנדערט ריזן־כוואַליעס, בערג־כוואַליעס. זיי האָבן זיך שנעל באַוועגט און האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער גאַנצער סביבה. זיי זיינען געווען בלוי־שוואַרץ מיט אַ ברוין־ווייסער גזשיווע... זיי זיינען געגאַנגען אין אַן אָרדנונג, איינע נאָך דער אַנ־דערער, ווי אַ מוראדיקע מחנה פון אַ זיגרייכער אַרמיי... אַז זיי זיי־נען צוגעקומען צום ברעג, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן מיט ריזיקער קראַפט אָן די פעלזן, און דער גאַנצער אַרום איז פול געוואָרן מיטן רעש פון זייער קלאַפּן, גלייך ווי אַלע אַנדערע קלאַנגען פון דער

וועלט וואָלטן פאַרשטומט געוואָרן אויס מורא פאַר דעם זעלבסט-הערשער. צייטנווייז איז די אָרדנונג געבראָכן געוואָרן, ווי צעטומלט געוואָרן. די כוואַליעס האָבן זיך דעריאָגט, זיינען ארויפגעשפרונגען איינע אויף דער אַנדערער; האָבן זיך געראַנגלט, געקעמפט איינע מיט דער אַנדערער; זיינען צעקלאַפּט געוואָרן און האָבן זיך מיט אַן אימפּעט צעשפּרייט אויף אַלע זייטן. די גאַנצע אָזערע איז פול געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער אויפרודערונג און צעטומלעניש.

כ׳האָב ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דער כנרת. כ׳האָב אומזיסט געזוכט ביי איר כאָטש אַ סימן פון דעם, וואָס זי איז ערשט נעכטן געוועזן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ ווינטן-טאַנץ, אַנגעזאָפּט מיט ווילדער נקמה. אָן וועמען האָט די כנרת געזוכט נקמה צו נעמען? פאַר וועלכע זינד?

כ׳האָב זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין. כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען צום ברעג פון דער אָזערע. כ׳האָב געוואָלט זען די כנרת פון דער נאָענט. די ממשלה פון טויט. ביים ברעג איז קיין לעבעדיקער נפש ניטאָ. דער געפּילדער פון די כוואַליעס האָט מיך שיער נישט טויב געמאַכט. אַ שפּריץ פון שטעכיקע, ברייענדיקע וואַסער-טראָפּנס האָט מיך באַגאָסן. כ׳בין אַהיימגעקומען, נאַס און ציטערנדיק. דער בעל-הבית האָט מיך אָנגעקוקט ווי פאַרדראָסיק: פאַרוואָס?...

ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט האָבן שוין די באַגילדעטע זון-שטראַלן זיך אַריינגעריסן אין מיין צימער דורך די לאָדן-שפּאַלטן. ס׳איז שוין געווען פרימאָרגן. דער בעל אכסניה איז מיר אַנטקעגנ-געקומען מיט אַ שמייכל און האָט מיך געפרעגט:

— ס׳איז זיך דיר עפּעס גוט געשלאָפן?

— שוין נאָכן שטורם?

— די כנרת איז שטיל געוואָרן נאָך תחילת נאַכט.

— גאָר קיין בייז ניט געשען?

— הס-ושלום! נאָר אַ פּאָר שיפלעך זיינען צעבראָכן געוואָרן.

די מענטשן האָבן זיך ניט צוגעאיילט זיי באַציימנס אַרויסצוראַ-טעווען.

כ׳האָב זיך געאיילט ווידער צו קומען צו דער כנרת.

זי איז געלעגן רואיק אויסגעשפּרייט איבער איר ברייטן געלעגער צווישן די ברעג. אירע קלאָרע, בלויע וואַסערן האָבן רואיק געגלעט דעם ברעג. איז דאָס דיזעלבע כנרת, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה פריער געוואָלט די גאַנצע וועלט איבערקערן?

אויפן ברעג, דאָרט וואו כ׳בין איירנעכטן געשטאַנען צום ערשטן מאָל, איז געזעסן אויף דער ערד אַן אַלטער אַראַבישער פישער און

האָט שטילשווייגנדיק געקוקט אויף די צעבראָכענע שטיקער פון זיין שיפל, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט. כ׳האָב אים דערקענט.

— איז דיין שיפל צעבראָכן געוואָרן?

ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק פון די צעבראָכענע שטיקער האָלץ, האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. ער האָט מיך דערקענט, האָט מיט כעס אָפּגעקערט זיין קאָפּ און האָט ווידער געווענדעט זיין שטומען בליק צו זיין צעבראָכענעם שיפל.

מיין געוויסן האָט מיך געפּלאָגט: האָט טאַקע מיין אומשולדיקע פראַגע דערצערנט די כנרת-אַזערע און איבער מיר איז דאָס צעבראָכן געוואָרן דעם אָרעמען מענטשנס שיפל?

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער כנרת. כ׳בין דאָן געבליבן אַ פּאָר טעג אין טבריה. גאַנצע טעג ביז שפּעט ביינאַכט פלעג איך זיצן אויפן שטיין הינטער דער שטאָט, האָב זיך צוגעקוקט צו דער כנרת און האָב זיך צוגעהערט צו איר רואיקן געבעט-פליסטערן. יעדן אינדערפרי פלעג איך ארויסגיין פון שטאָט, פלעג ארויפגיין אויפן באַרג און זיך איינקוקן אויפן וואַסער. כ׳האָב זי געזען אין צייט פון שטורם און ווען דער שטורם האָט נאָכגעלאָזט; ווען זי איז געווען לויטער און שטיל ווי דער טויט, און ווען זי איז געווען ווילד-צעהוליעט. כ׳האָב זי ליב געהאַט מיט איר שטורם און מיט איר רואיקייט. כ׳האָב זי ליב געהאַט, ווען זי האָט זיך געוואָרפן אין די קאָנוואולסיעס פון שטורם, האָט מיט ווילדער קראַפט אָנגעשלאָגן אָן די פעלזן, געשלאָגן און געפאַלן, צעמאָלן אויף קליינע פּיצלעך. כ׳האָב אויף איר רחמנות געהאַט, ווען זי איז געלעגן געבונדן צופוסנס פון די פעלזן, שטיל, באַרואיקט און אונטערטעניק. איך האָב געוואוסט, אַז אונטער דעם מאַנטל פון כלומרשטער רואיקייט בורעט זיך דער שטורם, וואָס איז דערווייל נאָך געקאָוועט אין קייטן. כ׳האָב זי ליב באַקומען און זיך ניט געקאָנט פון איר שיידן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַרומגעפאָרן אויף דער כנרת אין דעם שיפל פון אַ יונגן אַראַבער, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין רעדן. ס׳איז אונז אַנטקעגנגעקומען אַ שיף, אַ קליינע דאַמפשיף, וואָס האָט געשפּאָלטן די כנרת-כוואַליעס אויף דעם וועג פון דער סטאַנציע צמח צו דער שטאָט טבריה. הינטער איר איז איר נאָכגעגאַנגען נאָך אַ דאַמף-שיפל, אַ קלענערס.

— זעסטו, כאַוואַדזשאַ, אָט דעם „באַוואַביר"? — האָט מיך מיין מאַטראָס געפרעגט און האָט געוואָרפן אַ בליק פול מיט יראת-

הכבוד אויף די ריזיקע קוימענס, וואָס האָבן אַרויסגעהודיעט אַ שוואַרצן רויך. — אָך, האָט די כנרת מיט אים שפּאַס געטריבן!

ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיין יונג ברייט פּנים, איבער וועלכן ס'איז געווען צעשפּרייט אַ לייכטער פאַרגעניגן-שמייכל.

— ווי אַזוי גאָר?

זיין פּנים איז באַלד געוואָרן ערנסט.

— לכתחילה האָבן די פראַנצויזן דאָס געפירט. זיי האָבן דאָך די כנרת ניט געקענט. אַז זי פלעגט אין כעס ווערן, פלעגן מיר זיי זאָגן: מ'דאַרף צו איר תפילה טאָן... האָבן זיי געלאַכט: „אַז זי וועט גאָר שטאַרק אין כעס ווערן, וועלן מיר צוגעבן דאַמף.” האָבן זיי געגעבן נאָך דאַמף. האָט זי זיי אַריינגעשליידערט מיט זייערע שיפן, מיט זייער גאַנצן דאַמף, אין תהום אַריין. גאַנצע דריי האָט זי דערטרונקען! איינע איז אויף די פעלזן צעקלאַפּט געוואָרן אויף פּיצלעך, די צווייטע איז איינגעזונקען אין תהום אַריין, און אָט די, די דריטע, האָט מען פון וואַסער אַרויסגעצויגן.

— און יעצט?

— יעצט פירן זיי אונזערע, די גלויביקע. טוען זיי תפילה, האָט זי אויף זיי רחמנות.

„די רחמנותדיקע” האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון איר געלעגער און האָט זיך געמאַכט ניט הערנ-דיק, גלייך ווי אונזערע רייד זיינען איר גאָרניט נוגע.

כנרת (קינערעס) — טייך אין גליל התחתון, וואָס פאַלט אַריין אין ירדן. **דילי-זשאַנס** — Bus. **יראת הכבוד** — מורא וואָס מען פילט אויס גרויס רעספּעקט. **אָזערע** — Lake. **פאָרנעמע** — בכבודיקע. **ממלא זיין** (מעמאַלע) — אויס-פילן. **עבודה זרה** (אַוואוידע זאָרע) — געצנדינסט. **חצות** (כצאָס) **אָפּריכטן** — זאָגן תפילות אינמיטן נאַכט אויפן חורבן בית המקדש. **ממשלה** (מעמשאָלע)— הערשאַפט. **כלומרשטע** (קלאָמערשטע) — אויבנאויפיקע, געמאַכטע. **כאַוואַדזשאַ** — האַר (אַראַביש). **באַוואַביר** — דאַמף-שיף. **נוגע זיין** (נויגייע) — אָנגיין (Concern).

יעקב פלאָטקין

י. בן־צבי.

(זכרונות)

עס איז געווען אין אָונט אין אַ שול, אין איינער פון די דרום־שטעט, און די צייט — אַ העלדנצייט, די טעג פון רעוואָלוציע, פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ.

די שול איז פול מיט יונגע בחורים און מיידלעך. זעלטן וואו עס זעט זיך אַ איד מיט אַ באָרד. ביי דער טיר פון פּאָליש שטייט אַ פּאַטרול: צוויי הויך־געוואקסענע בחורים היטן דעם אריינגאַנג. אין זייערע בליקן שיינט אַן ערנסט און דער אויסדרוק פון דער וויכטיקייט פון זייער אויפגאַבע.

פון צייט צו צייט עפנט זיך אויף די טיר, און דער פּיקעט לאָזט אריין איינציקוויז נייע מענטשן. די אָנגעקומענע גייען שטיל: מען דאַרף זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק, ווייל די שטאָט איז אין קריגס־צו־שטאַנד, און די קאָזאַקן, וואָס רייטן אַרום איבער די גאַסן, דערפילן טריי זייער פליכט און גיבן אכטונג, די „אָרדנונג" זאָל ניט געשטערט ווערן.

אַ קליין לעמפּל פאַרשפּרייט אַ טונקעלן ליכט אינ'ם בית המדרש. עטלעכע יונגע לייט רינגלען אַרום שורות־וויז די בימה — דאָס זיינען די „צענדליקער" פון זעלבסטשוץ. דער איבעריקער עולם שטייט אַרום זיי און הערט זיך שטיל צו צו די רעדעס.

מיט אַ שטילן קול האָבן די רעדנער גערעדט וועגן דער סכנה, וועגן די מיטלען צו פאַרמיידן דעם אומגליק, וועגן זעלבסטשוץ. די פאַרזאַמלטע האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. צייטנווייז האָבן זיך דערטראָגן פון גאַס הילכיקע קלאַנגען פון קאָפּיטעס — דאָס זיינען דעם קיסרס רייטער, וואָס לויערן איבער די גאַסן — דאַן פלעגן זיך אויף אַ ווײַלע די רעדנער אָפּשטעלן; אַ זאָרג פלעגט זיך באַווייזן אויף אַלע געזיכטער, און אויפגעוואַכט האָבן זיך די חברים פון זעלבסטשוץ, ווי מענטשן, וואָס גרייטן זיך צו אַן אַטאַקע.

אַ שווערער וואָלקן האָט געשוועבט איבער אַלעמען.

פּלוצלונג — און אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צווישן די חברים פון זעלבסטשוץ און איז אַרויף אויף דער

בימה. פאַרוואונדערט זיינען געבליבן די יונגע, דערזעענדיק דעם גוט באַקאַנטן „בירגערלעכן ציוניסט", יעקב פלאַטקין!

די שטימע פונ׳ם רעדנער איז הייזעריק, זיין רוסיש — אַ פאַר־גרייזטער. אָבער דאָס פּנים זיינס — פלאַם, און די אויגן — פייער.

— איך בין שטענדיק געווען קעגן אונזער אָנטיילנעמען אין דער רוסישער רעוואָלוציע, — האָט ער אָנגעהויבן — אָבער איין זאַך האָב איך אין אייך שטענדיק רעספּעקטירט, מיינע יונגע חברים: אייערע מעשים זיינען ניט סותר אייערע רייד. האָב איך אייך דערפאַר מקנא געווען, און איך פלעג מיר תמיד טראַכטן: ווען וועט שוין קומען דער טאָג, ווען אויך איך וועל קענען ארויסווייזן מיין איבערגעבנהייט צו מיין פאָלק! און איצט, ווען מיר האַלטן דערביי — וועל איך בלייבן שטיין פון דערווייטן? ביי אַלץ, וואָס איז מיר הייליק, ביי מיין לעבן שווער איך — מיר וועלן אַלע ווי איינער שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד; מיר וועלן זיך ניט לאָזן פירן ווי שאָף צו דער שחיטה, און ווען דער טייוול וועט אָנפאַלן אויף אונזערע ברידער, וועלן מיר ניט שטיין פון דערווייטנס...

און דער רעדנער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט. אַ היי־ליקער ציטער האָט דורכגענומען דעם עולם. פאַרגעסן די גרויסע גע־פאַר, דעם קריגס-צושטאַנד, און פון אַלעמענס הערצער האָט זיך ארויסגעריסן:

— מיר שווערן! מיר שווערן!

* * *

צוויי יאָר זיינען פאַריבער.

אַ זומער אינדערפרי אין איינער פון די קאָלאָניעס אין יהודה. עס האָט אַ קלונג געטאָן דער גלאָק — די צייט פון פרישטיק איז געקומען. נעבן דער קאָלאָניע האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אַרבעטער, וואָס איילן זיך צו „כאַפּן אַ בים".

איך האָב געפרעגט, וואו וואוינט דאָ מיין פריינד. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם חדרל. די טיר איז געווען פאַרמאַכט, אָבער ניט פאַרשלאָסן. באַלד וועט ער קומען מיט זיינע צוויי זין עסן פריש־טיק.

איך בין אַריין: צוויי-דריי הילצערנע גאַזע-קעסטלעך. אויף דער פאָליצע אין אַ ווינקל שטייט אַ קליינע ספּירט-מאַשינקע, און נעבן איר פאַרשיידענע געשיר. אַ טיש, אַ פאָר בעטן פון האָלץ-קעסט־לעך, אַלץ ווי ביי די קאָלאָניע-אַרבעטער.

אין אַ מינוט אַרום זיינען זיי געקומען: ער און זיינע צוויי זין. ער איז זייער פאַרעלטערט געוואָרן; דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין

באוויזן גרויע האר; זיין פנים איז געווען מיד, אבער אַ באַזונדער יוגנט־גייסט שוועבט אויף אים. נאָך די באַגריסונגען האָבן מיר אָנגע־הויבן צו שמועסן.

— צי בין איך צופרידן? ווי קען דאָס גאָר אַנדערש זיין? יאָ, איך בין צופרידן, וואָס איך האָב פאַרווירקלעכט מיין פּראָגראַם: איך אַרבעט, איך און מיינע צוויי זין. איינעם האָב איך אַרויסגענומען פון אַ שלאָסעריי־שולע און דעם אַנדערן — פון „עקסטערנעריי". איצט האָב איך אַ שטענדיקן פּאָסטן אין וויין־קעלער אויף דער צייט פון „וואַנדאַזש". מיינע זין אַרבעטן אין באַיאַרעס. וואָס קלער איך צו טאָן? איך וויל גיין אין גליל — די אַרבעט ביי די פּלאַנטאַציעס באַפרידיקט מיך ניט... אַ קאָלאָניסט וויל איך זיין, אַ פּראָסטער פּויער, איך און מיינע זין. ניט אַזוי, בחורים? אינגיכן וועל איך אַריבער־ברענגען אַהער מיין ווייב און מיין טאָכטער מיט די איבעריקע קליינ־וואַרג. איך דאַרף נאָר ליקווידירן מיינע געשעפטן וואָס זיינען דאָרט געבליבן...

און ער האָט מיר אויסדערציילט זיינע האָפנונגען און חלומות...

* * *

אין אַ האַלב יאָר אַרום.

פאַרנאַכט, אַ טאָג פאַר פּסח, בין איך געקומען אין אַ פאַרם אין גליל.

מיין פריינד האָט געאַרבעט אין יענער פאַרם. זיין וואוינונג איז געווען נאָענט צום גרויסן הויף פונ'ם „חאַן". ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זיין דירה, איז מיר אַרוים אַנטקעגן זיין ווייב. שווער איז געווען זי צו דערקענען: זי איז אַראָפּ פון פּנים, אירע אויגן זיינען געווען רויטלעך. ביי די הענט האָט זי געפירט אַ קליין מיידעלע. די פרוי האָט נאָך גאָרנישט ניט אָנגעגרייט אויף יום־טוב, און די דירה...

איך האָב באַטראַכט דאָס צימער: קליין און ענג, ניט אַ קער צו טאָן זיך; אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע זיינען אין אַ מיש־מאַש צעוואָרפן פאַרשיידענע געפעס. איך בין, ווייזט אויס, געקומען אין רעכטן מיטן פון די הכנות צום יום־טוב. אַ יונג מיידל האָט אויפגערוימט דאָס הויז, געוואַשן די געפעס. זי האָט מיך דערקענט און זיך אַביסל פאַר־שעמט, וואָס איך האָב זי געטראָפן ביי דער אַרבעט. אַ סך צו רעדן איז געווען איבעריק. דאָס פּנים פון דער פרוי האָט שוין אַלץ דער־ציילט. אירע צוויי זין, וואָס זי האָט אויפגעכאָוועט — וואָס איז גע־וואָרן פון זיי! וויפל זי האָט עס געהאָרעוועט, וויפל צער איבערגע־לעבט צוליב זיי און וויפל האָפנונגען האָט זי געלייגט אויף זיי. קינ־דער געבענטשטע מיט טאַלאַנט זיינען זיי, באַזונדערס דער עלטערער...

איצט איז טונקל געוואָרן זיין פּנים און פאַרברענט... זי האָט געהאַפּט צו מאַכן פון זיי לייט, אויב ניט דאָקטוירים, זאָלן זיי לכל הפחות ענדיקן די גימנאַזיע. איצט, לויטן ווילן פון זייער פאָטער, זיינען זיי געוואָרן איינפאַכע פּויערים, און די טאָכטער! צי דען האָט זי פאַר־בראַכט יאָרן אין דער גימנאַזיע, כדי דאָ צו ווערן אַ פּויערטע? היינט ער אַליין: וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מענטש זאָל גאָר פלוצים ווערן אויף די עלטערע יאָרן אַ „פעלאַך"... דער מענטש רעכנט זיך ניט מיט זיין פאַמיליע, ער האָט אויף זיך אַליין קיין רחמנות ניט, — האָט זי ווייטער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — מסתמא האָט איר געהערט וועגן די וואונדן, וואָס ער האָט געקראָגן פון די אַראַבער אויפן וועג... ער איז נאָך איצט אויך ניט אינגאַנצן געזונט, כאָטש ער באַהאַלט דאָס אוים פון אַלעמען, אפילו פון מיר...

טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, שווער איז איר געווען איינצוהאַלטן אין זיך דעם געוויין...

ער איז אַריין. ער האָט זיך אַביסל פאַרענדערט פון דער צייט, וואָס איך האָב אים צום לעצטן מאָל געזען. זיין פּנים איז פאַרברענט געוואָרן פון דער זון, זיינע האָר זיינען גרויער געוואָרן. אַ פריציייטיקע עלטער איז געלעגן אויף אים. אָבער דאָס פייערל פון זיינע אויגן האָט זיך ניט אויסגעלאָשן. זיין בליק איז געבליבן לוסטיק און פריש.

— האָסט שוין געזען מיין פאַמיליע? ביי אונז איז נאָך אַ גרויסער מיש־מאַש, אַן אומאָרדנונג, און דאָ קומט אָן דער יום־טוב. מיר האָבן נאָך קיין שטענדיקע דירה ניט; מיט גרוים מי האָב איך דערווייל דעם קליינעם צימער געפונען. אַלע אַרבעטער וואוינען אין הויף, פינף־זעקס אין אַ צימער, און איך בין אויך מיט זיי די גאַנצע צייט געזעסן. איצט האָב איך צוליב דער פאַמיליע ווי עס איז גע־קראָגן דעם חדר, אָבער עסן וועלן מיר יום־טוב אינאיינעם, אין דער אַלגעמיינער קיך, דאָרט וועלן מיר אָפּריכטן דעם סדר, אַלע אינאיינעם.

פון זיינע רייד האָט זיך געטראָגן אַן אינערע פרייד, אַ בטחון, אָן אַ שאָטן פון יאוש און פאַרצווייפלונג.

— קום, מיין טאָכטער, און גים מיר אויף!

ער האָט אָפּגעוואַשן זיין פּנים און די הענט.

מיט אַ באַזונדערער פרייד האָט מיר מיין פריינד דערציילט, אַז זיינע האַפנונגען וועגן קאָלאָניזירן זיך זיינען שוין נאָענט צו דער פאַרווירקלעכונג, ער האָט שוין אפילו אַ וואָרט פון דער אַדמיניסטראַ־ציע, אַז אין גיכן וועט מען אים געבן אַ „קאָלאָניזאַציע", און מיט אומגעדולד וואַרט ער שוין אויף יענעם טאָג...

די פרוי און די טאָכטער האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד. די פרוי האָט זיך באַרואיקט אַביסל, אָבער דער אומצו־טרוי האָט זי נאָך אַלץ ניט פאַרלאָזן.

— ווייסטו, — האָט זיך פלוצלונג מיין פריינט מיט באַגייסטערונג געווענדעט צו מיר — היינטיקער טאָג איז געווען דער גליקלעכסטער אין מיין לעבן. שטעל זיך פאָר: איך האָב געאַקערט מיט אַ פּאָר אָקסן, איך און מיינע צוויי זין נעבן מיר... מיר האָבן געאַרבעט, זאָג איך דיר, ווי אמתע קאָלאָניסטן. פלוצלונג — און אָט די טאָכטער מיינע איז געקומען פון דערווייטן, און אין האַנט האַלט זי דעם פרישטיק פאַר אונז... מיר האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט, און אַזוי זיינען מיר געשטאַנען ביי די אָקסן מיטן אַקעראַייזן: דריי אידישע פעלאַכן מיט אַ פעלאַכקע...

ער האָט ליבלעך אַ גלעט געטאָן זיין טאָכטער איבערן קאָפּ און אין זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פונקען פון אמתער פרייד.

—דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן — פון אים האָב איך דאָך געטרוימט די אַלע יאָרן מיינע!

פּאָליש — קאָרידאָר. סותר זיין (סויסער) — ווידערשפּרעכן, אָפּליקענען. „עקסטערנעריי" — דאָס צוגרייטן זיך אויף אַ פּריוואַטן אופן אַריינצוטרעטן אין אַ רעגירונג שול. באַיאַרע — אָראַנזשען־גאָרטן, פּרדס. פעלאַך — פּויער. ליקווידירן — דערליידיקן, אַראַנזשירן. „חאַן" — גרויס אַראַביש איינפאָר הויז, וואוין־אָרט פון די אידישע קאָלאָניסטן, איידער זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע אייגענע וואוינונגען. הכנות (האַכאָנעס) — צוגרייטונגען. אויפגעכאוועט— דערצויגן. לכל הפּחות (לכאָל־האַפּאָכעס) — צום ווייניקסטן.

י״א אָדר תר״פ

י. דראָזשנער.

האַלב נאָך עלף אַזייגער אינדערפרי האָבן די אַראַבער זיך דער־נענטערט צו חמרה און האָבן זיך געגרייט צו אַטאַקירן דאָס פּלאַץ. מיר זיינען געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן די אַרבעט אין פעלד. פּונקט דאַן האָבן די לעצטע פראַנצויזן פאַרלאָזט חמרה און זיינען אַנטלאָפן קיין מטולה, און די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן אָנצוציען פון אַלע זייטן. אויך די אַראַבער פונ׳ם אומגעגנט, אפילו ניט קיין באַ־וואָפנטע, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין מטולה מיטן צוועק צו רא־בירן. מיר האָבן צעלאָזט אונזער וואַך און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע שעה פאַר אונז. אַ שווער־קייט האָט זיך געלייגט איבער אונזערע הערצער, און פילע צווישן אונז זיינען געווען שטאַרק צערודערט. ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַ־גע: אויב אַ פראַנצויזיש פאָלק, וואָס האָט געהאַט קאַנאָנען און מאַ־שין־ביקסן, האָט ניט געקענט באַשטיין קעגן די אַראַבער, ווי זשע וועלן מיר, אַ קליין הייפעלע מענטשן, וואָס מער ווי ביקסן פאַרמאָגן מיר ניט, זיך קענען שטעלן קעגן זיי? די פראַגע: „אפשר זאָלן מיר אויך אַנטלויפן קיין מטולה?״—האָט געשוועבט אין דער לופטן. נאָר קיינער האָט ניט געוואַגט זי שטעלן. אדרבה, אויף דער פאַרזאַמלונג וואָס איז אין דער גיך אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז אָנגענומען געוואָרן אַ פעסטער באַשלוס: אונטער אַלע אומשטענדן בלייבן אויפן אָרט! ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן ניט צו לאָזן די באַוואָפנטע אַראַבער צוצוקומען צום פּלאַץ, און ווען ס׳וועט קומען דער אַנטשיידנדער מאָ־מענט, זאָלן מיר זיך מוטיק פאַרטיידיקן, און אויב מיר וועלן מוזן פאַרלירן אונזערע לעבנס, זאָלן מיר נעמען פאַר זיי אַ וואָס העכערן פּרייז.

מ׳האָט אונז צו וויסן געטאָן, אַז אַראַבער באַפאַלן תל־חי. ניין פון אונזערע לייט, און טרומפּעלדאָר מיט אונז, האָבן זיך שנעל אַוועק־געלאָזט אַהין. ווען מיר זיינען צוגעקומען קיין תל־חי, האָבן מיר געטראָפן דאָס הויז אַרומגערינגלט פון בעדואינער. אייניקע רייטער זיינען אומגעפאָרן הין און צוריק און האָבן געשאָסן אין דער לופטן. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין הויז, האָבן מיר געטראָפן אַלעמען גרייט צום קאַמף: יעדער איינער איז געשטאַנען גרייט אויף זיין פּאָסטן. דאַן איז אָנגעקומען פון חלסה קאַמעל עפענדי באַגלייט פון זיין קאַזין און נאָך דריי אָפיצערן; זיי זיינען אַלע געווען באַוואפנט

מיט האַנט־גראַנאַטן און רעוואָלווערן. די „געסט" האָבן פאַרלאַנגט, מיר זאָלן זיי לאָזן אַריינקומען אין הויז אַריין זען, צי ס'געפינען זיך ניט דאָרטן קיין פראַנצויזן. אַזוי ווי מיר זיינען שוין געווען געוואוינט צו הערן פון זיי אַזעלכע פאָדערונגען, האָבן מיר זיי דערלויבט אַרומצוגיין איבער די צימערן און זיך אַרומקוקן. דערווייל האָט איינער פון די אָפיצערן זיך אָפגעטיילט פון דער קאָמפּאַניע און האָט געגעבן אַ סיגנאַל די מענטשן אַרום, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטן קיין תל־חי.

קאַמעל און זיינע באַגלייטער זיינען אַריינגעקומען אין הויז אַריין, זיינען דורכגעגאַנגען, אין דער באַגלייטונג פון טרומפּעלדאָרן, אַלע אונטער'שטע צימערן און זיינען אַרויף אויפן בוידעם. פּלוצלונג האָט דבורה אויסגעשריען: „טרומפּעלדאָר, זיי האָבן ביי מיר צוגענומען דעם רעוואָלווער!" טרומפּעלדאָר האָט געהייסן אויסשיסן אין דער לופטן און ער אַליין האָט זיך געאיילט צום טויער צו פאַרהאַלטן די אַנפאַלנדע אַראַבער. אויפן וועג צום טויער איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט דאָן באַפוילן צו שיסן אין ציל און האָט זיך אַליין ווידער געלאָזט צום טויער. ער איז באַלד ווידער פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט דאָך געפּרואווט גיין ווייטער אָבער איז אַוועקגעפאַלן פאַרוואונדעט אין בויך.

מיר האָבן אַריינגעבראַכט טרומפּעלדאָרן אין הויז אַריין. ער איז געלעגן רואיק. ער האָט פאַרלאַנגט פון דעם וואָס האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע, ער זאָל קומען צו אים יעדע וויל און אים לאָזן וויסן, וואָס ס'הערט זיך. יעדעס מאָל האָט ער איבערגעזאָגט די זעלבע ווערטער: „שטיין ביז דער לעצטער מינוט, אָפּהיטן דעם כבוד פונ'ם פאָלק!" ער האָט אפילו איין מאָל קיין זיפץ ניט געטאָן; ער האָט אפילו ניט געפרעגט וועגן געהרגעטע און פאַרוואונדעטע. ער האָט זיך נאָר נאָכגעפרעגט וועגן די חברים, וואָס שטייען ביי די פענצטער, צי זיי שטייען ריכטיק אָדער ניט. „גיב זיי איבער, זיי זאָלן שטיין און אָפּהיטן דעם כבוד פונ'ם פאָלק" — און מער גאָר ניט.

ס'איז געקומען דער דאָקטאָר און האָט באַפוילן איבערפירן טרומפּעלדאָרן קיין כפר־גלעדי, אפשר וועט מען אים נאָך קענען אָפּערירן. ווען מ'האָט אָנגעזאָגט טרומפּעלדאָרן, אַז מ'פאַרלאָזט תל־חי און זיך צו באַפעסטיקן אין כפר־גלעדי, האָט ער צוגעשטימט. און צום ערשטן און לעצטן מאָל האָבן מיר געהערט פון אים אַ מין זיפץ: „ס'מאַכט ניט, ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונזער לאַנד!" („אין דבר, טוב למות בעד ארצנו".)

דער יום־טוב פון די בוימער אין דגניה

י. מנוח.

ס'איז שוין געוואָרן אַזאַ מנהג די לעצטע יאָרן: די לערער פון די קאָלאָניעס פון גליל התחתון נעמען צונויף זייערע תלמידים חמשה־עשר בשבט און קומען מיט זיי קיין דגניה דאָרט פאַרפלאַנצן בוימער. פאַרוואָס דווקא קיין דגניה? ווייל דער באָדן אין דגניה איז פון נאַציאָנאַל פאָנד, געהער ער דעם גאַנצן פאָלק. נאָך פון גאַנץ פרי אָן הויבן די קינדער אָן זיך פאַרזאַמלען. אייניקע קומען צופוס, אייניקע — רייטנדיק אויף פערד, און אַנדערע פאָרן אין וועגענער. פון פאָרנט גייען קינדער קאַפּעליעס, וואָס שפּילן אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

אַכט הונדערט קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. אויף אַ גרויס פעלד, נאָענט ביים ברעג ירדן, זיינען צוגעגרייט געוואָרן פיר הונדערט קליינע בוימלעך צום איינפלאַנצן. לעבן יעדן בוימל שטייען צוויי קינדער. צוויי קינדער און אַ בוימל; צוויי קינדער און אַ בוימל. ס'איז אַ שיינער טאָג, איינער פון די פּראַכטפולסטע לויטערע טעג אין עמק הירדן. די קינדערס ווייסע קליידער און די שטראַלן פון דער ווינטערדיקער זון האַרמאָנירן זייער גוט און גיבן צו צו אַלץ און צו אַלעמען אַ יום־טובדיקן אויסזען. די דגניהער לייט זיינען שטאַרק באַשעפטיקט. זיי פלייסן זיך אויפצונעמען זייערע יונגע געסט מיט ברידערלעכער גאַסטפריינדלעכקייט. אַכט הונדערט קינדער שטייען לעבן פיר הונדערט בוימלעך און וואַרטן. ווען דער צייכן ווערט געגעבן, הויבן די קאַפּעליעס אָן שפּילן אַ ניגון. באַלד בויגן אַלע קינדער, ווי איינער, אַרונטער די קעפּלעך און שטעלן אַריין די בוימלעך אין די גריבלעך, וואָס זיינען פון פריער צוגעגרייט געוואָרן. אַלע זיינען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט. וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר בילד: אַ פעלד פאַרזייט מיט בוימער און קינדער.

מענטשן און בוימער, בוימער און קינדער — ביידע ווען שלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער ערד, וועלן אויפבליען און אויסוואַקסן. אַן אייביקער בונד איז דאָ צווישן די קינדער און דער ערד און די בוימער.

דער בוים וועט וואַקסן; דאָס קינד וועט וואַקסן.

יאָרן וועלן אַוועק. דאָס קינד וועט אויפוואַקסן און וועט ווערן אַ מאַן. וועט ער קומען באַזוכן דעם געגנט, וועט ער דערפילן אַ ספּעציעלע ליבשאַפט צום אָרט און צום בוים, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט מיט זיינע אייגענע הענט.

און צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך ווי איין קינד זאָגט דעם אַנדערן: „איבעראַיאָר, ווען איך וועל קומען אַהער, וועל איך באַלד צוגיין זען, צי מיין בוימל איז אויסגעוואַקסן...

משיח

יהואָש.

אוי, קינדערלעך ליבע,
ס׳וועט זיין אַזוי שיין,
משיח וועט קומען
אין גיכן צוגיין...

די אויגן אַזוי ווי
צוויי זונען ביי אים.
אַ הויכער, אַ ווייסער,
און זילבער די שטים...

„וואָס האָט איר מיר, קינדער,
צום אויפנאַם געגרייט?" —
„משיח געטרייער,
מיר האָבן געזייט...

מיט איין האַנט צום אַקער,
און איין האַנט צום שווערד,
די אויגן צום הימל,
די פים אויף דער ערד..."

„און ווער האָט אייך, קינדער,
די בשורה געבראַכט?" —
„משיח געטרייער,
מיר האָבן געוואַכט...

און שומרים געהאַלטן
אויף איטלעכן וועג:
משיח, משיח
וועט קומען די טעג..."

אַ רייזע קיין תימן

ש. יבנאלי.

א

דער צוועק פון דער רייזע איז געווען צו ברענגען אונזערע פאַרוואָגלטע ברידער אין די לענדער פון תימן אַ גרוס פון ארץ־ישראל, אַ גרוס פון אויפלעבונג, אַ גרוס פון לאַנד און אַרבעט.

פיר חדשים האָב איך פאַרבראַכט אין תימן. רייטנדיק אויף אַן אייזל, באַגלייט פון אַ פּאָר דאָרטיקע אידן, בין איך אומגעפאָרן פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט.

איבעראַל וואו איך בין געקומען אין אַ אידישן ישוב, פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען צו מיר און איך פלעג רעדן מיט זיי וועגן ארץ־ישראל, וועגן די נייע קאָלאָניעס, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן, וועגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ביים אידישן פאָלק. זיי פלעגן הערן מיינע ווערטער מיט אַ געפיל פון פרייד; אַמאָל פלעגן זיי זיך דערהויבן צו גאָר אַ הויכער מדרגה פון באַגייסטערונג. זיי פלעגן מיך פרעגן: וואָס מאַכט דער כותל מערבי? וואָס מאַכט דער מוטער רחלס קבר? וואָס מאַכט דער קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי? אַנשטאָט ענטפערן זיי אויף די פראַגן, פלעג איך זיי פרעגן: וואָס דאַרפט איר זיך נאָכפרעגן וועגן קברים און וועגן טויטע שטיינער? פרעגט זיך בעסער נאָך וועגן דער ציון, וואָס האַלט אין אויפלעבן, וועגן ציונס קינדער, וואָס קומען אַהין פון אַלע עקן וועלט דאָרט לעבן.

ב

צוויי טויזנט יאָר שוין וואוינט יענער טייל פון אונזער פאָלק אין יענעם ביטערן גלות, ווי זיי אַליין רופן עס. צענדליקער, צענדליקער דורות ציט זיך שוין דער גלות, אַן אייביקער גלות, אָן האָפנונג, אָן טרייסט. שלעכטע, גרויזאַמע מלכים און פירשטן, אומוואַנדערונגען אינ׳ם לאַנד גופא פון אָרט צו אָרט. קומט אָן אַ הונגער, ברענגט ער אום גאַנצע שטעט און דערפער. הונדערטער מענטשן קומען אום, הייזער ווערן חרוב, שולן ווערן וויסט. קומען פאָר קריגערייען צווישן די פירשטן פון לאַנד, איז דער רעזולטאַט — גזרות אויף דער אידישער באַפעלקערונג — אויסהרגענען, אַרויסשיקן — און אַמאָל אפילו אויסשמדן גאַנצע אידישע קהילות...

אַן ענדלאָזע פינצטערניש... פון צייט צו צייט קומען אויף, דאָ און דאָרט, פאַלשע משיחים. וועקן זיי אויף ביים פאָלק די האָפנונג. גיט זי אַ שיין אויף און — פאַרשווינדט. און דער שיינער חלום לאָזט זיך אָפּ אויס אויף אַ שרעקלעך טראַגישן אופן: געפּערלעכע פאַר־פאָלגונגען דורך די האַרן פון לאַנד.

נאָך אַ פּונקט טרייסט האָבן זיי געהאַט: „חכמים" פון ארץ־ישראל. ס'זאָגן עדות אויף דעם די ספרים, וואָס זיינען שוין מער ווי 300 יאָר אַלט, וואָס מ'געפינט דאָרט. דורך די לעצטע דורות פלעגן אַהין קומען אָפטע שליחים פון ארץ־ישראל. ספרדים אָדער אשכנזים, אָבער אַלע מיט איין צוועק: זיי קומען נעמען, פאַר פאַרשיידענע צוועקן. סיי־ווי זיינען זיי אַלע אָנגעלייגטע געסט: די תימנער האָבן שטאַרק ליב ציונס קינדער. אָבער קיינער פון די שליחים האָט ניט ארויסגעלאָזט דעם רוף צו די תימנער, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל, קיינער האָט ניט אָנגעזאָגט די בשורה פון אויסלייזונג.

די תימנער האָבן מיך געפרעגט, וואָס זיי האָבן וואַרשיינלעך געפרעגט אַלע שליחים פון ארץ־ישראל:

— ברענגסטו עפּעס אַ בשורה? איז די גאולה נאָענט? זיינען עפּעס פאַראַן סימנים?

ג

און אָט וואָס איך פלעג זיי ענטפערן: איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון קיין נביא; ניט קיין משיח בין איך און ניט דער בשורה ברענגער פון משיחס קומען. דאָך ברענג איך אייך אַ גוטע בשורה! איך ברענג אייך דעם גרוס פון דער נאָענטער גאולה, די אויסלייזונג פון די נשמות פון אונזער פאָלק, וואָס האָט דערוואַכט צו קומען קיין ארץ־ישראל און אויפלעבן דאָס לאַנד דורך שווערער מי און פראַצע און מיט גרויס געטריישאַפט. אונזער לאַנד לעבט אויף: יעדער שפּאַן ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט פון אידישע הענט, ווערט אויסגעלייזט! דאָס איז אונזער בעסטער סימן, אַז די גאולה איז שוין ניט ווייט. ס'איז איצט געקומען די צייט, אויך איר זאָלט דערוואַכן! אייערע בעסטע זין, די טייערסטע און פעאיקסטע, שיקט אין לאַנד אַריין, דאָס אויפצובויען.

דאָס אַלעס איז געווען זייער ניי און פול מיט סודות. דאָס האַרץ האָט זיך אַ ריר געטאָן און דער מוח האָט אָנגעהויבן קלערן! אַ סוף צום גלות תימן! אַ נייע צייט איז געקומען!...

ישוב — Settlement. מדרגה (מאַדרייגע) — גראַד (Degree). כותל־מערבי (קויסל מאַאַראָווי) — די מערב וואַנט פון בית המקדש, וועלכע איז געבליבן און ווערט שטאַרק פאַרהייליקט. חרוב (כאָרעוו) — וויסט. גזרות (גזיירעס) — שלעכטע געזעצן. פראַצע — שווערע אַרבעט.

אַברהמס ברינימער...

מ. ז. וואָלפּאָווסקי.

ברינימער זיינען געווען דאָ: די קוואַלן פון לעבן,
געקילט פון דער ווייט, ווי די ווינטלעך וואָס שוועבן;
די הערצער דערפרישט און די אויגן דערפרייט,
די ביימער געהויבן און פרוכט געמאַכט רייט.

ברינימער זיינען געווען דאָ: פאַר בהמות און מענטשן,
צו אויפלייכטן פנימער, לויבן און בענטשן.
אין דורשט — האָט דער פאַסטוך רחמנות געהאַט,
געגעבן די שעפעלעך טרינקען צו זאַט.

אַ ברכה פון גאָט איז דער פעלדיקער ברונעם,
די קוואַלן פון ברידערשאַפט — פלעגן דאָ קומען
די דורכגייער טרינקען, פון ווייט און פון ברייט —
— חיי, לעבעדיק וואַסער, אַ גליק און אַ פרייד.

אַ ברונים אין מדבר: פאַר וואַנדערער מידע,
דורך מדבר'שע היצן און זאַמדן צעגליטע —
געשטראָמט האָט מיט לעבן, געררוישט און געפּליעצט,
נאָר דאָס האָט די פּלשתים פאַרדראָסן, גערייצט.

„דאָס וואַסער פאַרשווינדט, וועט זיך אויסלאָזן באַלד" —
די פלשתים זיי האָבן געמאַכט אַ געוואַלט.
זיי האָבן די ברונימס אברהמס צעשטערט,
פאַרשאָטן די קוואַלן מיט שטיינער און ערד.

„אל יבנה הגליל"

ד. כנעני.

פון מויל צו אויער האָט זיך געטראָגן די בשורה: אין אַ וואָך אַרום וועט עס געשעען. ס'איז שוין אַ פעסט זיכערע זאַך, אַז די חולה גייט איבער אין אונזערע הענט. די חברים גייען אַרום אומרואיק. די עלטערע האַלטן אין איין קוקן צום ים סומכי, מיט פאַרפלאַמטע פנימער און מיט אויפגערודערטע הערצער. איז עס אמת? קומען טאַקע אָן די טעג, וואָס מיר האָבן אויף זיי אַרויסגעקוקט מער פון פופצן יאָר? איז עס אַ חלום אָדער אַווירקלעכקייט?

און אין אַ וואָך אַרום איז פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די חברים פון די צוויי ווירטשאַפטס־פונקטן כפר גלעדי און אילת השחר וועגן דער אַרבעט אין חולה. אינ'ם בלעכענעם צריף, וואו ס'האָבן פריער געוואוינט די אַראַבישע קאָנצעסיאָנערן פונ'ם פלאַץ, נאָענט לעבן דעם שיינעם טייכל אַנטקעגן די גולן בערג, האָבן זיך פאַרזאַמלט אייניקע חברים פון די וואָס וואוינען צו צפון און צו דרום פון דעם פאַרשאָלטענעם זומפּ און וואַרטן אויפן טאָג פון דער גאולה. פּלוצלונג האָט מען זיך דערמאָנט, אַז ס'איז די נאַכט פון חנוכה. האָט מען געשיקט נאָך דעם אַלטינקן פון דער נאָענטסטער קאָלאָניע, ר' ישראל אשכנזי פון יסוד המעלה, (ער איז איינער פון אירע ערשטע גרינדער און וואוינט דאָרט שוין אַריבער פופציק יאָר). נאָך דעם וואָס ער האָט געבענטשט חנוכה ליכט, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיינע זכרונות פון די ערשטע טעג פון זיין קומען אין יענעם געגנט. ער האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט געלייענט אין אַן אַלטן, גאָר אַלטן ספר, וואָס ס'וועט געשען מיט די זומפּן. דאָרט איז געשטאַנען געשריבן: „נאָכדעם וואָס אַן אַראַבישע גרופּע וועט דאָרט דורכפאַלן, וועט דער געגנט אַריבער צו אחינו בני ישראל און דאַן... וועט קומען משיח בן דוד." „דעריבער — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט — איז היינטיקע נאַכט אַ נייער נס חנוכה! וואויל איז מיר, וואָס כ'האָב דערלעבט משיחס צייטן."

חנוכה ליכטלעך האָבן געברענט אינ'ם צריף פון עלי־סלים בק, דער פריערדיקער קאָנצעסיאָנער; דעם זיבעציק יעריקן אַלטינקנס פנים האָט אויפגעלויכטן, און אַ יוגנטלעך ליכט האָט געשיינט אין זיינע אויגן. דרויסן איז געלעגן צעשפּרייט דער ים חולה, אַ שטילער

און רואיקער, און דער חרמון האָט אַראָפּגעקוקט פון דער ווייטן.

ווען די חברים זיינען צוריקגעקומען פון דער פאַרזאַמלונג, האָבן אַלע געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך און זיינען מקנא געווען די, וואָס האָבן געהאַט די זכיה דאָרט צו זיין. האַנט צו אַקסל — און מ'האָט זיך געלאָזט טאַנצן. ס'האָבן געטאַנצט ניט נאָר די יונגע פונ'ם קיבוץ תל חי, ס'האָבן אויך געטאַנצט די פונ'ם קיבוץ „מחר" פון די דייטשע „עולים"; צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען אַן ארץ־ישראלדיק געבירטיקע, אַ מיידל פון רחובות. די אַלטע לייט האָבן ניט געטאַנצט. איינער פון זיי איז געזעסן אין אַ ווינקל פון לייען־צימער. מ'האָט געקענט זען, אַז ער איז איינגעטאַנצן אויפגערודערט און אַז ער איז באַהערשט פון די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון וויזיעס וועגן דער צוקונפט: דער גאַנצער עמק חולה און דער „חת" טאָל — דער עמק, וואָס ציט זיך צווישן אילת השחר, יסוד המעלה און משמר הירדן — איינגאַנצן אויסגעטריקנט און איינגאַנצן באַזעצט. איבעראַל בליענדיקע פעלדער: גרינסן, גרינגראָז און דרייבלאַט! (מענטשן פון אילת! ווען עס איז אויך אייערע קי עסן דעם דרייבלאַט, פונקט ווי אַלע קי פון עמק? —) אָט דעם זומפּיקן באָדן, דעם נאָך ניט צעאַקערטן בראשית באָדן, וועלן מיר צעגראָבן און צעאַקערן מיט שווערע טראַקטאָרן. רוק זיך אָפּ, דו מדבר! מאַך פריי דעם וועג פאַר די כוחות פון דער יוגנט, וואָס נעמט איין און באַזיגט. אָט דער גאַנצער עמק וועט ווערן אַ גן עדן, אַזוי ווי עס איז פריער געוואָרן דער איצט באַרימטער עמק גינוסר... אילת השחר און כפר גלעדי און תל חי וועלן מער ניט זיין קיין איינזאַמע, פאַרוואָרפענע פונקטן. אל יבנה הגליל...

אל יבנה הגליל (איול ייוונע האַגאָליל) — „גאָט וועט אויפבויען דעם גליל", — אַן אַלט ארץ־ישראלדיק פאָלקס ליד. חולה — אַ גרויסע שטרעקע פון זומפּיק לאַנד אין גליל העליון, וואָס איז אין 1935 אָפּגעקויפט געוואָרן פון די אידן פאַר קאָלאָניזאַציע צוועקן. צריף — קליין שטיבל,ביידל. אַזערע — Lake. גאולה (געאולע) — אויסלייזונג. אחינו (אַכיינו) בני ישראל — אונזערע ברידער, די אידן. זכיה (זכיע) — געלעגנהייט, פּריווילעגיע. קיבוץ — קבוצה, גרופּע אַרבעטער אין ארץ ישראל, וועלכע לעבן אויפן סאָציאַליסטישן שטייגער. עולים — חלוצים.

אומגעזעצלעך אריינגעקומען

א. שמאלי.

(דערציילט פון אַ אינגל אַ יתום)

מאָנטיק נאָכמיטאָג האָבן הונדערטער חלוצים און חלוצות פאַר־לאָזט וואַרשע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. הונדערטער וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט פעק און טשעמאָדאַנעס, האָבן זיך געצויגן צו דער ווינער באַן־סטאַנציע. מיט געמאָסטענע טריט און מיט געזאַנג זיינען די „עולים" געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט. טויזנטער מענטשן האָבן באַגלייט די פּראָצעסיע, — עלטערן און קרובים, חלוצים פון דער הכשרה, „שומרים" און פילע, פילע קינדער. דאָ קענט איר גאָר־ניט ניט באַגרייפן מיט וויפל פרייד מע באַגלייט דאָרט יעדן מענטשן, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל, מיט וויפל קנאה און בענקשאַפט... די פּלאַטפאָרמע פאַר דער סטאַנציע איז געווען פול מיט באַגלייטער. מאַמעס האָבן געוויינט, חלוצים האָבן געטאַנצט און די פּוילישע סטאַנציע־באַאַמטע זיינען אומגעלאָפן צעטומלטע צווישן דעם המון, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי דער סטאַנציע.

צווישן דעם עולם איז געשטאַנען אַ בלינדער איד, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער ברוסט, מיט אַ פידל אונטער דעם קין, און ער האָט געשפּילט האַרציקע ניגונים, אָנגעזאַפּטע מיט צער און האָפנונג, טרויער און בענקשאַפט...

— טאַנצט, טאַנצט, חלוצימלעך! הויבט די פיס, חלוצימלעך! — האָט דער בלינדער קלעזמער אויסגעשריען אַלע וויילע, פירנדיק מיטן בויגן איבער די סטרונעס פון זיין פידל — פאָרט אַ איד קיין ארץ־ישראל מיט פאַרוויינטע אויגן...

צווישן דער מחנה חלוצים און חלוצות, וועלכע האָבן זיך גע־שטופּט מיט זייערע פילע פעק צו די וואַגאָנעס פון דער באַן, וואָס פירט פון וואַרשע דירעקט קיין טריעסט, האָב איך זיך אויך דורכ־געריסן. כ'האָב זיך דורכגעשטופּט צום עק וואַגאָן און האָב זיך באַ־האַלטן אין אַ פינצטערן ווינקל צווישן אַ גאַנצן באַרג מיט פעק און זעק.

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. די שלייפן האָבן געזעצט און דער אָטעם איז מיר געווען שווער. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט מען נאָך אַלץ געטאַנצט און די טענער פונ'ם פידל זיינען דערגאַנגען ביז צו

מיין באַהעלטעניש און האָבן מיר שווער געמאַכט דאָס האַרץ — אָן אַ באַקאַנטן, אָן אַ פּאַספּאָרט און אָן אַ גראָשן אין קעשענע, אפילו אָן אַ שטיקל ברויט.

— זיי געזונט, לאַנד פון דלות און פּיין! זיי געזונט, לעבן אָן תכלית און טעם!

די באַן רירט זיך און איך געפין זיך צווישן די פילע חלוצים און חלוצות, וואָס פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען איך בין אַפּירגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש צווישן דעם באַרג פּעק, האָבן מיך אַלע אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג. מיין יונגער עלטער האָט זיי איבערראַשט, נאָר זיי האָבן מיך אויפגענומען אין זייער געזעלשאַפט מיט וואַרעמער פריינטשאַפט, ווי ברידער און שוועסטער. מיט זייערע ליבע בליקן האָבן זיי מיך געשטאַרקט און מיר אונטערגעגעבן מוט. אייניקע מאָל האָב איך געהערט ווי זיי רעדן זיך דורך צווישן זיך: ווי אַזוי מיך אויסצובאַהאַלטן פון די אויגן פון די גרעניץ־היטער און פון די גרויזאַמע שפּיאָנען...

כ׳בין געווען זייער מיד פון גרויסער אויפרעגונג דורך דעם גאַנצן טאָג, בין איך אַוועקגעפאַלן אויף איינעם פון די פּעק אין מיין ווינקל און האָב איינגעדרימלט. פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ לייכטן ריר אויף מיין אַקסל, האָב איך אויפגעציטערט און בין אויפגעשטאַנען. איינגעבויגן איבער מיר איז געשטאַנען אַ בחור, אָנגעטאָן אין אַ לעדערן רעקל.

— שרעק זיך ניט... — האָט ער מיר געזאָגט שטילערהייט — שטיי אויף און גיי מיר נאָך. אין וואַגאָן איז געווען פינצטער; נאָר איין קליין לעמפּל האָט אים באַלויכטן. אויף די בענק און אויף די פּעק האָבן זיך געוואַלגערט שלאָפנדיקע מענטשן. וואו זיי זיינען אַוועקגעפאַלן, דאָרט זיינען זיי געלעגן צעלייגט, ווי פאַרשיכורטע. געקרויזטע און צעפּאַטלטע קעפּ האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די בענק, און די לאַנגע שאָטנס, וועלכע האָבן זיך באַוואויגן צום טאַקט פון׳ם צוג, האָבן נערוועז, ווי אָנגעשראָקענע, אומגעטאַנצט און אומגעשפּרונגען אויף זייערע פּנימער. כלערליי משונהדיקע קולות פון כראָפּעריי האָבן זיך געטראָגן איבערן חלל פון׳ם וואַגאָן.

איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער און אַ צעטראָגענער, כ׳האָב זיך געריבן די אויגן און ניט געוואוסט, וואו איך געפין זיך.

— מיר קומען איצט צו צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרעניץ, — האָט מיר דער בחור געזאָגט מיט צאַרטקייט און האָט געגלעט מיין אַקסל — דאַרפסטו זיך באַהאַלטן פון דרויסן פון וואַגאָן. גיי מיר נאָך...

אין וואַגאָן איז געווען היים. ווען איך בין נאָר אַרויסגעקומען אינ׳ם אָפענעם קאָרידאָר, האָט אויף מיר אַ הויך געטאָן אַ פּייכטע קעלט. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן. אין דרויסן איז געווען אַ געדיכטע, שוואַרצע און מוראַדיקע פינצטערניש.

— זעסט דעם לייטער ? — האָט מיך מיין באַגלייטער געפרעגט און האָט אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף אַ קאַלט און פּייכט שטיק אייזן — קריך אַרויף און גיי אַהין אַרויף. אויבן דאָרט אויפן דאַך איז דאָ אַ קליינע פּלאַטפאָרמע. לייג זיך דאָרט אַנידער און האַלט זיך זייער שטאַרק אָן אָן די ברעטער. זיי שטאַרק פאָרזיכטיק. דו טאָרסט ניט איינשלאָפן, דו טאָרסט אפילו קיין אויג ניט צומאַכן. ווען מיר וועלן נאָר אַריבערפאָרן די גרעניץ, וועל איך אַרויפקומען צו דיר און וועל דיך ווידער אַריינגעמען אין וואַגאָן אַריין...

דער צוג האָט שטאַרק געקלאַפּט, און דער בחור האָט צו מיר גערעדט זייער שטיל. נאָר פון די אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זיינען צו מיר דערגאַנגען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז זייער ערנסט.

דער צוג איז געפלויגן זייער שנעל. אַרום און אַרום איז שטאַק פינצטער, און דער דאַך איז משופּעדיק. נאָר איין קליינער שלעכטער ריר... אַ קאַלטער שוויים האָט מיך באַגאָסן ! נאָר כ׳האָב דען אַן אַנדערע ברירה ? אין וואַגאָן וועלן די סאָלדאַטן קוקן מיט זיבן פּאָר אויגן. מיט זייערע לאַנגע שפּיזן וועלן זיי שטעכן אונטער די בענק און צווישן די פּעק. הלוואי זאָלן זיי נאָר אויפן דאַך ניט אַרויפקומען...

— ווי הייסטו ? — האָט מיך געפרעגט דער בחור, ווען ער איז מיט מיר אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ פון לייטער.

— שמואל... — האָב איך אים שטיל געענטפערט.

— נאַ דיר דאָס טיכל, שמואל, און וויקל זיך דערמיט גוט אַרום דעם האַלז ! — האָט ער מיר געזאָגט און עפּעס דערלאַנגט — און איז באַלד פאַרשוואונדן צוריק אין וואַגאָן אַריין.

כ׳בין געבליבן איינער אַליין אויפן דאַך, אין דער גרויסער פינצטערניש פון אַרום. דער ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן און דאָס קליינע באַלקאָנדל איז געווען פּייכט און גליטשיק. מיט ביידע הענט האָב איך זיך איינגעקלאַמערט אין די קאַלטע ברעטער, און ווי אַ מענטש, וואָס געפינט זיך ביי אַן אָפּגרונט, האָב איך זיך איבערגעגעבן דער קאַלטער, גרויזאַמער נאַכט.

פון קליינערהייט אָן בין איך געווען אַ יתום און האָב פון קיין גוטן טאָג אין מיין לעבן ניט געוואוסט. איך בין אַלעמאָל געווען איינזאַם און פאַרלאָזט ; כ׳האָב קיינמאָל ניט אָפּגעגעסן צו זאַט און גאַנץ אָפט

איז מיר דאָס לעבן נמאס געוועז. נאָר ווי שטאַרק האָב איך געוואָלט דאָס מאָל, אַז אַלץ זאָל שנעל אַריבער און כ׳זאָל זיך שוין ווידער גע־פינען אינ׳ם ווארעמען צוג! מיט וואָס פאַר אַ כוח כ׳האָב אַרומגע־נומען די נאַסע ברעטער אונטער מיר! אַלעם האָט מיר אויסגעזען גאָר אַנדערש, זינט כ׳האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פונ׳ם וואַגאָן, וועלכער פירט קיין ארץ ישראל. פאַרבאָרגענע כוחות האָבן זיך דאַן דערוועקט אין מיר און האָבן אָנגעפילט מיין וועזן.

— לעבן! לעבן! לעבן! — האָב איך געהערט אין דעם רוישן פון די רעדער איבער די רעלסן, און דער ווינט האָט מיר אַריינגעפייפט אין די אויערן אַריין: דאָרט, דאָרט, דאָרט — אין ארץ ישראל!...

ביים ליכט פונ׳ם לאָקאָמאָטיוו האָב איך געקענט זען ווי אַלע וואַ־גאָנען באַוועגן זיך. אין דער פינצטערער נאַכט האָט מיר דער צוג אויסגעוויזן ווי אַן אורזאַלטע שלאַנג, וועלכע שפּייט אַרויס פון איר קאָפּ פייער און פאַרע. איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי מיך באַפאַלן יעדע פאָר מינוט. אָט בין איך באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רעגן פון פייער פונקען און אָט — מיט אַ שטראָם קאַלט וואַסער. כ׳האָב געהאַט קאַלטס און ווארעמס...

כ׳האָב זיך איינגעקלאַמערט אין די ברעטער און האָב מיט שרעק געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין. אויפן הימל האָבן אומגעשוועבט וואָלקנס. פון ביידע זייטן וועג האָב איך געזען גרויסע, שוואַרצע גרו־דעס, וועלכע זיינען אונז נאָכגעלאָפן אַן אויפהער. — מיר זיינען געפאָרן צווישן בערג. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוויזן אייניקע ליכט־לעך. צייטנווייז איז דאָס קלאַפּן פון די רעדער געוועזן שטאַרקער און העכער: די באַן איז אַריבערגעפאָרן איבער אַן אייזערנער בריק...

— ווען נעמט שוין אַן ענד צו דער נאַכט? ווען וועל איך שוין באַ־פרייט ווערן פון מיין געפאַנגענשאַפט אויף דער פרייער לופט? ס׳האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און אַלע מיינע אברים האָבן געציטערט. מיינע הענט זיינען שווער געוואָרן ווי אייזערנע צוואַנגען, און דער קאָפּ איז מיר געוועזן שווער...

פלוצלונג האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פייף, וואָס האָט דורכגעשניטן די פינצטערניש ווי מיט אַ ריזן־בייטש. אַ שוידער האָט מיך אַרומגענומען און פון מויל האָט זיך מיר אַרויס־געריסן אַ פחדימדיק געשריי. כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָב מיט מיין בליק דורכגענומען די פינצטערניש. פון ווייטן האָבן גע־וואונקען ליכטלעך. דער לאָקאָמאָטיוו איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ שטאַרקער צוויטשעריי און מיט אַ געפערלעכן רויש. די באַן האָט דורכגעשניטן אַ געדיכטן וואַלד, איז שנעל פאַרבייגעפלויגן דורך אַ

שטיקנדיקן טונעל. צולעצט האָט זי זיך געטאָן אַ שטאַרקן וואָרף אויף צוריק און האָט זיך אָפּגעשטעלט...

אַ שטאַרקער לאַמטערן ליכט האָט פּלוצלונג באַלויכטן אַלע וואַ־גאָנען און האָט פאַרפלייצט אויך דעם דאַך. מיר זיינען צוגעקומען צו דער גרעניץ־סטאַנציע.

— פּאַסס־פּאַרטטן!

— פּאַסס־פּאַרטטן! — האָבן אויסגעדונערט פאַרשלאָפענע סאָל־דאַטן — פּאַסס־פּאַרטטן! ס'האָבן זיך צו מיר דערטראָגן פון אַלע וואַגאָנען קלינגערייען פון סאָלדאַטן־שפּאָרן און קלאַפּערייען פון ביקס־הענטלעך. כ'האָב זיך אויסגעצויגן אויף דער קליינער פלאַטפאָרמע, כ'האָב איינגעהאַלטן מיין אָטעם און בין געלעגן און זיך קיין ריר ניט געטאָן.

גאַנץ פרי האָט מען מיך אריינגעבראַכט אין דעם וואַרעמען וואַ־גאָן אַ פאַרגליווערטן פון קעלט און ציטערנדיק ווי אין אַ פיבער. דער וואוילער בחור (ער הייסט עזריה און ער איז אַ חבר אין איינעם פון די קיבוצים אין די קאָלאָניעס) האָט מיר געגעבן וואַרעמע טיי און האָט מיך איינגעוויקלט אין וואַרעמע קאָלדרעס. כ'בין געווען זייער מיד, בין איך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

ערשט אויף דער גרעניץ צווישן עסטרייך און איטאַליען בין איך אריינגעפאַלן דער פּאָליציי אין די הענט אריין. די באַן איז אָהין אָנ־געקומען בייטאָג, האָב איך זיך ניט געקענט באַהאַלטן אויפן דאַך פון וואַגאָן. צענדליקער הויכע, באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען האָבן אַרומגע־רינגלט די באַן, ווען זי איז נאָר שטיין געבליבן אויף איטאַליענישער ערד. זייערע דרייעקיקע היטלען, זייערע שוואַרצע פעלערינעס און זייערע שפּיציקע ביקסן האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אויך עזריה איז געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט, ווען ער האָט זיי נאָר דערזען. אַ בלאַסער האָט ער אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרוים אויף די פענגער, וועלכע האָבן אונז אַרומגערינגלט, האָט אַ פייף געטאָן אוים פאַר־צווייפלונג און האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— דערלאַנגט מיר די פּאַספּאַרטן! — האָט ער פּלוצלונג אַ שריי אוים געטאָן מיט אַ שטרענגן קול — באַלד הויבט זיך אָן די אונטער־זוכונג!

ער האָט גלייך אַ וואונק געטאָן צו אַ פּאָר בחורים און זיי האָבן שנעל צונויפגענומען די פּאַספּאַרטן פון אַלע פּאַסאַזשירן אין אונזער וואַגאָן און זיי אים דערלאַנגט. — ער האָט זיך געטראַכט: ער וועט דערלאַנגען דעם גרעניץ־באַאַמטן אַ גרויסן פּאַק, וועל איך ווי ס'ניט איז — צווישן די צענדליקער פּאַספּאַרטן — זיך ווידער דורכשטופּן

און וועל בשלום אָנקומען צום ברעג פון׳ם מיטללענדישן ים, דער ים, וואָס פון זיין צווייטן ברעג באַהאַלט זיך ארץ ישראל...

נאָר דער גרעניץ-באַאַמטער, וועלכער איז אריינגעקומען אין וואַגאָן באַגלייט פון דריי סאָלדאַטן, האָט מיט שפּאָט זיך צעלאַכט, ווען עזריה האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַק פּאַספּאָרטן און האָט מיט גרויס כעס אים באַפוילן, ער זאָל זיי גלייך פאַנאַנדערטיילן צווישן די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן, יעדן איינעם זיין פּאַספּאָרט...

כ׳האָב שיער ניט אויפגעהערט אָטעמען. מיט אַ ציטערנדיק האַרץ האָב איך זיך איינגעקוקט אויף די איבערגעשראָקענע בחורים, וועלכע זיינען אומגעגאַנגען און האָבן, מיט ציטערנדיקע הענט, פאַנאַנדערגעטיילט די פּאַספּאָרטן.

— לייגט אים אַרונטער אונטער אַ באַנק און דעקט אים איבער מיט פּעק! — האָט עזריה אויסגעשריען אויף העברעאיש, און זיין קול האָט דערגרייכט ביז צום צווייטן עק וואַגאָן, וואו איך בין געשטאַנען אַ דערציטערטער און אַ דערשראָקענער. נאָר גאָר אין אַ קורצער וויַיל האָבן דיזעלבע הענט, וועלכע האָבן מיך פריער באַהאַלטן אינ׳ם פינצטערן ווינקל, צווישן די טשעמאָדאַנעס און פּעק, מיך פון דאָרט אין איילעניש אַפּירגעשלעפּט: די סאָלדאַטן האָבן געשטופּט זייערע לאַנגע שפּיזן צווישן די פּעק און האָבן גענישטערט און געזוכט... דאַן האָט מען אָנגענומען דעם סאַמע לעצטן מיטל: איינער פון די בחורים האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסן טשייניק און האָט מיך אַרויסגעלאָזט דורכן פענצטער, לעבן וועלכן כ׳בין געשטאַנען, כ׳זאָל גיין אָננעמען דעם טשייניק מיט וואַסער און זאָל אריינקומען אינ׳ם וואַגאָן דורך דער צווייטער זייט, וואו מען האָט שוין געהאַט דורכגעקוקט די פּאַספּאָרטן... אָבער ווי כ׳האָב נאָר אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען ביים וואַגאָן, האָט מיך בייז באַטראַכט און מיך גלייך צוריקגעבראַכט צום גרעניץ-באַאַמטן אינ׳ם וואַגאָן...

— פּאַספּאָרט! — האָט זיך דער באַאַמטער אויף מיר צעשריען.

— וואו איז זיין פּאַספּאָרט?!...

אין וואַגאָן איז געוואָרן טויט-שטיל. אַ סך פּאָר אויגן האָבן אויף מיר מיט רחמנות געקוקט.

עזריה האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן; ער האָט גערעדט מיט אַ רחמנות קול, ער האָט געפּרוּווט ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון׳ם באַאַמטן. אָבער, אומזיסט. יענער האָט געגעבן אַ באַפעל צו אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט מיך אָנגענומען און אַראָפּגעשטעלט אויף דער פּרעמדער פּלאַטפאָרמע...

כ׳האָב זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און כ׳האָב אויסגע־בראָכן אין אַ ביטער געוויין. איך בין געווען אינגאַנצן צעבראָכן. איז טאַקע מיין גאַנצע האָפנונג אַוועק מיטן רויך? וועט מען מיך איצט צוריקשיקן צום אָרעמען און ביטערן לעבן אין פּוילן און קיין ארץ־ישראל וועל איך שוין ניט קומען? מיט בענקענדיקע בליקן האָב איך געקוקט אויף דער באַן, וועלכע דערווייטערט זיך פון מיר און טראָגט זיך אויפן וועג צום געגאַרטן לאַנד. מיין האַרץ איז אין מיר שיער ניט אָפּגעשטאָרבן. פּלוצלונג האָב איך אַ שפּרונג געטאָן און בין נאָכ־געלאָפן די וואַגאָנען, וואָס דערווייטערן זיך אַלץ מער און מער. נאָר אַ סך פּאָר הענט האָבן מיך אָנגעכאַפּט און פאַרהאַלטן. ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן; פון׳ם וואַגאָן, אין וועלכן כ׳בין געפאָרן, האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ יאָמערלעך געוויין...

פאַרנאַכט האָט מען מיך אַ געבונדענעם אריינגעזעצט אין אַ פראַכט־באַן, וואָס איז אויך געפאָרן קיין טריעסט. מען האָט מיך אַהין געבראַכט אַ געפאַנגענעם, אונטער דער וואַך פון אַ באַוואָפנטן היטער. מיין ציל איז דאָך גאָר געווען צו פאָרן קיין ארץ ישראל, ניט חלילה בלייבן אין איטאַליען; איך בין איטאַליען נאָר פאַרביי־געפלויגן ווי אַ פלי־פויגל, אויפן וועג צו מיין אייגענעם לאַנד. נאָך דריי טעג פאַרשפּאַרט זיין אין אַ שמוציקן פלאַץ, בין איך געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט.

מיין יונגער עלטער, מיין מאָדנע קליידונג, מיין בלאַסער פּנים — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן, וועל־כע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין געריכט פאַר ענינים פון געזעץ. אַלע האָבן אויף מיר געקוקט מיט אַ נייגעריקן שמייכל, האָבן אויף מיר געוויזן מיט די פינגער און האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו סודן.

אַ צעטומלטער און אַ פאַרצווייפלטער בין איך געשטאַנען. צי וועלן זיי פאַרשטיין, וואָס ס׳טוט זיך אין מיין האַרץ אין איצטיקן מאָמענט? צי וועט דער ריכטער פאַרשטיין, אַז אויב ער צווינגט מיך זיך צוריקקערן קיין פּוילן, פון וואַנען איך בין אַנטלאָפן, גיט ער אויף מיר אַרויס אַ טויט־אורטייל?

פּלוצלונג האָט זיך פון די פאַרזאַמלטע אַרויסגערוקט אַ יונגער בחור, איז צוגעגאַנגען צום פּאָליציאַנט לעבן מיר און האָט צו אים גערעדט אויף איטאַליעניש. דער פּאָליציאַנט האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל; ביידע האָבן מיך באַטראַכט און האָבן גערעדט גאַנץ הויך.

מיין אָטעם איז פאַרהאַלטן געוואָרן. טרערן פון פרייד האָבן זיך אָנגעקליבן אין די ווינקלען פון מיינע אויגן און האָבן געהאַלטן ביים

אויספלאַצן. צי וועגן מיר רעדט עם דער מענטש מיטן פּאָליציאַנט? איז ער אַ איד? צי האָט עזריה צו וויסן געטאָן דעם „ארץ ישראל קאָמיטעט” אין טריעסט, אַז איך בין פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער גרעניץ, און דער בחור איז עם געשיקט געוואָרן צו פאַרטיידיקן מיך?

— ס׳וועט זיין גוט, בחורל! — האָט דער פרעמדער גערעדט צו מיר אויף אידיש — וויין ניט.

— ביסטו אַ איד?! — האָב איך געפרעגט, אַן איבערראַשטער.

— יאָ, געוויס, — האָט דער בחור געענטפערט מיט אַ דערמו־טיקנדן שמייכל — פאַרליר ניט דיין מוט...

כ׳האָב פריי אָפּגעאָטעמט. ווי אַ שטומער בין איך געזעסן דורך די טעג פון מיין געפאַנגענשאַפט. כ׳האָב קיין מויל ניט אויפגעמאַכט. דערפאַר וועל איך זיך שוין איצט אַראָפּרעדן פון הארצן פאַר דעם צער און די ליידן, וואָס זיי האָבן מיר פאַרשאַפט אין תפיסה...

— ווי אַלט ביסטו? — האָט מיך דער ריכטער געפרעגט דורך דעם בחור, דעם דאָלמעטשער.

— צוועלף יאָר, — האָב איך געענטפערט קורץ.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון פוילן.

— וואו איז דיין טאַטע?

— געשטאָרבן.

— און דיין מאַמע?

— געשטאָרבן...

— צו וואָס ביסטו געקומען קיין איטאַליען — זיין אַ הפקר מענטש? — האָט דער ריכטער געפרעגט מיט שפּאָט.

דער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל, האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— מיין האר! איך בין ניט געקומען קיין איטאַליען; איך בין דאָ נאָר פאַרבייגעפאָרן — האָב איך געענטפערט מיט אַ טראָציק קול. — מען האָט מיך פאַרהאַלטן אויפן וועג צו מיין אייגן לאַנד — און כ׳האָב געוויזן מיט מיין פינגער צו מזרח זייט.

דער ריכטער האָט מיך דורכגענומען מיט זיין שאַרפן בליק.

— האָסטו אַ פּאַספּאָרט און געלט? — האָט ער געפרעגט מיט כעס.

— כ׳האָב ניט! — האָב איך אויך געענטפערט מיט כעס — נאָר איך וועל זיכער קומען קיין ארץ־ישראל; קיין כוח אויף דער ערד קען מיך ניט צוריקהאַלטן. פאַרוואָס האָט מען מיך געבראַכט פאַר אייך, מיין האר ריכטער? — האָב איך געפרעגט מיט ביטער־

קיט — האָב איך דען עפּעס געגנבעט? האָב איך דען ביי אייך גע־בעטן עסן? פאַרוואָס פאַרהאַלט איר מיך? איך וויל זיך אויפזעצן אויף דער שיף, וואָס פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל, ווייל איך וויל דאָ ניט בלייבן; איך וויל ניט איטאַליען...

אַ ציטער איז דורך דעם עולם.

— ס'איז אָבער דאָ אָרדנונג; ס'איז פאַראַן געזעץ; — האָט דער ריכטער געזאָגט, שוין מיט אַ ווייכערן קול — ס'איז פאַראַן פּאָליציי, מיין אָרעם אינגל.

— אַלע געזעצן זיינען קעגן מיר! — האָב איך אויסגעשריען מיט אַ געוויין — ס'איז גאָרניטאָ קיין רחמנות. אָבער איך וויל לעבן, הער ריכטער! — כ'האָב אָנגעהויבן רעדן העכער — לעבן און העלפן צוגרייטן אַ היים־לאַנד פאַר טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס ווערן פאַרטריבן פון אַלע לענדער אויף דער גאַנצער וועלט!...

דער ריכטער האָט געשוויגן. דער עולם האָט געקוקט מיט נייגעריקייט, אַמאָל אויף מיר, אַמאָל אויף אים... (לאַנג האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן, און מיין נשמה האָט זיך דערוויל געצאַפּלט צווישן האָפענונג און פאַרצווייפלונג...)

— קענסט פאַרזעצן דיין וועג... — האָט ער ענדלעך אַרויסגע־זאָגט — אויב נאָר מ'וועט פאַר דיר גאַראַנטירן, אַז דו וועסט בלייבן אין איטאַליען ניט מער פון דריי טעג...

— איך וועל פאַר אים גאַראַנטירן... — האָט געענטפערט דער בחור, מיין פאַרטיידיקער — און דער עולם האָט זיך פריינטלעך פאַ־נאַנדערגעלאַכט.

דעם צווייטן טאָג האָב איך זיך אַרויפגעגנבעט אויף דער שיף, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ ישראל.

חלוצים — פּיאָנערן; אַרבעטער וועלכע פאָרן קיין ארץ ישראל און העלפן אויפ־בויען דאָס לאַנד. טשעמאָדאַן — Valise. הכשרה (האַכשאַראַ) — פּלאַץ, געוויינלעך־פאַרם, וואו חלוצים גרייטן זיך צו זייער ניי לעבן אין ארץ ישראל. תּכלית (טאַכלעס) — צוועק, ציל, צוקונפט. משופּעדיק — Sloping, inclined. נמאס (נימעס) — ניט ליב, דערעסן. פּחדימדיק (פּכאָדעמדיק) — שרעקלעך. פראַכט־באַן — Freight-train. ענינים (איניאָנים) — פראַגן, זאַכן. פּאָלק — Regiment.

דער ערשטער וואָגן היי

ש. אַש.

(„דער ערשטער וואָגן היי" איז דאָס לעצטע קאַפּיטל פון שלום אַשס גייסטן ראָמאַן „דאָס געזאַנג פון טאָל", וואָס איז געגאַנגען אין „פאָרווערטס", אין ווינטער פון 1937.

דער זינגענדיקער טאָל איז דער היסטאָרישער עמק-יזרעאל, וואָס די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע חברים און חברות האָבן פון-דאָס-ניי באַרימט געמאַכט, פאַרוואַנדלענדיק, מיט זייער שווערער האָרעוואַניע, דעם פאַרוויסטן, פאַרזומפּטן שטח, אין אַן אָרט פון אידיש לעבן און געבענטשטער אַרבעט.

די טרויעריק-גליקלעכע געשעענישן פון ראָמאַן שפּילן זיך אָפּ אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט, מיט די ערשטע טריט, וואָס די חלוצים שטעלן אין פאַרוואָרלאָזטן טאָל. דאָס איצטיקע קאַפּיטל איז אַ מין סך הכל פון גאַנצן ראָמאַן: אַלע „לויזע פעדים" ווערן אין אים פאַרקניפּט אויף אייביק. דער לייט-מאָטיוו פון האָפענונג און גליק נאָך פּיין און פּראַצע — קלינגט אַרויס פון חבר בירקעסעס ווערטער:

„אַלץ וועט דאָ וואַקסן, איר וועט זען".

חברטע אָדער חברה שרה, די הויפּט העלדין פון איצטיקן קאַפּיטל, איז אפשר טאַקע אויך די הויפּט העלדין פון גאַנצן ראָמאַן. זי איז דער הויפּט זייל פון גאַנצן בנין. ניט נאָר פירט זי אָן מיט דער קיך, וואָס שפּייזט אַלעמען, נאָר מיט איר פעסטן אויסדויער, מיט איר ניט פאַרלירן זיך אפילו אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, איז אַ ביישפּיל פון מוט און דרייסטקייט פאַר דער גאַנצער קבוצה.

אַ העלד איז אויך יוסף יודקעוויטש. ער קרייצט דער ערשטער אַריבער דעם גאַנצן „עמק", פון ברעג צו ברעג. ער האָט דערהרגעט דעם שרעקלעכן ווילדן חזיר, וואָס האָט זיך געהאַט איינגענעסטעט אין זומפּיקן טאָל. דערנאָך ווערט ער קראַנק אויף מאַלאַריאַ און, שטאַרבנדיק, גיט ער דעם „עמק" זיין ערשטן קבר.

שלום אַש האָט זיין טיף-רירנדיקן ראָמאַן געבויט אויפן גרונט דערפון וואָס ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אויף זיינע רייזעס אין ארץ-ישראל, אָבער דער עיקר פון דעם, וואָס די חברים און חברות-פּיאָנערן, פון עין חרוד און אַנדערע „קבוצות" און „מושבים" אין עמק יזרעאל, האָבן אים דערציילט.)

יואל ענטין

חבר בן־טוב, כאָטש ער איז אַהער געשיקט געוואָרן, ער זאָל אכטונג געבן אויף דעם העברעאיש רעדן, איז פונדעסטוועגן מיט זיין גאַנצער אויסגעדאַרטער לערנערישקייט נישט געווען קיין ערגערער אַרבעטער ווי די אַנדערע: ער איז געקראָכן אין די זומפּן, אין די ווינטער־רעגנס, האָט געהויבן די בלאָטע, און עס האָט אים גאָרנישט געאַרט. איצט איז די צייט געקומען

אויך אויף אים. ווי ער שטייט אזוי מיט זיין בית־מדרש־בחורישער פיגור אין דער גרוב, וואָס ער גראָבט אוים פאַר חבר נירקעסעם ווייגגאַרטן, פילט ער, אַז ארויסגיין פון גרוב וועט ער שוין נישט. א ווייטאָג, וואָס האָט זיך נאָך פאַר א פּאָר וואָכן אריינגעכאַפּט צו אים אין זיינע פיס־קנעכל און נאָגט אים אוים דאָס חיות ווי א טעמפּער ציין־ווייטיק, האָט אים איצט איינגאַנצן די קנעכלען איבערגעשניטן. היינט אינדערפרי נאָך, ווען ער איז געגאַנגען אין פעלד אריין, זיינען זיינע פיס געקראָכן אין דער דורכגעווייקטער בלאָטי־קער ערד ביז צו די קנעכלען, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פייכטע ראָסע, וואָס איז געלעגן איבער די גרעזער אויף דער ערד, האָט זיך דורך זיינע שטיוול אין פליש אריינגעזויגן, אין זיינע קנאָכנס. דער ווייטיק האָט אָנגעצויגן שטאַרקער און איז געשפּרונגען פון איין גליד צום אנדערן, אָבער ער האָט זיך וויניק־וואָס געמאַכט דערפון; ער האָט געמיינט, אַז עס וועט איי־בערגיין. געפיבערט האָבן פיל; צו ביסלעך רעוומאַטיזם האָבן אַלע חברים געהאַט, און דאָך האָט מען ווייטער געאַרבעט און מען האָט נישט געדעדט דערפון. אָבער איצט איז עס אוים! ער קאָן פשוט נישט מער אויסגלייכן דעם רוקן און אויפהייבן זיך פון פּיאַש, אויף וועלכן ער שטייט אָנגעלענט. די פיס זיינען מער נישטאָ, — צוויי ווייטיקדיקע קלעצער, ווי צוויי שלעכטע, אומזיכערע באַק־ציין, אויף וועלכע מען האָט מורא צו בייסן. ער האָט גערופן א חבר, וועלכער האָט געאַרבעט נעבן אים.

— ברוך, קום נאָר אהער! גיב מיר א האַנט, איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיינע פיס.

דאָס איז געווען דער אכטער שווערער פאַל פון רעוומאַטיזם. אין דעם שפּיטאָל־באַראַק זיינען געלעגן צוועלף חברים; דורך א ליילעך אָפּגעטיילט — זיבן חברטעם: אויף קדחת, רעוומאַטיזם און שווערע צוגעקילטקייט; א חוץ פינף־זעקס, וואָס זיינען שוין געקומען צו זיך, אָבער צו דער אַרבעט האָט מען זיי נאָך נישט צוגעלאָזט. פאַר חבר בן־טוב איז שוין קיין בעט מער נישט געווען אין שפּיטאָל־באַראַק. מען האָט זיך געמוזט צוריק אָנהויבן באַנוצן מיט די קאַלך־גריבער, איבער וועלכע מען האָט א געצעלט איבערגע־צויגן, פאַר די קראַנקע, אזוי ווי פריער, איידער מען האָט אויפגעשטעלט דעם שפּיטאָל־באַראַק.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז די זון אויפגעגאַנגען ברייט און געוואַ־רעמט די פייכטע ערד. מיט־אַמאָל איז די גאַנצע וועלט פאַרענדערט גע־וואָרן, ווי עס וואָלט פון איר א גרויסער יאָך אראָפּגעפאַלן. ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער פרילינג־טאָג און, ווי תמיד אין ארץ ישראל, באַלד איינגע־זעצט מיט וואַרימקייט. חברטע שרה איז אין דעם טאָג געווען פאַרנומען מער ווי אַן אַנדערש מאָל און האָט נישט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן די זון. דאָך נאָכמיטאָג, ווען זי האָט זיך אביסל באַפרייט פון דער אַרבעט

און איז אריבערגעלאָפן פון קיך אין דעם שפיטאָל־באַראַק, האָט זי באַמערקט, ווי עפּעס רויטלעכעס שיינט איר אַרויס צווישן די גרעזער פון די פעלדער אַראָפּ. „אוי, טאַטע, די ערשטע בלימלעך באַווייזן זיך דאָך שוין!" — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד פאַר זיך. זי האָט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן איר יצר־הרע פון פּאָרשן בלומען און איז געגאַנגען באַטראַכטן, וואָס פאַרא בלומען זענען עס די, וואָס באַווייזן זיך פון די פייכטע פעלדער אַראָפּ. און זי האָט באַמערקט, אַז דאָס זיינען אירע ליבע, היימישע, גוט באַקאַנטע מאָן־קעפּלעך, וואָס דעקן צו די ארץ־ישראל־פעלדער אין פריען פרילינג.

זי האָט אָפּגעריסן איינס אָדער צוויי. די נאָך נישט אינגאַנצן רויטע, דינע קליידעלעך האָבן געציטערט פאַר אימה, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפליען פון דעם קנאָספּל. עס איז געווען דער ערשטער פרילינג־צייכן, וואָס האָט זיך באַוויזן איבער דער ארץ־ישראל ערד. און איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד, אויף אירע ליפּן איז געקומען אַ סטראָפע פון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל געלעזן אָדער אַליין אויסגעטראַכט:

„עלו נציצים, עלתה תקותנו..." — עס גייען אויף די בלימעלעך, עס גייט אויף אונזער האָפנונג!

זי האָט מער ניט געקאָנט צוריקגיין צו איר אַרבעט אין דער קיך, און זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין עמק. דער הימל איז געווען אויסגעלייטערט, בלוי און קלאָר, דער אַלטער באַקאַנטער ארץ־ישראל הימל, און די ערד איז געווען איבערגעצויגן מיט אַן איידעלן, ציטערדיקן גרינעם טעפּיך פון אויפ־גייענדיקע זאַנגען. ווייץ און קאָרן מיט זייערע שטעכעדיקע בערדלעך האָבן זיך מיט זייער זאַטער גרינקייט באַוואויגן ווי די כוואַליעס אין טייך איבער דער אויבערפלאַך פון גאַנצן שטח ארום. און דאָרט, וואו די זאַנגען ענדיקן זיך, ציען זיך פעלדער פון שוואַרצער ערד; חברים גייען נאָך אַקער און פערד. אַנדערע זייען, גאָר אַנדערע בויגן זייערע רוקנס איבער גריבער. אָט דאָ נישט ווייט פון מושב ציט זיך אַ ריי חברים און חברטעס, וועלכע זעצן איין ריטער אין דער ערד: דאָס פאַרפלאַנצט מען דעם ווייגאָרטן. דאָרט אביסל ווייטער גייט חבר אהרן סיביריאַק און בויגט זיין ביינערדיקן קערפּער איבער דעם אַקער, און חברטע מלכה הינטער אים. דאָס אַקערט ער אויף דאָס פעלד, און חברטע מלכה פאַרזייט אַרבעס. און אָט שלעפּט חבר חיים יודקעוויטש אַ טאַטשקע מיט אָנגעקליבענע שטיינער און וואַליעט זיי אָן אויפן וועג, וואָס פירט אין מושב אַריין, צעוואַרפט זיי איבער דער בלאָטע. און איצט קלאַפּט ער זיי אָן מיט אַ שווערן אייזן, וואָס ער הויבט אויף מיט זיינע שטאַרקע הענט. קיין איין וואָרט האָט מען נישט געהערט פון אים וועגן זיין ברודערס טויט, קיין שאָטן פון צער האָט זיך נישט באַוויזן אויף זיין פּנים, כאָטש מען האָט געוואוסט, ווי ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין אינגערן ברודער, יוסף. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לויה, ווי די איבער־

ריקע, און געשווינגן. פון דעמאָלט אָן טוט ער זיין ארבעט אין עקשנותדיקן שווייגן און טאנצט מיט די האָאס אין די אָוונטן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

חברטע שרה האָט זיך געלאָזט אין די פעלדער ארויס, איז נאָכגעגאנגען נאָך די בלימלעך, וואָס האָבן זיך באוויזן. אונטער אַ שטיין האָבן זיך פאַר־קליבן אַ גרופּקע פון ווילדע ציקלאָמען. נאָך האָבן זיך די קעפּלעך נישט גע־האָט באַפרייט פון די פאַרשלאָסענע קנאָספּן, אָבער זיי באווייזן שוין ארויס זייערע רויטע ליפּעלעך; ווי געפאַנגענע זומער־פייגעלעך זיצן זיי נאָך באַ־האַלטן אין די מיילעכלעך פון די קנאָספּן־לעכער. און אָט דאָ און דאָרט שיילן זיך ארויס ווילדע, בלוילעכע איריסן פון אַ פּאַרוויקלטן שטאָם, און קליינע שקאָרמיצלעך פון בלויע קראָקוסן, בלוילעכע ריטער מיט לייוונט באַדעקט. און אָט באַווייזט זיך שוין אַ פאַרבלאָנדזשעטער דראַגאָן, וואָס הויבט אָן זיינע פולע מויל־קעפּלעך ארויסשלאָגן. גאַנצע פּעק מיט ווייסע אייגלעך פון יאַשמין הויבן אָן פרי צו פאַרשכורן די לופט. דאָ און דאָרט קומען ארויס מיט צניעותדיקער באַהאַלטנקייט די בלויע קעפּלעך פון קאָרנ־בלימלעך פון צווישן דעם ברייטן אויסגעשפּרייטן טייך מיט מעוברתדיקע האָריקע קערנער־זאַנגען, וועלכע פאַרדעקן די חרפּה פון די זומפּן...

ווי פול איז איר האַרץ געוואָרן מיט פרייד ביים אָנבליק פון בליענדיקן, זינגענדיקן עמק! זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן צוריק אין אַ יונג מיידל, וועלכע האָט זיך געמאַכט יום־טוב, גייט ארויס אין די פעלדער און רייסט בלימלעך.

זי האָט געוואָלט די בלימלעך אָפּרייסן און אוועקטראָגן צו די חברים אין שפּיטאָל אריין, אָבער זיי זיינען נאָך געווען יונג און ציטערדיק, אַז עס איז איר אַ שאָד געווען זייער יונג לעבן אונטערצושניידן. דער גאַנצער עמק ארום איז שוין ניט געווען קיין ווילדער דרויסן; דער גאַנצער עמק איז שוין אריינגענומען געוואָרן אין זייער רשות היחיד, און זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די בלימלעך וואַקסן אין זייער אייגענעם גאָרטן...

זי האָט שוין איצט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן די וועלט געזען, ווי אַ שלייער וואָלט פון זיי אַראָפּגעפאַלן. נישט נאָר דאָס פעלד, דער עמק אינ־דרויסן, האָט געזונגען דאָס געזאַנג פון ארבעט דורך זיין בליענדיקן גאָרטן, נאָר אויך דער מושב איז פאַרהילכט געוואָרן מיט שטימען פון באַוועגונג און טעטיקייט. דאָרט האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די האַמערס ביים נייעם קיך־באַראַק, וואָס פיר חברים שטעלן אויף פון ברעטער, באַדעקט מיט צינק־בלעך. חברטעס האָבן געקניט אין דעם גרינס־גאָרטן ארום דעם קוואַל, אויס־פּליקנדיק דאָס ווילדע גראָז. פון שוסטער־געצעלט האָט זיך געהערט דאָס חזנישע געזאַנג פון יוחנן הסנדלר ביי די שיך און שטיוול אויסגעמישט מיט דעם קלאַפּן פון דעם העמערל אין די קאַלעוועס, מיט דעם רעש פון דער

זינגער־מאשין אין דעם שנײדער־װאַרשטאַט, װאָס איז אין שכנות. באַלד װי דער קיך־באַראַק װעט פאַרטיק װערן, װעט דאָס „גרױסע״ געצעלט װערן אָפּגעגעבן פאַר די געװערקשאַפטן. אָט װעט דענסטמאָל זײן אַ הרחבה! אָט פאָרט אָן דער ליטװישער מוסרניק אױף אַ װאָגן מיט מיסט, אײנגע־שפּאַנט צו אַ פרידה, הינטער װעלכן עס גײט נאָך מיט אַ גראַבליע אין דער האַנט דער הױכער טאָלסטאָיאַנער מיט דער באָרד: זײ פירן דאָס מיסט אין פעלד ארױס. שרה װאונדערט זיך, װאָס אױך איצט גײט אָן צװישן זײ די אײביקע דיסקוסיע פון „מוסר־היהדות״, װאָרום זײ זײנען בײדע אױפגערעגט און שרײען אריבער אײנער דעם אַנדערן. אָבער דאָס לערנט גאָר איצט דער טאָלסטאָיאַנער דעם מוסרניק, װי אַזױ צו פירן די פרידות איבער דעם זומפּ־לאָך, װאָס דער לעצטער רעגן האָט אָנגעמאַכט און װאָס חיים יודקע־װיטש האַלט איצט אין פאַררײכטן אױפן װעג צו די פעלדער ארױס.

נײן, זי האָט הײנט נישט געקאָנט צוריקגײן צו איר טעגלעכער באַ־שעפטיקונג און נישט פריער אַרײנקוקן אין דער בױמער־שולע דאָרט װאו איר הארץ ליגט. זי מוז זיך דאָרט אַרײנרײסן פון צײט צו צײט, און אױב נישט אַרבעטן, איז כאָטש קוקן און חלומען װעגן דער צײט, װען זי װעט קאָנען גײן צו דער אַרבעט פון בױמער־דערציען, נאָך װאָס זי גלוסט אַזױ. װען זי איז זײער מיד, טרױעריק, אָפּגעשװאַכט, כאַפּט זי זיך אַרײן אין דער בױמער־שולע אױף אַ האַלבער שעה כדי אָפּצורוען זיך און נײע כוחות צו שעפּן.

הינטער דעם לאַגער אױף אַ גרױס שטיק פעלד, שױן אָפּגעצױמט אַרום מיט אײנגעזעצטע ריטער פון יונגע אײקאַליפּטוס־בױמער, גײט אָן אַ גרױסע טעטיקײט פון די חברטעס, װאָס אַרבעטן דאָרט אין דער בױמער־שולע. אין לאַנגע קאַסטנס פון ברעטער ליגן אױסגעבעט קישנס מיט אָנגעפּילטער, צע־מאָלענער, דורכגעזיפּטער שװאַרצער ערד; אין זײ זיצן רײען נאַקעטע ריט־לעך. דאָ ציט אױף חבר נירקעס די בױמער־קינדער פון די צוקונפטיקע װעלדער און גערטנער פון עמק. דאָ פירט ער אױס זײנע עקספּערימענטן. דער פּלאַץ איז צעטײלט אין בײטן: אַ לאַנגע בײט מיט װיאָלעט־רױט־לעכע ריטלעך. דאָ ציען זיך אױף די פּרוכט־בײמלעך, װאָס ער פּרואװט אױס, װעלכע עס װעלן קאָנען געדײען אין דעם קלימאַט און אױף דער דאָ־זיקער ערד. אַ צװײטע לאַנגע בײט אַ ציטערדיק װעלדל פון אײביקן גרינס, אַ בײט פון װײס־באַפּלעקטע ריטלעך פון סיקאָמאָר, אַ װעלדל פון קלײנע פּאַלמען אין בלעכערנע „שעל״־קאַנען, װעלכע מען באַהאַנדלט אינדיװידועל, יעדע אײנע באַזונדער. אױך פון נאָרדישן קלימאַט האָט מען אַהערגעבראַכט ריטלעך פון דעמבעס און ליפּעס און דערנעבן אַ יונג װעלדל פון ציפּרעס־קינדערלעך, אין װעמעס אױסגעגלײכטער, שטײפער האַלטונג מען האָט גע־קאָנט אָנזען דעם יחוס פון די עלטערן . . .

חבר נירקעס האָט מקבל־פּנים געווען חברטע שרה מיט אַ לאָרבער־צווייגל אין דער האַנט, וואָס ער האָט ערשט נאָר־וואָס פון פעלד אַהיימגע־בראַכט, וואו ער האָט זיך ארומגעשלייכט יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, כדי צו געפינען רעשטן פון פלאַנצונגען.

— חברטע שרה, איר זעט דאָס צווייגל, — זאָגט ער מיט פרייד אין זיין פּנים. — איך האָב עס געפונען פארשטעקט אין אַ בלאָטע־גרוב דאָ אונטערן באַרג. איך האָב אין עמק געפונען פארטריקנטע שטאַמען פון אַלעאַנדערס, איך האָב זיי איבערגעטראָגן, און זיי הויבן אָן צו לעבן. אַלץ וועט דאָ וואַקסן, איר וועט זען.

זי האָט אים אָנגעקוקט נישט אָן קנאה.

— איר זענט אַ גליקלעכער מענטש, חבר נירקעס!

חבר נירקעס האָט זיך פארשעמט פאַר די רייד, ער האָט געוואוסט פון חברטע שרהס ליבע צו דער דאָזיקער ארבעט.

— נו, ווען קומט איר צו אונז? — און עס האָט אים שוין באַנג געטאָן פאַר דער דאָזיקער פראַגע.

— אדרבה, רעדט מיט בערלען! — דאָס האָט זי געמיינט איר מאַן כאַימאָוויטש.

— איך זאָל רעדן מיט אים? אויב עס קאָן ווער פועלן ביי אים, זענט איר עס, חברטע שרה!

— איך קאָן גאָרנישט פועלן ביי אים. איר ווייסט דאָך, אַז אויף די פאַרזאַמלונגען איז ער מיין גרעסטער קעגנער, ער וויל מיך דווקא האַלטן צוגעבונדן צו דער קיך.

כדי זי אָפּצואַווענדן פון געשפּרעך, זאָגט ער צו איר:

— קומט, חברטע שרה, וועל איך אייך עפּעס ווייזן.

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ ווינקל פון דער בוימער־שולע, וואָס איז געווען באַשיצט מיט ווענטלעך פון אויסגעפּלאָכטענע גראָזן, האַלב באַדעקט פון אויבן, פאַר דער קעלט, מיט צווייגן און ראָגאָזשעס. ער האָט אויפגע־דעקט פאַר איר דאָס באַדעקעכץ, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אַ קליינער גאָרטן. עס האָבן געשטעקט אין בלעכן ערד פארשיידענע בלעטלעך און צווייגלעך.

— דאָ דערציִען מיר אונזערע האָפענונגען! — זאָגט ער.

— וואָס האָט איר דאָ?

— די צוקונפט פון עמק, — לאַכט ער און ווייזט איר אָן אויף ווילדע ציטרין־צווייגלעך, וועלכע זיינען ווי קראַנקע קינדער פארבונדן געווען נאָך דער הרכבה (גרעפן)־אָפּעראַציע.

— וואָס, איר פּרואווט דערציִען אָראַנזשן־בוימער דאָ אין עמק?

— נישט נאָר אָראַנזשן, נאָר אויך גרעיפּ־פרוכט.

— קענן דער עקספּערטיזע פון די מבינים, אַז דאָ קאָנען קיינמאָל נישט וואַקסן קיין ציטרוס־בוימער ?...

— די מבינים האָבן דאָך אויך געזאָגט, אַז דאָ קאָן קיינמאָל קיין ישוב נישט זיין, און דאָך האָבן מיר זיך נישט דערשראָקן !

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט.

— מיר האָבן די קאַלך־גריבער געמוזט באַנוצן פאַר אַ שפּיטאָל, היינט אַ נייער חבר קראַנק געוואָרן פון קדחת, עס איז דער פופצנטער פאַל.

— איך האָב היינט אָנגעטראָפן אויף די ערשטע ציקלאַמען, — טרייסט זי חבר נירקעס. — איך האָב זיי איבערגעטראָגן אין דער שולע, — ווייזט ער אָן אויף די האַרטע רויטלעכע בלעטער פון בוראַקעס־קאָליר, וואָס ער האָט אין דער ערד אַריינגעטאָן, כדי זיי אויסצואיידלען. — די פעלדער הויבן זיך אָן צו באַדעקן מיט פּרימאַ־ראָזן און היאַצינטן. די שווערע רעגנס זיינען שוין פאַרביי.

— יאָ, — זאָגט זי — איך האָב אויך היינט אָנגעטראָפן אויף ציקלאַמען און מאָן־קעפּלעך, — באַשטעטיקט זי.

— אַ שאָד, — קרעכצט ער. — האָט איר מיר צוגענומען אַ געלעגנהייט אייך צו איבעררעאַשן מיט דער ערשטער אידישער בלום !

— וועלכע רופט איר אָן די אידישע בלום ?

— מאָקע די מאָן־קעפּלעך. אַז איך האָב זיי היינט געזען, ווי זיי באַ־שפּרענקלען מיט זייערע רויטע גלעקלעך די פעלדער, איז מיר אויפן זינען געקומען : דאָס איז די ריכטיקע אידישע בלום, נישט נאָר בלויז ווייל זי באַ־דעקט די ארץ־ישראל־ערד אין פרילינג, נאָר אויך ווייל איר בלוט־רויטקייט סימבאָליזירט אונזער בלוטיקע געשיכטע. נאַ, דאָ האָט איר זיי ! איך האָב גערעכנט זיי אייך היינט אין קיך אַריינצוברענגען.

זי האָט די ציטערדיקע רויטע גלעקעלעך אין דער האַנט גענומען און אַ רויטלעכקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים. זי האָט זיך פּלוצלונג דער־מאָנט אָן איר אַרבעט.

— האָב איך דאָס היינט באַלאַמוטשעט ! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז די חברים דערוואַרטן אָן אָוונטברויט נאָך דער אַרבעט — זי האָט געזאָגט „אַ דאַנק” און איז שוין נישט געווען.

זי האָט גערעכנט דאָס ערשטע בינטל רויטע מאָן־קעפּלעך אָדער אידי־שע בלום, וואָס חבר נירקעס האָט איר געווידמעט, אָוועקצוטראָגן אויפן קבר פון חבר יאָסל, וואָס איז נאָר געווען אַ שפּרונג פון דאַנען. אָבער ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַלך־גרוב, אין וועלכן חבר בן־טוב איז געלעגן איצט אין זיינע רעוומאַטישע ליידן, האָט זי זיך געטראַכט, זי וועט זיי ליבער דעם קראַנקן חבר אַריינטראָגן, כדי אים אויפצומונטערן. נאָר פּלוצלונג האָט איר אין פּנים אַ שלאָג געטאָן אַ שטאַרקער ריח פון פריש־געשניטן היי. זי

האָט זיך אומגעקוקט און געזען, ווי חבר בורלאַק פירט אַריין אין הויף פון לאַגער אַ הויכן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט פריש־געשניטן היי, צווישן וועלכן עס קוקט אַרויס פאַרטרונקען אין אים ביזן האַלבן ליב די חברטע חנה. צווישן היי האָבן זיך געפונען פיל אָפּגעשניטענע רויטע מאָן־קעפּלעך. זי האָט אויך אירע אַרויפגעוואָרפן און באַקראַנצט דעם ערשטן וואָגן היי פון עמק מיט דער אידישער בלום...

ביים אוונטברויט זיינען די חברים געזעסן מידע און אָפּגעשפּאַנטע פון דעם טאָג אַרבעט. זייערע פּנימער זיינען געווען צעביסן, באַדעקט מיט בלאָטערלעך און קרעצעלעך, מתנות פון די אינזעקטן, מוקן און פליי, וועלכע זיינען דורך די רעגנס פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער די סימנים פון זייערע גיפטיקע שטעך האָבן זיך אויף די פּנימער געהאַלטן. אויסגעמוטשעטע פון די לאַנגע רעגנס, אָפּגעפּראַצעוועט פון דער שווערער אַרבעט, האָבן זיי אויס־געקוקט פאַרעלטערט. חברטע שרה איז מיט איר „בחור" בערל כאַימאָוויטש געזעסן צוזאַמען. זיי האָבן ביידע דעם מאָלצייט געגעסן און געקוקט אויף די חברים, ווי זיי מיען זיך פריילעך צו זיין. אָבער דער פּופּצנטער פּאַל פון קדחת איז אויף אַלעמען געלעגן ווי אַ שווערע מאַסע און געדריקט. „זעקס חדשים זיינען מיר קוים דאָ און די חברים זיינען פאַרעלטערט געוואָרן אויף זעקס יאָר" — טראַכט זיך די חברטע שרה. דעם דאָזיקן טרויעריקן געדאַנק האָט אפילו דער וואָגן היי, וואָס זיין גערוך איז נאָך געשטאַנען אין דעם חלל, נישט געקאָנט פאַריאָגן.

ווי די חברים זיצן אַזוי געשמאַק ביי דעם עסן, קומט אַריינצוגיין דער חבר יוחנן הסנדלר און רופט זיך אָן:

— קומט אַרויס, וועט איר זען עפּעס שיינעס!

ווען זיי זיינען אַרויס פון קיך־געצעלט, האָט זיך פאַר זיי געעפנט אַ שטיק הימל. פון דער ווייטער טיפעניש אַרויס, אונטער דעם צודעק פון אַ געדיכטן נעפּל, וואָס האַלט אין זיינע ברוסטן דעם גאַנצן עמק, באַוויזט זיך אַ גרויסער פלאַם־פייער. דאָס האָבן די חברים, וועלכע זיינען אַרויף אויפן עמק נאָך זיי, אונטערגעצונדן די ווילדע גראָזן, כדי אָפּצורייניקן זייער אויס־געטריקנטן טייל פאַרן אַקער.

חברטע שרה, אָנגעלעגט אויף איר „בחור" כאַימאָוויטש, איז געשטאַ־נען אויף דער שוועל פון געצעלט, און זיי האָבן ביידע געקוקט אויף דעם גואל־פייער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אויסלייז פון עמק.

חיות (כיעס) — געזונט. **ראַסע** — טוי (Dew). **יצר הרע** (יעיצער האָרע) — שטאַרקער פאַרלאַנג (צו טאָן שלעכטעס). **אימה** (איימע) — שרעק. **עמק** (איימעק) — טאָל. **מושב** — קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע. **טאַטשקע** — האַנט־וועגעלע **אַנוואַ־**

ליען — אָנוואַרפן. יוסף... — אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל באַשרייבט אַש ווי אַזוי *יוסף יודקעוויטש, איינער פון די העלדישסטע אַרבעטער איז געשטאָרבן פון פיבער. האָרא — ארץ ישראלדיקער גרופּן-טאַנץ. צנועהדיק — באַשיידן — (Modest). רשות היחיד (רשוּס האַיאָכיד) — פּריוואַט אייגנטום. הרחבה (האַרכאָווע) — ברייטקייט, גראַמקייט. מוסרניק — איינער וואָס פאַרטיפט זיך אין מוסר (מאָראַל) ספרים און פירט זייער אַן איינפאַכן לעבן. טאָלסטאָיאַנער — נאָכפאָלגער פון טאָלסטאָיס (באַרימטער רוסישער שרייבער און דענקער) לערע וועגן דעם מענטשלעכן לעבן. מוסר היהדות (מוסער האַיאַהאַדוס) — די אידישע מאָראַל. פרידות (פּריידעס) — Mules. געדייען — Thrive. מקבל פנים זיין — גיין אַנטקעגן, אויפנעמען. ארומשלייכן — אומגיין, אומוואַנדערן. אדרבה (אַדראַבע) — פאַרקערט. פועלן (פּויעלן) — אויספירן. עקספּערטיזע — מיינונג פון עקספּערטן. קדחת (קאַדאָכעס) — פיבער קראַנקהייט. באַלאַמוטשען — פאַרלירן צייט.